STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09656

DI ERVAKHUNG

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָברין

די ערוואַכונג

ראָמאַן

פאַרלאַג ל. קאָברין

הויפּט-פאַרקויף: אָפיס „טאָג-וואַרהייט"
183 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק
1920

Copyright 1920,
by
LEON KOBRIN

.1

די פאסאזשירען פון ערשטען קלאס האבען הינטער דיווייסע טירען אין זייערע קאיוטעס זיך גענומען וועקען. די אויפגעגאנגענע זון האט זיך שוין לאנג אינ׳ם ים געבאדען.

דאן האבען די ווייסע טירען פון דרויסען אויך ווי פון זייער דרימעל זיך אויפגעכאפט: דאס אויפגעוועקטע לעבען הינטער זיי האט ווי באלעבט זיי, דעם פארשלאפענעם אויסזעהן פון זיי אפגעווישט. הינטער יעדער טיר האט דאס לעבען די פארשלאפענע אויגען געריבען. א געמורמעל האט זיך געהערט. א הוסטען. א לאנגער גענעצען. און דארט גאר א פרעהליכער, זילבערנער געלעכטער פון א פרויען־קול...

ראבינס האט זיך אויך אויפגעכאפט, די אויגען געעפענט, און א גאלדענער, ווארימער שטראם פון דער זון, וואס האט זיך איבער׳ן ים געגאסען און דורך דאס אפענע פענסטער אין זיין קאיוטע אריינגעפלאטען, האט איהם א בלענד געטאן. ער איז ארונטערגעשפרונגען פון זיין געלעגער, באלד האט ער זיך באוועגט איבער זיין קאיוטע, וואס איז אינגאנצען איינגעהילט געווען אין זון־גלאנץ, און געקנייטשט די אויגען. גאלדענע פאסען און רעדעלעך האבען עפעס משונה׳דיגערווייז ארומגעשפרונגען און ארומגעטאנצט אויף די ווענט, אויפ׳ן בעט און אויפ׳ן דיל. ביי זיינע פיס האט זיך ארומגעדרעהט א ליכטיג רעדעלע, ווי א גאלדענע מטבעה, און אזוי ממשות׳דיג, כאטש נעהם, הויב דאס אויף און לייג עס אין קעשענע אריין!..

ער האט ארונטערגעצויגען דאס פארהאנגעל איבער׳ן פענסטער; די גאלדענע רעדעלעך און פאסען האבען זיך אין

דער האלב־דונקעלקייט אויסגעלאשען: נאר אנשטאט דעם האט זיך דורך דעם דינעם, דורכזיכטיגען פארהאנגעל א גאלדענער שטויב געשאטען . . .

ער האט זיך אנגעטאן. עס האט זיך דערהערט א קלאפעריי פון טירען, טריט פון מענשען פארביי זיין קאיוטע, שטימען און געלעכטער . . .

דאס שיף האט זיך היינט רוהיג באוועגט און צו זיין וואסערדיגען גערויש האט ער, ראבינס, פאר די עטליכע טעג, זינט ער האט זיך געזעצט אויף איהם אין ניו־ארליאנס, זיך אזוי צוגעוואוינט, דאס עס האט מעהר זיין אויפמערקזאמקייט ניט געצויגען . . .

אין קאיוטע האט געשמעקט מיט דעם ווארימען, געזאלצענעם, געזונטען גערוך פונ׳ם ים . . .

שפעטער א ווייל, ווען ראבינס האט געקאמט זיינע שווארצע האר, וואס זענען דורכגעוועבט געווען מיט זילבערפעדים ארום די שלייפען, האט ער מיט אמאל דערהערט פון דער שכנ׳ישער קאיוטע א באקאנטען גליקליכען געלעכטער פון א פרוי און א באסאווען קול פון א מאן... גלייך האבען אפגעלעבט פאר זיינע אויגען די שלאנקע פיגור פון א בלוטיונגער בלאנדער פרוי מיט א ליכטיגען בליק און די ברייטאקסעלדיגע געשטאלט פון א טונקעלען יונגענמאן מיט טונקעלע, טיעפע און שטרענגע אויגען. זיי האבען פאר איהם אפגעלעבט אין דער פאזע, ווי ער האט זיי נעכטען ביינאכט באגעגענט, בשעת זיי זענען אין זייער קאיוטע געגאנגען: איהר ארם ארום זיין טאליע, איהר דינער, לאנגער האלז מיט׳ן בלאנדען קאפ אויסגעצויגען: איהר שטראהלענדיגער, יונגער פנים צו איהם געווענדעט, איז זי געגאנגען נעבען איהם מיט טאנצענדיגע טריט און האט איהר ליכטיגען, פארליעבטען בליק גע׳טובל׳ט אין זיינע טונקעלע, שטרענגע אויגען מיט אזא ווארימקייט און הינגעבונג, אזוי ווי די זון אינ׳ם ים... און פונקט ווי די טונקעלע, שטרענגע מינע פונ׳ם ים ווערט ווייכער אונטער דעם ליכטיגען, ווארימען בליק פון דער זון, אזוי זענען די טונקעלע, שטרענגע אויגען פון דעם יונגענמאן אויך ווייכער, מילדער געווארען, מיט א פאר׳חלומ׳טען פייעריל זיך אנגעצונדען, אונטער דעם דאזיגען בליק איהרען . . .

ווי אלע איבעריגע פאסאזשירען פונ׳ם ערשטען קלאס,

האָט ער אויך געוואוסט, אַז דאָס דאָזיגע פּאָרעל, ערשט נאָך דער חתונה, האָבען איצט געפייערט זייער „האָניג־מאָנאַט" מיט אַ רייזע פון ניו־אָרליאַנס נאָך ניו יאָרק; און, פּונקט ווי די אַנדערע, האָט ער אויך ניט קיין פּאַראַיבעל געהאַט אויף דעם פאַרליעבטען פּאָרעל, למאַי זיי האָבען זיך געהאַלטען אַזוי אָפּגעזונדערט פון די איבעריגע פּאַסאַזשירען אויפ'ן שיף, אַזוי ווי חוץ זיי ביידען וואָלט קיינער מעהר דאָרט ניט עקזיסטירט, אַקוראַט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט באַשטאַנען נאָר פון איהם און איהר, איהר און איהם . . .

אָבער בענקעניש האָבען זיי דאָך אין איהם געוועקט . . .

ער איז געוועזן אַן אַלטער בחור, באַלד אַ פערציגער; האָט דורכגעלעבט מיט יאָהרען צוריק אַ שטאַרקע ליעבע, וועלכע האָט זיך מיט דעם טויט פון דער געליעבטער געענדיגט; איז אַוועק צוליעב דעם פון ניו יאָרק קיין ניו־אָרליאַנס באַלד נאָך יענער'ס טויט, האָט געזוכט זיך צו פאַרגעסען. איצט, זיבעצעהן יאָהר שפּעטער נאָך זיין פאַרלאָרענער ליעבע, נאָכדעם ווי ער האָט אַ יאָהר פופצעהן אינגאַנצען ניט געטראַכט פון דעם, אָפּגעבענדיג זיין גאַנצע נשמה און האַרץ און אַלע זיינע געדאַנקען צו זיין ביזנעס אין ניו־אָרליאַנס, וואָס ער האָט אַזוי גרויס אַרויפגעאַרבייט, — האָט ער, ווען ער האָט זיך איצט צוגעקוקט צו דער ליעבע פון דעם פּאָרעל, געפיהלט אַזוי ווי ער וואָלט פּלוצים פון אַ לאַנגען חלום זיך אויפגעכאַפּט, פון אַ חלום, וואו אויסער ביזנעס האָט מעהר דאָרט גאָרניט עקזיסטירט. געלט, ביזנעס און ביזנעס . . . היינט, נעכטען, מאָרגען, טאָג־איין, טאָג־אויס, יאָהר־איין, יאָהר אויס... וואו יעדע מינוט פון זייט צייט, וואו יעדער געפיהל און געדאַנק און די מינדסטע באַוועגונג פון זיין „איך" זענען אין דאָלאַרס פאַרשמאָלצען געוואָרען . . .

ער האָט געפיהלט, אַז פון דער דאָזיגער שעהנער ווירקליכקייט, וואָס ער האָט איצטער פאַר זיינע אויגען געזעהן, וועלכע איז שעהנער פון דעם שעהנסטען חלום, איז ער איצט ווייט, זעהר ווייט... ער האָט פאַרמאָגט דאָלאַרס איבערגענוג. איינע פון די גרעסטע דעפּאַרטמענט סטאָרס אין ניו־אָרליאַנס איז איצט זיין אייגענס געוועזן; אָבער יענע געפיהלען פון זיבעצעהן יאָהר צוריק, יענע יונגע, צאַפּעלדיגע געפיהלען, וואָס האָבען מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג דאַן קריעה

גריסען איבער דער ליעבע, וועלכע איז פאר דער צייט פאר־לאָרען געגאַנגען, — זיי האָבען שוין מעהר זיין נשמה ניט געוואָרימט. אין זיינע הארטע, קאַלטע דאָלאַרס און אין די שטיינערנע ווענט פון זיין דעפּארטמענט־סטאָר האָט מען זיי געדאַרפט זוכען!...

נאָך זיי האָט ער איצט געבענקט, אפילו נאָך טונקעל, נאָך אומבאוואוסטערהייט...

אמת, זיין איצטיגע רייזע נאָך ניו יאָרק, די ערשטע זינט ער האָט ניו יאָרק פאַרלאָזען, האָט יאָ געהאַט אַ שטיקעל שייכות מיט הארץ, מיט געפיהלען. וואָרים דער צוועק פון זיין רייזע איז געווען צו טאָן אַ שידוך, חתונה צו האָבען. אָבער ביי זיך אין׳ם הארצען איז ער זיכער געווען, אז פאר־ליעבען זיך אין אַ פרוי איז ער מעהר ניט אימשטאַנד געווען. די לעצטע צייט, זינט ער האָט באַשלאָסען חתונה צו האָבען, האָט ער ניט איינמאָל געטראַכט וועגען דעם און יעדעס מאָל איז ער געקומען צו דעם אייגענעם שלום:

— פון אַ פאַרלאָשענעם פייער קען מען קיין וואָרימקייט ניט ערוואַרטען!...

חתונה האָבען האָט ער מיט אַמאָל באַשלאָסען. זיין ביזנעס האָט זיך מעהר ניט גענויטיגט אין איהם. עס איז אזוי איינגעריכטעט געווען, דאָס זי איז שוין געטריבען גע־וואָרען פון איהר אייגענער קראַפט... ער וואָלט זיך אינגאַנ־צען געקענט צוריקציהען פון זיין ביזנעס, און זי וואָלט פאר־מעגענס געבראַכט. האָט ער דאַן צייט געהאַט צו טראַכטען, צו פיהלען זיין הארץ. און ער האָט זיך פאַרטראַכט... אַ גרויס געשעפט האָט ער ארויפגעאַרבייט... דאָס שעהנסטע הויז אין דער שעהנסטער געגענד באַוואוינט ער: צוויי שוואַרצע דיענסטען און צוויי שוואַרצע דיענערס באַדיענען איהם; דריי פון די טייערסטע אויטאָמאָבילען פאַרמאָגט ער. און דאָך... איז דאָס אַ לעבען?...

די עלטערע יאָהרען קלאַפּען אין דער טיר... אליין... איז דאָס עפּעס אַ תכלית?... ווען ער ויאָלט אַ ווייב געהאַט, אַ קינד... וועמען וועט דאָס אַלצדינג פאַרבלייבען? איז כדאי געווען די גאַנצע ארבייט, די גאַנצע מיה?... פאַר וועמען? פאַרוואָס? און צוליעב וואָס?!

קען ער פאָהרען אין די דריי אויטאָמאָבילען מיט אַמאָל?

קען ער שלאָפען אויף איין בעט אין אלע זיינע צוואַנציג ציי־מערען? און קען ער פארברויכען די אלע זיינע טויזענדער אויף זיך אַליין, ווען ער זאָל אפילו נאָך הונדערט יאָהר לע־בען? . . .

ווענען דעם האָט ער זיך פאַרטראַכט איינמאָל, צוויי מאָל, דאַן אָפטער... און דאַן האָט ער לעצטע וואָך מיט אַמאָל באַשלאָסען: חתונה האָבען און דוקא מיט א מיידעל פון ניו יאָרק! ער וועט פאָהרען קיין ניו יאָרק: דאָרט האָט ער אן אָנקעל, דוד רובינטשיק; וועט יענער אפשר פאר איהם א שידוך אויפזוכען. דאָ אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט זיין אָנקעל האָט ער זיך די גאנצע צייט גאָרניט דורכ־געשריבען, ווייסט גאָרניט וואו יענער וואוינט איצט און צי יענער לעבט גאָר... האָט ער זיך דאַן געזאָגט: א שרכן! . . .

— פאַרלאַנגט אַ כלה... מעג זיין א בלאָנדע, מעג זיין א ברונעטין, נאָר עפּעס רעכטס... ניט קיין יונגע ציעג, ווייל פאַר קינדערייען איז דער חתן צו אַלט. נדן ניט נויטיג, דער חתן וועט נדן געבען. דער עיקר: זי מוז זיין ניט קיין נאַר, א באַלעבאָסטע, אַכטונג געבען אויף די באַלעבאַטישקייט און זי זאָל ניט ערוואַרטען, אז דער מאַן זאָל זיך איהר דריי מאָל אין טאָג אין ליעבע ערקלערען. דהאָט'ם אָלל! . . .

האָט ער געטראַכט און געשמייכעלט . . .

צייטענווייז איז ער אפילו נייגעריג געוואָרען: וואָס פאַר א מין פרוי ערוואַרט איהם דאָרט? האָט געפּרובט זיך פאַרשטעלען עפּעס א פרוי מיט וועלכע־ניט־איז באַשטימטע שטריכען, וואָס זאָלען איהם באַזונדערם סימפּאַטיש זיין, און ניט געקענט. ווייל אין זיין נשמה האָט נאָך קיין איינע פון די פרויען ניט אָנגעקלאַפּט, זינט ער איז אין ביזנעס געווען: קיין איינע פון זיי האָט אין די אלע יאָהרען זיין פאַנטאַזיע ערנסט ניט גערעגט, זיין בלוט ערנסט ניט געצונדען. זיי האָבען זיך איהם פאַרבייגעטראָגען ווי דורך א נעבעל, אָדער ווי די שפּרינגענדיגע פיגורען אויפ'ן לייווענט פון א שלעכ־טען קינעמאַטאָגראַף, ניט איבערלאָזענדיג קיין שפּור אין זיין פאַנטאַזיע, אין זיין נשמה . . .

דאָס איינציגע געשטאַלט פון דער פרוי, וואָס האָט אַמאָל אַזוי טיעף אין זיין נשמה געלעבט, איז שוין לאַנג טויט גע־ווען אין זיין פאַנטאַזיע אויך.

דערפאַר האָט זיך זיין פאַנטאַזיע ניט געקענט אָפּשטע־לען אויף אַ פרוי פון אַ באַשטימטען מין, פון אַ באַשטימטען סאָרט, און ער האָט נאָר געקענט טראַכטען פון סתם אַ פרוי. פון סתם אַ שידוך . . .

אזוי האָט ער גענומען דאָס שיף נאָך ניו יאָרק.

ראַבינס איז פאַרטיג געוואָרען, איז פון זיין קאַיוטע אַרויס און אַוועק אין רעסטאָראַן . . .

2.

דער שווארצער „וועיטער“ מיט דער ווייסער סערוועט־קע איבער'ן אַקסעל האָט זיך ראַפּטאָם אַ וואָרף געטאָן איהם אַנטקעגען מיט אַ „גוד מאָרנינג“ און איהם אָנגעוויזען אויף זיין אָרט ביים טיש. דאָרט זענען שוין געזעסען די אייגענע מענשען, וואָס ער האָט דאָרט געטראָפען נעכטען און מיט צוויי טעג פריהער, זינט דעם ערשטען מאָהלצייט אויפ'ן שיף.

דער אייגענער אַלטער מיט אַ גלאַנציגען קאָפּ, ווי פון פּאָלירטען לעדער, מיט אויסגעפּוטשעטע, מוטנע אויגען און באַקען, ווי אַראָפּגעהאָנגענע רויטע שטיקער פלייש, האָט אויף זיין „גוט מאָרגען“ איהם געענטפערט דורך דער נאָז, טרינקענ־דיג זיין קאַפע, און מיט דער אייגענער פראַזע, ווי נעכטען און אייערנעכטען, האָט זיך צו איהם דעם אַלטענ'ס פרוי, אַ ליידי מיט אַ פּנים, ווי פון געלען וואַקס אויסגעקנאָטען, שטיל, פליסטערענדיג, געווענדעט: „אַ שעהנער פריהמאָרגען היינט, סער!“ (נעכטען, ווען אַ שטורם האָט געבושעוועט און אַ רע־גען האָט געפּאַטשט, און די שיף האָט זיך, ווי אין אַ קדחת, געוואָרפען, האָט ער פון איהר די אייגענע פראַזע געהערט).

און ביים צווייטען טישעל האָט ער אויך די אייגענע פּנים'ער און מינעס ווי נעכטען געזעהן. די זעלביגע הויכע ליידי מיט דער וואַזשנער מינע און איהר טאָכטער זענען דאָרט געזעסען. ביידע, מיט אָנגעפּודערטע נעזער, האָבען געגעסען מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי פאַר דער שפּייז וואָלט דאָס געווען די גרעסטע זכיה אָרונטערגעשלונגען צו ווערען פון אזעלכע ווי זיי. די ליידי האָט געהאַלטען צווישען צוויי פינגער אַ ביסקוויט ניט ווייט פון איהרע ליפּען מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך מישב געווען, צי איז ער ווערט אַזאַ זכיה, צי ניט... די טאָכטער, עהנליך צו אַ גרוי־

טער, בלאָנדער קוקלע, איז געזעסן אַזוי שטייף, אַקוראַט ווי זי וואָלט ערשט אײַנגאַנצן אויסגעקראָכמאָלט און אויסגעפּרעסט געוואָרען און וואָלט זיך איצט געהיט ניט צוקנייטשט צו ווערען... מיט אַ געקראָכמאָלטער באַוועגונג האָט זי גענומען די גלאָז מילך פונ׳ם טיש און געזופּט לאַנגזאַם און פאַרזיכטיג און מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו יעדען זופּ איהרען... פון צייט צו צייט האָט די מוטער עפּעס געזאָגט און די טאָכטער האָט איהר געענטפערט, אָבער אַזוי שטיל, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען עפּעס אַ סוד גערעדט . . .

דאָס אייגענע ביי די אַנדערע טישלעך: שטייפע, געקראָכמאָלטע מענשען, באַוועגונגען אָהן גערויש, רייד אָהן קלאַנגען, שטומע שמייכלען, מעכאַנישע העפליכקייט, אַ מעכאַניש לעבען, דאַכט זיך, אינגאַנצען . . .

די שוואַרצע „וועיטערס", מיט די שמייכלענדיגע ווייסע צייהן, זענען אויך אַרומגעלאָפען ווי אויף די שפּיץ־פינגער איבער דעם ווייכען טעפּיך און נאָר דער קלאַנג פונ׳ם געשיר און דאָס וואַסער־גערויש פונ׳ם שיף האָט די שטילקייט געשטערט . . .

דער איד ראַבינס האָט זיך געפיהלט ניט באַקוועם צווישען די דאָזיגע מענשען. חוץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ גוטען אַפּעטיט און איז געוואוינט געווען צו עסען מיט חשק, מיט קלאַנג און גערויש, איז איהם, בכלל, שווער געווען צו צוימען זיין לעבעדיגען טעמפּעראַמענט. ער איז ניט געוואוינט געווען צו דעם.

און דאָך האָט ער זיך געמוזט האַלטען ווי די איבעריגע. איז טאַקע דאָס עסען יעדען מאָל אין דעם דאָזיגען רעסטאָראַן פאַר איהם געווען ממש אַן אַפּקומעניש . . .

זיצענדיג איצט ביים טיש מיט דער סערוועטקע אויסגעשפּרייט אויף זיין בוזים, מיט אַ צעברענטען אַפּעטיט, האָט ער געוואָלט עסען מיט הנאה, מיט פולע לעפּעל און מיט ריכטיגע ביסענס, בפרט ווען דאָס עסען האָט אַזוי גוט געשמעקט, און ער האָט ניט געוואָגט...

האָט ער געגעסען לאַנגזאַם, אַזוי ווי ער וואָלט יעדען ביסען געצעהלט, און איז געזעסען אויך ווי אַן אויסגעקראָכמאָלטער, און בעת דעם האָט ער נערוועז געטראַכט:

„נו, נו, אַן אַפּקומעניש אַביסעל! אויף וואָס פאַר אַ וואָ־

געז מען פאָהרט, אזא ליעדעל מוז מען זינגען... א שעהן ליע־דעל, דער טייפעל זאָל עס נעהמען! אפילו עסען לויט דער עטיקעטע!..."

און דאָ, פאָרגעסענדיג זיך מיט אַמאָל, האָט ער א זופּ געטאָן די סופּ מיט אזא קלאַנג, דאָס ער, ראבינס, האָט זיך כמעט דערשראָקען. און ווען זיין טיש־שכן, דער אַלטער מיט'ן גלאַנציגען קאָפּ, האָט דאָן א קוק געטאָן אויף איהם מיט זיינע אויסגעפּוטשעטע, מוטנע אויגען, האָט ביי ראַבינסאָנ'ען שיער זיך ניט אַרויסגעריסען אַן ענטשולדיגונג. גלייך אָבער איז ער אין כעס געוואָרען: וואָס איז דאָס? וואָס האָט ער מורא? און האָט אין די געדאַנקען אויסגעשריען: „געהט מיר אַלע צום טייפעל!"

אויף א רגע האָט זיך איהם געגלוסט, זיי אַלעמען אויף צו להכעיס, זופּען אין דער הויך, כראַמסקען... אָבער טאַקע נאָר אויף א רגע. דעם סוף האָט ער ווייטער אַרונטערגע־שלונגען שאַ, אָהן גערויש...

ער האָט געטראַכט:

„אַמאָל, אין די פריהערדיגע יאָהרען, ווען איך בין געווען א סאָציאַליסט, וואָלט איך זיך אַנדערש געהאַלטען... איך וואָלט דאָ גאָר איצט ניט געווען..." — האָט ער זיך פאַרריכט מיט א שמייכעל...

ראבינס האָט באַמערקט, ווי אין רעסטאָראַן זיינען אַריינגעקומען א מאַן מיט א פרוי, וועלכע האָבען איהם שטום באַגריסט מיט די קעפּ.

דער מאַן איז געווען א איד, מיט'ן נאָמען כאַווקין, און די פרוי, זיין ווייב. זיי זיינען געווען ניו יאָרקער, און האָ־בען זיך איצט צוריקגעקעהרט פון דער סאַוט, וואו זיי זיינען געווען אויף א באַזוך ביי זייערער א טאָכטער. ראבינס האָט זיך באַקענט מיט זיי אויפ'ן שיף.

כאַווקין איז געווען א לעבעדיגער איד, האָט ליעב געהאַט צו דערצעהלען מעשיות, גערעדט הויך, געוואָרפען די הענט, באַוועגט יעדען גליד, בשעת ער האָט גערעדט. אָבער אַזוי האָט ער זיך בלויז געהאַלטען, ווען ער איז געווען מיט איהם, מיט ראַבינסאָנ'ען אַליין, אויג אויף אויג. זיינען אָבער די ניט־אידישע פּאַסאַזשירען געווען אַרום, איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער כאַווקין: זיינע הענט זענען ווי צונעשמידט געווען

צו א קייט, ניט א ריהר!... דעם קול האט ער ווי פארלארען און זיין גאנצער מהות איז ווי פארגליווערט געווארען...

איצט, ווען ער איז אריין אין רעסטאראן, האט ער גע־טראטען מיט אזא אנגעבלאזענער געלאסענקייט, די הענט אויסגעצויגען אויףביידע זייטען, אזוי ווי זיי וואלטען פון ביידע זייטען שטייף צוגעשפילעט געווען צו זיין ראק. אפילו זיינע באוועגליכע, לעבעדיגע אויגען האבען זיך ניט א ריהר געטאן, אזוי ווי צוגעפרארען צו איין ארט...

ראבינס האט זיך דערמאהנט, ווי נעכטען ביינאכט האט ד'ער אייגענער כאוואקין זיך געקאכט און געארבייט מיט דער צונג און מיט אלע גלידער, ווען ער איז מיט איהם אליין פאר־בליבען אויפ'ן דעק פונ'ם שיף, און ער האט א שמייכעל גע־טאן.

„נעכטען א לעבעדיגער, נאטירליכער מענש, און היינט, א גולם — האט ער א טראכט געטאן — און אפשר דארף דער איד אזא סארט צוימען... וועט איהם אפשר מעהר אויס־מענשלען?..״

די געדאנקען זיינע זיינען איבערגעריסען געווארען פון דעם אריינקומען פון דעם יונג פארל, וואס האט דעם „האניג־מאנאט״ געפייערט. דאס בלאנדע יונגע ווייבעל האט געטרא־טען נעבען איהר טונקעלען מאן אין גאנצען ליכט און גליק, אזוי ווי א פריהלינגס־זון. און הגם זיי האבען קיינעם ניט באגריסט, האבען אלע אינ'ם רעסטאראן זיי מיט ווארעמע בליקען און פריינדליכע שמייכלען באגעגענט. געגען דער ליע־בע איז די עטיקעטע אויך שוואך!...

ראבינס האט פארלאזען דעם רעסטאראן.

.3

שפעטער א ווײלע איז ער ארויפגעקומען אויפ'ן דעק מיט אן ענגלישען זשורנאל אין דער האנט. דארט זיינען שוין גע־שטאנען און געזעסען די אייגענע באקאנטע מיטרייזענדע, וואס ער האט זיי נעכטען און די גאנצע צייט פון זיין רייזע דארט געטראפען. די מענער און די דאמען, אלע אין העלען מיט העלע קעפקעס אויף די קעפ. אנדערע האבען געלעזען, זיצענדיג אויף זייערע שטולען, מאנכע פון די דאמען האבען געשטריקט און אנדערע זיינען געשטאנען צוגעשפארט צו דער

פאַרענץ, און אויפ'ן ים אַרויסגעקוקט. דאָ האָט זיך יאָ גע־הערט אַ מענשליכער קול און אַ מענשליכער שמייכעל האָט באַגריסט, דערוואַרעמט מסתמא פון דער וואונדערליכער זון; אָבער אפילו דאָ אויך זיינען קול און שמייכעל איינגע־האַלטען, געצוימט געווען, ווי אויסגעמאָסטען: אַזוי פיעל מעג מען און ניט מעהר!..

זיין טיש־שכן, דער אַלטער מאַן מיט די באַקען, ווי אַראָפּגעהאַנגענע רויטע שטיקער פלייש, איז געזעסען מיט צוגעמאַכטע אויגען און זיך געוואַרעמט אויף דער זון, דער גלאַנציגער קאָפּ מיט אַ העלער קעפּקע באַדעקט. זיין פרוי, מיט דעם וועקסענעם פּנים, איז געזעסען נעבען איהם און האָט געשטריקט. יעדע ווייַלע האָט זי פאַרריכט דעם פּלעד, וואָס האָט איהם די קניה צוגעדעקט.

די הויכע דאַמע מיט איהר טאָכטער, וואָס איז ענליך געווען צו אַ בלאָנדער קוקלע, זיינען פאַרבייגעגאַנגען געאָרמט מיט בינאָקלס ביי די אויגען.

און דאָ האָט זיך באַוויזען די יונגע, בלאָנדע פרוי נע־בען איהר טונקעלען מאַן. זי האָט געלאַכט הויך אויפ'ן קול, מיט אַ העלען, זוניגען געלעכטער. און ווען זי האָט זיך דערנאָך געזעצט מיט איהר מאַן אויף דעם אַנדער עק פונ'ם דעק, אָפּ־געזונדערט פון די איבעריגע, האָט איהר געלעכטער זיך פון דאָרט אויך געטראָגען אַזוי זודיג און ברענענדיג, דאָס די אי־בעריגע פּאַסאַזשירען האָבען זיך אומגעקוקט אהין, פון וואַנען איהר געלעכטער האָט זיך געטראָגען, און פרייערע שמייכלען האָבען זיך אַנגעצונדען אויך אויף זייערע פּנימ'ער. אפילו דער אַלטער, מיט די באַקען, ווי אַראָפּגעהאַנגענע רויטע שטי־קער פלייש, האָט די אויגען געעפענט, אַ קוק געטאָן אין איהר ריכטונג און גוטמוטיג אַ שמייכעל געטאָן.

דאָס לעבען, וואָס האָט אין דער יונגער פרוי איצט גע־ברויזט און געקאָכט, האָט זיך ניט געלאָזט צוימען, האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיין מאָס, און אַנגעשטעקט די איבעריגע, ברעכענדיג זייערע צוימען...

בלויז די הויכע דאַמע מיט איהר בלאָנדער טאָכטער האָבען מיט אַ מינע פון טיעפער פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן דורך זייערע בינאָקלס אויף דער גליקליכער. פאַרליעבטער פרוי, און גלייך זיך אומגעדרעהט, אוועקגעשטעלט זיך אַזוי

שטייף, אַקוראַט ווי מיט זייערע אַקסלען און רוקענס וואָלטען זיי דעם וועג געוואָלט פאַרצוימען דעם „פרעכען געלעכטער".

ראַבינס האָט עס באַמערקט און האָט זיך שיער ניט צע־לאַכט אויפ'ן קול.

פון אונטען, וואו די פּאַסאַזשירען פון צווייטען קלאַס האָבען זיך געפונען, האָט זיך אַ טומעל געטראָגען. דאָרט האָט מען די געפיהלען ניט געצוימט און ניט געמאָסטען. אַ געפּילדער פון געזאַנג און געלעכטער געפלאָכטען, האָט זיך פון דאָרט געטראָגען...

ראַבינס האָט זיך געזעצט און געעפענט דעם זשורנאַל. ער האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט לעזען. געשטערט האָט איהם דער וואונדערליכער פריהמאָרגען, די בלאָהקייט, אָהן אַ ברעג און אָהן אַ גרענעץ, אין וועלכער דער גאָלדענער זון־גלאַנץ האָט זיך אַריינגעוועבט... געשטערט האָבען איהם זון און ים און די פאַרשידענע פאַרבען פון די זינגענדיגע כוואַליעס, וועלכע האָבען זיך נאָכאַנאַנד געענדערט פאַר זיינע אויגען. דאָ טיעף־בלאָה, מיט אַ גאָלדענעם שימער פון זון־גלאַנץ, און באַלד מיט אַ סך קאָלירען, ווי שטיקער פּערלמוטער, ווי די פּערלמוטערנע וואָלקענס אויפ'ן הימעל, וואָס זיינען אַזוי נידעריג איבער'ן ים געהאַנגען...

ליכט און שאָטען האָבען איבער דער גרענעצלאָזער בלאָהער וואַסער־שטרעקע אַרומגעטאַנצט, זיך געפלאָכטען און אַריינגעוועבט אין די דאָזיגע זינגענדיגע כוואַליעס...

און באַלד האָט ראַבינ'ס אויג געכאַפּט גאַנץ ווייט־ווייט, אין דער שטראַהלענדיגער בלאָהקייט, אַ ווייסען דאַמפער... עס האָט זיך דאָרט באַוועגט, אויפ'ן בלאָהען האָריזאָנט, ווי אַ ווייסע וואַסער־ליליע, וואָס וואָלט זיך דאָרט ערגעץ אָפּגע־ריסען און איצט געשוואומען, פון די כוואַליעס געטריבען... דער רויך, וואָס האָט זיך איבער איהם געשלענגעלט, האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קליין וואָלקענדעל, וואָס וואָלט צווישען ים און הימעל געשוועבט...

אַ בענקעניש אָהן אַ פאַרוואָס האָט זיך פּלוצים אויפ־געכאַפּט אין ראַבינ'ס נשמה, אַ לייכטע בענקעניש, אַ פאַר'־חלומ'טע, ווי די אַרומיגע בלאָהקייט... די האַנט מיט'ן זשור־נאַל האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, די אויגען האָבען זיך צוגע־

מאכט. ער האט זיך אנגעשפארט מיט'ן נאקען אן דעם ווענטעל פונ'ם שטול און זיך פארטראכט...

ער האט געטראכט: פונקט אזעלכע ווייסע דאמפערס האט ער אמאל אין דער ווייטענס אויפ'ן ים געזעהן, מיט צוואנציג יאהר צוריק, ווען ער איז נאך אמעריקא געפאהרען...

ווי דורך א נעבעל, האט יענע בילד פאר די אויגען פון זיין זכרון ארויסגעטראטען אלץ דייטליכער און דייטליכער... די שמוציגע, ענגע קאיוטע, די שטייגלאך אין דער לופטען, וואו מענשען שלאפען איינער איבער'ן אנדערען, איינער אונטער דעם אנדערען אין א קאזארמע־לופט... ווארפט זיך דאס שיף, שליידערט עם די מענשען אין די שטייגלאך, די געדערים קעהרט עם ארויס... פעק, קאסטענס, שאלעכץ פון אפעלסינען, פייכטקייט, רויך פון שלעכטען טאבאק, פרעכע בליקען פון די שיפ'ס דיענער, בייזע געשרייען, און מענשען מיט טהעקאנען און טאסעם — אלצדינג אויסגעמישט... דער בעסטער ביסען איז הערינג. דער בעסטער געטראנק איז טהע... דערפאר אבער פרעהליכקייט אהן א ברעג און אידעאליזם אהן א מאס... מען טאנצט די רוסישע „קאמארינסקי", מען זינגט רוסישע און אידישע ליעדער, און מעהר פון אלץ אמפערט מען זיך וועגען די פראגראמען פון די פארשידענע רעוואלוציאנערע פארטייען. וועלטען מאכט מען חרוב. וועלטען בויט מען אויף...

דאן האט זיך איהם אפילו ניט גע'חלום'ט, אז ער וועט אמאל זיין דער רייכער ראבינס, דער „פארדאלערוועטער בורזשוי"... דאן איז ער געוועזען יאשקע רובינטשיק, ניט דזשא ראבינס... דער צוואנציג־יעהריגער יאשקע, דער פארברענטער רוסישער בונדיסט, וואס ווען אימיצער וואלט איהם דאן געזאגט, אז ער וועט האבען אזא שרעקליכען סוף אין אמעריקא, וואלט ער יענעם פאר אזא באליידיגונג זיכער די באקען אויסגעפאטשט...

— א קליינינקייט יאשקע! — האט ראבינס אין זיינע געדאנקען מיט לייכטען און גוטמוטיגען שפאט זיך לוסטיג געמאכט איבער זיך, דעם אמאליגען יאשקע'ן, אט אזוי ווי א פאטער איבער זיין נארישען אינגעל, — א קאטאוועס יאשקע'ס פלענער! דער ערלייזער פון זיין געמאטערטען פאלק

וועט ער זיין! דער באַפרייער פון דער גאַנצער געפּלאָגטער אַרבייטענדער מענשהייט וועט ער זיין! מיט זיין צונג און פּעדער וועט ער דערפאַר אַרבייטען! הערצער וועט ער ציג־דען, מוחות אויפקלערען! אַ באַריהמטער רעדנער וועט ער זיין, אַ שרייבער אוֹדאי! עפּעס? ניט נויטיג! קליידער? ווער דאַרף דאָס!

איז טאַקע יאַשקע'ן וואויל געווען, ווען ער איז אַנגעקו־מען קיין אַמעריקא; מיטינגען איבער־גענוג, רעדעס ביז היי־זעריג ווערען; שרייבען פּוילט ער זיך אויך ניט; נאָר דער רעדאַקטאָר זאָגט: „צו שווערע עברי", און דרוקט ניט... און קייען? „טוטפּיקס" איבער־גענוג אינ'ם קאַפע־הויז אויף קאַנעל סטריט!...

— אַה, וויפיעל טוטפּיקס יאַשקע האָט עס צוקייט אין יענעם פאַררויכערטען קאַפע־הויז! — לאַכט ראַבינס אין האַרצען, — צו זיי, נעבאַך, האָט ער אויסגעלאָזט אי זיין הונ־גער, אי זיין כעס אויפ'ן רעדאַקטאָר, אי זיין צאָרן אויפ'ן אַנ־קעל דוד רובינטשיק...

דער אַנקעל, אַ שרייער בטבע, אַ שטיקעל מטורף, שטאַרק ליעב געהאַט כבוד, האָט אַ שאָפּ פון העמדער געהאַט; איז ער צו איהם אין שאָפּ אַרבייטען אַנגעקומען. איז דאָך יאַשקע יאַשקע, צינדט ער דאָרט הערצער און קלערט־אויף מוחות גע־גען דעם „עקספּלוטאַטאָר", זיין אַנקעל... כאַפּט איהם אַז אַמאָל דער „עקספּלוטאַטאָר", דער אַנקעל, ביים קאַלנער, פיהרט איהם צו צו דער טיר און „אַרויס! דיין דוד זאָל ביי מיר ניט זיין!"

אזא עקספּלוטאַטאָר! עס האָט איהם גאַרניט געאַרט, וואָס יאַשקע, נעבאַך, האָט ווידער געמוזט קייען „טוטפּיקס"!

און ער האָט טאַקע געקייט די „טוטפּיקס", יאַשקע; שיער אומגליקליך געמאַכט דעם בעל־הבית פונ'ם קאַפע־הויז. און נאָך מעהר געסטראַשעט די עקספּלוטאַטאָרס — די בלוט־זויגערס — האָט ראַבינס נאָך פרעהליכער געלאַכט אין האַר־צען פון יענעם יאַשקע'ן...

אין דער זעלבער צייט האָט זיך פון דער טיעפסטער טיעפעניש אין זיין נשמה געהייבען אַן אַנדער געפיהל, ווי די טענער פון אַ לאַנג־פאַרגעסענעם האַרציגען ליעד. וואָס האָט זיך שטיל, גנבה'דיג, אומבאַמערקט פאַר איהם אַליין, גאַנץ

אומבאוואוסטערהייט אריינגעפלאכטען אין זיין פרעהליכער, שפאטישער שטימונג...

דאס איז געווען דער טונקעלער אפקלאנג פון דער בענקעניש נאך יענע יונגע יאהרען, וואס זיינען אוועק אויף אייביג... די אפהילכונג פון די פארשוואונדענע אמאליגע האפנונגען און חלומות איז דאס געווען. נארישע, קינדערשע חלומות, ווי עס האט זיך איהם איצט אויסגעוויזען, אבער אזוינע שעהנע און ערהאבענע דאמאלס, וואס האבען מיט אזא הייליגער באגייסטערונג דאן די נשמה געווארימט!...

אין א ווײלע ארום האט איהם דער דאזיגער געפיהל באהערשט אין גאנצען און ראבינס האט די בענקעניש שארפער דערפיהלט. ער האט זיך שוין מעהר ניט לוסטיג געמאכט איבער דעם אמאליגען יאשקע'ן. מיט די אויגען פון זיין זכרון האט ער טיעפער אריינגעקוקט אהין, וואו דער נארישער יאשקע איז אמאל געווען, און ער, דער רייכער, פראקטישער ראבינס, האט זיך פראגען גענומען שטעלען:

איז יאשקע ניט גליקליכער געווען פון איהם? ער איז רייך, זעהר רייך, געגען דעם אמאליגען יאשקע'ן, — א ראקעפעלער, א ראטשילד, — און דאך מיט זיין גאנצען פארמעגען וועט ער ניט קענען קויפען יענעם יוגענדליכען גלויבען. יענעם שפרודעלדיגען לעבען פון דעם אמאליגען יאשקע'ן. וועלכער איז געווען א לעבעדיגער פאנטאן, וואס האט מיט פייער געשפריצט.

ער האט זיך דערמאנט, ווי ווייניג יאשקע האט געפאדערט פאר זיך אליין און וויפיעל פאר דער גאנצער וועלט. און ער האט געטראכט:

— גארניט פאר זיך... הויל, נאקעט, הונגעריג, און דאך אזוי גליקליך, אזוי גליקליך פון די געדאנקען וועגען פארזארגען די גאנצע וועלט!

קען מען דאס קויפען מיט געלט?!...

יאשקע איז א הונגעריגער געקומען צו א מיטינג און אין די דעבאטען וועגען דער מענשהייטס באפרייאונג האט ער זיין הונגער פארגעסען.

יאשקע'ן האט א פאליסמאן דעם קאפ אמאל צושפאלטען אויף א מיטינג פון סטרייקערס, וואו ער האט גערעדט; איז ער דערנאך געקומען צו זיין וויערא'ן, אויף הענרי

סטריט, מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטען קאָפּ. גליקליך, ווי נאָך קיינמאָל פריהער, וואָס ער האָט אין אַמעריקא זיין ערשטע בלוט פאַרגאָסען אין קאַמף...

און ווי ער האָט זיין וויעראַ׳ן געליעבט! ווי היילינג איז איהם געווען איהר יעדעס וואָרט, ווי ליעב יעדע מינע, ווי טייער יעדער בליק פון איהרע פאַר׳חלומ׳טע בלויע אויגען! ערשט ווען ער האָט זי געטראָפען אויף אַ מיטינג און זיי האָבען זיך דערנאָך פאַרליעבט, האָט ער אַמאָל נעבען איהר אַז דער מענשהייט און אַז די מיטינגען פאַרגעסען...

ער איז אין שאָפּ אוועק אַרבייטען צוליעב איהר, כדי ער זאָל געלט האָבען, אום צו קענען געהן מיט איהר אַמאָל אין אַ טעאַטער, אָדער אין אָפּערא.

און ווען זי איז דערנאָך קראַנק געוואָרען... ווי אַ הונט איז ער טעג און נעכט גאַנצע דערנאָך ניט אָפּגעטראָטען פון דער טיר אין׳ם שפּיטאָל, הינטער וועלכער זי איז געלעגען: האָט געפיהלט, אַז צוזאַמען מיט איהר ווערט ער אַליין אויך קראַנק, שטאַרבט צוזאַמען מיט איהר: אַז די גאַנצע וועלט שטאַרבט צוזאַמען מיט איהר...

און ווען זי איז געשטאָרבען, האָט זיך אַלצדינג אויסגעלאָשען פאַר איהם, דאָס גאַנצע לעבען... ניט געווען מעהר קיין מיטינגען, קיין קאַמף, קיין מענשהייט, קיין גליק. — אַלצדינג אונטערגעגאַנגען, אַלצדינג... קיין רוה האָט ער ניט געפונען; איהר קול האָט איהם פאַרפאָלגט, דער פאַר׳חלום׳טער בליק פון איהרע בלויע אויגען און דער שטילער שמייכעל פון איהרע פולע, ראָזעווע ליפּען, וואָס האָבען ווי אַ קוש ביי איהם געבעטען...

אַ לאַנגע צייט האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום דעם הויז אויף הענרי סטריט, וואו זי האָט פריהער געוואוינט. — אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי אין אַ שרעקליכען חלום, אַזוי ווי געשלעפּט פון אימיצען אַהין, אַזוי ווי פון איהר גייסט געשלעפּט; דאַן, מיט אַמאָל, שפּעטער, איז איהם איינגעפאַלען: אנטלויפען פון דאָרט, אַנטלויפען פון איהר הויז, פון איהר גאַס, פון ניו־יאָרק אַנטלויפען, פון זיין פאַרצווייפלונג אַנטלויפען... אַנטלויפען ווייט, ווייט, ערגעץ אויף דעם אַנדערען עק וועלט...

אין אַ צייטונג האָט ער דאַן איבערגעלייענט, אַז אַ

שיפס־קאמפאניע זוכט ארבייטער פאר א שיף: איז ער דאן אלס ארבייטער אהין אוועק, האט געארבייט דארט מיט א משונה'דיגער פארצווייפלונג, איינער פאר צעהן, דורך דער ארבייט געזוכט זיין פארצווייפלונג פארטויבען...

און אזוי איז ער דאן אנגעקומען אין ניו־ארלעאנס, האט א שטעלע געקראגען ביי א דארטיגען אידישען ביזנעסמאן. און מיט לייב און לעבען, מיט'ן גאנצען פייער פון זיין טעמפעראמענט, זיך אין דעם אריינגעווארפען, אום זיך צו פארגעסען...

ראבינס האט מיט בענקעניש א טראכט געטאן:

— וואו איז יענער פייער? וואו איז יענער גליק און יענע פארצווייפלונג?

און ער האט זיך געענטפערט:

— נישטא מעהר, קאלט, פוסט: אמת געלעבט האט יאשקע און ניט ראבינס!...

אימיצער האט איהם ביים אקסעל אנגעריהרט: ער האט די אויגען געעפענט.

נעבען איהם איז געשטאנען מיסטער כאווקין, און די אויגען זיינען ביי איהם ארומגעשפרונגען, ווי וויעווערקעס אין רעדער, און ער האט געווארפען הויך מיטביידע הענט.

— וואס זיצט איהר? אלע זיינען דאך אוועק זיך פאקען: מיר זיינען באלד אין ניו־יארק.

— באלד?

ראבינס האט זיך אומגעקוקט: אויפ'ן דעק איז טאקע קיינער ניט געוועזן.

— אין א דריי פערטעל שטונדע ארום, — האט מר. כאווקין געענטפערט.

— איך האב נאך גענוג צייט.

— ביי מיר איז שוין אלצדינג איינגעפאקט, — האט כאווקין געזאגט, זיך געזעצט נעבען איהם און צוגעלייגט: — נאך צייט גענוג אריינצוכאפען א „פינאקעל”. איהר שפיעלט אבער ניט. ווי אזוי א איך קען אויסקומען אהן א „פינאקעל” פארשטעה איך ניט.

ראבינס האט זיך צולאכט:

— איהר זעהט דאך!...

איך מוז דאס אייך אויסלערנען... מיר וועלען זיך טרע־

פען אין ניו־יאָרק... איהר מוזט מיין אַדרעס נעהמען...
דאַ איז מיין אַדרעס. — ער האָט איהם דערלאַנגט אַ קאַרט —
ריווערסייד... זענט איהר געווען אַמאָל אין ניו־יאָרק?
— יאַ.
— ווייסט איהר דאַך, וואו ריווערסייד דרייוו איז... איך
וואוין נעבען דער ניינציגסטער סטריט... קומט אַרויף;
איז ניט קיין „פויקער״; איז אַזוי אַ גוטער גאַסט! ווי לאַנג
וועט איהר פאַרברייננגען אין ניו־יאָרק?
— איך ווייס ניט.
— מסתמא פאַרפאַהרען אין אַ האָטעל? עס זיינען דאַ
שעהנע האָטעלען: פּלאַזאַ, וואַלדאָרף אַסטאָריע, די שעהנס־
טע האָטעלען אין דער וועלט, — האָט כאַוווקין איצט גערעדט
הויך אויפ'ן קול און עפּעס מיט אַ באַזונדערען אימפּעט, ווייל
די אַנדערע פּאַסאַזשירען זיינען ארום ניט געווען, און ער
האָט זיך דערפיהלט אַ באַפרייטער און געקענט צולאָזען דעם
מויל און אַנדערע גלידער...
— איך רעכען אין וואַלדאָרף־אַסטאָריע...
— אַ פיינער האָטעל... האָט איהר עפּעס אין ניו־יאָרק
באַקאַנטע, פריינד?
— אַן אַנקעל, דאַכט זיך...
— דאַכט זיך?...
— שוין זיבעצעהן יאָהר איהם ניט געזעהען...
— וואָס הייסט?
— אַט אַזוי, ניט געזעהען.
— אַ ביזנעסמאַן?
— אַ שווירט־מאַנופעקטשורער אַמאָל געווען...
— אַ שווירט־מאַנופעקטשורער? דאָס איז דאָך מיין
ביזנעס אויך. ווי הייסט ער?
— רובינטשיק.
— רובינטשיק? איך קען איינעם אַ רובינטשיק... אַ
משוגע'נער... געווען אַמאָל מיין פּאַרטנער... קוים זיך
מיט איהם צוגאַנגען... ניט אויסצוהאַלטען געווען פון זיינע
משוגעת'ען. ער אַליין, דער צווייטער איז גאַרנישט...
ראַבינס האָט אַ שמייכעל געטאַן.
— ווי איהר שטעלט יענעם פאָר, איז ער אַ ביסעל עהנ־
ליך צו מיין אַנקעל...

— יענער הייסט דייוויד רובינטשיק...
— און מיין אָנקעל הייסט אויך אַזוי...
— יענער האָט צוויי טעכטער...
— מיין אָנקעל האָט אויך אַמאָל געהאַט צוויי מיידע־לאַך...
— די זיינען ניט קיין מיידעלאַך, נאָר גרויסע, ערוואַק־סענע... די עלטערע א יאָהר פינף און צוואַנציג און די אינגערע א יאָהר... א יאָהר... די זעלבע יאָהרען ווי מיין עלענאָר, ווי מיין מיזינקע...
— ווי אַלט איז אייער מיזינקע?
— דיזעלבע יאָהרען ווי רוטי. אפשר מיט א מאָנאַט עלטער...
— רוטי?...
— נו, יאָ, רוטי. אַזוי הייסט דייוויד רובינטשיק'ס אינ־גערע טאָכטער.... אַי, א מיידעל! פייער, קוועקזילבער... קומט אָפט צו מיר אריין, דאָס הייסט, צו מיין עלענאָר, צו מיין מיזינקע... ביידע חבר'טעס, צוזאמען אין סקול געגאַנגען...
ראַבינס האָט איהם אונטערבראָכען:
— און ווי הייסט די אַנדערע?
— איהר מיינט מיין עלענאָר?...
— די אַנדערע טאָכטער פון דייוויד רובינטשיק?
— האַי, יענע? עני הייסט זי...
ראַבינס האָט זיך צעלאַכט:
— דאָס איז דאָך טאַקי מיין אָנקעל! עני און רוטי... אַזוי הייסען זיי טאַקי. עני איז געווען א יאָהר אכט־ניין. רוטי — נאָך גאָר א בייבי. הייסט זייער מאַמע אסתר?
— אסתר, אסתר, אסתר, ריכטיג, ריכטיג, ריכטיג! מרס. רובינטשיק הייסט אסתר — האָט כאַווקין צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געקוקט אויף ראַבינס'ען מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט איהם אַט ערשט ריכטיג דערקענט. — איז דאָס אייער אָנקעל?
— אַזוי שיינט עס — האָט ראַבינס געענטפערט מיט א פאַרטראַכטען שמייכעל, און פאַר די אויגען פון זיין זכרון האָט זיך פּלוצים דורכגעטראָגען א בילד פון אַכטצעהן יאָהר צוריק, ווען ער איז צום לעצטען מאָל געווען ביי זיין אָנקעל אינ'ם הויז, אויף איסט בראָדוויי, איידער דער אָנקעל האָט

איהם פונ'ם שאַפ אַרויסגעוואָרפען... דער אַנקעל, אַ מאַן פון עטליכע און דרייסיג, מיט אַ געקרויזטען שוואַרצען קאָפּ און שוואַרצע וואָנצעס, פליהט אַריין, ווי אַ באָמבע, אין הויז, מיט אַ צוטראַגענער מינע, און מיט די ווערטער: „נו, עסען, עסען, אסתר! שנעל! ניטאָ קיין צייט!". זאָגט איהם די רו־היגע, שטילע אסתר: „זעץ זיך, מען גרייט גלייך דעם טיש". טוט ער זיך אַ כאַפּ מיט אַ געשריי: „וואָס, דער טיש נאָך ניט געגרייט? דאַרף מען ניט! וועל איך עסען דעם בויכוועה־טאָג אין רעסטאָראַן!" „משוגע'נער!" — זאָגט איהם רוהיג אסתר. „געה דו מיר צום קאַדיק!" — דערהערט זיך שוין זיין קול פון דער אַנדער זייט טיר... „אַ מטורף — מאַכט אסתר — האָט מורא, זיין שאַפ זאָל דאָרט ניט אַנטלויפען"...

און ראַבינס דערמאָהנט זיך נאָך, וואָס ער, דער דאָ־מאָלסדיגער יאשקע, האָט בעת דעם אַ טראַכט געטאָן:

„האָט מורא איבערצולאָזען לאַנג זיינע שקלאַפּען!"...

— מערקווירדיג — האָט ראַבינס פאַרטראַכט אַרויס־געמורמעלט — גאָר זיך ניט געריכט, אַז איך וועל האָבען אַ גרוס פון מיין אַנקעל...

— ווען איך וויים פריהער — האָט כאַווקין זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַן אימפּעט — מיט וועמען איהר זייט פאַרוואַנדט אין ניו יאָרק... ווער האָט דאָס געזאָלט וויסען?... מען פאָהרט צוזאַמען אויף אַ שיף... מען באַגעגענט זיך... מען צערעדט זיך... אליין איז מען, דאַנקען גאָט, ניט קיין נאַר... איהר זייט ניט קיין נאַר... און דערצו טאַקע איין איד מיט דעם אַנ־דערען שטיקלעך קרובים... מיט די אַנדערע פיהלט מען זיך דאָך פאַרט ווי געבונדען... רעדט מען! אָבער אַריינקריכען יע־נעם אין האַרצען, פרעגען אויפ'ן פּאַטכּאָרט, ווי אַנדערע אי־דען? ניט איך. איך האָב דאָס פיינט. איך בין ניט אַזוי ער־צויגען, געגען מיין טבע, געגען מיין נאַטור — האָט ער גע־וואָרפען מיט ביידע הענט און גערעדט מיט היץ, הויך אויפ'ן קול — זאָל מיר גאָר איינפאַלען, אַז דייוויד רובינטשיק און דער דזשענטעלמאַן מיסטער ראַבינס... איהר זייט זיינער אַ פּלימעניק, צי איהרער?

— זיינער.

— אַ ברודער'ס אַ זוהן?

— אַ ברודער'ס.

— און וואָס האָט אייער טאַטע... איך מיין אייער פאָ־
טער — האָט ער זיך פארכאַפּט — אייער פּאַפּאַ, מיין איך
— וואָס האָט ער געטאָן?

— אַ סוחר געווען.

— אין רוסלאַנד?

— אין זשיטאָמיר.

— מסתמא אין אַ „סקול" דאָרט געגאַנגען?

— אין גימנאַזיום...

— אַזוי, קענטיג, אַ מענש, וואָס האָט געלערענט. און
אייער ווייב איז אויך אַ רוסישע?

— איך האָב ניט קיין ווייב.

— געשטאָרבען?

— אפשר נאָך ניט געבאָרען געוואָרען...

— וואָס הייסט?

— אַ בחור.

— אַ סינגעלמאַן?

— אַ סינגעלמאַן, אַ בחור...

— ווארום?

ראַבינס האָט זיך צעלאַכט:

— סעי, מיסטער כאַווקין — האָט ער זיך אָנגערופען
גוטמוטיג — פרעגט איהר דאָך שוין נאָך מעהר ווי אויפ׳ן
פּאַספּאָרט...

כאַווקין האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַי בעג יור פּאַרדאָן. איך גיב צו: צופיעל געפרעגט,
צופיעל... גלויבט מיר, דאָס איז קענען מיין טבע, קענען מיין
נאַטור. נאָך אַמאָל, אַי בעג יור פּאַרדאָן!

אַ ווייל'ע זיינען זיי דאָן געזעסען און האָבען געשוויגען.
דערנאָך האָט ראַבינס זיך אָנגערופען:

— וואוינט ער נאָך אַלץ אויף איסט בראָדוויי? איך
מיין מיין אַנקעל?

— אייער אַנקעל וואוינט שוין אַ יאָהר צעהן אין ברוק־
לין, אויף איסטערן פּאַרקוויי, אין זיינעם אַ הויז. אַ רייכער
איד, אמת רייך... און אַ מענש מיט אַ נאָמען, גיט טשאַ־
ריטי... אָפּט איז זיין נאָמען אין די פּייפּערס... אַ
פיינער מאַן. איך האָב פריהער געשפּאַסט, ווען איך האָב

געזאגט, אז ער איז א משוגענער. ווי לאנג, אז איהר האט איהם ניט געזעהן ?

— אכטצעהן יאהר.

— און נישט געהערט פון איהם ?

— ניין.

— אמעריקא ! אן אנקעל... א פלימעניק...

— איך בין אוועק פון ניו יארק א ברוגז'ער מיט איהם. כאווקין האט זיך א כאפ געטאן :

— ווער קען זיין גוט מיט איהם ? — האט ער מיט היץ אויסגעשריען — ער איז דאך אזא ווילדער משוגענער ! איך אליין בין דאך שיער ניט משוגע געווארען פון איהם, ווען איך בין זיין פארטנער געווען.

און דא זיינען מיט אמאל אויפ'ן דעק ערשינען די הויכע פרוי מיט איהר בלאנדער טאכטער, איבערגעטאנענע, מיט היט אויף די קעפ. און גלייך האבען די הענט ביי כאווקין'ען זיך ארונטערגעלאזט און ניט גערירט זיך מעהר, און דער באוועגליכער אויסדרוק אויף זיין פנים איז ווי פארגליווערט געווארען. און ווען ער האט זיך איצט געווענדעט צו ראבינס'ען, האט זיין קול געקלונגען שטיל, גאנץ שטיל, אזוי ווי ער וואלט איהם א סוד דערצעהלט :

— ווילט איהר אפשר זיין אדרעס ?

— יא, געוויס. איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין.

— אן אנקעל... כ'וויים, אפשר זיך איבערבעטען... — האט כאווקין געפליסטערט — מיין ווייב ווייסט גענוי דעם אדרעס. איך וועל אייך שוין איהם געבען. קומט ארונטער שוין אייך צייט זיך איינצופאקען...

זיי זיינען ארונטערגעגאנגען.

אין א ווײלע ארום, ווען ראבינס איז געווען אין זיין קאיוטע, איז כאווקין צו איהם אריינגעלאפען.

— מיין ווייב ווייסט אויך ניט גענוי דעם אדרעס. איך וועל איהם אבער נעהמען ביי מיין על'ענאר. ווייסט איהר גאר וואס ? איך וועל שוין זעהן, אז אייער אנקעל זאל צו אייך קומען. פארלאזט זיך אויף מיר. זאל דער משוגענער אייך איבערבעטען ! גלייך ווי איך קום אהיים, נעהם איך ביי מיין טאכטער זיין טעלעפאן און רוף איהם אפ. איך דערצעהל

איהם א מעשה: זיין פלימעניק... ווי איז אייער ערשטער נאמען?

— דזשאו...

— מיסטער דזשאו ראבינס...

— יאשקע רובינטשיק — האט ראבינס זיך א כאפ געטאן — אניט וועט דער אנקעל ניט וויסען... איך האב מיין נאמען געביטען...

— יאשקע רובינטשיק? זאל זיין יאשקע רובינטשיק!.. אלזא, זיין פלימעניק יאשקע רובינטשיק איז אין וואלדארף אסטאריע... א מיליאנער...

כאווקין האט זיך צולאכט.

— איך וועל איהם זאגען, אז איהר זייט א מיליאנער וואס ארט עס אייך? דער משוגע'נער וועט דאן גיכער קומען צולויפען...

— און פיעלייכט בין איך א מיליאנער? — האט ראבינס זיך אנגערופען מיט א שמייכעל.

כאווקין האט איהם אנגעקוקט.

— הא? און אפשר א פיעלפאכער... עס קען זיין. קיין ארימאן זייט איהר זיכער ניט.

און ער האט צוגעלייגט מיט א מינע פון דרך ארץ:

— וועט איהר ניט פארגעסען צו זיין ביי מיר? ביי מיר אינ'ם הויז. דאנקען גאט, אויף ריווערסייד דרייוו, איז אויך ניט... מען קען זיך ניט שעהמען! כא! כא! כא! נעהמט מיינעם א סיגאר!

און זיי האבען פאררויכערט.

עס האט זיך דערהערט א שרילער פייפען פון דעם שיף און באלד א הודיען און רעווען, און פייפען פון אנדערע שיפען...

— מיר זענען שוין אין ניו יארק — האט כאווקין זיך אנגערופען.

זיי זענען ארויף אויפ'ן דעק. דאס שיף האט זיך איצט געטראגען שווערער, קלאפענדיג און הודיענדיג ווי מיט די לעצטע כחות, איבער א רוהיגען וואסער, וועלכער איז פארשפארט געווען פון ביידע זייטען מיט גרויסע געביידעס. אויף די דאזיגע געביידעס האבען זיך גערוקט אנדערע, אין די צעהנדליגער, אין די הונדערטער, אין די טויזענדער... פון

ווייט־ווייט האָבען זיי זיך גערוקט איינע אויף דער אנדערער. גרויע, רויטע און געלע, נידעריגערע, הויכע און גאָר הויכע. וואָס האָבען מיט זייערע שפּיצען, האָט זיך געדאַכט, די וואָל־קענס דערלאַנגט...

דאָס וואַסער איז געוואָרען אַלץ גרויער און מוטנער. פון אַלע זייטען און אין אַלע ריכטונגען האָבען זיך שיפען און „פּערים" געטראָגען. אַ פּייפען, אַ רעווען, אַ הודיען... די לופט איז פול געווען מיט געפילדער און רויך. די זון האָט אויך געשיינט צו זיין פאַררויכערט.

ראָבינס'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס שרייען אַזוי די אַלע שטיינערנע געביידעס פון ניו יאָרק, וואָס שפּאַרען זיך דאָרט איינע אויף די אַנדערע. די באַקאַנטע הייזער פון הענרי סטריט, איסט־בראָדוויי, דער שאָפּ אויף ספּרינג סטריט, דער האָל אויף ברום סטריט, וואו ער האָט אַמאָל אויף מיטינ־גען גערעדט, האָבען פאַר איהם אַ שוועב געטאָן, און זיך האָט ער דאָרט דערזעהן, יאַשקע'ן, די אַכטצעהן אינגערע יאָהר זיינע, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין דעם דאָזיגען געשריי פלעכט זיך אויך יאַשקע'ס קול...

ווידער איז איהם אַ בענקעניש באַפאַלען...

די פּאַסאַזשירען זענען געשטאַנען אויפ'ן דעק און האָבען געפאָכעט מיט זייערע טיכלאַך. ראָבינס האָט אויך אַרויס־גענומען אַ טיכעל און מיט אַן אומעטיגען שמייכעל אַ פאָכע געטאָן... צו וועמען? צו יאַשקע'ן אפשר... צו זיין יוגענד...

4.

אויף מאָרגען אין־דער־פריה, ווען ראָבינס איז געזעסען ביי זיך אינ'ם צימער אין וואַלדאָרף־אַסטאָריע און האָט גע־שריבען אַ בריעף צו זיין הויפּט געשעפטס־פיהרער, האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען. ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

— העללאָ! ווער איז דאָס?

מען האָט איהם געענטפערט:

— אַ יונגע ליידי און אַן עלטערער דזשענטעלמאַן ווילען אייך זעהן...

— ווי איז דער נאָמען? — האָט ער געפרעגט.

— רובינטשיק — האָט נאָך אַ קליינער פּויזע אָפּגע־הילכט דורכ'ן טעלעפאָן.

ראָבינס איז געוואָרען אויפגערעגט: „דער אָנקעל!” און האָט געהייסען איהם ארויפשיקען.

נאָך אַ פּאָר ציילען און ער וואָלט זיין בריעף געענדיגט. פאר אויפרעגונג אָבער האָט ער איהם ניט געקענט ענדיגען. פאר זיינע אויגען האָט געשוועבט זיין אָנקעל, ווי ער האָט איהם אַמאָל געקענט, און אין זיין הארצען איז ניט געוועזן קיין שפּור פון אַמאָליגער בייזקייט צו יענעם: פאַרקעהרט. ער איז אינגאַנצען באַהערשט געוועזן פון פריידיגער אויפרעגונג, וואָס ער וועט זיין אָנקעל זעהן. צי דערפאר, ווייל רובינטשיק איז געוועזן זיין איינציגער נאָהענטער קרוב אין אמעריקאַ? צי דערפאר, ווייל ער האָט איהם געוואָלט וויי־זען, וואָס פון דעם אַמאָליגען יאָשקע׳ן איז געוואָרען? צי גאָר דערפאר, ווייל דער אָנקעל האָט פאר איהם א גרוס געטראָגען פון זיינע יונגע יאָהרען? גיכער האָט דאָס אַלצדינג צוזאמען ארויסגערופען אין איהם די דאָזיגע פריידיגע אויפרעגונג.

ער האָט זיך געשטעלט געגען שפּיעגעל — א הויכער מאַן, מיט ברייטע אַקסלען, האָט זאָרגפעליג באַטראַכט זיין ריין־ראַזירטען, געזונטען, פון זון־פאַרברענטען פּנים, א פיהר געטאָן מיט דער האנט איבער דעם שוואַרץ־געקרויזטען קאָפּ, מיט די זילבער־האָר ארום די שלייפען, און אין זיינע שוואַרצע אויגען האָט אַ שמייכעל זיך אָנגעצונדען.

„ער וועט מיך ניט דערקענען!” — האָט ער א טראַכט געטאָן.

און דאָ האָט פאַר די אויגען פון זיין זכרון אויפגעטויכט יאָשקע, יענער יאָשקע, וואָס דער אָנקעל האָט איהם אַמאָל געקענט, — א מאָגערער בחור, מיט שפּיציגע אַקסלען, מיט איינגעפאַלענע באַקען, און ראָבינס האָט ווידער א טראַכט געטאָן:

„ער וועט מיך זיכער ניט דערקענען!”

ער האָט פאַרריכט די שפּילקע מיט׳ן גרויסען בריליאַנט אויף זיין קאָלירטען האַלזטוך, א ציה געטאָן זיין ווייסע וועסט און דערנאָך א פיהר געטאָן מיט דער האנט איבער זיין העלען ראָק פון הינטען ביי דער טאַליע, איז אָפּגעטראָטען פונ׳ם שפּיעגעל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט געגען דער טיר און גענומען ווארטען.

עטליכע מינוטען זענען אוועק. ער איז געוואָרען אומגעדולדיג, האָט געעפענט די טיר און ארויסגעקוקט אין קאָרידאָר.

איבער די ווייכע טעפּיכער זענען ארומגעלאָפען פאַרהאוועט האָטעל־באַדיענטע, ס׳רוב יונגע באָיס אין יוניפאָרמס. אנדערע האָבען זיך אָפּגעשטעלט נעבען די טירען און אנגעקלאַפּט און אנדערע זענען געלאָפען ווייטער. א יונגע דאַמע, אין ווייסען, איז דורכגעגאַנגען מיט אַ קליין, געקרויזט, ווייס הינטעלע אין די אָרעמס, וואָס זי האָט עס געדריקט צו איהר ברוסט, ווי איהר׳ס אַן עופה׳לע. א צווייטע, עלטערע פרוי, מיט רויטע באַקען און ווייסע האָר, איז איהר אַנגעקומען אַנטקעגען פון דער אנדער זייט און זי האָט אַ שמייכעל געטאָן צום הינטעלע מיט יענעם מוטערליכען שמייכעל, וואָס מיר באַמערקען אזוי אָפט ביי פרויען אין די קאַרס, צי אין די פּאַרקס, בשעת זיי קוקען אויף קליינע, שעהנע קינדער...

א דיקער, ברייטער מאַן, אין א ווייסען אנצוג און אין ווייסע שיך, איז דאָרט געגאַנגען מיט א הויכער יונגער דאַמע און ביידע האָבען עפּעס געזוכט אויף די טירען.

ראָבינס האָט פון ווייטענס זיך איינגעקוקט אין דעם דיקען מאַן. ניין, דער אָנקעל איז אַ סך מאָגערער און העכער. דער דיקער מאַן האָט אראָפּגענומען דעם פּאַנאַמאַ־הוט פון׳ם קאָפּ און ראָבינס האָט באַמערקט כמעט אַ נאַקעטען שאַרבען. דאַן האָט דער מאַן מיט דער יונגער פרוי גענומען זוכען מיט די אויגען אויף די טירען, וועלכע האָבען זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט. ראָבינס האָט שוין מעהר ניט געקוקט אויף זיי.

א רייכער בינעזער איז דורכגעגאַנגען מיט קליינע און ווייכע טריט. זיין גלאַנציגער קאַפּטאַן מיט׳ן פּיערעקיגען הי־טעל האָט א בליאַסק געטאָן פאַר ראָבינס׳ אויגען.

דער אָנקעל איז נאָך אַלץ ניט געווען.

ראָבינס איז אריין צוריק צו זיך אין צימער.

דאַן האָט מען פּלוצים אין זיין טיר אָנגעקלאַפּט.

— קאָם אין! — ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר און זי געעפענט.

פאַר איהם זיינען געשטאַנען יענער דיקער מאַן מיט דער

הויכער יונגער דאַמע. דער מאַן האָט געקוקט אויף איהם מיט אויסגעגלאָצטע, פּרעגענדיגע אויגען.

— ענטשולדיגט — האָט דער מאַן ארויסגעמורמעלט מיט א הייזעריגען קול — איך זוך א דזשענטעלמען, איהר זענט אָבער ניט...

און קוקענדיג אויף איהם האָט ראָבינס געטראַכט: „עפּעס איז ער דאָס יאָ און עפּעס ניט... א איד זיכער". אזוי ווי אויף עפּעס א באַקאַנטען פּאָרטרעט דורך א פּארטהויעטען גלאָז וואָלט ער געקוקט. און דאַן האָט מיט אמאָל פּאָר זיינע אויגען ארויסגעטויכט, ווי פון הינטער די פּלייצעס פון דעם דאָזיגען באַקאַנטען און ניט־באַקאַנטען אידען, יענער אַנקעל. א סך א אינגערער און מאָגערער פון דעם דאָזיגען אידען, און די שטריכען פון יענעם פּנים האָבען זיך דורכגעשלאָגען דורך די שטריכען פון דעם דאָזיגען האַלב־באַקאַנטען פּנים, און ער האָט איהם דערקענט, אזוי ווי פון דעם גלאָז וואָלט מען דעם טהוי אראָפּגעווישט און דער באַקאַנטער פּאָרטרעט וואָלט קלאָר ארויסגעטראָטען...

דאָס אלצדינג האָט געדויערט נישט מעהר ווי א פּאָר רגע'ס. ער האָט געפיהלט ווי א וואָרף צו טאָן זיך צו יענעם מיט א געשריי: „וואָס מאכט איהר, אַנקעל?" דאַן איז איהם איינגעפאַלען: ער וועט פריהער האָבען מיט איהם אביסעל שפּאָס.

און ווען יענער האָט זיך א קעהר געטאָן אוועקצוגעהן. האָט ראָבינס איהם אָפּגעשטעלט:

— וואַרט, מיין הער, אפשר קען איך אייך העלפען? ווי הייסט דער דזשענטעלמאַן וועמען איהר זוכט?
— האָט ראָבינס זיך אַנגערופען מיט א שמייכעל.

— רובינטשיק הייסט ער. מיינער א פּלימעניק... איז געקומען פון... פון... פון וואַנען איז ער געקומען, עני?

די הויכע יונגע דאַמע, אין א ווייסען הוט מיט ברייטע ראַנדען, האָט ניט אראָפּגענומען איהרע גרויע אויגען פון ראָבינס'ען. זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אזא מינע אזוי ווי זי וואָלט זיך געפרעגט: וואו האָט זי איהם אמאָל געזעהען? ווען דער דיקער מאַן האָט זיך צו איהר געווענדעט. האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן ווי פון'ם שלאָף און געפרעגט:

— וואָס, פּאַפּאַ?

— פון וואנען איז ער געקומען? איך האב פארגעסען...
— פון ניו ארליאנס, פאפא...
— יעס, פון ניו ארליאנס — האט זיך דער דיקער מאן ווידער געווענדעט צו ראבינס׳ען — מיינער א פלימעניק... א מיליאנער — האט ער דאס לעצטע ווארט ארויסגערעדט מיט גרויסער וויכטיגקייט.
— א מיליאנער — האט ראבינס איבערגעפרעגט מיט א נאאיווער מינע, און פון זיינע שווארצע אויגען האט זיך א שמייכעל געריסען — און ווי איז זיין נאמען?
— רובינטשיק — האט דער מאן געענטפערט.
— ראבינס, פאפא — האט די יונגע דאמע איהם פאר־ריכט.
— יעס, יעס, איך האב זיך גאר פארגעסען: ראבינס. ראבינס! ער האט זיין נאמען געביטען. איך האב איהם שוין לאנג ניט געזעהען. הייגט ערשט האב איך זיך דער־וואוסט, אז ער איז דא...
— אויב אזוי וויים איך ווער איהר זענט און ווער איהר זוכט — האט ראבינס זיך פלוצים אנגערופען — קומט אריין, מיסטער רובינטשיק, אייער פלימעניק איז דא...
רובינטשיק און די יונגע דאמע זיינען, ווי צומישטע, אריין אין צימער. ביידע האבען געקוקט אויף ראבינס׳ען. ער האט צוגעמאכט די טיר.
— ער וועט דא באלד זיין — האט ער ווייטער גערעדט מיט א שמייכעל צו רובינטשיק׳ען, וועלכער האט נאך אלץ געקוקט אויף איהם ווי א צומישטער, מיט פרעגענדיגע אויגען — ער איז דא אינ׳ם פלאץ.
— און ווער זענט איהר? — האט רובינטשיק דאן ארויסגערעדט און ארונטערגענומען דעם פאנאמא־הוט פונ׳ם גלאנציגען שארבען.
— זיינער א פריינד. דער בעסטער פריינד זיינער. אהן מיר טוט ער קיין טראט ניט. עסט ניט און טרינקט ניט אהן מיר — האט ראבינס געשפאסט.
איהר זענט אויך פון ניו ארליאנס?
— פון ניו ארליאנס, און אייער פלימעניק׳ס איינציגער פארטנער.
— און ווי איז אייער נאמען?

— רופט מיך דזשאָו.

— דזשאָו? און אייער צווייטער נאָמען?

ראַבינס האָט זיך פרעהלאך צולאַכט:

— רופט מיך דזשאָו. אייער פלימעניק רופט מיך אויך אזוי...

רובינטשיק האָט זיך פלוצים צולאַכט:

— אויב איהר ווילט, זאָל זיין דזשאָו... עס פרעהט מיך אייך צו קענען... מיין נאָמען איז דייוויד רובינטשיק. „וועדי פליזד טו מיט יו" — האָט ער איהם פעסט געדריקט די האנט.

— און דאָס איז מיין טאָכטער מיס עני רובינטשיק.

ראַבינס האָט זיך פאַרנויגט פאַר עני'ן, וועלכע האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איהם מיט איהר פריהערדיגע מינע, וואָס האָט ווי געפרעגט: „גוואַלד, וואו האָב איך איהם ערגיץ געזעהן?"

און פלוצים האָט זי זיך א צאַפּעל געטאָן און א פּאַטש געטאָן אין די הענט.

— שור! — האָט זי מיט התפעלות אויסגעשריען, און איהר שמייכלענדיגער פּנים האָט זיך אָנגעצונדען — דאָס איז ער! איך דערקען איהם! יאַשקע...

ראַבינס האָט זיך הילכיג צולאַכט:

— יעס, עני, יעס, יאַשקע! געטראָפען! העללאָ. עני! — איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און האָט זיך צוקושט מיט איהר.

רובינטשיק איז צוטומעלט געוואָרען, האָט ברייט צו־שפּרייט זיינע ביידע קורצע דיקע אָרעמס, אויסגעבויגען זיי־נע ביידע קניע, אזוי ווי דעם טעפּיך פון אונטער זיינע פיס וואָלט עמיצער געשלעפּט און ער וואָלט זיך אָנגעשטריינגט איינצוהאַלטען זיך אויף איין אָרט, און געקוקט מעשה גולם אויף ראַבינס'ען און עני'ן. דאן האָט ער אַרויסגעמורמעלט הייזעריגלאך, ווי צו זיך אַליין:

— יאַשקע? דאָס איז יאַשקע?

און מיט אַמאָל איז ער ווי אין כעס געוואָרען און האָט אַרויסגעלאָזט:

— טפוי! זאָל מיר גאָר איינפאַלען, אז אַט דער דזשענ־טעלמאַן איז דער משוגענער יאַשקע!...

ער איז צוגעגאַנגען צו איהם נעהענטער, האָט זיך

ווידער איינגעקוקט אין ראַבינס׳ פּנים, וועלכער האָט איצט פרעהלאַך געשמייכעלט, און דערנאָך ארויסגערעדט, שוין מיט אַ שמייכעל און התפּעלות:

— טאַקי ער! איצט דערקען איך איהם. אינגאַנצען זיין טאַטע, מיין ברודער מאַטעל, אונז צו לאַנגע יאָהר. נאָר דאָס בערדעל און די פּאות פעהלען. יאָשקע!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו ראַבינס׳ען און זיך מיט איהם צוקושט.

עני, מיט אַ צופלאַמטען פּנים, האָט געקוקט אויף זיי און געשמייכעלט מיט טרערען אין די אויגען.

זיצט, אַנקעל! עני! — האָט זיך אָנגערופען ראַבינס.

— ווער זיצען? וואָס זיצען? — האָט רובינטשיק מיט אַמאָל גענומען ריידען אידיש. — עס טראָגט מיך. עס הויבט מיך, איך גלויבט ניט מיינע אויגען: יאָשקע! דאָס איז יאָשקע! איז דאָך טאַקע דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! האָסטו געזעהן? דאָס איז יאָשקע! אָט דער דזשענטעל־מען! אָט דער... אָט דער... מיליאָנער! — האָט רובינטשיק געקוקט אויף איהם מיט התפּעלות, געמאַכט צו איהם מיט ביידע הענט און גע׳טענה׳ט.

עני, וועלכע איז איצט געזעסען, האָט זיך אריינגעמישט:

— איך האָב איהם באַלד דערקענט...

— אַ וואונדער — האָט זיך ראַבינס אָנגערופען מיט אַ שמייכעל — ווען דו האָסט מיך געזעהען ביזטו אַלט געוועזן אַ יאָהר אַכט. האָב איך זיך דען אזוי וועניג געענדערט?

— געענדערט? אָה, יעס! אָבער די שווארצע אויגען און די געקרויזטע שווארצע האָר זיינען געבליבען ווי אַמאָל...

— ווי אַמאָל? און דאָס? — האָט ראַבינס אָנגעוויזען מיט אַ פינגער אויף די זילבער־האָר ארום זיין שלייף.

— דאָס מאַכט נאָך שעהנער דיינע האָר. עס פּאַסט זעהר צו דיין געזיכט — האָט עני געענטפערט.

— אָה! — האָט ראַבינס זיך הארציג צולאַכט — אזוי גאָר? דהענק יו, עני!...

און בעת זיי האָבען גערעדט, איז רובינטשיק נאָך אַלץ געשטאַנען אויסגעגלאָצט די אויגען אויף ראַבינס׳ען, האָט געדריקט די אַקסלען, געקלאַפּט זיך איבער די קניע און גע־מורמעלט, ווי צו זיך אַליין:

— אָה, אָה, אָה, יאַשקע! דאָס איז יאַשקע! דער טרעמפּ, דער האָלעדריגע, דער משוגענער סאָציאַליסט...

ער האָט ראַבינס'ען אַ כאַפּ געטאָן ביים אָרעם:

— קום אהער!

— וואָס אָנקעל?

— זאָג מיר, האָט דיין אָנקעל שכל? האָסטו מיך גע־דאַרפט זידלען? האָסטו מיך גדאַרפט רופען עקספּלואַטאַ־טאָר און בלוט־זויגער?

ראַבינס האָט זיך צולאַכט:

— ווען?

— אַמאָל, דו האָסט פאַרגעסען?...

— וואָס האָט איהר זיך דערמאָנט?

— איך האָב זיך דערמאָנט, ווייל דו האָסט מיר גענוג געזונט געקאָסט. דו האָסט מיר מיין בלוט פאַרצאַפּט... אַ סטרייק ביי מיר געוואָלט ארויסרופען... האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל אָלצדינג אָוועקגעבען די אַרבייטער... גיב! גיב! גיב! גיב!

עני האָט איהם אונטערבראָכען:

— פּאָפּאַ, וועגען וואָס רעדסטו?

— איך וייס, וואָס איך רעד. ער פאַרשטעהט שוין וואָס איך רעד. איך האָב דאָן צו איהם גערעדט, גע'טענה'ט, אי מיט גוטען, אי מיט בייזען: „יאַשקע, ווער אַ מענש! יאַש־קע, ווער אוים טרעמפּ, ווער אוים סאָציאַליסט! זאָרג פאַר זיך און ניט פאַר דער גאַנצער וועלט. אַניט געה צום שוואַרץ יאָהר!" נו, איז ער ברוגז געוואָרען מיט מיר; אָבער גע־האָלפען האָט עס. מיינע רייד זיינען נישט געווען אַרויסגע־וואָרפען; געוואָרען אַ מענש... נו, איצט וועסטו מודה זיין, אַז דיין אָנקעל איז גערעכט געווען, אַז ער האָט שכל?

— אָה, יעס! — האָט ראַבינס גוטמוטיג געענטפערט.

— נישט קיין עקספּלואַטאַטאָר?

— אָה, ניין.

— נישט קיין בלוט־זויגער?

— ניין, ניין, ניין! — האָט ראַבינס געלאַכט.

— אַז דו ביזט אַמאָל געווען משוגע?

— שור, זיכער!

— אַז מיר האָסטו צו פאַרדאַנקען פאַר דאָס, וואָס דו

ביזט? איך מיין א דאנק מיינע רייד, מיין, מיין... ביזטו דאס געווארען?...

ראבינס האט זיך נאך העכער צולאכט:

— וועל, ניט אינגאנצען אייך האב איך צו פארדאנקען...

— נו, אביסעלע? עפעס? דו ביזט דאך געווען א ווילדער, א משוגענער? מיינע רייד האבען דאך דיך קלאר געמאכט? דאס קענסטו דאך נישט אפלייקענען!

— אה, גאט באוואהר! — האט ראבינס אויסגעשריען און געטראכט: „ער איז דאך נאך מעהר משוגע ווי אמאל!"

— דהאט'ס אלל! אבי דו ווייסט עס! — האט רובינטשיק איהם א קלאפ געטאן איבער'ן אקסעל — דיין אנקעל האט דיך פאר א מענשען געמאכט. דו הערסט, עני? מיר דארף ער דאנקען!

עני, וועלכע איז נערוועז געווארען פון איהר פאטער'ס רייד און האט מיט אן אומגעדולדיגער מינע זיך באוועגט אויף איהר שטול, האט איצט, כאפענדיג דעם בליק פון איהר פאטער, א ווינק געטאן צו איהם, אז ער זאל מעהר ניט רייידען. ער האט פארשטאנען איהר ווארק און איהר געענטפערט מיט אזא באוועגונג פון דער האנד, וואס האט קלאר גערעדט: „דו זיי דארט איין, נישט דיין טאטענ'ס עסק!..."

אן אויפגערעגטע האט זי דאן אוועקגעדרעהט איהר פנים פון איהר פאטער.

— דו ביזט טאקי א מיליאנער? — האט רובינטשיק מיט אמאל זיך צו איהם געווענדעט.

ראבינס האט גוטמוטיג א שמייכעל געטאן און נישט געענטפערט.

— א מיליאנער, הא? א גרויסער? א גרויסער? שעהם זיך ניט, זאג! איך ווייס דאך, אז דו ביזט א גרויסער מיליאנער... כאווקין האט דאך מיר געזאגט, וואס פאר א מיליאנער דו ביזט... אפריהער, ווען ער האט דאס מיר דורכ'ן טעלעפאן דערצעהלט, האב איך איהם ניט געגלויבט. איך האב מיר געטראכט: „וואס א משוגע'נעם קען איינפאלען!" ער איז דאך א געפעהרליכער משוגע'נער. מען קען דען מיט איהם אויסקומען? ער איז געווען מיינער א פארטנער, בין איך קוים פון איהם פטור געווארען!

ראבינס האט זיך דא דערמאנט, אז כמעט דאס אייגענע

האָט כאַוּוקין געזאָגט וועגן זיין אַנקעל, און ער האָט זיך הויך אויפ'ן קול צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו ? — האָט רובינטשיק אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר גרויסע אויגען.

— גאָרנישט, גאָרנישט, איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט... ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך אונטערבראָכען — האָט ראָבינס צוגעלייגט מיט לייכטען שפּאָס אינ'ם קול — רעדט. אַנקעל, רעדט...

דאָ האָט שוין עני מעהר נישט אויסגעהאַלטען. זי האָט זיך נערוועז א כאַפּ געטאָן פון איהר שטול, איז צוגעגאַנגען צו איהר פאָטער און מיט א בעטענדיגען קול שטיל ארויסגערעדט :

— פּאַפּאַ, פּליעז, לאָז איהם א וואָרט אויסריידען ! . . .

רובינטשיק האָט זיך א קעהר געטאָן צו איהר מיט א פארוואונדערטער מינע.

— איך לאָז איהם נישט ריידען ?

— די גאַנצע צייט רעדסטו — האָט זי אויפגערעגט געענטפערט.

— לערן מיך ניט — האָט ער ארויסגערעדט צווישען די ציינער — דו ווייסט דאָך, אז איך האָב עם פיינט.

עני האָט זיך צומישט א כאַפּ געטאָן :

— נו, גוט, גוט ! אָלל רייט ! אָלל רייט ! שאַ ! . . .

און איז אָפּגעטראָטען פון איהם, צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט זיך דאָרט אוועקגעשטעלט.

ראָבינס האָט עם באמערקט און א טראַכט געטאָן : „דער אייגענער דעספּאָט ווי אמאָל !”

— פאַרוואָס טאַקי רעדסטו נישט ? — האָט רובינטשיק זיך דאַן צו איהם געווענדעט — דערצעהל, וואס דו מאכסט, ווי דיר געהט. . . וואַרט, וואַרט, אפריהער הער אוים, וואס איך האָב דאַן געטאָן . . . גלויב איך ניט דעם משוגע'נעם . . . דערנאָך אָבער רייד איך איבער מיט דיין טאַנטע : אפשר, האַ ? ערשטענס, פון וואַנען ווייסט ער וועגען יאָשקע'ן ; איך האָב מיט קיינעם וועגען יאָשקע'ן קיינמאָל נישט גערעדט. ווידער, פון וואַנען ווייסט ער, אז יאשקע איז מיין פּלימעניק און אז מיר האָבען שוין א יאָהר אכטצעהן נישט געהערט איינער פון דעם אנדערען ? נעהם איך מיין מאַשין און פאָהר

אָוועק צום משוגע'נעם אויף ריווערסייד־דרייוו, און דאָרט האָט ער מיר אַלסדינג דערצעהלט... ביזטו טאַקע א מיליאָ־נער, האַ?

— איך בין רייכער ווי אַמאָל, אַנקעל...

— אַבער א מיליאָנער, האַ? וואָס האָסטו מורא, אַז דו וועסט זאָגען דעם אמת? איך וועל דען ביי דיר אָפּנעהמען? צי בעטען אַ הלוואה? מיר פעהלט אויך ניט. א מיליאָנער איז יאָשקע, א מיליאָנער, גוואַלד! —— האָט ער זיך ווידער צו־וואָרעמט — קום, מיר וועלען זיך נאָך אַמאָל צוקושען.

און דערנאָך, ווען ער האָט זיך מיט איהם נאָך אַמאָל צוקושט, האָט ער פּלוצים א ברוגז'ע מינע געמאַכט.

— איך בין אַבער אויף דיר ברוגז — האָט ער געזאָגט.

— ברוגז? פאַרוואָס?

— איך האָב עס ביי דיר נישט פאַרדיענט.

— וואָס?

— וואָס הייסט, דו שעהמסט זיך מיט מיין נאָמען?...

— אַה!

— דיין אַנקעל האָט א שעהנעם נאָמען איבער גאַנץ אַמעריקאַ. רובינטשיק איז שעהנער ווי ראָבינס. דו האָסט עס נישט געדאַרפט טאָן, נישט געדאַרפט; דו האָסט מיך באַ־ליידיגט...

ראָבינס האָט גוטמוטיג א שמייכעל געטאָן און גע־ענטפערט:

— איך האָב מיין נאָמען געביטען צוליעב אייך, אַנקעל...

— צוליעב מיר?

— איך האָב געוואוסט, אַז איהר שעהמט זיך מיט מיר. האָב איך מיין נאָמען געביטען, כדי די וועלט זאָל זיך ניט אָנשטויסען, אַז איך בין אייערער א נאָהענטער קרוב און איהר זאָלט זיך ניט דאַרפען שעהמען. עני — האָט ער מיט אַמאָל זיך א קעהר געטאָן צו זיין קוזינע, וועלכע איז נאָך אַלץ דאָרט געשטאַנען נעבען פענסטער מיט'ן רוקען צו זיי — קום, וואָס שטעהסטו דאָרט? קום, דערצעהל דו אויך עפּעס...

עני, מיט שפּורען פון אויפרעגונג נאָך אויף איהר פנים, האָט זיך אומגעדרעהט צו איהם. דערנאָך האָט זי מיט אַן אנגענעהמען שמייכעל זיך אָנגערופען:

— וואָס ווילסטו וויסען?

— ערשטענס, לאָז מיך דיך גוט אָנקוקען. איך וויל זעהן וואָס פון דער קליינער ענני׳ן איז ארויסגעוואקסען . . .

— א גרויסער נאַר — האָט זי געזאָגט און זיך צולאַכט.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז צו די פיס.

— א גאַנץ שעהן מיידעל — האָט ער זיך אָנגערופּע מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

זי איז נישט לאַנג געקומען פון ברעדלי־ביעטש, וואו זי האָט זיך א צוויי חדשים אינ׳ם ים געבאָדען, האָט איהר לענג־ליכער פּנים אויסגעזעהען ברוין, פריש און גאַנץ אָנגענעהם; און אין איהרע גרויע אויגען, וואָס האָבען איצט פארשעהמט געקוקט אויף איהם, האָט א ליכטיג פייערל געפינקעלט; און אין גאַנצען, א הויכע, א שלאַנקע, מיט א פולען ביוסט, האָט זי געמאכט אַן אימפּאָזאַנטען איינדרוק אין דעם רייכען העלען קלייד, וואָס איז געלעגען ווי אויסגעגאָסען אויף איהר.

ראבינס האָט געטראַכט: „נישט זעהר שעהן, אָבער נישקשה. הלואי קריעג איך עפּעס אזא . . .”

ער האָט ווידער געזאָגט:

— דו ביזט שעהן, ענני! . . .

זי האָט די אויגען פארשעהמט ארונטערגעלאָזט און שטיל און אויפגערעגט א לאַך געטאָן.

— שעהן נאָך אויך! — האָט זי ארויסגעמורמעלט.

— שעהן איז מיין רוטקע — איז רובינטשיק פּלוצים מיט התפּעלות צו זיי צוגעלאָפען — אָט דאָס איז א מיידעל. אינגאַנצען אין מיר געראָטען. און זי, ענני, איז אינגאַנצען אין איהר מאַמע׳ן געראָטען . . .

— אויב זי איז אין איהר מאַמע׳ן געראָטען, וועט זי זיין א גוטע ווייב — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

— דו מיינסט, אז איהר מאַמע איז אזא גוטע? — האָט רובינטשיק ארויסגעבורטשעט.

— ווי ווייט איך געדענק, זעהר א גוטע . . . א שטילע, א רוהיגע . . .

— אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען — האָט רו־בינטשיק ארויסגעמורמעלט.

ענני, וועלכע האָט זיך איצט נאָכ׳ן קאָמפּלימענט דער־

פיהלט גוט אויפגעלעגט און מעהר פריי ווי פריהער, האָט מיט אַ שפּאַטישען שמייכעל אַנגעקוקט איהר פאָטער:

— דו האָסט נאָך טענות צו מאַמאַ'ן? — האָט זי ארויסגערעדט, — פּאַפּאַ, פאַרוואָס זאָל דזשאָו מיינען, אז דו ביזט ערגער ווי אויף־אָן־אמת?

— דזשאָו? וועלכער דזשאָו?

— מיך מיינט זי, אַנקעל, מיך. איך הייס: דזשאָו. האָט איהר פאַרגעסען? איך האָב דאָך אייך באַלד געזאָגט, ווי איהר זייט אריינגעקומען, אז איך הייס: דזשאָו — האָט ראַבינס זיך אָנגערופען, שטיקענדיג אין זיך דעם געלעכטער.

— דזשאָו? מיר געפעלט ניט דער נאָמען! — האָט רובינטשיק געזאָגט — וואס האָסטו זיך אויסגעקליבען עפּעס דעם נאָמען פון מיין ניגער, פון מיין שאָופער? ער הייסט אויך דזשאָו! האָסטו געהערט? מיין נאָמען שטעהט איהם נישט אָן צו האָבען, נאָר מיין ניגער'ס נאָמען יאָ, אָט דעם מיליאָנער...

ראַבינס און ענני האָבען זיך צולאַכט הויך אויפ'ן קול.

— איהר מעגט זיך לאַכען, און איך וועל דיך ניט רופען דזשאָו.

— רופט מיך יאָשקע — האָט ראַבינס הויך און פרעהלאַך געלאַכט.

— יאָשקע אויך ניט, — האָט רובינטשיק געענטפערט — פאַר אַ טרעמפּ, פאַר אַ האָלעדריגע, פאַר אַ משוגע'נעם סאָציאַליסט פּאַסט אפשר יאָשקע. אָבער פאַר אַ מיליאָנער... זאָל איך אזוי וויסען פון בייז, ווי איך ווייס, ווי אזוי איך זאָל דיך רופען. שאַ — האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן — איך ווייס שוין! איך ווייס שוין!

ראַבינס האָט זיך אויך אַ כאַפּ געטאָן.

— נו, ווי? — האָט ער זיך אָנגערופען, און פון זיינע שווארצע אויגען האָט געלעכטער געשפּר'יצט.

— דעם עסטרייכישען קעניג האָט מען גערופען פראַנץ־יאָזעף, וועל איך דיך רופען יאָזעף... און אזוי איז טאַקע דיין נאָמען אויך: יאָשקע־יוסף־יאָזעף, זשאָזעף... דו הערסט, זשאָזעף? דו הייסט זשאָזעף! — האָט רובינטשיק ערקלערט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט.

— הורריי! — האָט ענני אונטערגעכאַפּט, געלאַכט און

אונטערגעטאַנצט אויף די פיס — איז מיט פּאַפּאַ'ן ניט פרעהלאַד, דזשאָו ?

— זעהר פרעהלאַד.

רובינטשיק האָט אויך צופריעדען געשמייכעלט.

— אלל בעט יו, אז דיין פּאַפּאַ איז ניט קיין טויטע פגירה — האָט ער זיך אָנגערופען.

— פּאַפּאַ — האָט עני זיך פלוצים א כאַפּ געטאָן — מען דארף אָפּרופען דאַס הויז. טאַנטע שאָסקע וועט דאָרט משוגע ווערען און די מאַמא האָט דאָרט אויך ניט קיין גע־דולד, מסתמא . . .

— מען דארף טאַקע אָפּרופען, זשאָזעף, דיין טאַנטע שאָסקע האָט דאָך דיך שוין באַקלאָגט, געמיינט, אז דו ביזט שוין גאָר אויף דער ווייסער וועלט נישטאָ, — האָט רובינטשיק זיך א קעהר געטאָן צו ראָבינס'ען.

— ווער איז דאָס מיין טאַנטע שאָסקע ?

— שאָסקע. האָסטו גאר פארגעסען מיין שוועסטער שאָסקע'ן ?

ראָבינס האָט אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר גרויסע אויגען.

— שאָסקע איז דאָ ? זייט ווען ? איך האָב זי דאָך אי־בערגעלאָזען אין דער היים ? באלד נאָך איהר חתונה בין איך דאָן נאָך אמעריקא אוועק . . .

— הערסט ? האָט זיך דערמאָנט ! איהר מאן איז שוין א יאָהר זעכצעהן טויט, איז זי באלד דערנאָך געקומען צו מיר אין אמעריקאָ. אוי, האָב איך פון איהר צרות, זשאָזעף. משוגע אויף טויט. אין ווען האָט זי זיך איינגעגעבען ? אין אונזער משפחה זיינען, דאכט זיך, אלע שטילע, רוהיגע מענשען : איך, דיין טאַטע . . . און זי ? זאל גאָט זיך דער־באַרעמען. איך האָב פאר איהר מורא. איך זאָג דיר דעם אמת: ווי פאר פייער ציטער איך פאר איהר ! . . .

עני האָט קלוג א שמייכעל געטאָן.

— דער איינציגער מענש אין'ם הויז, פאר וועמען פּאַפּאַ האָט רעספּעקט . . .

— לעזט ראָמאַנען, רעדט פון ליעבע און קאָמאַנדעוועט מיט מיר. האָסטו שוין אויף דיין לעבען געזעהען אזא אידענע ?

— האָט רובינטשיק אויסגעשריען.

— און די קינדער דײַנע האָט זי אויסגעהאָדעוועט, און אויף דײַן שטוב גיט זי אַכטונג, און אויף דיר אַליין — האָט עני אונטערגעכאַפּט — זי זעהט, אַז דײַנע פּאַטיײטעלאָר זאָלען דיר נישט פעהלען ביי יעדען מאָהלצײַט...

— אמת! אמת! די איינציגע אין׳ם הויז, וואָס האָט מיך אין זינען; וואָס גיט אַכטונג אויף מיר; ווען ניט זי, אפשר, וואָלט איך שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען...

— און ווען ניט זי, וואָלסטו שטענדיג ארומגעגאַנגען הייזעריג...

— הייזעריג? פאַרוואָס?

— ווייל דו וואָלסט שטענדיג געשריען, און זי לאָזט דיך ניט — האָט עני געענטפערט און זיך צולאַכט.

רובינטשיק האָט בייז א קוק געטאָן אויף איהר.

— פון וועמען לאַכסטו, שיקסע?

ראָבינס האָט זיך אויך צולאַכט.

— זי קען אייך, אָנקעל! — האָט ער געלאַכט.

— זשאָזעף — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען — אסור אויב עס איז ווערט צו האָבען קינדער. דו זעהסט? — ער האָט איינגעבויגט צו איהם זיין נאַקעטען שאַרבען און א קלאַפּ געטאָן אויף איהם מיט א פינגער — זעהסט? ווי א באַראַבאַן, אָהן איין האָר אפילו! און ווער האָט מיינע שעהנע האָר אוועקגעבאַראַבאַנעוועט פון דאָרט? זיי, די זאָרגען, די דאגת חיונה וועגען ווייב און קינדער. און איצט לאַכען זיי פון מיר!

— ווער טשעפּעט דיך, פּאַפּאַ?

— ווען איך וואָלט אייך געלאָזט, וואָלט איהר מיך געטשעפּעט. איך לאָז אָבער ניט. נישט דייוויד רובינטשיק. איך האָב עס פיינט. און ווייטער זאָלסטו נישט לאַכען פון מיר, דו הערסט?

— גוט, פּאַפּאַ, אבער רוף איצט אָפּ דאָס הויז.

רובינטשיק איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

— בעדפאָרד! (ער האָט אָנגערופען דעם נומער פון זיין טעלעפאָן).

אין א ווײַלע ארום האָט ער גענומען ריידען אין טעלע־פאָן:

— אסתר? דאָס איז טאַקע ער! א מיליאָנער! אנגע־

שטאָפּט מיט מיליאָנען! א ראקעפעלער! מאַך דינער! און נעהם ארויף א פּאָר פלעשער שאמפּאַניער! הער! הער! הער! האָב צייט א ביסעל! גרייט פאר איהם אַן א רום. ער וועט וואוינען ביי אונז...

— אַנקעל — האָט איהם ראָבינס אונטערבראָכען — איך בלייב דאָ וואוינען.

— איך הער דיך ווי די קאַץ! — האָט איהם רובינטשיק געענטפערט, האלטענדיג זיינע ליפּען ביים טעלעפאָן, און גערעדט ווייטער: — נישט דיך מיין איך, אסתר, נאָר אַן אנדער קאַץ... וואָס? שאָסקע וויל ריידען? אלל רייט! העללאָ, שאָסקע! דאָס איז יאָשקע. א מיליאָנער! הא? וואָס?

ער האָט גענומען קלאַפּען מיט'ן רעהר אַן דעם הענטעל פונ'ם טעלעפאָן. דאַן האָט ער אויפגעהאנגען דעם רעהר אַן דעם הענטעל.

— האָט א געשריי געטאָן: „אי!" און האָט גע'חלש'ט אין טעלעפאָן, די משוגע'נע שאָסקע!...

— אַנקעל, וואָס איז אייך איינגעפאַלען, איך זאָל ביי אייך וואוינען? — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען.

— שוויג און רייד ניט, זשאָזעף! ביי מיר איז שעה־נער צו וואוינען ווי דאָ. אויפ'ן בולוואר, נישט ווייט פונ'ם פּארק. איין פלימעניק האָב איך און דו האָסט איין אַנקעל. טאָ זיי נישט קיין חזיר, מיליאָנער מיינער.

עני האָט זיך אויך אריינגעמישט:

— ווירקליך, דזשאָו, מיר האָבען גענוג פּלאַץ פאר דיר...

— ניין, ניין, איך בלייב דאָ...

— און אז דו וועסט זאָגען „ניין" פון היינט ביז איבער א יאָהר, וועט דיר עפּעס העלפען? — האָט רובינטשיק אויס־געשריען, — טו זיך אָן און קום. נאָך דיינע זאַכען וועלען מיר דערנאָך שיקען. רויכערסט? נאָ דיר א גוטען סיגאַר.

זיי האָבעןביידע פאַרויכערט.

— וועלל, איך מוז אייך פאָלגען — האָט ראָבינס דאַן ארויסגערעדט — באַזונדערס ווען דו, עני, בעטעסט מיך. האָסטו שוין א חתן?

עני איז רויט געוואָרען.

— איך געפעהל קיינעם ניט — האָט זי געענטפערט מיט א שמייכעל.

— דאָס גלויב איך ניט.

— אמת! — האָט זיך רובינטשיק אריינגעמישט — זי האָט ניט קיין שכל ווי צו כאַפּען אַ באַי. טויזענד מאָל האָב איך איהר שוין געזאָגט: „דו שטעלסט ניט אוועק ריכ־טיג די פּאַסטקע פאַר די מייז"...

— אָה, פּאַפּאַ! — האָט עני זיך אַ צאַפּעל געטאָן און איהרע אויגען זיינען פאַרלאָפען מיט טרעהרען.

— דאָס איז דאָך אַן אייגענער מענש, מעג מען דאָך פאַר איהם זאָגען דעם אמת... אז דו טויגסט פאַרט ניט פאַר דעם... רוטקע וואָלט שוין הונדערטער באַיעס געהאַט אין פּאַסטקע, ווייל זי האָט שכל...

— וואָס פאַסטקע? וועז פאַסטקע? — האָט זי אויס־געשריען שיער ניט מיט טרעהרען אינ'ם קול.

— וואָס דען איז דאָס? ווען אַ באַי האָט חתונה מיט אַ מיידעל, פאַלט ער נישט אריין אין אַ פאַסטקע? זיין לעבען איז דערנאָך קאַפּוט, פאַרפאַלען, נישט ארויסצורייסען זיך פון דער פאַסטקע לעולם ועד. נישט אַזוי, זשאָזעף?

ראַבינס האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— און איך בין געקומען אהער זוכען אזא פּאַסטקע...

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין... פּשוט חתונה צו האָבען...

אי רובינטשיק, אי עני האָבען איהם אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— וואָס מיינסטו, זשאָזעף? דו ביזט נאָך אַ סינגעלמאַן? איך האָב טאַקע זיך גאָר פאַרגעסען צו פרעגען ביי דיר וועגען דיין פאַמיליע — האָט רובינטשיק ארויסגערעדט פאַרוואונ־דערט.

— איך האָב ניט קיין פאַמיליע, און בין געקומען נאָך ניו יאָרק טאָן אַ שידוך...

— אַזוי גאָר? — האָט רובינטשיק שטיל ארויסגעמור־מעלט, שנעל אַ קוק געטאָן אויף עני'ן מיט אַ באַזונדערען בליק און אַזוי שנעל פון איהר דעם קאָפּ אוועקגעדרעהט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אז זיינע אויגען זאָלען ניט פאַרראַטען דעם געדאַנק, וואָס האָט פּלוצים אין זיין מוח אויפגעבליצט...

און אין אַ ווייל'ע ארום זיינען זיי אַלע זאַלבעדריט געזע־

סען אין רובינטשיק'ס מאַשין און זיינען געפאָהרען נאָך ברוקלין.

זיצענדיג אין דער מאַשין האָט רובינטשיק אַפריהער גערעדט יוענען פאַרשיידענע זאַכען און עני האָט פאַר'גנב'עט־טערהייט געוואָרפען געהיימע בליקען אויף ראַבינס'ן, וועל־כער, פון זיין זייט, האָט אויך פון צייט צו צייט אַ פאַר־גנב'עטען בליק איהר צוגעוואָרפען. און מיט אַמאָל האָט רובינטשיק, כלומרשט ווי גאָרנישט מיינענדיג, גענומען לויבען עני'ן אין הימעל אַריין און האָט אויסגערעכענט וויפיעל יונגעלייט, שיעור ניט קיין מיליאָנערען, האָבען זיך גע־שדכ'ט צו איהר און פאַרוואָס זי האָט זיי ניט געוואָלט. ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען, וואָס ער האָט פריהער אין האָטעל געזאָגט בנוגע דעם דאָזיגען ענין...

עני, מיט אַן אָנגעצונדענעם פּנים און צעמישטע אויגען, האָט געטראַכט: „גוואַלד, זיין לויבען לעגט מיך אין דר'ערד אַריין!"

און ראַבינס האָט אין הארצען געלאַכט און געטראַכט: „אַי, איז דאָס אַ טיפּ!"...

5.

רובינטשיק'ס הויז האָט זיך געפונען אין ברוקלין, אויף דעם פּרעכטיגען בולוואַרד, אַ צוואַנציג מינוטען גאַנג פון פּראָספּעקט פּאַרק. דאָס ווייסע, צוויי־שטאָקיגע הויז, מיט אַ סך פענסטער, האָט געהאַט איין גרויסען, ווייסען גאַניק אונטען, פאַר דעם אַריינגאַנג אין הויז, און אַ צווייטען, אַ קלענערען, מיט אַ גלעזערנער טיר, ווי אַ גרויסער פענסטער, אויבען, פאַר דעם צווייטען שטאָק.

דאָס דאָזיגע ווייסע הויז האָט פרעהליך אַרויסגעקוקט אויף די הויכע, טונקעלע בוימער, וואָס זיינען געלאָפען אין צוויי רייהען אויףביידע זייטען פון דעם בולוואַרד.

אויף דעם גאַניק אונטען האָבען זיך צוויי פרויען באַווי־זען — אַן עלטערע און אַן אינגערע. די עלטערע איז געווען רובינטשיק'ס פרוי, אסתר, און די אינגערע — זיין שוועסטער — טאַנטע שאָסקע.

טאַנטע שאָסקע, קליין און מאָגער, מיט אַ צעפלאַמטען פּנים, אַזוי ווי זי וואָלט שטונדען־לאַנג פאַר אַ ברענענדיגען אויווען געשטאַנען, אין אַ טונקעל־גרינעם, סאַמעטענעם קלייד,

מיט אַ ווייסען באַנד אַרום דער טאַליע, — איז אַרונטער־געלאָפען פונ'ם גאַניק מיט אַזאַ אימפעט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך נאָך אימיצען געיאָגט. האָט זיך דאָרט אָוועקגעשטעלט אונטער די ביימער, וואו אַ פאַר'סוד'עטע האַלב־טונקעלקייט האָט געשוועבט, און זיך איינגעגעסען מיט אויפגערעגטע אויגען אין דער זוניגער גאָלדענער ווייטקייט, וואָס האָט דאָרט געגלאַנצט, וואו קיין ביימער זיינען ניט געווען און פון וואַנען אויטאָמאָבילען האָבען זיך געטראָגען...

זי האָט פאַרריסען הויך דעם קאָפּ און אויף די שפּיץ־פינגער זיך אָוועקגעשטעלט און געקוקט און געקוקט. און אין דער דאָזיגער פּאָזע האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער פויגעל, וואָס וועט אָט־אָט, דאַכט זיך, צעשפּרייטען זיינע פליגעל און זיך אָוועקגעטראָגען דורך דער פאַר'חלומ'טער טונקעלקייט פון די ביימער אין דער זוניגער גאָלדענער העלקייט, וועלכע רופט צו זיך...

אסתר — אַ הויכע, דיקע פרוי, מיט גרויע האָר און אין אַ העלען קלייד — איז געבליבען שטעהן אויפ'ן גאַניק און האָט איהר נאָכגעקוקט מיט אַ גלעזערנעם, רוהיגען שמייכעל.

— דאָס איז ניט גלאַט! — האָט טאַנטע שאָסקע זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן און גענומען לויפען צוריק צום גאַניק — ניט גלאַט, אסתר, ניט גלאַט... עס האָט עפּעס געטראָפען. דאָס האַרץ זאָגט מיר...

— משוגע'נע שאָסקע! — האָט אסתר זיך אָנגערופען מיט איהר גלעזערנעם, רוהיגען שמייכעל.

— אַזוי לאַנג ווי ער האָט טעלעפאָנירט, אַז זיי פאָהרען אַרויס...

— ווי לאַנג, מיינסטו?

— אפשר אַ שטונדע...

— קיין פערטעל שטונדע נאָך נישטאָ...

— דו ביזט משוגע...

— איך בין משוגע? — האָט אסתר רוהיג געזאָגט — זאָל זיין, אַז דו ביזט גערעכט. ווי זאָגט יענער? משוגעים בלייבען תמיד גערעכט ביי זיך.

— קאַלטע קוזיניע! — האָט שאָסקע זיך אָנגעצונדען — ווי קען אַ מענש זיין אַזוי רוהיג...

אסתר האָט געלאָזען אַ שמייכעל געטאָן:

— ווילסט זיך קריגען ? קום אין הויז אריין. דאַ איז ניט שעהן.

און זי איז מיט רוהיגע טריט אריין אין הויז.

שאַסקע איז נאָך א ווײַלע געשטאַנען אויפ׳ן גאַניק און האָט ארויסגעקוקט אויף די אויטאָמאָבילען : דערנאָך האָט זי נערוועז א ציה געטאָן די אַקסלען און איז אריינגעלאָפען אין הויז.

— איכ׳ל פון זינען ארונטער ! — האָט זי זיך אנגערוּ־פען נערוועז צו אסתר׳ן, וועלכע איז דאָרט איצט געשטאַנען אינ׳ם עס־צימער און האָט באַטראַכט דעם געגרייטען טיש.

— דאָס קענסטו טאָן, אז דו ווילסט, נאָר חלש ניט — האָט אסתר ארויסגערעדט, ווי א קאַלטע גזלנ׳טע, נישט אומ־קוקענדיג זיך אפילו אויף איהר.

— הער אויף ! — האָט שאַסקע אויף איהר א געשריי געטאָן — איך האָב איצט קיין געדולד ניט פאַר דיינע חכמות.

— איצט האָסטו קיין געדולד ניט ? נו, יאַ, ווי זאָגט יענער ? אַהן געדולד איז שלעכט. ווען אָבער האָט שאַסקע יאַ געדולד ?

זי האָט זיך שטיל און גוטמוטיג צולאַכט :

— נאַרישע פרוי, ווען מען זאָגט אַז, אַז א פּלימעניק קומט, דאַרף מען דען חלש׳ען ?

— ביי מיר איז ער פון טויט לעבעדיג געוואָרען — האָט שאַסקע זיך צוהיצט — דו פאַרשטעהסט, דו קאַלטע קוזניע, דו אייז־קעלער ? איך האָב שוין זייט יאָהרען ניט געטראַכט מעהר פון איהם, כמעט איהם אין גאַנצען פאַרגעסען. און נעכטען, מיט אמאָל : יאַשקע לעבט ! איך האָב דען די נאַכט צוגעמאַכט מיט אַן אויג ? ער איז דען מיר פונ׳ם קאָפּ ארויס ? קיין געדולד נישט געהאַט אפילו מיין ראָמאַן צו ענדיגען. דו זעהסט ? אפילו איצט... איך רייד מיט דיר און ער פלאַנטערט זיך מיר פאַר די אויגען... אַט־אַט, דאַכט זיך, איך זעה איהם... אַן עדעלער פּנים, א מאָגערינקער, מיט א קאָפּ שווארצע, געקרויזטע האָר און מיט אַזעלכע אויגען. אַזש זיי ברענען אויס די הערצער ביי די מיידלעך... היינט ווי שעהן עס האָט צו איהם געפּאַסט דער גימנאַזיסטישער מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּלעך, ווי אַז אָפיציער האָט ער

אין דעם אויסגעזעהן ! הייגט גוט איז ער געווען... ער וואָלט נאָר געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין געבילדעט און גליקליך... געלערענט מיט מיידלעך און באַיעם אהן אַ גראַשען געלט. מיט מיר האָט ער אויך געוואָלט לערנען, נאָר איך האָב קיין צייט ניט געהאַט, ווייל איך בין דאַן געווען אַ פּריקאַש־ציצע ביי הורוויטש'ען אין גאַלאַנטעריינעם מאַגאַזין און איך בין פאַרנומען געווען פון אין־דער־פריה ביז שפּעט ביינאַכט. ווען ניט דאָס, וואָלט איך אויך געווען אַ געבילדעטע. דערפאַר אָבער שבת, ווען איך פלעג איהם אַמאָל טרעפען ביי אונז אויפ'ן הויף, איז געווען אַ פאַרגעניגען. ער פלעגט מיר אַלע מאָל דערצעהלען, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך : ווי די וועלט פיהרט זיך און ווי זי דאַרף זיך פיהרען... אַלע מאָל גערעדט אַזוי קלוג, אַזוי געבילדעט, אַז איך אַליין בין שיער ניט געוואָרען אַ סאָציאַליסטקע.

שאַסקע האָט זיך מיט אַמאָל צולאַכט :

— און איך בין דאָך טאַקע אויף אַ ווייַלע געוואָרען אַ סאָציאַליסטקע, זאָלען מיר אַזוי אַלע לעבען, אסתר ! פאַר מיין חתונה האָב איך הורוויטש'ן ערקלערט אַ סטרייק ! צוויי רובעל מעהר אויפ'ן חודש, אַניט אַרבייט איך ניט ! נו, מיינסטו, אַז איך האָב ניט אויסגעפיהרט ? זאָלען מיר אַלע אַזוי לעבען ! ער האָט מיר טאַקע מוסיף געווען די צוויי רובעל אויפ'ן חודש, נאָר איך האָב געדאַרפט יעדען טאָג איין שטונדע מעהר אַרבייטען אין מאַגאַזין. און דאָס איז אַ דאַנק יאַשקע'ס אויפקלערונג.

— אַ שעהנע „אויפקלערונג" — האָט אסתר זיך שטיל צולאַכט — הלואי קלערט אויף אימיצער אַזוי אונזערע אַרבייטער. מיר וואָלטען זיי אַביסעל מעהר געהעכערט ווי צוויי רובעל אויפ'ן חודש, ווען זיי זאָלען וועלען אַרבייטען יעדען טאָג איין שטונדע מעהר.

— נו, וואָס פאַר אַ ווערדע איז ביי מיר צו אַרבייטען ? — האָט שאַסקע זיך אָנגערופען — דו ווייסט דאָך. אָבער מיר רעדען דאָך וועגען יאַשקע'ן — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — איך האָב פאַר איהם גרויס אָפּשיי געהאַט, כאָטש איך בין זיין טאַנטע געווען. אַלע האָבען פאַר איהם אָפּשיי געהאַט, אפילו זיין מאַמע. און ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען, האָב איך זיין מאַמע'ן געהאָלפען וויינען. עס קען זיין, אַז זי

איז, נעבאך, געשטאָרבען פאר בענקעניש נאָך איהם. אז אלמנה איז זי אויך געווען...

— דו האָסט עס מיר שוין היינט דערצעהלט — האט אסתר זי פּלוצים איבערגעשלאָגען מיט א רוהיגער מינע — און נעכטען, דאכט זיך, אויך.

— דו ווילסט נישט הערען? — האט שאָסקע זיך גע־טאָן א כאַפּ מיט א באליידיגטער מינע — וועסטו פון מיר ניט הערען מעהר קיין וואָרט.

— הלואי.

— זעה נאָר, ווי רוהיג! — א פּלימעניק איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען און נאָך אזא פּלימעניק, א מיליאָנער! — האט שאָסקע ארויסגערעדט אונטער דער נאָז — און זי? א שטיק אייז!

— אט באלד פאַל איך אין חלשות, ווי דו!...

— ביי מיר איז בלוט ניט וואסער! — האט שאָסקע א געשריי געטאָן.

— וואָס שרייסטו? דו האָסט דאָך געזאָגט, אז איך וועל מעהר פון דיר ניט הערען קיין וואָרט.

שאָסקע האָט איהר ניט געענטפערט. זי האט אויפגע־רעגט א קוק געטאָן אויף איהר און מיט כעס א כאַפּ געטאָן פון אונטען א ברעג פון איהר קלייד, אזוי, אז די שפּיצען פון איהר ווייסען אונטערקלייד האבען ארויסגעקוקט און זיך גע־לאָזט לויפען אויף די טרעפּ, וועלכע האבען געפיהרט צום צווייטען שטאָק.

דאָרט, אויבען, איז זי אריינגעלאָפען אין צימער, וואָס האָט געהאט די גלעזערנע טיר צום גאַניק, איז געבליבען שטעהן, האָט מיט איין שנעלען בליק ארומגענומען דעם גאַנ־צען צימער: די ווענט, די סטעליע, דעם דיל, די גלעזערנע טיר צום גאַניק, די ווייסע פאָרהאַנגלעך, וואָס האבען זיך שטיל באַוועגט אויף די אָפענע פענסטער, און די שטיקער מעבעל. דאן האט זי מיט אן אימפּעט זיך א כאַפּ געטאָן צו די שטוי־לען, איבערגעשטעלט זיי, איבערגערוקט דעם קליינעם טישעל און, צום סוף, דאָס גרויסע ווייסע בעט.

דעם דאָזיגען צימער האט זי דאָס צוגעגרייט פאר ראָ־בינס׳ן.

פריהער איז דאָס געווען א „סיטינג־רום״, האָט זי, גענען

אסתר׳ס ווילען, איצט פון דעם געמאַכט אַ שלאָף־צימער פאַר יאַשקע׳ן.

באַלד ווי אסתר האָט זי אַפּגעמינטערט, האָט זי מיט איהר געהאַט אַ שטיקעל „שמועס” וועגען דעם צימער פאַר דעם גאַסט. אסתר האָט געזאָגט, מען זאָל איהם געבען דער־וויל רוטי׳ס צימער, אַזוי לאַנג ווי רוטי איז אין קאַונטרי: און שאַסקע האָט ערקלערט: זי וועט ניט לאָזען, מען זאָל זיך מיט איהם אַרומוואַרפען הייַנט אין דעם רום און מאָרגען. ווען רוטי וועט קומען — אין אַן אַנדערען. דאָס וועט זי ניט דערלאָזען! זי וועט פאַר איהם צוגרייטען דעם סיטינג־רום אויבען. האָט אסתר געזאָגט: „דו ביזט משוגע, שאַס־קע!” האָט שאַסקע אויף דעם געענטפערט: „ביז איך משוגע! אַ נייעס זאָגט זי מיר!” האָט ניט געוואָלט מעהר הערען אסתר׳ן און מיט אַן אימפּעט אוועקגעלאָפען אַרויף די טרעפּ... און אַ ווייַלע שפּעטער, ווען אסתר איז אין יענעם צימער אַרייַנגעקומען, טאַקע אין דעם „סיטינג רום”, זייַנען די פריהערדיגע שטיקלעך מעבעל שוין דאָרט ניט גע־שטאַנען, די פריהערדיגע פאַרהאַנגלעך פון די פענסטער זייַ־נען געווען אַרונטערגענומען און שאַסקע האָט דאָרט פאַרבעט אַ גרויסע, ווייסע בעט, וואָס זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַן אַנדער צימער.

— זעה נאַר, וואָס פאַר אַ חורבן זי האָט דאָ געמאַכט! — האָט אסתר זיך אָנגערופען.

— געה, געה, שטער ניט! — האָט שאַסקע אויף איהר אָנגעשריען, אַ כאַפּ געטאָן אַ קלאָר־ווייסע קישען פון דעם בעט־צוקאָפּענס, האָט גענומען קלאַפּען איבער דעם מיט ביידע פויסטען, ווי איבער אַ פּויק, אַ רוק געטאָן דאָס צוריק אין דעם הויכען בעט־צוקאָפּענס אַריין און אַרויפגעוואָרפען אויף דעם אַ ווייסע געשטריקטע דעקע.

— האָב איך שוין גאָר קיין דעה ניט? — האָט אסתר דאָן רוהיג געפרעגט.

שאַסקע האָט איהר שנעל געענטפערט:

— איך האָב קיין צייט ניט צו ריידען מיט דיר!

האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טעפּיך פון׳ם דיל און איהם אַרויסגעשלעפּט פון׳ם צימער און האָט זיך באַלד צוריקגע־

קעהרט מיט אַן אַנדערען, אַ קלענערען, וואָס זי האָט אַ וואָרף געטאָן פאַר'ן בעט.

האָט אסתר דאַן איינגעזעהן, אַז איצט, ווי אַלע מאָל, וועט בלייבען ווי שאָסקע וויל, היינט צו וואָס זאָל זי אומ־זיסט ארויסוואַרפען רייד, און זי האָט נאַר געזאָגט:

— משוגע'נע, פאַרוואָס הייסטו ניט דער דיענסט זי זאָל דיר העלפען?

— וואָלטען מיר דאַן מסתמא פאַרטיג געוואָרען ערשט מאָרגען! — האָט שאָסקע פאַרסאָפּעט געענטפערט. אַ כאַפּ געטאָן אַ שטול, אַ שטעל געטאָן איהם מיט געפּילדער נעבען אַ פענסטער, איז ארויפגעשפּרונגען אויף איהם מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ און גענומען אַנהענגען אַ פאַרהאַנג אויף דעם פענסטער און באַלד איז זי שוין געשטאַנען נעבען דעם אַנדערען מיט אַ צווייטען פאַרהאַנגעל. און דאָס אַלצ־דינג האָט זי געטאָן מיט אַזאַ ברען און אימפּעט און אַזוי שנעל, דאָס אסתר האָט אַ טראַכט געטאָן:

„ווי זאָגט יענער? שאָסקע! צוואַנציג רוחות וואָלטען זי ניט געקאָנט אַניאָגען אין דער ארבייט".

אין וועניגער פון אַ האַלבער שעה, זינט רובינטשיק האָט אַנגעזאָגט דורכ'ן טעלעפאָן, אַז זיי קומען, האָט שאָסקע צו־געגרייט דעם צימער און עס איז נאָך בייא איהר געבוג צייט פאַרבליבען צום איבערטאָן זיך און ארויסצולויפען אין דרויסען, צו זעהן, אויב זיי פאָהרען און „איבערצושמועסען" זיך נאָך מיט אסתר'ן.

איצט, ווען שאָסקע איז ווידער אריין אין „יאשקע'ס רום", ווי זי האָט עס שוין גערופען אין איהרע געדאַנקען, איז זי געבליבען ניט צופרידען מיט איהם. עפּעס האָט זיך דאָס צימער איהר אויסגעוויזען ניט גרויס גענוג, ניט ליכטיג גע־נוג. די ווענט וואָלט זי פאַנאַנדערגעשטופּט, ווען זי וואָלט געקענט, אַז עס זאָל גרעסער ווערען. דערפאַר האָט זי נאָך אַמאָל איבערגערוקט די שטולען, דעם קליינעם טישעל און דאָס גרויסע בעט...

זי האָט איצט בלויז געטראַכט פון יאשקע'ן און ווי אַזוי צו מאַכען, אַז ער זאָל זיך פיהלען באַקוועם אין דעם דאָזיגען הויז. און נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען איהר פלי־

מעניק, נאָר נאָך מעהר דערפאַר, ווייל ער איז געווען י ע ־ נ ע ר י אַ ש ק ע פ ו ן ד ע ר ה י י ם...

דער אַלטער דרך ארץ צו דעם אַמאָליגען יאַשקע'ן, צו דעם גימנאַזיסט מיט די גאָלדענע קנעפּלעך, און צו דעם סאָציאַליסט וואָס האָט געלערענט מיט אַנדערע און „אויפגעקלערט" זיי, ווען וועלכע זי און איהרע אַמאָליגע חבר'טעס אין דערהיים האָבען זיך געסוד'עט, אַז דאָס איז אַ יונגערמאַן „גאָר אַן אויסנאַהם", אַ שאָד נאָר, וואָס ער וועט, מסתמא, פאַרלאָרען געהן אויף קאַטאָרגע, ווי אַנדערע סאָציאַליסטען — אַט יענער דרך ארץ פון דעם פאָלקס־מענשען צו דעם געבילדעטען, דעם ניט־געוועהנליכען, האָט נאָך געלעבט אין איהר. בפרט נאָך, ווען יענער יאַשקע האָט זיך צוריקגעקעהרט אַזוי ווי פון יענער וועלט, אַ מיליאָנער!

און אַז זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם, אַז ער קומט אַ מיליאָנער, האָבען טרערען זי גענומען שטיקען פאַר פריידיגער אויפרעגונג. אַזוי ווי דער גוטער העלד מיט די אַלע מעלות פון דעם ראָמאַן, וואָס זי האָט איצט געלעזען, וואָלט מיט מיליאָנען באַלוינט געוואָרען פאַר זיינע גוטע מעשים!...

בכלל איז שאָסקע געווען אַזאַ מענש, וואָס וואָלט נאָר באַלוינט די גוטע: סאַי די גוטע העלדען אויף דער ביהנע און סאַי די ניט ערגערע העלדען אין די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלעזען מיט אַזאַ חשק. נאָך זיי איז איהר האַרץ אויסגעגאַנגען, טרערען איבער זייערע יסורים פאַרגאָסען און זי האָט גערעדט פון זיי נאָכאַנאַנד צו אסתר'ן, צו עני'ן, צו רוטי'ן, צו דער אידישער דיענסט אין הויז, צו אַנדערע באַקאַנטע פרויען. און, ווי אסתר האָט דערצעהלט, האָט זי אַמאָל וועגען זיי גערעדט אפילו פון שלאָף אויך...

איז איהר אַ פּיעסע אין אידישען טעאַטער געפעלען געוואָרען, איז זי געגאַנגען זי זעהן עטליכע מאָל. נאָך דעם ערשטען מאָל זעהן האָט זי יעדעסמאָל ערקלערט די מענשען אַרום איהר אין טעאַטער, מיט התפעלות, הויך אויפ'ן קול, וואָס קומט ווייטער אין דער האַנדלונג: וואָס דער העלד וועט איצט טאָן, וואָס יענער וועט טאָן, ווי די העלדין וועט איצט האַנדלען און אַמאָל האָט זי אונטערגעזאָגט די אַקטיאָרען זייער „פּראָזא" אויך אויף אַזאַ קול, וואָס האָט איבער־

געהילכט אפילו די שטים, וואָס האָט זיך געטראָגען פון דעם סופליאָר׳ס בודקע...

דערביי אָבער האָט זי תמיד מיטגעפיהלט, מיטגעוויינט און מיטגעלאַכט מיט די העלדען אויף דער ביהנע, האָט זיי עצות געגעבען אין די געדאַנקען, וואָס זיי זאָלען טאָן, ווי אַזוי זיי זאָלען האַנדלען און עס האָט איהר אויף אַן אמת וועה געטאָן, למאי זיי האַנדלען אַזוי נאַריש און זי איז באַגייסטערט געוואָרען און אַפּלאָדירט אַזוי, ביז די הענט זיינען איהר אויפגעלאָפען פון קלאַפּען, ווען זיי האָבען געהאַנדעלט ריכטיג, ווי עס באַדאַרף צו זיין, נאָך איהר מיינונג...

אַזוי אויך האָט זי זיך פאַרהאַלטען צו די העלדען פון די ראָמאַנען וואָס זי האָט געלעזען.

פאַר איהר זיינען דאָס ניט געוועזען קיין אויסגעטראַכטע זאַכען, נאָר די ווירקליכקייט, וועלכע איז געוועזען ווירקליכער און אינטערעסאַנטער אַלס דאָס לעבען אַרום איהר: די ווירקליכקייט, וואָס האָט געמאַכט קלאַפּען שטאַרקער איהר האַרץ, געצונדען איהר פאַנטאַזיע און געוועקט רחמנות, ליעבע און פרייד אין איהר האַרצען, בפרט ליעבע...

וואָרים פון ליעבע איז אין איהר האַרצען געוועזען אַ גאַנצער קוואַל. ווען איהר מאַן וואָלט געבליבען לעבען און זי וואָלט קינדער געהאַט, וואָלט זי אויף זיי דעם דאָזיגען קוואַל אויסגעגאָסען; אָבער ווען זי איז געבליבען, — ווי זי האָט זיך אַמאָל פאַר אסתר׳ן אויסגעדריקט אין אַ מינוט פון פאַרצווייפלונג — „ווי אַ פאַרדאַרט בוימעלע, נעבאַך, וואָס קען ניט טראָגען קיין פרוכטען" — האָט זי געזוכט אויסצוגיסען דעם קוואַל פון איהר ליעבע אויף אַנדערע. זי האָט אַ באַדערפעניש צו דעם געהאַט, פונקט ווי די בלום אויסצוהויכען איהר דופט...

אַז זי איז אין אַמעריקא געקומען, האָט זי זיך גלייך צוגעבונדען צו איהר ברודער׳ס קליינע קינדער און אויף זיי איהר ליעבע געגאָסען. ווען זי וואָלט ניט געקומען צו איהר רייכען ברודער און וואָלט אין אַ שאַפּ אָװעק אַרבייטען, קען זיין, אַז זי וואָלט עמיצען געטראָפען, מיט וועמען זי וואָלט אפשר דערנאָך חתונה געהאַט. דער ברודער אָבער האָט זי אין שאַפּ ניט געלאָזט געהן, איז זי געבליבען ביי איהם אין הויז. און אַזוי ווי זי האָט געמוזט עפּעס טאָן, האָט זי גענומען

פיהרען די ווירטשאַפט אינ׳ם הויז. און אַזוי ווי זי האָט גע־מוזט ליעבען, האָט זי דעם ברודער׳ס קינדער געליעבט, דעם ברודער אַליין, דעם מטורף, ווי זי האָט איהם גערופען, און זיין פרוי אסתר.

מען האָט איהר געפּרובט ריידען שדוכים, איז א שידוך מיט אַן אָרימען אַרבייטער דעם ברודער ניט אָנגעשטאַנען און אַ ביזנעסמאַן האָט איהר ניט געוואָלט. איז זי אַזוי געבליבען.

און האָבען עמיצען, וועמען זי זאָל ליעב האָבען מעהר ווי אַלעמען אויף דער וועלט — נאָך דעם איז אַ לאַנגע צייט. ממש, איהר דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען: איז זי דאַן שטי־לערהייט צו אַ קאָרטענוואַרפערקע געלאָפען און אויף איהר מזל ביי די קאָרטען זיך נאָכגעפרעגט. און איינמאָל, ווען זי האָט דערהערט פון דער דיענסט, אַז עס איז פאַראַן אַזא „פּראָפעסאָר", וואָס פאַרקויפט ליעבעס־פּראָשקעס, איז זי שטילערהייט, בסוד פון אַלעמען אינ׳ם הויז, צו איהם גע־לאָפען.

אָבער דער דאָזיגער פּראָשעק איז געבליבען ליגען ביז היינטיגען טאָג פאַרבאַהאַלטען אין א שופלאָד, ווייל יענער מאַן, פאַר וועמען זי האָט עס געדאַרפט נוצען, איז נאָך ביז היינט נישט געקומען...

האָט דאַן דאָס לעבען, וואָס האָט געקאָכט אין איהר, באַ־פרידיגונג געזוכט אין דער ווירטשאַפט; זי האָט אַריינגענו־מען מיט א מין עקשנות דאָס הויז אין איהרע הענט און האָט עס געפיהרט, ווי זי האָט געוואָלט; זי איז געוואָרען די גאַנ־צע בעל הבית׳טע פונ׳ם הויז, און איהר ווילען האָט געמוזט נאָכגעבען אפילו איהר ברודער, דער עקשן.

די קינדער, עני און רוטי, זיינען צוגעבונדען געווען צו „טאַנטע שאָסקע" מעהר אפילו ווי צו זייער מוטער, ווייל די שטילע אסתר האָט קיינמאָל איהר ליעבע אַזוי שטורמיש נישט אַרויסגעוויזען צו איהרע קינדער ווי טאַנטע שאָסקע.

שאָסקע האָט איהר ליעבע אויף זיי געגאָסען און אויף די העלדען פון די ראָמאַנען און אויף די העלדען פון דער ביהנע, און אפילו אויף דער קאַץ, וואָס האָט מיט עטליכע טעג צוריק זיך געקעצעלט און פאַר וועלכע שאָסקע האָט אין קעלער א געלעגער אויסגעבעט פון שטרוי און א זאַק, און נאָך גענוג ליעבע איז אין איהר האַרצען פארבליבען פאַר יאָשקע׳ן אויך...

6.

זי האָט פּלוצים דערהערט אַ פּייפּען פון אַן אויטאָמאָביל פאַר'ן הויז. זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, איז צוגעלאָפען צו דער גלעזערנער טיר, האָט מיט אימפּעט זי אַ שלעפּ געטאָן און איז אויפ'ן גאַניק אַרויסגעלאָפען. זי האָט דערזעהן רובינ־טשיק'ס מאַשין, און אויף איהר איז געזעסען חוץ עני'ן און רובינטשיק'ן נאָך אַן אומבּאַקאַנטער שעהנער דזשענטעלמאַן.

— און וואו איז יאַשקע? — האָט שאַסקע אַ טראַכט געטאָן צומישט.

דער אומבּאַקאַנטער איז דער ערשטער אַרונטער פון דער מאַשין און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו עני'ן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן זיין אָרעם און איז אַרונטערגעשפּרונגען.

„זאָל דאָס זיין ער?" — האָט שאַסקע ווידער אַ טראַכט געטאָן.

און דאַ האָט רובינטשיק זי פּלוצים באַמערקט, בעת ער איז פון דער מאַשין אַרונטער, און מיט התפּעלות צו איהר אַרויפגעשריען:

— שאַסקע, דו דערקענסט איהם?

און אַ קעהר טוענדיג זיך צו ראַבינס'ען, האָט ער מיט דעם אייגענעם טאָן צוגעלעגט, אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף שאַסקע'ן:

— דזשאָזעף, דו דערקענסט זי?

ראַבינס האָט אַרויפגעקוקט צו איהר.

— העללאָ, שאַסקע! האָט ער צו איהר אַרויפגעשריען פריי און פרעהליך.

אַזוי ווי עמיצער וואָלט איהר אַ שטאַרקען שטויס אין האַרצען געגעבען.

„אָי, מאַמע, דאָס איז טאַקע ער!" — האָט עפּעס אַ קוויטשע געטאָן אין איהר, און זי איז אַריינגעלאָפען צוריק אין זיין צימער, האָט געכאַפּט דאָרט אַ צומישטען בליק אינ'ם שפּיגעל און דערנאָך זיך געלאָזט לויפען דורך די צי־מערען און אַרונטער די טרעפּ...

באַלד האָט זי איהם דערזעהן אינ'ם קאָרידאָר אונטען. ער איז געשטאַנען נעבען אסתר'ן, האָט געהאַלטען איהר האַנט

און פרעהלאך געשמייכעלט צו איהר. ארום זיי זיינען געשטאַ־נען רובינטשיק און ענני, ביידע מיט שטראַהלענדיגע פּנים׳ער.

און, מאַדנע, שאַסקע האָט זיך ניט א וואָרף געטאָן צו איהם מיט א געשריי „יאַשקע", ווי מען וואָלט עס געקענט פון איהר ערווארטען, נאָר, פארקעהרט, זי איז געבליבען שטעהן פּלוצים צוטומעלט, פארלאָרען, ווען זי איז געווען נאָהענט פון איהם און זי האָט איהם גערארפט באַגריסען.

דער אמאַליגער דרך ארץ צו איהם, פארשטאַרקט נאָך פון זיין איצטיגען זעהר פאַרנעהמען אויסזעהען, האָט איהר דרייסטקייט געליימט, האָט אזוי ווי העגט און פיס און צונג איהר געבונדען...

זי איז געשטאַנען, האָט געקוקט אויף איהם מיט א צו־טומעלטען שמייכעל און פונ׳ם אָרט זיך ניט געריהרט.

ראַבינס האָט זי באמערקט און זיך א לאָז געטאָן צו איהר מיט א ברייטען שמייכעל און אויסגעשטרעקטער האַנט.

— העללאָ, שאַסקע!...

זי האָט גענומען זיין האַנט, געקוקט אויף איהם א ווייל־ע און קיין וואָרט נישט ארויסגעבראַכט.

— פּאַרוואָס צוקושסטו זיך מיט איהם ניט, שאַסקע? — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען.

— זי שעהמט זיך מסתמא! — האָט ראַבינס א שפּאַס געטאָן — איך אָבער שעהם זיך ניט צו קושען שעהנע ווייב־לעך.

און ער האָט זיך מיט איהר צוקושט.

און דאָ האָט שאַסקע ארויסגעלאָזען א פארשטיקטען שלוכץ און איז, כּליפּענדיג פארשטיקט, ארויסגעלאָפען אויפ׳ן גאַניק אונטען.

— וואָס וויינסטו, נאַר? — האָט איהר רובינטשיק נאָכ־געשריען, און אין זיינע אויגען זיינען אויך טרעהרען גע־שטאַנען. — זי האָט א טייער הארץ — האָט ער זיך דאָן צו ראַבינס׳ן א קעהר געטאָן. — מיינע א שוועסטער.

אסתר האָט זיך אָנגערופען מיט א געלאַסענעם שמייכעל:

— יאָ! ווי זאָגט יענער? פּירות פון איין בוים; האָט איהר ביידע דעמזעלבען טעם...

ראַבינס האָט זיך צולאַכט.

— איהר מיינט א זויערען טעם, טאַנטע?

— א משוגע'נעם טעם — האָט זי געענטפערט.

רובינטשיק האָט קרום א קוק געטאָן אויף איהר, געוואָלט עפּעס זאָגען און זיך באהערשט לכבוד דעם גאסט.

עני, וועלכע האָט איצט געהאַלטען איהר הוט אין האַנט, האָט זיך פלוצים צו איהר מוטער געווענדעט:

— מאמא, וועלכע רום האָסטו צוגעגרייט פאר אונזער גאסט?

— די סיטינג־רום.

— וועל איך געהן זי אָנקוקען — האָט עני געזאָגט, און איז אַוועקגעלאָפען ארויף די טרעפּ, זשומענדיג אַן ענגליש ליעדעל.

און אסתר מיט איהר מאַן און ראַבינס זיינען אין עס־צימער אריין.

דאַן איז שאָסקע אריינגעקומען. איצט האָט איהר פּנים איינגאַנצען געשטראַהלט און געשמייכעלט, טראָץ איהרע פאר־וויינטע אויגען. זי איז צוגעגאַנגען צו ראַבינס'ען שוין מיט א דרייסטער מינע און האָט זיך אַפּגעשטעלט נעבען איהם.

— איצט וויל איך דיך נאָכאַמאָל אָנקוקען, — האָט זי געזאָגט, אָנגענומען איהם ביי אַן אָרם און ארויפגעקוקט צו איהם מיט אויגען, פול ווארעמקייט און גוטסקייט — איך וואָלט דיך נישט דערקענט...

— ניין?

— קיינמאָל ניט. דו ביזט דאָך געווען אזא מאַגערינקער, אזא עדעלער...

— און איינגער א סך, שאָסקע...

— יאָ, איינגער, אָבער ניט שעהנער...

— יונג איז שעהן, שאָסקע...

— דעמאָלט ביזטו אויך געווען זעהר שעהן, אָבער גאַנץ אנדערש...

— ווי אנדערש?

— דעמאָלט האָט אויף דיין פּנים גערוהט די חכמה, די געבילדעטקייט און די גוטסקייט, און היינט גאַר אנדערש, גאַר אנדערש...

ראַבינס האָט זיך צולאַכט:

— אָה, איך פאַרשטעה! היינט איז מיין פּנים נאַריש און דריקט אויס שלעכטסקייט. געטראָפען, הא?

— ניין, — האָט שאָסקע זיך צולאַכט און מיט ליעבע איהם א גלעט געטאָן דעם ארם — נישט געטראָפען. אין אונזער משפחה זיינען גאר קיין שלעכטע ניטאָ. איך וויל נאָר זאָגען, אז היינט זעהסטו אויס ווי...

— ווי ווער?

— דו קענסט איהם ניט, — האָט שאָסקע געענטפערט.

— ווער מיינסטו? — האָט רובינטשיק זיך אריינגעמישט.

— דו האָסט איהם אויך נישט געזעהן. איך מיט עני'ן האָבען איהם געזעהן.

— וואו? — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען.

— אין אידישען טעאטער — האָט שאָסקע געענטפערט.

און דאָ איז עני אַריינגעקומען.

האָט שאָסקע מיט התפּעלות צו איהר זיך געווענדט:

עני, דו געדענקסט דעם שעהנעם, גוטען גראף פון דער פּלעי, וואס מיר האָבען געזעהן אין אידישען טעאטער? אָט יענער, וואס קומט ראטעווען די אידען, און מען דערוויסט זיך, אז ער איז אויך א איד?...

— יאָ, איך געדענק.

— נו, זעהט יענער נישט אויס, ווי אונזער טייערער גאָסט?

עני האָט א שמייכעל געטאָן און ניט געענטפערט.

ראָבינס און רובינטשיק האָבען זיך הויך צולאַכט. אסתר האָט גוטמוטיג אַרויסגערעדט:

— משוגע'נע שאָסקע!

— אבי איך בין עהנליך צו א גראף! — האָט ראָבינס געלאַכט — איך האָב נאָר מורא, אז יענער גראף פון דער אידישער „פּלעי" איז געווען א פארשטעלטער בעל עגלה...

— ניין, יאָשקע, ניין — האָט שאָסקע זיך א כאַפּ געטאָן — א גוטער, א טייערער, א ליעבער גראף איז ער געווען, די נשמה וואָלט איך איהם אוועקגעגעבען!

— און ער איז געווען עהנליך צו מיר? — האָט ראָבינס פרעהליך זיך אָנגערופען, — הוררי!...

— מיסטער גראף — האָט אסתר זיך דאָן גוטמוטיג גע-

וועגדעט צו ראַבינס'ען — אפשר ביזטו אויך געקומען עמיצען צו ראַטעווען, ווי יענער גראַף פון דער פּלעי? ...

— שור! — האָט רובינטשיק זיך אַ כאַפּ געטאָן — ער איז געקומען ראַטעווען עפּעס אַ מיידעל...

— איך בין געקומען אומגליקליך מאַכען עפּעס אַ מיידעל, — האָט ראַבינס זיך אָנגערופען.

— איך פארשטעה ניט — האָט אסתר געזאָגט.

— אַ שידוך צו טאָן איז דער מיליאָנער געקומען — האָט רובינטשיק מיט התפּעלות אויסגעשריען.

אסתר און שאָסקע האָבען ביידע אויסגעשטעלט גרויסע אויגען אויף ראַבינס'ען.

און ער האָט זיי אויף זייער שטומע פראַגע געענטפערט:

— אמת! ווייסט איהר נישט עפּעס פון אַ ריכטיגען שידוך? איך צאָהל שדכנות־געלד...

— דו שפּאַסט ניט? — האָט אסתר געפרעגט — האָסט גאר ניט געהאט קיין פאמיליע? ...

— מיין פאמיליע איז ביז היינט געווען — האָט ראַבינס געענטפערט — צוויי שווארצע דיענסטען, צוויי שווארצע דיענער, אַ גרויסער ווייסער הונט און אַ גרויע קאַץ...

— אַי, וועה איז מיר! —האָט שאָסקע אַ זיפץ געטאָן.

— וואס זיפצסטו, שאָסקע? — האָט רובינטשיק זיך אריינגעמישט — וואס האָט ער אָנגעוואָרען? אזא פּליך ווי איך האָב פון דעם פאמיליען־גליק אַרט איהם ניט, אז ער וועט שפּעטער קריגען...

עני האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף איהם, איז דערנאָך צוגעגאַנגען צו אסתר'ן און האָט איהר שטיל געזאָגט, אַזוי פון דער זייט, ניט קוקענדיג אויף איהר:

— פּליעז, מאַמאַ, זאָל מען זיך זעצען עסען, וועט ער מעהר נישט רעדען.

אסתר האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל. דאָן האָט זי מיט אַמאָל אַרויסגערעדט מיט אַ פארטראַכטער מינע:

— מיר געהן עסען...

דער מאָהלצייט איז געווען אַ גוטער, מיט שאַמפּאַניער. דער גאַסט איז געזעסען צווישען רובינטשיק און אסתר, געגען ענני'ן און שאָסקע'ן.

ווען רובינטשיק האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָאָר גלעזלאַך, איז ער געוואָרען גאָר לעבעדיג און האָט גענומען רעדען וועגען דעם גאַסט'ס מיליאָנען און וועגען דעם, אַז ער, רובינטשיק, האָט איהם פּאַר אַ מענשען געמאַכט. שאַסקע האָט זיך גע־פּיהלט באַליידיגט פון דעם און גע'טענה'ט מיט היטץ, אַז יע־דער, וואָס האָט געקענט יאַשקע'ן פון דער היים, האָט גע־וואוסט, אַז אָדער ער וועט פאַרלאָרען געהן אויף קאַטאָרגע פאַר זיין גוטסקייט צו מענשען און פאַר זיין גוטען קאָפּ, אָדער עס וועט פון איהם אַרויסקומען עפּעס אַן אויסנאַהם. דער־נאָך האָט זי זיך גענומען שפּאַרען מיט איהר ברודער וועגען דעם, צי זעהט אוים יאַשקע מעהר ווי זיין טאַטע, צי ווי זיין מאַמע. רובינטשיק האָט געשריען:

— ווי זיין טאַטע!

און שאַסקע האָט זיך געקאַכט:

— ווי זיין מאַמע!

ביז ראַבינס אַליין האָט זיך אַריינגעמישט:

— ווי דער גראַף פון דער פּלעי!...

דאַן האָבען זיך אַלע צולאַכט.

* * *

נאָך מיטאָג זיינען שאַסקע און ענני אַוועק מיט ראַבינס'ן אין זיין צימער און רובינטשיק מיט אסתר'ן זיינען אויפ'ן גאַניק אַרוים. דאַן האָט רובינטשיק מיט אַמאָל אַרויסגענו־מען דעם סיגאַר פונ'ם מויל און זיך געווענדעט צו זיין ווייב מיט אַ געהיימער מינע:

— זעץ זיך, אסתר!

זי האָט זיך געזעצט און איהם אָנגעקוקט.

— איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען וועגען זעהר אַ וויכ־טיגער זאַך...

ער האָט זיך געזעצט, צוגערוקט דעם שטוהל נעהענטער צו איהר און גערעדט ווייטער:

— אסתר, דו ביזט דאָך אַ מאַמע, ניין?

— ניין, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— לאָז רעדען, חכמה זיך ניט! דאָ האַנדעלט זיך, מאַמע, וועגען דאָס גליק פון דיינעם אַ קינד, פון דיין פליישׁ און בלוט — איז ער אַריינגעפאַלען אין דעם געפּיהלפולען טאָן, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל גערעדט אין זיין לאַנדסמאַן

פאַראיין, בעת ער, רובינטשיק, דער „ווערטער ברודער־פרעזי־דענט” פון יענעם פאַראיין האָט געזוכט אַן איינדרוק צו מאַכען אויף די אַנדערע „ברידער”: — ווען אַ קינד מוז מען טראַכטען, מוז מען זאָרגען, דאָס איז די פליכט פון יעדע טאַטע־מאַמע. איך האָב אַלעמאָל געטראַכט און געזאָרגט, נעכט ניט געשלאָפען, טראַכטענדיג אַלץ וועגען מיינע קינדער...

אסתר האָט זיך שטיל צולאַכט:

— איך וויים דאָס אפילו ניט.

— שאַ, לאָז רעדען! אָי, האָב איך אַ ווייב! — האָט ער כמעט אַרויסגעקרעכצט. — בעסער מיט דיר אינגאַנצען ניט רעדען.

— איך וויים דאָך, וואס דו מיינסט — האָט זי זיך דאָן אָנגערופען — אָהן דיינע לאַנגע רעדעס...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס מיין איך?

— דו מיינסט אַ שידוך מיט דיין פלימעניק...

— נו, אפשר שטעהט דיר ניט אָן, האַ?

— דו האָסט שוין קיין צייט ניט? ער איז דאָך ערשט היינט געקומען...

— אַזאַ זאַך לעגט מען נישט אָפּ. ער איז אַ מיליאָנער. מיידלאַך, ווי בלאָטע, קען ער קריגען. און אונזער עני איז ניט אַזאַ מציאה: אַ מיידעל זעקס און צוואַנציג יאָהר און אַזאַ פאַרשלאָפענע בריאה, ווי דו!...

— אונזער ענני וועט קריגען א אינגערען יונגענמאַן, ווי אַ פערציג יאָהריגען אַלטען בחור...

— אָי, די אידענע איז משוגע! ווען וועט זי קריגען, ווען? זי האָט דען שכל פאַר דעם? זי איז דען רוטי? מיט אַזוי פיעל באָים איז זי שוין אַרומגעגאַנגען, האָט זי כאָטש איינעם צוגעהאַלטען?

אסתר האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— נו, דו ביזט דאָך אַזאַ גוטער טאַטע, קענסט דאָך ניט שלאָפען, מחמת דו זאָרגסט זיך אַזוי פאַר דיינע קינדער, ווארום האָסטו איהר ניט געהאָלפען צוהאַלטען אַ באָי?

— דאָס האָסטו געדאַרפט טאָן, דו ביזט אַ מאַמע!

— ווי זאָל איך איהם צוהאַלטען — פאַר די הענד, צי פאַר די פיס?

ער איז אויפגעשפּרונגען.

— גייה דו מיר צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרשטיקט צווישען די ציינער — מען רעדט צו איהר וועגען איהר טאָכטער און זי חכמה'ט זיך. זי וועט בלייבען זיצען, דו וועסט זעהן!

— זי וועט בלייבען זיצען? ווי זאָגט יענער? אויב אויף אַ גאַנצען שטול איז אָהן סכנות!

ער האָט הילפלאָז אַ מאַך געטאָן מיט ביידע הענד:

— אסתר, אסתר, אסתר! — האָט ער עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט איהר נאָמען האַלב מיט כעס און האַלב מיט געבעט — אסתר, גוואַלד!

— וואָס ווילסטו, משוגענער?

— פאַרוואָס בין איך אַזוי אומגליקלאַך, זאָג, אסתר? — האָט ער מיט אַ רחמנות'דיגער מינע שטיל אַרויסגערעדט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט הערען ביים שכן אויפ'ן גאַניק: — פאַרוואָס האָט גאָט דיך צוגעשיקט מיר פאַר אַ ווייב?

— טאַקי, דייוויד, פאַרוואָס האָט גאָט מיך אַזוי באַשטראָפט? — האָט אסתר אַרויסגערעדט רוהיג, מיט אַ געלאַסענעם שמייכעל.

אַ הויכער, הילכענדיגער געלעכטער פון דעם גאַניק איבער זיי האָט איבערגעשלאָגען זייער שמועס. רובינטשיק האָט פאַרריסען דעם קאָפּ אַרויף און זיך איינגעהערט. ער האָט דערקענט ענני'ס קול און שאַסקע'ס און די אנגענעהמע ברוסטשטימע פון ראַבינס'ן.

ער איז אַרונטער פונ'ם גאַניק, האָט זיך געשטעלט אויפ'ן טראָטואַר און אַרויפגעקוקט צום גאַניק אויבען.

און באַלד האָט זיך אַ ברייטער שמייכעל צוגאָסען איבער זיין פּנים. ער האָט דערזעהן, ווי ענני שטעהט נעבען ראַבינס'ן מיט אַ בינטעל בלומען און שפּילעט איהם איינע צום לאַץ און ווי שאַסקע העלפט איהר.

„אַט אַזוי, אַט אַזוי! — האָט ער געטראַכט, — האָב שכל, מיין טאָכטער; אפשר...״

און פאַר פרייד האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— העללאָ, דזשאָזעף!...

זיי אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטאָן צו איהם און אַרונ־

טערגעקוקט, אַלע מיט באַלעבטע, פרעהליכע פּנים'ער.

— דעללאַ, אַנקעל! — האָט ראבינס ארונטערגעשריען און צו איהם אַ מאַך געטאָן מיט דער האנד.

— דו האָסט דאָרט אַ שעהנע בלום, זעה איך — האָט רובינטשיק ווידער גערעדט און געשמייכעלט.

— איהר מיינט די? — האָט ראבינס אָנגעוויזען אויף ענני'ן און זי גענומען אונטער'ן אָרעם.

„גוואַלד, זעה נאַר!" — האָט ביי רובינטשיק'ן עפּעס אויסגעשריען און ער האָט אַ לאַך געטאָן און דערנאָך גע־ענטפערט:

— געוויס, געוויס מיין איך די. אַ טייערע בלום. אַזעלכע זיינען וועניג דאָ...

— מיר געפעהלט זי, אַנקעל — האָט ראבינס געזאָגט און אָנגענומען פעסטער ענני'ס אָרעם.

ענני האָט זיך פארשעהמט און ארונטערגעלאָזען די אויגען. זי האָט זיך אָנגערופען:

— איך האָב מורא, אַז דו וועסט מיך בעסער דערקענען, וועל איך דיר מעהר ניט געפעלען, דזשאָו.

„וואָס שעהמט זי זיך און וואָס רופט זי איהם מיט'ן ני־גער'ס נאָמען?" — האָט רובינטשיק אַ טראַכט געטאָן און אין זיינע געדאַנקען צו איהר ארויפגעשריען: „פרעהליכער, גולם! נישט אַזוי פארשלאָפען און ניט געשעהמט זיך. מאַך איהם אויך אַ קאָמפּלימענט!"

ראָבינס האָט ענני'ן געענטפערט:

— איך בין זיכער, אַז דאַן וועסטו מיר נאָך מעהר גע־פעהלען, ענני.

„הלואי!" — האָט רובינטשיק אין זיינע געדאַנקען אויס־געשריען.

דאַן האָט שאָסקע פרעהלאַך ארויסגערעדט:

— וואָס זאָגסטו, דייוויד, אונזער יאַשקע איז אַ שטיפער געוואָרען אויף די עלטערע יאָהרען!...

— אויף די עלטערע יאָהרען? — האָט זיך רובינטשיק אַ כאַפּ געטאָן — משוגענע, וואָס הייסט? ער איז דאָך גאָר אַ יונגערמאַן...

דאַן אָבער איז איהם פּלוצים איינגעפאַלען: „טאַקי, פאַרוואָס זאָל מען איהם, דעם מיליאָנער, נישט דערמאָנען, אַז

ער איז נישט קיין יונגערמאַנטשיק און זאָל ער ביי זיך נישט זיין טאַקי קיין גרויסער יחסן?" און ער האָט צוגעלעגט:
— נאַטירליך, קיין באַיטשיקעל איז ער ניט, אָבער אַ מיי־דעל מיט שכל וועט וועלען מיט איהם חתונה האָבען...
— און וועט זיך נאָך פאַרליעבען אין איהם אויך! — האָט שאָסקע אונטערגעבאַפט.
— פאַרליעבען זיך? אין מיר? — האָט ראבינס זיך צו־לאַכט — און נאָך אַ מיידעל מיט שכל אויך? איך גלויב דאָס ניט. וואו שכל איז, דאָרט איז די ליעבע ניטאָ. נישט אמת, ענני?
— יאָ, דזשאָו, ווען מען פאַרליעבט זיך אַזוי, ביז מען פאַרלירט דעם שכל — האָט זי אַרויסגעמורמעלט.
— אַי, אַזאַ ליעבע! — האָט שאָסקע אַרויסגעזיפּצט און אַ גלאַץ געטאָן מיט די אויגען, אַזוי ווי אַ פרומער איד, בעת ער זאָגט „שמע ישראל". — דו הערסט דזשאָו? איך לעז איצט אַ ראָמאַן, איז די ליעבע דאָרט... גוואַלד, אַז דאָס האַרץ געהט אויס!
דאָ האָט רובינטשיק דערהערט אסתר'ס קול:
— דייוויד, אַ טעלעפאָן!
רובינטשיק איז אַריינגעלאָפען אין הויז. אסתר איז גע־בליבען אויפ'ן גאַניק. און אין אַ ווייל אַרום, ווען ער איז ווידער אַרויס פונ'ם הויז, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין ווייב און האָט זי אַ קוש געטאָן.
— וואָס איז דאָס פאַר אַ ליובזע מיט אַמאָל? — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ רוהיגען שמייכעל.
און ער האָט איהר געענטפערט מיט אַ שטראַהלענדיגען פּנים:
— אסתר, עס געהט אַ גאַנג, ווי געשמירט...
— וואָס?
— עס פלעכט זיך דאָרט...
— וואו?
— אויבען... ביי זיי... ער פיהרט־אויס דעם שידוך...
— ווער? וואָס? ווען?...
— גאָט... צווישען ענני'ן און דעם מיליאָנער...
— דורכ'ן טעלעפאָן האָט מען עס דיר איצט אָנגעזאָגט?
— דער טעלעפאָן איז געווען פון שאָפ וועגען ביזנעס.

אָבער אַז עס פלעכט זיך דאַרט, האָב איך איצט געזעהן. אסתר, אָי, ווען עס פלעכט זיך טאַקי אוים! ווען גאָט גיט דעם ריכ־טיגען פלעכט!

ער האָט זי ווידער א קוש געטאָן און צוגעלעגט מיט געבעט אינ׳ם קול:

— אסתר, איך בעט דיך, גיב אכטונג, זעה, זי זאָל איהם געפעלען; ער זאָל ניט אָפגעקיהלט ווערען: פייער, פייער לעג אונטער; גוואַלד, געשריען, דו ביזט דאָך עפּעס א פרוי, א מאַמע!...

זי האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט א רוהיגער מינע:

— הער דו שוין אויך אויף צו פלעכטען מיט דיין משוגע־נעם קאָפּ.

דערנאָך איז שאָסקע אַרונטערגעקומען.

— איז ער א חכם, לעבען זאָל ער! — האָט זי געזאָגט מיט התפּעלות.

— שאָסקע — האָט זיך אסתר דאַן צו איהר געווענדעט — ווי זאָגט יענער? דו מסתמא וועסט שוין מיר אויף דעם קע־נען ענטפערען. פאַרוואָס האָט ער ביז היינט ניט חתונה געהאַט?

— ער האָט קיין צייט ניט געהאַט — זאָגט ער — איז אַזוי פאַרנומען געווען אין זיינע ביזנעס, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אַפילו א טראַכט צו טאָן וועגען דעם...

— שטייטש? — האָט אסתר זיך אָנגערופען מיט א גוט־מוטיגען שמייכעל — ווי אַזוי פאַרגעסט דאָס דיינער א פּלי־מעניק, אַז עס איז פאַראַן ליעבע אויף דער וועלט?

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— חכמה זיך ניט. ווען ער זאָל טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש, וואָלט ער היינט ניט אָנגעשטאָפּט געווען מיט אַזוי פיעל מיליאָנען!

— דו האָסט זיי איבערגעצעהלט, זיינע מיליאָנען? — האָט אסתר ווידער זיך אָנגערופען.

— אַז איך זאָג, ווייס איך מסתמא, וואָס איך רעד — האָט ער געענטפערט, שוין אַביסעל אויפגעבראַכט.

דאָ האָט זיך שאָסקע אַריינגעמישט מיט א טיפען זיפץ:

— דייוויד, אסתר איז גאר ניט אַזוי אומגערעכט מיט

איהר פראגע... וואס טויגען די מיליאָנען, ווען דאָס האַרץ איז קאַלט און עס קען שוין מעהר קיין ליעבע נישט פאַרנעה־מען?

— וואָס מיינסטו, שאָסקע?

— ער ווייסט, זאָגט ער, אז פאַרליעבען זיך וועט ער שוין מעהר קיינמאָל נישט קענען; אז ער איז צו אַלט, צו קאַלט פאַר דעם...

— וואָס „ליעבע”? — האָט רובינטשיק זיך גענומען קאָכען — זי איז שוין דאָ מיט איהר ליע־עבע־ע! פייף אויף דעם! א נאַרישקייט! א בלאָף! אויסגעטראַכט פאַר נאַרישע קינדער, פאַר ראָמאַנען, פאַר טעאַטערס!...

שאָסקע האָט איהם ווייטער נישט געלאָזט ריידען; זי האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, אזוי ווי ער וואָלט א וואונד ביי איהר אָנגעריהרט, און זי האָט זיך אָנגערופען מיט האַרץ:

— וואס רעדסטו וועגען ליעבע? וואָס ווייסטו וועגען דעם? דאָס איז דאָך ניט די ארבייט ביי דיר אינ'ם שאַפּ און ניט קיין געבראָטענע קאַרטאָפּעל! פאַרוואָס איז דאָס נאַריש־קייט? פאַרוואָס איז דאָס בלאָף? וואָס בלאָפּסטו וועגען אזא זאַך, ווי ליעבע? האָט דיר שוין אמאָל ביים האַרצען געצופּט? ביזטו שוין אמאָל ארומגעגאַנגען ווי א פאַרטשאַדעטע הינ־דעלע? האָט זיך דיר שוין אמאָל עמיצער גע'חלומ'ט, נישט ווען דו האָסט געשלאָפען, נאָר ווען דו ביזט ארומגעגאַנגען וואַך מיט אָפענע אויגען? האָט זיך דיר אמאָל געוואָלט קרענ־קען, צי שטאַרבען פאַר עמיצען...

אין איהר קול האָבען זיך טרעהרען דערהערט.

אסתר האָט זי אָנגעקוקט מיט איהר רוהיגען שמייכעל און א טראַכט געטאָן: „א פאַרליעבטע נשמה, נעבאַך!” און רובינטשיק האָט איהר געענטפערט, שוין מיט א סך א רוהי־גערען טאָן, ווי פריהער, ווייל תמיד, ווען שאָסקע האָט איהר טאָן אויפגעהויבען, האָט ער זיינעם אַרונטערגעלאָזען.

— קרענקען, שטאַרבען פאַר עמיצען? דו מיינסט טאַקע, אז איך בין א משוגע'נער?...

— און דאָס איז ליעבע! — האָט זי געזאָגט — דו פאַר־שטעהסט? ליעבע! מען ליעבט אזוי א מענשען, דאָס מען איז גליקליך צו שטאַרבען פאַר איהם...

— אי, געה שוין, משוגע'נע! זעהסט עס אין טעאַטער, צי אין אַ ראָמאַן, און דערנאָך מיינסטו, אַז אַזוי איז עס טאַקי!

— אַזוי איז עס דייוויד, אַזוי! — האָט זי זיך צוהיצט — איך ווייס עס, איך פיהל דאָס. איך וואָלט אויך גליקליך געווען צו שטאַרבען פאַר אַ מענשען, ווען איך זאָל זיין פאַר־ליעבט אין איהם, און דיין ענני אויך. פרעג מיך!

אסתר האָט אַ טראַסט געטאָן:

„האָט געדאַרפט חתונה האָבען, אַ רחמנות!"

און דאָ איז פּלוצים אַריינגעפאַלען רובינטשיק'ען אין קאָפּ אַ וואָרט, וואָס ער האָט איהם נישט לאַנג צום ערשטען מאָל געהערט פון דעם דאָקטאָר אין זיין פאַראיין און באַנוצט זיך מיט איהם דערנאָך צווישען זיינע באַקאַנטע ביזנעסלייט, כדי צו ווייזען זיי, אַז ער איז אינטעליגענטער פון זיי. איצט האָט דאָס דאָזיגע וואָרט זיך ריכטיג געפּאַסט און, חוץ דעם, האָט ער גערעכענט, אַז ער וועט מיט דעם וואָרט ווייזען שאָסקע'ן, אַז זי איז אומוויסענד און דערפאַר דאַרף זי דרך־ארץ האָבען פאַר איהם. ער האָט זיך אָנגערופען מיט אַ פּייער־ליכער מינע:

— דו זאָגסט, אַז איך פאַרשטעה ניט; ווער דען פאַר־שטעהט, דו? וואָס פאַרשטעהסטו? אָט מיר וועלען באַלד זעהן. שאַ! וואָס איז „מאַרטימאָניע"? ער האָט זי אָנגע־קוקט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל — נו, פאַרשטעהערקע מיינע, נו? וואָס איז דאָס? איך פאַרשטעה ניט, און דו יאָ, האַ? ערקלער מיר, זאָג, זאָג, וואָס מיינט עס אַזוינס מאַר־טי־מאָ־ניע? — האָט ער אויסגעצויגען דאָס וואָרט מיט אַ וואַזשנער מינע, מיינענדיג דאָס וואָרט „מאַטרימאָניע"...

— איך הער דאָס ערשטע מאָל אַזאַ וואָרט — האָט שאָסקע געענטפערט.

— טאַקע? — האָט ער אונטערגעבאַפט מיט שפּאָט — סטייטש, דו ווייסט דאָך אַלסדינג? דו געהסט דאָך מיך לער־נען? וואָרום ווייס איך אַזאַ וואָרט און ווייס נאָך טויזענדער ווערטער, וואָס דו ווייסט ניט, און אַפילו אסתר אויך ניט. אסתר, וואָס איז מאַרטימאָניע?

— דו ווייסט, וואָס דאָס איז? — האָט זי געפרעגט.

— צי איך ווייס? איך מיין, אז איך ווייס עפּעס, וואס נישט דו און נישט זי און נישט טויזענדער אזעלכע ווי איהר ווייסען. נו, וואס איז מאַרטימאָניע?

— דיוואָרס, דרעה מיר נישט קיין קאָפּ...

— אָט אזוי! זאָג, אז איהר ווייסט נישט; אז איהר זייט אומוויסענדע נפשות, וועל איך אייך דאָן ערקלערען, וואָס מאַרטימאָניע איז. מאַרטימאָניע הייסט חתונה האָבען, דו ווייסט, וואס הייסט חתונה האָבען?

— דאָס ווייס איך — האָט אסתר רוהיג געענטפערט — חתונה האָבען הייסט צו האָבען א מאַן א מטורף אויפ'ן קאָפּ.

ער האָט איהר געענטפערט אין טאָן:

— און א ווייב א טויטע בריאה אויפ'ן קאָפּ. חכמה'ט זיך!

שאָסקע האָט זיך ארייגעמישט:

— נו, וואָס האָסטו מיך אזוי איבערגעשראָקען מיט א שווערען וואָרט? קען איך נישט אזוי גוט ענגליש?

— דאָס איז נישט ענגליש, פראַנצויזיש איז דאָס.

— דו קענסט שוין פראַנצויזיש אויך? — האָט אסתר א לאַך געטאָן.

— איך קען, וואָס דו קענסט נישט!

— יאָ, איך ווייס. שרייען!...

די טיר צום גאניק האָט זיך געעפענט, און ראָבינס מיט ענני'ן זיינען ערשיענען, ביידע מיט אויפגעלעבטע פנים'ער און פינקלענדיגע אויגען.

— איך וויל איהם ווייזען פּראָספּעקט פּארק — האָט ענני פרעהלאך געזאָגט.

— צו־פוס גאָר? נעהם די מאשין — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען.

— וואָס מאשין? צו־פוס! — האָט ראָבינס געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו אסתר'ן — וועלל, טאַנטע, מיט אייך האָב איך נאָך גאָר־ווייניג פארבראכט.

— מיר וועלען נאָך פארברענגען — האָט זי געענטפערט מיט א שמייכעל.

— זייט איהר נאָך אלץ די שטילע, גוטע טאַנטע, וואס איך האָב אמאָל געקענט?

אסתר האָט זיך צולאַכט:

— דאָס דאַרפסטו פרעגען ביי דיין אָנקעל.

ראָבינס האָט זיך א קעהר געטאָן צו רובינטשיק'ן:

— וואָס זאָגט איהר, אָנקעל?

רובינטשיק האָט פרעהלאך א שמייכעל געטאָן און גע־ענטפערט:

— אַלע זיינען ביי מיר גוט און שטיל. אַלע, דזשאָזעף!

— אַלע? — האָט ראָבינס איבערגעפרעגט און זיך ווי־דער א קעהר געטאָן צו אסתר'ן און א ווינק געטאָן צו איהר מיט א לאַכענדיגען אויג: — און דער אָנקעל, טאַנטע?

— ער איז אמאָל אויך גוט און שטיל, ווען ער שלאָפט — האָט אסתר געענטפערט מיט איהר רוהיגען שמייכעל.

ענני האָט א כאַפּ געטאָן ראָבינס'ן אונטער'ן ארעם און איהם קאָקעטיש א ציה געטאָן צו זיך:

— קום, דזשאָו!...

— יאָ, ענני, יאָ! גוד באַי! — האָט ער געזאָגט צו די איבריגע און פרעהלאך א מאַך געטאָן צו זיי מיט א האַנד.

— באַי־באַי! — האָט ענני אויך אויסגעשריען אזוי פרעהלאך און הילכיג, דאָס אסתר האָט אויסגעשטעלט אויף איהר א פּאָר פאַרוואונדערטע אויגען, און זי האָט א טראַכט געטאָן: זעה נאָר, עפּעס גאָר ווי א נייע הויט האָט זיך אויף איהר אָנגעטאָן!"

שאָסקע איז ארונטערגעלאָפען פונ'ם גאַניק און האָט מיט הרחבה נאָכגעקוקט ראָבינס'ען און ענני'ן. אסתר איז אויך ארונטערגעקומען אויפ'ן טראָטואַר און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגען.

„זעהט אויס טאַקע ווי עפּעס א מיליאָנער" — האָט זי געטראַכט, קוקענדיג ווי ראָבינס טרעט דאָרט נעבען ענני'ן, א הויכער, א שלאַנקער, מיט א שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ: — „גוואַלד, וואָס האָט געקענט זיך ריכטען, אז פון יענעם משוגע'נעם יאָשקע'ן, אַז פון יענעם אָפּגעריסענעם נאַר, וועלכער איז אין כעס געווען אויף דער גאַנצער וועלט, וועט אמאָל ארויסקומען עפּעס א שטיקעל מענש? ווי זאָגט יענער? אין אמעריקא איז אַלסדינג מעגליך!"

— איז דאָס נישט א שעהן פּאָר'ל, אסתר? — האָט זי מיט אמאָל דערהערט הינטער זיך איהר מאַן'ס קול.

זי האָט זיך אומגעדרעהט און דערזעהן איהם אהינטער

זיך. ער האָט אויך געקוקט אהין, וואו ראָבינס און ענני זיינען געגאַנגען, און אויף זיין פּנים איז צוגאָסען געוועז א ברייט שמייכעל.

ער האָט גערעדט וויטער:

— איך זאָג דיר, אז גאָט האָט איהם צוגעשיקט. זאָל נאָר ענני זיין א מענש און דו...

— איך?...

— ווען דו זאָלסט איהר געבען צו פארשטעהן, אַז זי איז אַן עלטערע מיידעל...

זי האָט איהם אונטערבראָכען מיט אן ערנסטער מינע:

— שאַ!...

— וואָס שאַ?...

— אין די זאַכען זאָלסטו זיך ניט מישען — האָט זי פּלוצים געזאָגט מיט א פעסטער שטימע — איך קען דולדען פון דיר אלסדינג, אָבער נישט דאָס...

— וואָס דאָס? בין איך א טאַטע?...

זי האָט איהם ניט געענטפערט און איז אין הויז אריין. ער איז אַוועק נאָך איהר.

— בין איך אַ טאַטע? — האָט ער שוין העכער גע־פרעגט, ווען ער איז נאָך איהר אין הויז אריין.

— ענני איז ניט קיין אַלט־פאַרלעגענע שטיקעל סחורה ביי מיר, טאַטע! — האָט זי איהם געענטפערט רוהיג, אָבער פעסט: — און איך זוך ניט צו פאַרהאַנדלען זי אום יעדען פּרייז, אַבי פּטור צו ווערען פון איהר. דו פאַרשטעהסט, וואָס כ'עון רעדט צו דיר, טאַ־אַ־טע?...

— און איך וויל זי דען פאַרהאַנדלען אום יעדען פּרייז. וואָס רעדסטו, הולטאַיקע? איך האָב דאָך מיינע קינדער מעהר ליעב ווי דו, דו קאַלטע קוזניע, דו! איך זעה א גליק פאַר איהר, זאָג איך, מען זאָל איהם ניט ארויסלאָזען. שכל האָב, קאַלטע קוזניע, כאָטש אַביסעלע שכל!

— הער אויס, דייוויד, — האָט אסתר זיך אָנגערופען. — וואָס קאָכסטו זיך? וואָס ווילסטו און וואָס האָסטו קיין צייט ניט? ער איז דאָך ערשט היינט געקומען... אַן אַלטער בחור... אַזוי פיעל עלטער פון ענני'ן... און איך וויים ניט, פאַרוואָס ער איז געבליבען אַן אַלטער בחור... און פאַרוואָס זאָל ענני נעהמען אַן אַלטען בחור? זי איז עפּעס, חלילה, אַן

אָרים מיידעל, וואָס? ווי זאָגט יענער? אַ מיידעל האָט ניט חתונה מיט קיין מיליאָנען; זי האָט חתונה מיט אַ יונגענמאַן.

שאַסקע איז אריינגעקומען. אסתר האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהר:

— אָט זאָל שאַסקע זאָגען. ווי זאָגט יענער: אפילו אויך אַ שטיקעל משוגע'נע, פונדעסטוועגען וועט זי אויך זאָגען, אז איך בין גערעכט.

— וואָס איז? — האָט שאַסקע זיך אָנגערופען.

— לאָז מיך צו איהר ריידען! — האָט רובינטשיק זיך אַ כאַפּ געטאָן, — שאַסקע, איז אונזער דזשאָזעף, אונזער מיליאָנער, אַ גליק פאר אַ מיידעל, הא?

— איך מיין עפּעס אַ גליק! — האָט שאַסקע געענטפערט — אזא מיידעל איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, וואָס זאָל איהם ווערט זיין...

— דאַרף אַ מיידעל זוכען אזא שידוך?

— אוי וועה, אויב זי זאָל איהם נאָר קענען קריגען.

— ער איז דאָך באַלד אַזוי אַלט, ווי דו, שאַסקע! — האָט אסתר זיך אָנגערופען.

שאַסקע האָט זיך אָנגעצונדען:

— און ווי אַלט בין איך, מיינסטו? עלטערע פון מיר האָבען חתונה.

אסתר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל:

— איך מיין ניט, חלילה, צו זאָגען, אז דו ביזט אַלט ווי זאָגט יענער? דו ביזט אינגער פון אַ סך אַכטצעהן־ניינצעהן־ריגע מיידלאַך, און דו וועסט געווים, מיט גאָט'ס הילף, נאָך אַמאָל חתונה האָבען, און, אפשר, מיט אַ יונגענמאַן אויך; אָבער ניט אַלע זיינען דאָך אין דיר געראָטען... איך מיין אז אַ מאַן איז דזשאָזעפ'ס יאָהרען, איז ניט קיין גרויס גליק פאַר אַ יונג מיידעל...

— אַלע מיליאָנערען האָבען חתונה, ווען זיי זיינען אַלט איבער פערציג יאָהר — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען.

— אמת! — האָט שאַסקע זיך אַ כאַפּ געטאָן — איך האָב וועגען דעם אַ סך מאָל געלעזען אין די פּייפּערס...

— דאַרף אָבער אַ מיידעל חתונה האָבען מיט אזא מאַן

אהן ליעבע, שאסקע? — האט אסתר זיך ווידער געווענדעט צו איהר.

— אה, ניין! דאס ניט! אהן ליעבע חתונה האבען — בעסער צו פארזעסען ווערען! — האט שאסקע געענטפערט.

— און דיין ברודער וואלט וועלען, אז ענני זאל אזוי חתונה האבען...

— וואס ער וויל... נו, וויל ער! — האט שאסקע זיך אנגערופען מיט פאראכטונג אין קול.

רובינטשיק האט זיך אנגעצונדען.

— אה, טוט מיר א טובה און געהט מיר אין דער העל אריין! — האט ער גענומען שרייען — מען קען פון אייך משוגע ווערען! איך זאג דאס ניט. איך זאג נאר, אז דזשאזעף וואלט געווען א גוטער שידוך פאר אונזער ענני'ן, א גוטער שידוך, א גוטער שידוך, ווייבער, ווייבער! א גליק וואלט ער געווען, און איהר פארשטעהט דאס ניט.

שאסקע האט אויסגעגלאצט אויף איהם די אויגען און ארויסגעמורמעלט:

— הא? דאס מיינסטו?...

— וואס דען? וואס דען מיין איך? — האט ער נאך העכער גענומען שרייען.

— שריי ניט! — האט שאסקע זיך דאן א כאפ געטאן

— וואס שרייסטו? איך קען דאך העכער שרייען פון דיר! רייד ווי א מענש!

ער האט גלייך געענדערט זיין טאן אויף א שטילען און בעטענדיגען:

— איך בין דאך א טאטע, א מהומה אויף אייך. אז איך זעה קלאר, וואס פאר א גליק דאס איז פאר ענני'ן...

— שא, שא! — האט שאסקע איהם אונטערבראכען — דאס איז גארניט אזוי קרום... ווי אזוי איז דאס מיר ניט איינגעפאלען? פארוואס טאקע זאל ער אריינפאלען צו א פרעמדער?

זי איז אריין מיט אמאל אין התפעלות און האט א פאטש געטאן אין די הענט:

— קינדערלאך, גוואלד! אסתר, דייוויד איז דאך טאקע גערעכט? אזא שידוך פאר ענני'ן! און אזא מיידעל פאר איהם! אסתר, טו נאר א טראכט!...

— זי האָט ניט קיין קאָפּ! — האָט רובינטשיק ארויס־געמורמעלט אונטער דער נאָז.

— נו, די צווייטע משוגע'נע, ברוך הבא! — האָט אסתר זיך אָנגערופּען — איך האָב צייט. טאָמער איז דאָס גאָרניט מיט גאָרניט? טאָמער געפעהלט ער איהר ניט? טאָמער גע־פעהלט זי איהם ניט?

שאָסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס הייסט ניט געפעהלען?ביידע אַזעלכע טייערע, אַזעלכע וואוילע? זיי זיינען דאָך ווי געבאָרען איינער פאַר דעם אַנדערען!

— נאָר ער איז מיט פּופּצעהן יאָהר פריהער פאַר איהר געבאָרען געוואָרען. — האָט אסתר זי איבערגעשלאָגען מיט קאַלטען שפּאָט אינ'ם קול.

— דאָס מאַכט ניט. דערפאַר, קען זיין, האָט ער ביז היינט ניט חתונה געהאַט, ווייל ער איז אפשר באַשערט ענני'ן — האָט שאָסקע געזאָגט, און פּלוצים איז זי טרויעריג געוואָ־רען, האָט אַ זיפץ געטאָן און ארויסגערעדט שטילערהייד:

— ער זאָגט אָבער, אַז ער קען זיך שוין מעהר ניט פאַר־ליעבען, דאָס איז שלעכט!

— און אַז ער וועט טאָן אַ שידוך מיט אַנאַנדער מיידעל, וועט ער זיך דען פאַרליעבען? — האָט רובינטשיק זיך אָנ־גערופען און אַ געשריי געטאָן: — גוואַלד וואָס האָבען זיי זיך צוגעטשעפּעט צו דער ליעבע? איך האָב זיך אין מיין טויער־טער בריאה אויך ניט פאַרליעבט, דורך אַ שדכן האָב איך די מציאה געקראָגען, איז דערפאַר וואָס? פעהלט איהר ביי מיר עפּעס? מעגען ניט איינעהמען די כפרה אַלע ווייבער פאַר איהר? און, אַז זי איז, ניט איצטער געדאַכט, קראַנק געווען, האָב איך די וועלט דען ניט איינגעריסען? האָט זי ביי מיר דען ניט געהאַט די גרעסטע פּראָפעסאָרען? האָב איך געקענט דאָן צומאַכען מיט אָן אויג? בלאָפט מיר ניט מיט ליעבע, אַ מהומה אויף אייך!

אסתר האָט זיך צעלאַכט, און שאָסקע האָט זיך פאַר־טראַכט. דאָן האָט שאָסקע ארויסגערעדט:

— מען דאַרף זעהן...

— וואָס? — האָט רובינטשיק געפרעגט.

— דו רייד ניט און שווייג, מיש זיך ניט אריין — האָט

שאַסקע געענטפערט — קען זיין, אַז דאַן וועט עפּעס ארויס־קומען. לאָז דאָס איבער צו מיר!

— אַל־רייט, צופרידען. דאָס הער איך ווערטער. דו זעה נאָר, אַז זי זאָל איהם געפעהלען ווערען — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל איהם ניט אָפּנאַרען, דייוויד!

— וואָס אָפּנאַרען? ער איז ווערט דען אַזאַ מיידעל, אַזאַ אַלטער בחור? — האָט ער זיך אָנגערופען.

— ניט ווערט? היינט פאַרוואָס ווילסטו איהם פאַר אַן איידים? — האָט שאַסקע זיך אַ כאַפּ געטאָן.

אסתר האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט.

רובינטשיק האָט ארויסגעבורטשעט:

— אָט געה טענה מיט איהר...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: מיש זיך ניט, דו וועסט קאַליע מאַכען, — האָט שאַסקע זיך אָנגערופען.

— איך וועל זיך ניט מישען, גוט! דערצעהל איהם, אַז אַ סך חתנים האָבען זי געוואָלט...

— מישטו זיך דאָך ווידער?

—ווער מישט זיך? איך וויל דיר נאָר זאָגען ווי מען דאַרף אַזאַ מין זאַך באַאַרבייטען...

— איך ווייס דאָס אָהן דיר. און, גלויב מיר, אַז ניט איהם און ניט איהר וועל איך אָפּנאַרען.ביידע זיינען זיי מיר טייער.

— און זעה, אַז זי זאָל זיך מעהר פּוצען — האָט ער ווי־דער געזאָגט.

— נו? האָט שאַסקע זיך דאַן אַ קעהר געטאָן צו אסתר'ן — וואָס זאָגסטו עפּעס צו דיין מאַן?

אסתר האָט גוטמוטיג אַ שמייכעל געטאָן און געענט־פערט:

— וואָס האָסטו צו איהם? ער מישט זיך ניט!

דאַן האָט שאַסקע זיך ווידער אַ קעהר געטאָן צו רובינ־טשיק'ן:

— הער־זשע אויס, מטורף! איך האַלט, אַז דער שידוך וואָלט אַ גליק געווען פאַר זיי ביידען. ניט איהם וויל איך ארייננאַרען אין זאַק און ניט זי. דערפאַר וועל איך זעהן, אַז צו אַ שדכן זאָל ער ניט געהן...

— אָה! אָה! אָה! — האָט רובינטשיק אונטערגע־כאַפּט — קוים געקומען צום שכל!

— דו אָבער זאָלסט זיך ניט מישען. קוק און שווייג. דו הערסט?

— אָל־רייט.

— און איצט וועל איך אוועקטראָגען אביסעלע מילך צו מיין קינפּעטאָרין — האָט שאָסקע געזאָגט.

— וועלכע קינפּעטאָרין?

— די קאַץ — האָט שאָסקע געענטפערט — אויך אַ לעבעדיג נפש, נעבאך.

און זי איז אוועק.

— משוגע! — האָט רובינטשיק אַ ציה געטאָן די אַקסלען — אַ קאַץ איז ביי איהר אויך אַ קינפּעטאָרין. זי איז שוין באַלד אזוי משוגע, ווי אונזער רוטקע...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך האָב זיך דערמאָנט. וואָס שרייבט רוטי? ווי געפעהלט איהר דער האָטעל?

— זי איז צופרידען — האָט אסתר געענטפערט — זי איז אַלע מאָל און אומעטום צופרידען.

— זי איז אין איהר פּאַפּאַ'ן געראָטען — האָט רובינ־טשיק מיט ליעבע און שטאָלץ זיך אָנגערופען.

— אודאי — האָט אסתר שטיל אַ לאַך געטאָן.

— אין דיר אודאי ניט — האָט ער אַ בורטשע געטאָן.

— איך זאָג דאָך: אין דיר איז זי געראָטען, אין דיר. דו ביזט דאָך אויך אַלע מאָל צופרידען — האָט זי געזאָגט. און אין איהרע אויגען האָט אַ רוהיגער שפּאַט געפינקעלט.

— זי מאָהלט עפּעס דאָרט?

— מסתמא.

— מען דאַרף ווייזען איהרע בילדער אונזער מיליאָנער

— ווייז איהם איהרע בילדער.

— פאַרוואָס זאָלסטו איהם ניט ווייזען, מאַמע?

— נו, וועל איך איהם ווייזען, טאַטע...

— אַט אזוי אינטערעסירען דיך דיינע קינדער?

— נו, אינטערעסירען זיי מיך ניט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר און אַ ציה געטאָן די אַקסלען:

— נו, נו, אַ ווייב, אַ מאַמע, מען קען פּלאַצען ! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט אונטער דער נאָז — דו וואָלסט דעם לע־בען אָוועקגעלעגט פאַר די קינדער, און זי ?... קאַלטע קוז־ניע !... איך פאָהר אין שאָפּ !

האָט געכאַפּט זיין הוט און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

.7

יענעם טאָג שפּעט ביינאַכט זיינען ביי רובינטשיק'ן אין פראָנט־צימער געזעסען ער, אסתר און שאָסקע און האָבען פאַר'סוד'עט געפיהרט אַ שטילען שמועס צווישען זיך. קיין מענש, וואָס האָט רובינטשיק'ן און שאָסקע'ן געקאָנט, וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז זיי זיינען גאָר אימשטאַנד אמאָל אַזוי שטיל צו ריידען.

אין דער אייגענער צייט זיינען ראָבינס און עני געזעסען אין דרויסען אויף דעם גאַניק אויבען און האָבען אויך שטיל גערעדט. די סעפּטעמבער־נאַכט, אָהן אַ לבנה, איז געווען וואַרים און באַלויכטען פון די עלעקטרישע לאָמפּען, וואָס האָ־בען פון צווישען די בוימער אויפ'ן בולוואַרד פאַר'חלומ'ט אַרויסגעקוקט. די בוימער, וואָס זיינען נאָהענט געשטאַנען צו די עלעקטרישע לאָמפּען, האָבען טונקעל געגרינט און זיי־נען פאַרגאָסען געווען מיט אַן אומבאַוועגליכען, בלייך־העלען ליכט, און יענע, וואָס דאָס ליכט איז אויף זיי ניט געפאַלען, האָבען אויסגעזעהן שוואַרץ און פינסטער. דער גאַנצער הימעל איז אויסגעשטערענט געווען און האָט ווי מיט טויזענדער פינקלענדיגע אויגען אַראָפּגעקוקט פון זיין טונקעלער הויכ־קייט אויף דער ווייטער ערד.

אויפ'ן בולוואַרד איז געווען שטיל. זעלטען האָט זיך געהערט אַ פאַר'סוד'עטער געמורמעל פון אַ פּאָר'ל, וואָס איז דאָרט געזעסען ערגעץ אויף אַ באַנק אונטער די בוימער, וואו עס איז פינסטערער געווען... נאָך זעלטענער האָט זיך גע־הערט דער אייזערנער גערויש פון אַ דורכגעלאָפענער קאַר און גאָר־גאָר זעלטען איז דורכגעפלויגען מיט פייערדיגע אויגען אַן אויטאָמאָביל.

אָבער נאָך יעדען גערויש אַזעלכען, וואָס האָט פון צייט צו צייט צורודערט די אַרומיגע ביינאַכטיגע שטילקייט, ווען

ער איז דערנאָך פאַרשטאָרבען אין דער וואַרעמער לופט, איז די שטילקייט נאָך טיעפער געוואָרען — האָט זיך געדאַכט — און פאַר׳חלומ׳טער.

עני און ראַבינס האָבען שטיל גערעדט, און זייערע שטי־מען האָבען אויך פאַר׳חלומ׳ט אַפגעהילכט אין דער ארומיגער שטילקייט.

זי איז געזעסען, איינגעהילט אין אַ ווייסען טוך, ניט ווייט פון זיין שטוהל, האָט געקוקט אין דער נאַכט אריין און גערעדט איצט וועגען איהר שוועסטער רוטי:

— זי איז אַ מערקווירדיג קינד. איך האָב זי אַזוי ליעב. יעדער האָט זי ליעב.

— ווי אַלט איז רוטי? — האָט ער זיך אָנגערופען און פאַררויכערט אַ סיגאַר.

— באַלד אַכצעהן.

— באַלד אַכצעהן? — האָט ער איבערגעזאָגט פאַר־וואונדערט און צוגעלעגט פאַרטראַכט: מערקווירדיג!

זי האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהם:

— וואָס מערקווירדיג?

ער האָט געענטפערט:

— איך מיין... ווי די צייט פליהט!... אַט ערשט נעכ־טען, דאַכט זיך, איז דאָס געווען...

— וואָס?

— געהאַלטען דאָס אויף די הענט און עס געוויעגט. און היינט איז דאָס אַ מיידעל באַלד אַכצעהן יאָהר... פע! מיאוס!

— וואָס מיאוס? — דזשאָו, ניט רוטי.

— איך מיין, וואָס די צייט פליהט אַזוי... מיר וועלען גאָרניט באַמערקען, ווי זי וועט מיט אונז אריינפליהען... עני, דו ווייסט אפשר ווי אַזוי מען קאָן איהר פענטען די פיס, זי זאָל אַזוי ניט פליהען?

עני האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט:

— זאָל זי...

— אַי, אַזוי פאַרצווייפעלט, עני!...

— אומעטיג, דזשאָו!...

— וואָס?

— צו לעבען איז אומעטיג, זעהר אומעטיג, זעהר... דזשאָו האָט זיך שטיל צולאַכט.

— דו מיינסט עס ניט, עני ! וואָס פעהלט דיר ?

— וואָס מיר פעהלט ? — האָט זי איבערגעפרעגט פאַרטראַכט — אַלעס פעהלט מיר...

— אַלעס ? דיין פאָטער איז רייך ; דאַרפסט ניט אַר־בייטען ; קיין זאַך פעהלט דיר ניט...

— דאָס, אפשר, איז מיין אומגליק... ווען איך זאָל דאַרפען אַרבייטען, וואָלט איך דאַן עפּעס אַן אינטערעס גע־האַט... דאַן, קען זיין, וואָלט איך נאָך אַנדערע אינטערעסען געהאַט. איך קום אַמאָל אַריין צו מיין פּאַפּאַ אין שאַפּ, זעה דאָרט הונדערטער מיידלעך און, מיר דאַכט זיך, אַז יעדע פון זיי איז גליקליכער פון מיר...

ראַבינס האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער ארויס־גערעדט.

— דאָס איז זיכער.

— וואָס ?

— אַז זיי זיינען גליקליכער פון דיר. אָה, איך ווייס עס. ווען איך האָב אַמאָל געאַרבייט אין שאַפּ און געגעסען איין מאָל אין צוויי טעג, בין איך אויך גליקליכער געווען ווי איצט.

— אפשר דערפאַר, ווייל דו ביזט דאַן געווען אזוי פאַר־ליעבט, דזשאָו ?

— פאַרליעבט ?

איך מיין, וואָס דו האָסט מיר פריהער דערצעהלט...

— אָה ! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און גערעדט ווייטער — ניין, עני, ניט דאָס מיין איך. יעדער מענש, ווען ער איז פאַרליעבט, איז גליקליך. איך בין אָבער גליקליך געווען פון עפּעס אַנדערש, פון דעם וואָס איך האָב געאַרבייט פאַר דעם גליק פון אַנדערע. געהונגערט און גליקליך געווען. ניט געהאַט וואו צו שלאָפען און גליקליך געווען. דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז, עני ! מען באַלאַנגט צו אַ יוניאַן, איז דאַ קאַמף און לעבען ; צו דער פּאַרטיי — ווידער קאַמף און לעבען. היינט די באַגייסטע־רונג פון אַ גוט שטיקעל ליטעראַטור ! און דאָס קאָכען זיך וועגען אַן אַרטיקעל, וואָס איז ערשינען אין אַ צייטונג ! און דאָס חלום'ען צו ווערען אַליין אַ באַריהמטער שרייבער... נאַ־ריש ? קינדיש ? ניין, דאָס איז לעבען ! דאָס איז גליק !

איך וועל עס שוין קיינמאָל מעהר ניט האבען, קיינמאָל ניט!
— האָט ער געענדיגט שטיל און מיט בענקעניש.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט גרויסע אויגען. דאן האָט זי זיך אָנגערופען:

— איך ווייס ניט, צי דו מיינסט עס ערנסט, אָדער דו שפּאסט...

— ערנסט, עני...

— דו בענקסט נאָכ'ן הונגער?

— יאָ, עני. אָבער ניט נאָך יענעם הונגער, וואָס דו מיינסט. אָרעם זיין ווי אַמאָל — דאָס וואָלט איך זיכער איצט ניט געוואָלט זיין; אָבער אָביסעלע פון מיין אַמאָליגער... נו, ווי זאָל איך דאָס אָנרופען? — נו, נארישער רייכקייט... אָט דאָס וואָלט איך איצט געוואָלט האבען... פון מיינע אַמאָליגע קינדערשע חלומות... אַ העלפט פון מיין פארמעגען וואָלט איך דערפאַר באַצאָהלט...

זי האָט זיך אָנגערופען:

— איך פאַרשטעה דיך ניט, דזשאָו...

— דו פאַרשטעהסט מיך ניט? דו ווייסט וואָרום?

— וואָרום?

— ווייל איך רעד נארישקייטען, עני.

— אפשר, דזשאָו, דערפאר, ווייל איך בין אַ נאַר?

— ניין, עני, דו ביזט דוקא אַ קלוגע. אָבער אַן אַמעריקאנישע קלוגע מיידעל קען ניט פאַרשטעהן די נאַרישקייטען פון אַן אַמאָליגען אומפּראקטישען רוסיש־אידישען יונגענמאַן. צוויי וועלטען!

עני האָט זיך צולאַכט.

— און איך פאַרשטעה דיך, דזשאָו — האָט זי געזאָגט מיט זיכערקייט אינ'ם קול.

— דו פאַרשטעהסט מיך? נו, וואָס מיין איך, עני?

— דו ביזט נאָך איצט אויך אַ סאָציאַליסט. געטראָפען?

— ניט געטראָפען.

— ניט געטראָפען? היינט וואָס דען מיינסטו? — האָט זי זיך אָנגערופען פאַרוואונדערט.

— וואָס איך מיין? — האָט ער זיך פּלוצים צולאַכט — איך מיין... האָסט עפּעס פאַר מיר אַ ריכטיגע כלה? ...

זי האָט זיך אויך צולאַכט.

— אָט האָסטו דיר ! וואָס טויג דיר אַ כלה, ווען דו זאָגסט, אַז דו קענסט זיך שוין ניט מעהר פאַרליעבען ?

— נו, איז ניט פאַרליעבטערהייט... איך וויל חתונה האָבען, ענין... איך בין רייך... אויטאָמאָבילען, דיענסטען. אַ הויז מיט צוואַנציג צימערען . . . אַ הונט, אַ קאַץ האָב איך, און ציערונג אויך . . . קאָנסט עפּעס ניט אַזאַ, וואָס וואָלט ווען חתונה האָבען מיט דעם ? ערנסט, ענין, אַניט וועל איך מוזען זעהן אַ שדכן.

ענין האָט זיך ווידער צולאַכט :

— איך ווייס ניט, ווען דו ביזט ערנסט און ווען דו שפּאַסט — האָט זי געזאָגט.

— אַ כלה אָהן שפּאַס, ענין !

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען. דאַן האָט זי זיך אַנגערופען :

— דו ווייסט, דזשאָו, איך גלויב דיר ניט.

— עס טוט מיר לייד. פאַרוואָס גלויבסטו מיר ניט ?

— איך גלויב ניט, אַז דו קענסט זיך מעהר ניט פאַר־ליעבען. קוקענדיג אויף דיר, קען מען דאָס ניט גלויבען.

— ווירקליך ? אָה, ענין, דיינע ווערטער קלינגען מיר ווי דאָס שעהנסטע ליעד — האָט ער געזאָגט האַלב אין שפּאַס — אָבער וועה איז צו מיר, מיין האַרץ... מיין האַרץ זינגט מיר גאָר אַן אַנדער ליעד...

— וואָס זינגט דיר דיין האַרץ ?

— אַלט... קאַלט... ווי זאָגט דאָרט אַ געוויסער רוסישער פּאָעט ? „אויסגעלאָשען זיינען די ליכטער”...

— דזשאָו, דו וועסט נאָך אַמאָל טרעפען אַ מיידעל און דו וועסט דאַן אַנדערש פיהלען...

— יענע מיידעל דאַרף ערשט געבאָרען ווערען און איך אַליין, ענין, דאַרף אויך נאָך אַמאָל געבאָרען ווערען...

— און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך אין דיר פאַר־ליעבען ?

ער האָט זיך צולאַכט :

— אַ רחמנות.

— וואָרום ?

—ווייל דאָס וועט באַווייזען, אַז זי איז, נעבאַך, געריהרט

און מען וועט זי דאַרפען דאַן אַוועקשיקען אין אַ משוגעים־הויז אריין.

עני'ס געלעכטער האָט הילכיג אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. זי האָט געזאָגט:

— און דו ביזט אַלט, דזשאָו? דו ווייסט? דו ביזט דער אינגסטער יונגערמאַן, וואָס איך האָב אמאָל געטראָפען...

— אַזוי? אַה, מאַי גאָד! — האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ קאָמישער מינע — איצט פאַרשטעה איך שוין פאַר־וואָס דיר איז אַזוי אומעטיג. איז דען קיינער פון זיי ניט גע־וועזען אינגער פון זיבעציג יאָהר?

זי האָט געענטפערט איהם אין טאָן:

— עטליכע פון זיי אינגער. אינגער אפילו פון דרייסיג יאָהר, סער...

— און איך בין פון זיי אינגער?

— יאָ.

— דו מיינסט עס, עני?

— גאַנץ ערנסט, דזשאָו.

ער האָט אויסגעשריען:

— הוררײַ! דערפאַר, עני, מוז איך דיר אַ קוש טאָן!

און איידער זי איז צו זיך געקומען, האָט ער זי צוגעצוי־גען צו זיך און האָט זי אַ קוש געטאָן.

זי איז צומישט געוואָרען. און ווען זי האָט זיך באַפרייט פון איהם, האָט זי אַ ווײַלע איהם אָנגעקוקט האַלב צוטומעלט. דאַן האָט זי אויפגערעגט אַ לאַך געטאָן און אַרויסגערעדט:

— און דו ביזט אַלט, דזשאָו!

ער האָט זיך אָנגערופען:

— אַ קאָזין...

האָט זיך איינגעקוקט אין איהר און דערנאָך זיך אַ רוק געטאָן צו איהר:

— פאַרוואָס נאָר איינמאָל און ניט צוויי, האַ?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון איהר שטול, איז אַנטלאָ־פען פון איהם אויף דעם אנדערען עק פונ'ם גאַניק, וואו עס איז פינסטער געווען, און באַלד האָט זיך פון דאָרט דערהערט איהר פאַרשטיקט געלעכטער און דערנאָך איהר שטילער קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַן אויפגערעגט פליסטערען:

— און דו ביזט אַלט, דזשאָו!...

ער האָט זי גערופֿען צוריק, אויך מיט אַ פּליסטערען:

— קום אַהער, עני, אויס קאָזין!...

זי האָט נאָך אַ ווײַלע געלאַכט פֿאַרשטיקט אין איהר פֿינסטערען ווינקעל. דערנאָך איז זי אַרויסגעטראָטען פֿון דער פֿינסטערניש אויף דער העלער זייט, וואָס איז באַגאָסען געװען פֿון דעם עלעקטרישען ליכט און וואו ראָבינס איז געזעסען. דאָס ווײַסע טוך האָט זי שוין געהאַלטען אין די הענט און דער פּנים איהרער איז אויפֿגעלעבט געווען און פֿון די אויגען האָט דאָס געלעכטער זיך געריסען. מיט אַ פֿינגער, אויסגעשטרעקט צו איהם, איז זי צוגעגאַנגען און אַרויסגעפּליסטערט:

— געדענק: דו ביזט אַלט, דזשאָו!

און האָט זיך געזעצט צוריק אויף איהר פּלאַץ.

מיט אַמאָל האָט זיך פֿון אונטען, פֿון צווישען די בוימער, דערהערט אַ געלעכטער פֿון אַ פֿרוי, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פֿון דאָרט, ווי פֿאַר'כשופֿ'ט. ראָבינס און עני האָבען גענומען קוקען אַהין.

באַלד איז פֿון אונטער די שוואַרצע בוימער, וואו עס איז געװען פֿינסטער, אַרויסגעטראָטען אונטער דעם עלעקטרישען ליכט אַ יונג פּאָר'ל, אַזוי ווי פֿון דער נאַכט אין אַ ליכטיגען טאָג אַריין. דער יונגערמאַן האָט געהאַלטען די יונגע פֿרוי אַרומגענומען און אין גאַנג זי געקושט.

עני האָט ניט געפֿיהלט, ווי שטאַרק זי דריקט ראָבינס' אָרעם, בעת זי האָט געקוקט אַהין. און ראָבינס האָט זיך אויך אײַנגעגעסען מיט די אויגען אַהין.

פּלוצים האָט זיך בײַ איהם אַרויסגעריסען:

— גאָט פֿון ליעבע, שמע ישראל!...

אָבער אַזוי הויך אויפ'ן קול, אַז עני האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און דאָס פּאָר'ל איז דאָרט אָפּגעשפּרונגען איינער פֿון דעם אַנדערען און זיך צוטומעלט אומגעקוקט, און דורך דער גלעזערנער טיר איז שאָסקע אַרויפֿגעלאָפֿען אויפ'ן גאַניק צו־שראָקען, מיט די ווערטער:

— וואָס איז?!

דאַן ערשט איז ראָבינס אַליין צוטומעלט געוואָרען. „צום טײַוועל" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — „בין איך משוגע געוואָרען?"

ער איז אויפגעשפּרונגען פונ'ם אָרט.

— וואָס איז דאָ געווען, ענִי? — האָט שאַסקע ווידער געפרעגט — ווער האָט דאָ געשריען?

אָבער ענִי האָט זיך שוין געקייקעלט אויף איהר שטול מיט אַ פאַרשטיקטען געלעכטער און ניט געקענט איהר ענט־פערען.

דאַן האָט ראַבינס איהר געענטפערט מיט אַ קאָמישער מינע:

— דער קול פון אַמאַר האָט אָפּגעקלונגען, שאַסקע...

— וועמענ'ס קול?

— פון אַמאַר... דו קענסט איהם ניט, שאַסקע? ער הייסט אַמאַל קופּידאָן. איהם קענסטו אויך ניט? אָט דער חברה־מאַן, וואָס פלעגט די ראָמאַנען, צינדט הערצער, פאַר־דרעהט די קעפּ, מאַכט נאַריש קלוגע מענשען — קורץ, ווי איך זעה, קענסטו איהם ניט. בין איך ניט שולדיג. געה איך שלאָפען. גוד נאַיט! גוד נאַיט, ענִי!

ענִי האָט געלאַכט:

— גוד נאַיט!

און צוגעלעגט:

— און דו ביזט אַלט, דזשאָו!...

און זי איז מיט שאַסקע'ן גלייך אַוועק נאָך איהם.

ווען שאַסקע און ענִי זיינען דערנאָך דורכגעגאַנגען זיין צימער, האָט ער אָפּגעשטעלט ענִי'ן.

— דו האָסט מיר פריהער געזאָגט, אַז דו שרייבסט נאָך היינט אַ בריעף צו רוטי'ן.

— איך שרייב צו איהר און זי צו מיר יעדען טאָג. איך זעץ זיך באַלד שרייבען.

— גריס איהר אין מיין נאָמען.

— געוויס.

— אַ שעהן מיידעל עפּעס?

— זעהר אַ שעהן מיידעל, דזשאָו.

— נאָך אַזאַ פּאַרשוין איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ — האָט שאַסקע זיך אריינגעמישט און צוגעלעגט — ענִי'ס אַ שוועסטער, נאַרעלע!

— דאַן צוויי גרוסען — האָט ער זיך אַנגערופען.

— איך וועל איהר שרייבען, אז דו ביזט א טייוועל — האָט עני געזאָגט — גוד נאַיט!

און זי מיט שאַסקע'ן האָבען דעם צימער פאַרלאָזען.

ראַבינס האָט א טראַכט געטאָן:

„איך בין טאַקע עפּעס גאָר אַן אַנדערער... וואָס איז דאָס מיט מיר?"...

און ער האָט זיך געענטפערט:

„גיו יאָרקער לופט!..."

אין א ווײַלע אַרום, ווען שאַסקע איז געווען ביי עני'ן אין צימער, האָט זי זיך אַנגערופען:

— זאָג מיר נאָר, עני, וואָס אַזוינס האָט ער מיר געזאָגט, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען?

עני האָט זיך צולאַכט:

— אַי, ער איז אַזוי קאָמיש, טאַנטע־שאַסקע...

— קלוג?

— א טייוועל!

— אָבער וואָס האָט ער מיר געזאָגט?

— דו האָסט איהם געפרעגט: וואָס איז דאָס? ווער האָט עס געשריען? האָט ער געענטפערט, אַז אַמאָל, דער גאָט פון ליעבע. דו פאַרשטעהסט?

— וואָס האָט ער געמיינט מיט דעם?

— דו פאַרלאָז זיך אויף איהם. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס ער רעדט. — הערסט דאָך, טאַנטע שאַסקע, עס איז דורכגעגאַנגען א פאַרליעבט פּאָרעל און האָבען זיך געקושט, האָט ער דאָס באַמערקט. טוט ער א געשריי: „גאָט פון ליעבע, שמע ישראל!" און דאָס יונג פּאָרעל האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקען...

— אַזוי? דאָס האָט ער געשריען? — האָט שאַסקע געזאָגט — נו, וואָס האָט איהם געאַרט, אַז זיי האָבען זיך געקושט? געזונטערהייד. זאָל זיי גאָט העלפען. אַן עולה? נאַ, איכ'ל געהן נאָך א ביסעל לעזען מיין ראָמאַן. גוד נאַיט דיר, ענעלע.

זי האָט זי א קוש געטאָן און געטראַכט:

„הלואי קושט ער דיך אויך, מיין קינד!"...

ווען עני איז דערנאָך אַליין געבליבען אין איהר צימער,

האָט זי זיך געזעצט שרייבען איהר בריעף צו רוטי'ן. — זי האָט געשריבען:

„ליעבע רוטי: —

„ווען איך שרייב דיר אָט דעם בריעף, איז שוין גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט. פריהער האָב איך קיין צייט ניט געהאַט, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט אונזער קאָזין, וואָס וועגען איהם, ווי איך האָב דיר נעכטען געשריבען, האָבען מיר זיך דערוואוסט פון מיסטער כּאַווקין...

„יאָ, רוטי, ער איז א מיליאָנער! מיר האָבען איהם היינט געטראָפען אין וואַלדאָרף אסטאָריע, פּאַפּאַ האָט איהם ניט דערקענט און איך האָב איהם באַלד דערקענט. מיר האָבען איהם גענומען אהיים. אַן אינטערעסאַנטער מענש, זעהר און זעהר אַן אינטערעסאַנטער...

„אין גאַנצען איז ער עפּעס אומגעוועהנליך, אזוי ניט עהנליך צו די אנדערע. פרעהליך און אומעטיג. שטיפעריש און ערנסט. א יונגער באַי און א מאַן אין די מיטעלע יאָהרען. א מיליאָנער און בענקט נאָך זיין אמאָליגער אָרעמקייט. אָפענהערציג, דאַכט זיך, און דאָך איז ער פאַרשלאָסען ווי מיט זיבען שלעסער, אין גאַנצען איין גרויסער סוד פאַר מיר!...

„באַלד ווי ער איז היינט געקומען צו אונז, האָבען מיר זיך, דאַכט זיך, דערוואוסט זיין גאַנץ לעבען — טאַנטע שאָסקע האָט איהם אויסגעפרעגט, ווי איהר שטייגער איז — און דערנאָך, ווען ער האָט שפּאַצירט מיט מיר אין פּראָספּעקט פּאַרק — א פּאָר שעה — האָט ער מיר ווייטער דערצעהלט פון זיין לעבען און דאָך בלייבט ער פאַר מיר אלץ א רעטעניש... דו ווייסט, צוליעב וואָס ער איז געקומען אהער? דו וועסט גאָרניט טרעפען, רוטי! חתונה האָבען וויל ער. א כּלה זוכט ער! נו, וואָס זאָגסטו צו דעם? אפשר קענסטו עפּעס א מיידעל, וואָס זוכט א מיליאָנער?... זי דאַרף אָבער ניט ערוואַרטען, אז ער זאָל זיך אין איהר פאַרליעבען... אזוי זאָגט ע ר... איך גלויב איהם ניט. א מאַן פון פערציג יאָהר קען זיך נאָך פאַרליעבען. איך בין אונטער דעם איינדרוק, אז ער איז א סך יונגער פון די אלע באָיס, וואָס איך קען. אינטערעסאַנטער, אודאי...

„ער זאָגט, אז ער געדענקט דיך. ער געדענקט, ווי ער

פלעגט דיך אויף זיינע הענט טראָגן... קורץ, רוטי, אונזער קאַזין דזשאַ איז זעהר אַן אינטערעסאַנטער דזשענטעלמאַן. זאָלען מיר פאַר איהם א זוך טאָן עפּעס א כלה, וואָס זאָל איהם אַנציינדען. דו הערסט? טאַקע אַ נ צ י נ ד ע ן...

„אפשר באַקענען העלען מיט איהם? ניין, איהר פעהלט פּולווער! בערטא'ן אפשר? ניין, איהר פאַרגין איך ניט אזא מאַן! אפשר סטעלאַ'ן? ניין, זי דאַרף האָבען אַ באַי, וואָס זאָל זיין אזוי נאַריש ווי זי! אפשר פרענציס?..."

און פּלוצים... אזוי ווי עמיצער וואָלט איהר אין אויער אריינגעשושקעט: „פאַרוואָס ניט דו?" זי איז צוטומעלט גע־וואָרען און די האַנט מיט דער פעדער האָט זיך ארונטערגע־לאָזט. מיט צומישטע אויגען האָט זי זיך אומגעקוקט. דאַן האָט זי זיך פון איהר אָרט אויפגעהויבען און איז דורכגעגאַנ־גען דאָס צימער.

„פאַרוואָס ניט..." זי האָט דעם געדאַנק ניט געענדיגט, איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר איהם מיט צוטומעלטע אויגען.

„וואָלט איך איהם געפעלען?" — האָט זי א טראַכט גע־טאָן און באַלד האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן: „משוגענע!"

איז ווידער צוגעגאַנגען צום טישעל און אריינגענומען די פעדער אין האַנט. אָבער רוהיג איז זי שוין מעהר ניט גע־ווען. זי האָט געפּרואווט שרייבען ווייטער און קיין געדולד ניט געהאַט. האָט זי געענדיגט:

„ער גריסט דיך, רוטי. עס איז שוין שפּעט און איך מוז ענדיגען, גוד־נאַיט!

ע נ נ י."

אין א ווייליע ארום, ווען זי איז אין איהר בעט געלעגען, האָבען דורך דער פינסטערניש פונ'ם צימער א פּאָר שמייכ־לענדיגע אויגען אויף איהר געקוקט...

8.

אויף מאָרגען איז עני אויפגעשטאַנען גאַנץ שפּעט. ראַ־בינס איז ניט געווען אינ'ם הויז. ער איז אוועקגעפאָהרען קיין ניו יאָרק וועגען געשעפט און קיינער אינ'ם הויז האָט ניט געוואוסט, ווי שפּעט ער וועט זיך צוריקקעהרען פון דאָרט.

עני האָט אויסגעזעהן צוטראָגען און איהרע גרויע אויגען

האָבען געקוקט טיעפער, טונקעלער. זי האָט איצט ניט נע־
פרעגט אויף איהם, אזוי ווי זי וואָלט מיט א כיון אויסגעמידען
זיין נאָמען צו דערמאָרנען. נאָר ווען שאָסקע האָט איהר
געזאָגט, אז דזשאָ איז אוועקגעפאָהרען אויפ'ן גאַנצען טאָג אין
ניו יאָרק, האָט זיך ביי איהר, געגען איהר אייגענעם ווילען,
ארויסגעריסען א צוטומעלטער אויסגעשריי:

— אויפ'ן גאַנצען טאָג? דאָס האָב איך ניט ערוואַרטעט!

— ער דאַרף זעהן ביזנעס־לייט, מיט וועלכע ער האַנדעלט
— האָט זיך אסתר אריינגעמישט.

און דאַן האָט זיך עני עפּעס ווי פאַרשעהמט און זי האָט
זיך אָנגערופען, אזוי ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר
עפּעס:

— איך האָב גאָר ניט געמיינט... איך מיין גלאַט...
וואָס איז ער עפּעס אזוי פריה אוועק?

— פריה? נאָך צעהן איז ער אוועק. — האָט שאָסקע
געענטפערט.

דאַן איז עני אוועק אריינצוואַרפען רוטי'ס בריעף.

ווען עני איז אוועק, האָט שאָסקע זיך אָנגערופען צו
אסתר'ן:

— ער זאָל נאָר דאַרט ניט טרעפען עפּעס א שדכן...

— משוגעים! ווי זאָגט יענער? אז דו מיט דיין ברודער
נעהמען זיך עפּעס אריין אין קאָפּ, ברענט עס און פלאַקערט
ווי ביי משוגעים. טו נאָר א טראַכט. מטורף: ער איז דאָ
ערשט נעכטען געקומען, איז שוין א שידוך געטאָן מיט איהם:
און שוין פליהט ער צו א שדכן; און שוין פאַרלירען מי־
איהם!... האָט צייט אביסעלע; אז עס איז באַשערט, וועט
עס אָנקומען. טאָמער געפעלט ער ניט עני'ן; טאָמער גע־
פעלט ניט עני איהם; זיי האָבען דאָך עפּעס אויך א דעה
ניין? וואָס ברענט איהר? וואָס פלאַקערט איהר?

— אסתר, דאָס האַרץ זאָגט מיר, אז דאָס איז א שידוך
— האָט שאָסקע געזאָגט — און א גליקליכער שידוך פאַר
ביידען. און אפשר דערפאַר האָט עני ביז איצט קיין מזל
ניט געהאַט ביי די אנדערע באָיעס, ווייל ער איז איהר באַ־
שערטער...

— און גאָר אָהן ליעבע? סטייטש, שאָסקע, דו זאָלסט

וועלען אַנזעצען דער ליעבע, איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט! ווי זאָגט טאַקע יענער? מען טאָר קיינעם ניט גלויבען.

— זי וועט זיך פאַרליעבען אין איהם; אין דזשאַ׳ן מוז זיך א מיידעל פאַרליעבען, זיי ניט קיין נאַר, אסתר. און זי וועט איהם אויך געפעלען. דאָס פאַרלאָז זיך אויף מיר.

עני איז פון דער גאַס צוריקגעקומען; זיי זיינען אַנט־שווינען געוואָרען און אויף זייערע ביידענ׳ס פּנים׳ער איז א סוד ווי פאַרגליווערט געוואָרען...

— וואָס טוט מען? — האָט עני זיך אָנגערופען, פאַר־טראַכט — לעזען? איך האָב עפּעס קיין געדולד ניט. איך וועל גאָר געהן שפּיעלען א ביסעל אויף דער פּיאַנאָ...

און זי איז אַרויס. באַלד האָט זיך פון דעם מוזיק־צימער דערהערט די אינטערמעצאָ פון „קאַוואַלערי רוסטיקאַנאַ.״ שטילע, האַרציגע אַקאָרדען, פול בענקעניש, האָבען איבער׳ן שטוב זיך געטראָגען.

אסתר און שאַסקע זיינען דאָן געזעסען אין עס־צימער. די ערשטע מיט א צייטונג און די אַנדערע מיט א אידישען בוך. שאַסקע האָט אַרויסגעזיפצט:

— אַי, איך האָב דאָס אַזוי ליעב צו הערען, עפּעס ווי א אידישע זאַך...

— איהר מוז זיין אומעטיג, ווען זי שפּיעלט דאָס — האָט אסתר געזאָגט — איך קען עני׳ן, ווען זי שפּיעלט דאָס, איז איהר דאַן אומעטיג...

— זי דאַרף חתונה האָבען, אסתר...

— זעהסט דאָך, זי האָט נעבעך, קיין מזל ניט...

— פאַרוואָס איז דאָס, אסתר? זיינען דען די באַיעס בלינד? זי איז שעהן, געראָטען, קען אַזוי גוט שפּיעלען... עס מוז עפּעס זיין אין דעם...

— זאָגען דיר דעם אמת, שאַסקע? מיר דאַכט זיך אמאָל, אז מיר קענען זי גאָר ניט.

— אָט האָסטו דיר! ווער דען קען זי?

— אַזאַ מיידעל ווי עני, האָט שוין לאַנג געדאַרפט קריגען א באַי — ווי זאָגט יענער? — ניט קיין מיאוס׳ע, געענדיגט א „הייסקוהל״, שפּיעלט אַזוי גוט פּיאַנאָ, אפילו אויף קאָנ־צערטען אמאָל, און איהר טאַטע איז, א דאַנק גאָט, ניט קיין

אָרעמאַן, — קען דאָס געמאָלט זיין, אז באַיעס וועלען אויס־לאָזען אזא מיידעל? מסתמא וועגדט זיך דאָס ניט פון זיי, נאָר פון איהר.

— וואָס רעדסטו, אסתר? איך קען עני'ן, זי בענקט נעבעך נאָך ליעבע.

— ניין שאָסקע, ניט היינט. אמאָל, מיט דריי־פיער יאָהר צוריק, אפשר... דאן האָט זי געברענט, געפלאַקערט, ניט וויינינגער פון רוטי'ן; היינט אָבער — ווי זאָגט יענער? — א נייע עני! שטיל, ווי אן אויסגעגאנגען פייער! קומט א באַי, איז רעכט. קומט ניט א באַי, איז ווידער רעכט. אראנסאָן איז געגאנגען צו איהר, ראבינאָוויטש, צייטלין און יענער. וואָס איז געווען א לוטענאנט אין דער ארמעע, — ווי הייסט ער? איך האָב פארגעסען! — זיי אלע, אזעלכע פיינע יונגע לייט, ביזנעסלייט מיט מאַשינען און וואָס?... קיינעם פון זיי האָט זי ניט געזוכט צו געפעלען. נו, איז מען געקומען צו איהר און מען איז געגאנגען צו איהר, און אויפגעהערט! עפעס ווי זי וואָלט זיך געפוילט צו געפעלען א באַי!...

— אַי, גערה אוועק, נאַר! זיך „געפוילט", וואָס הייסט זיך געפוילט אין אזא זאַך? ווי קען מען זיך פוילען, ווען דער ריכטיגער באַי קומט?

— זיי זיינען אלע געווען ריכטיגע באַיעס, נאָר זי איז ניט דאָס ריכטיגע מיידעל געווען פאר זיי. שאַ, דו געדענקסט דאָך, וויפיעל מיר האָבען צורעדט מיט איהר, זי זאָל זיי ווייזען א לעבעדיגערע מינע, נו, האָט עס עפעס געהאָלפען? אָט אזוי ווי דו זאָלסט ביי אן אויסגעלאָשענעם פייער בעטען א פלאַם...

שאָסקע האָט זיך פארטראכט, און דערנאָך זיך אָנגערופען:

— א ביסעל גערעכט ביזטו. זי איז אין דיר געראָטען. איך וויל אָבער איצט פּראָבירען אַ זוך טאָן; אפשר וועל איך נאָך געפינען ביי איהר דאָס אמאָליגע פייער...

און דאָ האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דעם ליעבע־פראַשעק, וואָס איז געלעגען ביי איהר באַהאַלטען פון אמאָל, און זי האָט א טראַכט געטאָן:

„דאָס וועל איך אויך פּראָבירען... אויב ניט פאר מיר, ברוך השם, זאָל זיין פאר איהר..."

* * *

אסתר איז געווען געריכט, ווען זי האָט געזאָגט, אַז
מאַנכעס מאָל ווייזט זיך איהר אויס, אַז זיי קענען ניט עני'ן.
זיי האָבען זי טאַקע ניט געקענט, ווי קיינער וואָס האָט זי די
לעצטע פאַר יאָהר געטראָפען, האָט זי ניט געקענט. איהר
האַרץ איז געווען פאַרשלאָסען פאַר אַלעמען. אויף יעדען
האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיידעל אָהן לעבען,
פון אַ „פאַרקערפּערטער שטיק לאַנגווייליגקייט", ווי איינער
פון די באַקאַנטע יונגע לייט האָט זיך אַמאָל וועגען איהר
אויסגעדריקט. בלויז איהר שוועסטער, רוטי, האָט זי געקענט...
מיט עטליכע יאָהר צוריק איז זי געווען גאָר אַנדערש —
אַ לעבעדיג שטיק טאַנצענדיג און זינגענדיג פייער, ווי איהר
שוועסטער רוטי. דאַן האָט זי זיך פאַרליעבט אין יונגע און
אַלטע, אפילו אין מענער מיט ווייסע האָר, און עס זיינען גע־
וועזן וואָכען, ווען זי איז פאַרליעבט געווען אין עטליכע מיט
אַמאָל און עס וואָלט איהר דאַן שווער געווען צו זאָגען, נאָך
וועמען פון זיי, זי בענקט מעהר... אַ שמייכעל פון אַ מאַן
איז געווען פייער פאַר איהר האַרץ. אַ גוט וואָרט — פייער.
אַ בליק, ווער רעדט נאָך, אַ קאָמפּלימענט — פלאַם־פייער...
אין יענער צייט האָט זי אַמאָל געטראָפען אַ יונגענמאַן
אין ברעדלי ביטש, וואו איהר פאָטער האָט געהאַט אַ זומער־
הויז. ביים ים איז דאָס געווען, בשעת זי האָט זיך געבאָדען.
דער יונגערמאַן האָט זיך געטראָגען איבער די בלויע כוואַ־
ליעס, האָט זיי געשניטען מיט זיינע אָרעמס אַזוי שעהן, אַזוי
גראַציעז און מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט די אויגען פון
איהם ניט געקענט אָפּרייסען. הויך האָבען זיך געהויבען די
כוואַליעס און מיט שטירדעס און בייזען געשריי זיך געוואָרפען
אויפ'ן יונגענמאַן, אַזוי ווי פאַרשלינגען האָבען זיי איהם גע־
וואָלט, און ער געגען זיי — אַ וואָרף מיט די אָרמס און ברוסט
און אַ הויב געטאָן זיך מיט זיין שלאַנקען און אַטלעטישען
קערפּער, און שוין איז ער איבער דער צווישעטער כוואַליע,
רייט אויף איהר ווי אויף אַ געצוימטער חיה...
עני איז באַצויבערט געוואָרען פון זיין גראַציעזען שווי־
מען און פון זיין אַטלעטישער בויגיגקייט און קראַפט.
האָט זי זיך דערנאָך באַקענט מיט איהם און אַ נייער
פלאַם האָט זיך אין איהר האַרצען אָנגעצונדען. אַ יונגערמאַן
פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג איז ער געווען, אַ הויכער,

שלאנקער בלאנדין, מיט בלויע אויגען, העלע האר און א העלען, לעבעדיגען שמייכעל.

יעדען טאג האט זי איהם דארטען געטראפען; ער האט זי אפט ארויסגענומען שווימען מיט זיך, צו דעם גרויסען שרעק פון דער פערצעהן יעהריגער רוטי'ן, און דאן האט זי אפט זיין האנט ארום איהר טאליע געפיהלט.

דער פלאם, וואס ער האט אנגעצונדען אין איהר הארצען, האט זיך אלץ שטארקער און שטארקער צופלאקערט, וואס אפטער זיי האבען זיך געטראפען. און וואס שטארקער ער האט דארט געפלאקערט, אלץ מעהר האבען זיך די אנדערע פלאמען אין איהר הארצען געלאשען, ביז דארט איז פאר־בליבען איין איינציגער שטארקער פלאם...

דאן האט ער איהר איינמאל געזאגט, אז ער איז א קריסט. זי איז צוטומעלט געווארען, איז אבער פון איהם ניט אנט־לאפען, פארקעהרט, ער איז איהר דערנאך ווי אינטערעסאנ־טער, טייערער געווארען...

זי האט ניט געטראכט פיעל וועגען דעם, און האט זיך ניט פארטראכט וועגען דעם. עס איז איהר געווען אזוי פרעה־ליך מיט איהם, אזוי אינטערעסאנט. די צייט האט זיך גע־טראגען אזוי ליכטיג און אזוי אנגענעהם. יעדען אווענד האט זי מיט איהם שפאצירט אין עסבערי פארק, געטאנצט מיט איהם אין די דארטיגע טאנץ־זאלען, וואו דער גערויש פון ים און די פרעהליכע מוזיק, און די עלעקטרישע ליכט, און דער קול פון איהר הארצען האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין פייערדיגען געשריי: „מיטשעל״!...

אבער וואס קען ארויסקומען פון איהר געפיהל צו מיטשעל'ן, — פון דעם האט זי ניט געטראכט. ווי א פליג צו פייער האט זי זיך צו איהם געטראגען, ניט טראכטענדיג...

ביז איין מאל איז ער צו איהר געקומען און האט איהר ערקלערט, אז ער ליעבט זי. דאן האט זי פאר זיך דערזעהן א טיעפען, שווארצען אפגרונד, וואס איז געשטאנען צווישען זיי ביידען, און א שרעק האט זי אנגעכאפט.

אלץ אין איהר איז דאן פינסטער געווארען; וואו די פרייד האט פריהער אזוי העל געזונגען אין איהר נשמה, האט איצט די פארצווייפלונג פארשטיקט געבליפעט.

זי קען ניט און וועט ניט הייראטען א קריסט; זי וועט

איהרע עלטערען ניט דער׳הרג׳ענען און מען טאָר ניט! זי אליין איז אויך געווען א רעליגיעזע נאַטור...

האָט ער צו איהר גע׳טענה׳ט, אז ער פאַרלאַנגט קיין חתונה אין אַ קירך, ווייל ער איז א פריידענקער. האָט זי איהם דאַן געזאָגט: זי ווייסט ניט, זי מוז ארומטראכטען, און איז דאַן אַנטלאָפען אין שטאָדט אריין ווי א פאַרפאָלגטע חיה...

און אין שטאָדט האָט זי דאַן אָפט, ווען זי איז אין איהר צימער געווען, גאָט געבעטען. ניט קיין אויסגעלערנטע תפלה איז דאָס געווען, נאָר אַ געבעט, וואָס איז אין איהר האַרצען געבאָרען געוואָרען:

„גאָט העלף מיר! איך וויל איהם פאַרגעסען״!...

און ווען די ימים נוראים זיינען באַלד אָנגעקומען, איז זי דאַן אין טעמפעל געלאָפען און דאָרט האָט זי ווידער די אייגענע תפלה, מיט עקסטאַז, געמורמעלט:

„גאָט העלף מיר! איך וויל איהם פאַרגעסען״!...

זי האָט איהם אָבער ניט געקענט פאַרגעסען. האָט זי די בענקעניש אין איהר האַרצען געשטיקט און איז שטענדיג ארומגעגאַנגען פאַרטאָן אין זיך.

האָבען אלע אין הויז זיך געשראָקען. רובינטשיק האָט געלייארמט: „זי איז קראַנק, מען דאַרף זי נעהמען צו א דאָקטאָר!״ אסתר האָט זיך געטראַכט: „מען דאַרף א שידוך זעהן פאַר איהר״; און שאָסקע האָט גע׳טענה׳ט: „מען האָט איהר אַן עין הרע געגעבען!״

נאָר איין רוטי האָט פאַרשטאַנען. וואָס מיט איהר איז. און איינמאָל, ווען זי איז מיט עני׳ן אין בעט געלעגען, האָט זי זיך אָנגערופען:

— עני דיער, איך פאַרשטעה, דו דענקסט פון מיטשעל. מען דאַרף ניט... דו קענסט קריגען אנדערע באָיעס...

דאַן האָט עני זיך; כאַפּ געטאָן צו איהר, צוגעדריקט זי צו זיך פעסט־פעסט און זיך צואוויינט, און די קליינע רוטי מיט איהר...

פון יענער צייט אָן האָט עני געהאָט פאַר וועמען איהר האַרץ אויסצורויידען...

א פּאָר חדשים זיינען דאַן אוועק. און איינמאָל קלינגט

מען אַן אין הויז און באַלד קומט אריין אסתר מיט א פרעה־ליכער מינע און זאָגט צו ענ׳ין:

— עמיצער איז געקומען דיך זעהן. דו ווייסט ווער? דיין באַקאַנטער פון ברעדלי, — מיטשעל...

ענ׳י איז געבליבען שטעהן, אַזוי ווי מען וואָלט איהר מיט עפּעס איבער׳ן קאָפּ דערלאַנגט, און די קליינע רוטי האָט אויך אויסגעגלאָצט די אויגען און איז געשטאַנען מיט א צו־פּלאָמטען פּנים׳ל.

דאַן האָט רוטי מיט אמאָל זיך א כאַפּ געטאָן:

— דו ביזט דאָך ניטאָ אין דער היים, ענ׳י? איך געה דאָס איהם זאָגען...

אָבער ענ׳י האָט זי אָפּגעהאַלטען:

— איך בין יא דאָ — האָט זי פּלוצים געזאָגט, און איז מיט א צופּלאָמטען פּנים אַרויסגעלאָפען אין צווייטען צימער, וואו מיטשעל האָט אויף איהר געוואַרט.

ער האָט איהר ערקלערט, אַז ער האָט זי די גאַנצע צייט געזוכט און ערשט די וואָך האָט ער אויסגעפונען דעם אדרעס פון איהר הויז. ער ליעבט זי נאָך, בענקט נאָך איהר און קען בשום אופן ניט באַגרייפען, פאַרוואָס זאָל אַזא קלייניגקייט ווי רעליגיאָן זיי שטערען צו זיין גליקליך...

האָט זי איהם דאַן ערקלערט, ווי מען קוקט אויף דעם ביי אידען; ווי איהר פאָטער און מוטער קוקען אויף דעם און ווי זי אַליין... האָט איהם געבעטען זי צו פאַרגעסען. האָט ער דאַן פאַרלאַנגט איין זאַך: ער זאָל דערווייל זיך קענען זעהן מיט איהר און ער גיט איהר זיין וואָרט, אַז ער וועט זיך באַמיהען צו באַרוהיגען.

ענ׳י האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף איהם דאָס ניט ערלויבען, אַז זי אַליין טאָר איהם אויך ניט זעהן; אָבער זי האָט קיין כוח ניט געהאַט איהם אָפּצוזאָגען. דאַן וואָלט עס געהייסען איהם גראָב צו פאַרשטויסען, — דאָס האָט זי ניט געקענט...

און ווידער האָבען זיי זיך גענומען טרעפען, איז אמאָל מיט איהם אין א טעאַטער אַרויסגעגאַנגען, און אויף א באַל.

אין דער היים וואָלט מען צופרידענער געווען, אַז זי וואָלט מיט א אידישען באַי אַרומגעגאַנגען, אָבער שטערען איהר מיט איהם אַרויסגעהן האָבען זיי ניט גערעכענט פאַר

בויטיג. זיי איז ניט איינגעפאַלען, אַז עפּעס זאָל זיין צוויי־שען זיי און, חוץ דעם, איז ניט דעם ערשטען מאָל עני אַרויס־געגאַנגען מיט אַ פריינדין אַ קריסטין אָדער מיט אַ באַקאַנטען קריסטליכען באַי.

נאָר רוטי האָט דאָס ניט געוואָלט ליידען און אָפט האָט זי עני'ן געזאָגט:

— איך מוז דאָס דערצעהלען ראַבּי בערנשטיין. פליעז, עני, דו וועסט דער'הרג'ענען פּאַפּאַ און מאַמאַ און מיך אויך! פליעז עני, היים איהם געהן צום טייפעל!...

און עני האָט איהר געענטפערט:

— רוטי, איך האָב אויף איהם רחמנות. ער ליידט דאָך אַזוי...

— און דו ליידסט דען ניט? און איך לייד דען ניט? פליעז, עני, זאָג איהם, אַז ער זאָל זיך פאַרליעבען אין אַן אַנדערער. דו ווייסט וואָס? באַקען איהם מיט זוזי'ן. איהר פּאַפּאַ'ן וועט ניט אַרען, אַז זי וועט אַפילו הייראַטען אַ קריסט.

—דו ביזט אַ קינד, רוטי, — האָט דאַן עני זיך אָנגערופען.

— יאַ — האָט רוטי געזאָגט — דאָס איז דאָך דער אומ־גליק, וואָס איך בין ניט גרויס גענוג. ווען איך בין אַזוי גרויס ווי דו, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס צו טאָן...

— וואָס וואָלסטו געטאָן?

— איך וואָלט איהם פאַרליעבט אין זיך און וואָלט דיך באַפרייט פון איהם און דערנאָך וואָלט איך איהם אָנגע־וויזען אויף עמיצען און איהם געזאָגט: „יענע איז פאַר דיר אַ כלה, מיסטער מיטשעל"...

און דאַן איז רוטי צו איהר צוגעשטאַנען:

— עני, פּודער ניט דיין פּנים; טו אָן אַלטע קליידער; מאַך זיך מיאוס, וועט ער פון דיר אַנטלויפען...

עס האָט ניט געהאָלפען. מאַנאַטען זיינען אַוועק און עני האָט זיך מיט איהם אַלץ געטראָפען און זי איז אַ סך לעבעדי־גער און פרעהליכער געוואָרען.

ביז איין מאָל האָט רוטי זיי געטראָפען ביי עני'ן אין צימער, בשעת ער האָט זי געקושט. זי האָט זיך צוואווינט און איז אַרויסגעלאָפען. און יענעם אָוענד האָט זי אָנגעקלונגען ביי ראַבּי בערנשטיין אין הויז און ווען ער האָט די טיר גע־עפענט, האָט זי, כליפּענדיג, איהם געזאָגט, אַז זי מוז איהם

זעהן און קיין מענש אין דער וועלט טאָר ניט וויסען, וואָס זי וועט איהם דערצעהלען.

און ווען ער האָט זי אריינגעפיהרט אין זיין פּריוואַט־צימער, האָט זי אויף איהר קינדערשען און נאַאיווען אופן, כליפּענדיג, איהם אַלצדינג דערצעהלט און געענדיגט :

— ראַבי בערנשטיין, זאָגט איהר, אַז גאָט וועט זי שטראָפען, ווען זי וועט דער'הרג'ענען פּאַפּאַ און מאַמאַ און מיך. זאָגט אָבער גאָרנישט ביי אונז אין דער היים. פּליעז!

און אויף מאָרגען, ווען ראַבי בערנשטיין האָט מיט עני'ן גערעדט מיט זיין ווייכען קול און מיט די ברענענדסטע פאַר־בען פאַר איהר געשילדערט די פאָלגען פון אַזאַ ליעבע פאַר איהרע עלטערען און פאַר איהר אליין, האָט זי זיך צעוויינט פאַרצווייפעלט און איהם געגעבען איהר וואָרט, אַז זי וועט דעם קריסט מעהר ניט טרעפען.

דאַן האָט זי אָנגעשריבען אַ בריעף צו מיטשעל'ן, אין וועלכען זי האָט איהם דעם גאַנצען אמת געזאָגט, און איז באַלד אוועקגעפאָהרען קיין לעיקוואוד...

מעהר האָט זי איהם ניט געטראָפען. אָבער פאַרצווייפעלט איז זי איצט געווען נאָך מעהר ווי פריהער. זי האָט איהם ניט געקענט פאַרגעסען.

דאַן האָט ראַבי בערנשטיין, דער איינציגער מענש, אויסער רוטי'ן, וועלכער האָט וועגען איהר טראַגעדיע געוואוסט, זי אָפט באַזוכט, ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון לעיק־וואוד, און געזוכט זי צו טרייסטען און צו פאַראינטערעס־סירען אין געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט. אַ געוויסע צייט האָט זי געאַרבייט פאַר אַלערליי וואוילטעטיגע אַנשטאַלטען. האָט אַ געוויסע צייט באַזוכט די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, און ווען דער „רעליף" פאַר די מלחמה־ליידענדע האָט זיך גע־גרינדעט, האָט זי אויך אַנטייל גענומען אין דעם, אָבער אָהן חשק, אָהן יענעם ברען וואָס זאָל איהר מאַכען פאַרגעסען. דאָס אַלצדינג איז פאַר איהר געווען ווי אַ ביטערע מעדיצין וואָס זי האָט זיך געצוואונגען צו נעהמען כדי אויסצוקורירען אַ שאַרפען וועהטאָג טיעף אין איהר האַרצען...

אָבער דער וועהטאָג האָט זיך ניט געלאָזט אויסקורירען. יענעם האָט זי אַלץ ניט געקענט פאַרגעסען און די בענקעניש

האָט זי געפּרעסען ווי אַ ראָק; **די גאַנצע פריהערדיגע לע־בעדיגקייט** איהרע האָט די בענקעניש פון איהר נשמה ארויס־געזויגט.

דאַן האָט זי זיך געכאַפּט צום פּיאַנאָ־שפּיעלען. זי האָט ניט שלעכט פּיאַנאָ געשפּיעלט, האָט ראַבי בערנשטיין איהר געראַטען די דאָזיגע פעהיגקייט מעהר צו ענטוויקלען, מיינענ־דיג, אַז אין דעם וועט זי איהר רוה געפינען, און ער אַליין האָט אויסגעפונען פאַר איהר אַ באַוואוסטען מוזיק־לעהרער. איז זי אַ געוויסע צייט צו יענעם געפאָהרען, לעקציעס ביי יענעם גענומען און דערנאָך געוואָרפען — האָט קיין געדולד ניט געהאַט פאַר דעם...

זי האָט מעהר קיין געדולד פאַר קיין זאַך ניט געהאַט. האָט זיך מיט קיינעם און מיט גאָרנישט מעהר ניט אינטע־רעסירט, ניט אפילו מיט די יונגעלייט, וועלכע זיינען איצט צו איהר געקומען. זיי אַלע האָבען זיך איהר אויסגעוויזען אַזוי אומאינטערעסאַנט, אַזוינע געוועהנליכע און אַזוי עהנליך איינער צום אַנדערען, און אַזוי ניט עהנליך צו יענעם וואָס זיין בילד האָט זי אין איהר האַרצען געטראָגען. איז זי געווען גלייכגילטיג צו זיי און האָט גאָר ניט געזוכט זיי צו גע־פעלען...

האָבען די יונגעלייט, אַלע פון זיי קינדער פון רייכע עלטערען אָדער אַליין מיט עטאַבלירטע געשעפטען, זיך אויך אויפגעהערט מיט איהר צו אינטערעסירען, און יעדערער פון זיי האָט זיך אַ מיינונג וועגען איהר אָפּגעמאַכט: „אַ מיידעל אָהן לעבען" ; „אַ נאַרישע מיידעל". און איינער האָט זיך אויסגעדריקט : „עפּעס אַ צומישטע", און נאָך איינער : „אַ שטאָלצע קוה", און אַן אַנדערער נאָך שאַרפער : „אַ פאַר־קערפּערטער שטיק לאַנגווייליגקייט"...

און זיי האָבען אויפגעהערט צו געהן צו איהר...

איהר פאָטער האָט זיך געקלאָגט : „אַ טויטע בריאה, ווי איהר מאַמע. פאַרשטעהט ניט ווי אַריינצוכאַפּען די מייז אין פאַסטקע! פאַרוואָס שמייכעלט זי ניט? פאַרוואָס לאַכט זי ניט? וואָס איז דאָס מיט איהר געוואָרען? וועלכער משוגענער וועט וועלען חתונה האָבען מיט אַזאַ בריאה? !"

זי האָט אָבער ניט געשמייכעלט, ניט געלאַכט. און ווען

זי האָט אַמאָל געלאַכט, האָט דאָס געלעכטער געקלונגען אַזוי טרוקען, ווי ביי אַן אַלטער פרוי...

רובינטשיק האָט דאַן גענומען זוכען אַ שידוך דורך אַ שדכן פאַר איהר. די אייגענע געשיכטע: דער חתן איז, גע־וועהנליך, רייך געווען, און אַזאַ לאַנגווייליגע מיידעל האָט איהם ניט געקענט געפעלען.

אַזוי איז זי געבליבען מיט איהר פאַרלאָשענעם פייער, און קיינער אין איהר הויז, אויסער רוטי'ן, האָט ניט גע־וואוסט וואָס פאַר אַ טראַגעדיע זי האָט דורכגעלעבט; קיי־נער האָט ניט געוואוסט וואָס אַזוינס האָט דערשטיקט דעם אַמאָליגען הילכענדיגען געלעכטער פון עני'ן!

אָבער ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטען אין דער מלחמה האָט זי דאַן אינגאַנצען אויפגעלעבט; דער אַלגעמיינער פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מייסטע אידישע זיהן און טעכטער, האָט זי אויך היינגעריסען און איהר געמאַכט צו פאַרגעסען אָן אַלצדינג, פּונקט ווי איהר שוועס־טער רוטי'ן. זיי האָבען געאַרבייט פאַר די ליבערטי באָנדס, פאַר דעם רויטען קרייץ. טאָג און נאַכט זיינען זיי אַרומגעגאַנ־גען איבער די טעאַטערען און אַנדערע עפענטליכע פּלעצער און האָבען געאַרבייט.

דאַן האָט מיט אַמאָל געטראָפען, וואָס האָט איהר די אויגען אויפגעריסען און וואָס האָט איהר דערנאָך צוטור־מעלט:

זי האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל ווען זי קומט מיט רוטי'ן אין אַן עפענטליכען פּלאַץ, פאַרקויפט די זיבעצעהן־יעהריגע רוטי אַ סך מעהר באָנדס פון איהר, און דאָרט וואו זי אַליין קען ניט פאַרקויפען, פאַרקויפט דערנאָך איהר יונגע שוועסטער אַזוי לייכט...

האָט זי זיך דאַן געפרעגט: „וואָרום?" און ווען זי האָט זיך טיעפער אַריינגעטראַכט אין דעם, האָט זי עפּעס דערזעהן וואָס האָט איהר מיט אַמאָל די אויגען אויפגעריסען אויף זיך אַליין און האָט זי צוטומעלט: אין איהר שוועס־טער'ס ערפאָלג האָט זי דערזעהן דעם ערפאָלג פון רוטי'ס יוגענד און רייצענדער פרעהליכקייט, און דעם ניט־ערפאָלג פון איהר אַליין, וועלכע איז ניט אַזוי יונג, ניט אַזוי רייצענד און ניט אַזוי פרעהליך.

דאַן האָט זי זיך דערשראָקען; האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם געדאַנק, טאָמער בלייבט זי פאַרזעסען אַן אַלטע מויד...

און ווען זי האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבען צוקוקען צו די יונגעלייט, וועלכע זיינען אַריינגעקומען צו איהר שוועסטער, און צו דעם אופן ווי אַזוי זיי פאַרהאַלטען זיך צו רוטי'ן און ווי וועניג זיי באַמערקען זי, עני'ן, איז דאָס איהר נאָך קלאָרער געוואָרען...

האָט דאָס איהר שפּעטער געטריבען, אַז זי זאָל אָנהויבען צו קוקען אויף די יונגעלייט גאַנץ אַנדערש ווי פריהער און האָט זיי גענומען זוכען...

זי האָט זיי אָבער איצט געזוכט ניט מיט דער פריהערדיגער ניט־געצוואונגענער פרעהליכקייט, ניט מיט דעם פרייען נשמה־געלעכטער פון אַמאָל, נאָר געצוואונגען, ניט־חריינסט און שעמעוודיגערהייט. ווייל אין איהר הארצען איז זי שטאָלץ געוועזן און איהר האָט זיך כסדר אויסגעדאַכט, אַז דער יונגערמאַן וועט באַלד באַמערקען, אַז זי יאָגט זיך נאָך איהם...

צוליעב אַ יונגענמאַן איז זי אַמאָל אויך אַרויסגעטראָטען אויף אַ פאַראיין־קאָנצערט, וואו זי האָט פּיאַנאָ געשפּיעלט. תמיד האָט זיך איהר גע'חלומ'ט, אַז דאָרט וואַרט יענער אויף איהר; אָבער „יענער” איז ניט געוועזן.

דעם זומער ווען זי איז אין ברעדלי־ביעטש געוועזן האָט זי אויך אַ סך מאָל געמיינט, אַז „יענער” איז שוין געקומען. אָבער יעדעס מאָל האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, אַז יענער דענקט ניט אפילו וועגען איהר.

זי האָט שוין אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען אַ שידוך דורך אַ שדכן מיט דעם ערשטען בעסטען מאַן, ווען ראָבינס איז מיט אַמאָל אָנגעקומען. דערפאַר האָט זי איצט אַזוי געטראַכט וועגען איהם. דערפאַר האָבען אַלע אין איהר הויז אַזוי געטראַכט וועגען איהם.

ער האָט אויף איהר אַן איינדרוק געמאַכט. ער איז אַזוי ניט עהנליך געוועזן צו די אַנדערע וואָס זי האָט געקאָנט.

און צוזאַמען מיט די געדאַנקען וועגען איהם האָט זיך

אין איהר הארצען געגומען וועקען, און זי האָט זיך עפּעס גע־שעהמט פאַר דעם און געזוכט עס צו באהאַלטען פון די שטוביגע...

* * *

אַ וואָך איז אַוועק, ראַבינס האָט דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט פאַרבראַכט אין ניו יאָרק מיט די געשעפטס־לייט, מיט וועלכע ער האָט ביז אהער געהאַנדעלט. אזוי ווי ער איז געווען איינער פון די גרעסטע „אוט־אַף־טאַון"־באַיערס — איינער פון די גרעסטע קונדען פון אויסער ניו יאָרק — האָבען די ניו יאָרקער געשעפטסלייט, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט, געזוכט איהם צו פאַרשאַפען פאַרגעניגען — יעדען טאָג האָט ער מיט עמיצען אנדערש פון צווישען זיי פאַרבראַכט ביי דינערס, אין טעאַטערס, אין ראָקאַווייי פּאַרק און אין לאָנג ביטש, וואו אנדערע פון זיי האָבען זייערע וואוינונגען געהאַט.

אזייגער צעהן אין דער פריה האָט ער תמיד פאַרלאָזען רובינטשיק'ס הויז און פריהער פון איינס־צוויי פאַרטאָג האָט ער זיך קיינמאָל ניט צוריקגעקעהרט.

יעדען אין־דער־פריה, ווען ער איז ביים פריהשטיק גע־זעסען, איידער ער האָט פאַרלאָזען דאָס הויז, האָט ער זיי דערצעהלט וועגען דעם, וואו און מיט וועמען און ווי אזוי ער האָט פאַרבראַכט נעכטען די צייט. און מיט אומרוה אינ'ם הארצען האָט יעדער פון זיי זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט דערצעהלט. וואָרים יעדער פון זיי האָט מורא געהאַט, טאָמער באַקענט ער זיך דאָרט מיט עפּיס אַ פרוי, טאָמער פאַר'שדכנ'ט איהם עמיצער פון די ביזנעס־לייט צו זייגער אַ שוועסטער אָדער אַ טאָכטער, אַ קאָטאַוועס אַ מיליאָנער ! אפילו אסתר איז איצט אויך וועגען דעם אומ־רוהיג געווען.

עני, וועלכע איז איצט אויפגעשטאַנען פריהער ווי זי איז געוואוינט געווען, כדי זי זאָל איהם קאָנען זעהן, איי־דער ער פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט זיך צוגעהערט צו איהם צוטראָגען, און געפיהלט אזא שווערען אומעט אויפ'ן האַר־צען. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז איהר שענקט ער ווע־ניגער אויפמערקזאַמקייט ווי וועמען ניט איז אינ'ם הויז.

וואָרים ווען ער האָט גערעדט, האָט ער אין איהר זייט כמעט גאָר ניט געקוקט, און דאָס האָט איהר געוויזען, ווי ווייניג ער אינטערעסירט זיך מיט איהר. דערנאָך, ווען זי איז אַליין געבליבען, האָט זי זיך געמוטשעט: זי האָט פאַרלאָרען דעם גאַנצען רייץ פאַר אַ מאַן... קיין מאַן אינטערעסירט זיך ניט מעהר מיט איהר, קיין מאַן!...

אַן אַנדערס מאָל, ווען ריידענדיג, האָט ער זי אַזוי ווי ניט באַמערקט, האָט איהר שטאָלץ זיך אין איהר אויפגעבאַפט, און זי האָט דאַן גענומען אַ צייטונג, צי אַ בוך און אַריינגעקוקט, כדי צו ווייזען איהם, ווי ווייניג זי אינטערעסירט זיך מיט דעם, וואָס ער דערצעהלט: אָדער זי האָט אין מיטען זיינע רייד אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און הויך אַ געניץ געטאָן. דערנאָך אָבער האָט זי זיך פון דעם אַליין געמוטשעט: „איך ווייס איהם נאָר, אַז איך בין אונערצויגען" — האָט זי געטראַכט מיט כעס אויף זיך אַליין. דערפאַר האָט זי אויף מאָרגען דעם דאָזיגען איינדרוק געזוכט צו פאַרגלעטען, געשמייכעלט צו איהם איבערטריבען העפליך און איהם איבערגעגעבען די גרוסען, וואָס רוטי האָט אין איהר בריעף צו איהם געשיקט...

רובינטשיק האָט תמיד אין זינען געהאַט, אויסצוגעפינען ביי איהם פון דער זייט, צי האָט ער עפּעס אַ פרוי דאָרט ניט געטראָפען. אָפען דאָס פרעגען ביי איהם האָט ער עפּעס ווי קיין מוט ניט געהאַט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געהיט פון עפּעס אַ שלעכטער בשורה...

ער האָט געפרעגט:

— ווער נאָך איז דאָרט געוועזען? ווער נאָך? האָט יענער אַ פאַמיליע, אַ ווייב, קינדער? זיהן אָדער טעכטער? ווי אַלט איז דער זוהן? און די טאָכטער איז ווי אַלט?...

אי שאַסקע, אי אסתר האָבען פאַרשטאַנען, וואָרום ער פרעגט דאָס; און עני האָט געטראַכט פאַרביטערט: „ווי ער דערעסט מיט זיינע פראַגען; וועט דען זיין אַ וואונדער, ווען דזשאָו וועט אין גאַנצען אַנטלויפען פון אונזער הויז!"

דזשאָו האָט אָבער גאַנץ רוהיג געענטפערט אויף זיינע פראַגען; קיין סכנה איז נאָך ניט געוועזען!...

און איינמאָל, אויף דער צווייטער וואָך, ווען מען האָט ראַבינס'ן א פּאָר טעג ניט געזעהן ביי רובינטשיק'ן אין הויז, בעת ער איז דערנאָך געזעסען ביים פריהשטיק און האָט דערצעהלט ווי ער האָט פאַרבראַכט מיט א ביזנעסמאַן אויף יענעם'ס יאַכט־שיף, האָט רובינטשיק, ווי זיין שטייגער איז געוועזן, א פרעג געטאָן:

— ווער נאָך איז דאָרט געוועזן?

— זיין פאַמיליע.

— גרויסע קינדער? — האָט רובינטשיק ווייטער אויס־געפרעגט, טרינקענדיג זיין קאַפּע.

— ערוואַקסענע.

— ווי אַלט?

— צוויי זיהן אין ביזנעס. איינער, מסתמא, פינף־און־צוואַנציג און דער אנדערער איז עלטער. אָבער א פרוי האָב איך דאָרט געטראָפען. מיסטער אַפּענהיים'ס א שוועסטער. אַט זי איז אינטערעסאַנט!... איך האָב זיך פּשוט פאַר־ליעבט אין איהר.

ביי רובינטשיק'ן איז די טאַסע קאַפּע ארויסגעפאַלען פון די הענד; ביי שאַסקע'ן איז דער ביסען פאַרגליווערט גע־וואָרען אינ'ם מויל; אין אסתר'ס רוהיגע אויגען האָט זיך א צוטומעלטקייט אַפּגעמאָלט; און ענני'ן האָט אין הארצען א האַק געטאָן: „איך האָב עס ערוואַרטעט!" — האָט זי א טראַכט געטאָן און פאַרביטערט געשמייכעלט.

— האָסט זיך שוין פאַרליעבט אין איהר? — האָט שאַסקע זיך אָנגערופען אויפגערעגט — וואָס איילסטו זיך?

— אַי, א פרוי! — האָט ראַבינס געענטפערט — און דוקא א יאַהודעטע...

— גלויב זיי ניט, דזשאָזעף! — האָט רובינטשיק זיך א כאַפּ געטאָן — מען דאַרף זיין פאַרזיכטיג אין אַזוינע זאַכען!

ראַבינס האָט זיך צולאַכט:

— פאַרזיכטיג אין אזוינע זאַכען? וואָס מיינט איהר? אַה! — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן און צוגעלעגט מיט א קאָמישער מינע — ניט דאָס, וואָס איהר מיינט, ניט דאָס...

ניט קיין שידוך... זי איז מיט ווייסע האָר, אַ יאָהר זיבעציג, און איך זוך אַ פרוי, וואָס זאָל זיין מיט אַ פאָר יאָהר אינ־גער...

דאַן האָט שאָסקע אַנגעקוקט אסתר'ן און אסתר רובינ־טשיק'ן און זיי אַלע ראַבינס'ן און דערנאָך האָבען זיך אַלע מיט אַמאָל צולאַכט, אפילו ענני אויך.

— הער נאָר דו — האָט רובינטשיק צופרידען אויסגע־שריען — פאַרוואָס נעהמסטו ניט מיין אויטאָמאָביל, ווען דו פאָהרסט אין ניו יאָרק? וואָס דאַרפסטו צאָלען פאַר פרעמדע?

— היינט טאַקע וועל איך נעמען אייער מאַשין. איך בין איינגעלאַדען אין לאָנג־איילאַנד צו אַ דינער.

— היינט, מאָרגען, נעהם די מאַשין ווען נאָר דו ווילסט. פאַרוואָס פאָהרסטו ניט אַרוים אַמאָל מיט ענני'ן? — האָט ביי רובינטשיק'ן זיך פּלוצים אַרויסגעריסען.

ענני האָט זיך אַנגעצונדען און אויפגערעגט אַ קוק געטאָן אויף איהר פאָטער.

— וואָס הייסט, פאַרוואָס ער פאָהרט ניט אַרוים מיט מיר? וואָס שטעלסטו איהם אַזוינע פראַגען? — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערענדיגען קול פאַר אויפרעגונג — איך וואַרט נאָר, אַז דזשאָו זאָל מיך נעהמען אַרויספאָהרען? מיין גאָט, ווי לעכערליך ער מאַכט מיך און זיך אַליין!

און זי איז אַרויסגעלאָפען פונ'ם צימער.

— זי איז דען ניט גערעכט? — האָט אסתר זיך אָנ־גערופען — ענני'ן איז דען אַ נאָוויגע אַרויסצופאָהרען מיט אַ יונגענמאַן? פאַרוואָס זאָל דזשאָו מיינען...

— אָי, האָט ער אַ צונג! — האָט שאָסקע אויך אַ גע־שריי געטאָן — גאָר קיין מענש ניט, גאָר קיין מענש ניט!...

רובינטשיק האָט געקוקט אויף זיי צומישט און גע־שמייכעלט.

ראַבינס האָט זיך צולאַכט.

— וואָס האָט איהר צו איהם? — האָט ער זיך אָנגע־רופען, לאַכענדיג: דער אָנקעל איז אַלראַיט. ער האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט.

— נו, דזשאָזעף, נו? — האָט רובינטשיק מיט אַ רחמנות'דיגער מינע אַרויסגעמורמעלט — גאָט, האָלט מלחמה מיט ווייבער. ווי זיי זיינען מיך באַפאַלען! אָי, אַן אומה!...

נו, שאַ, שאַ — האָט ער זיך דאַן אַ כאַפּ געטאָן — האָב איך דאָס ניט געדאַרפט זאָגען! דזשאָזעף ווייסט, אַז עני'ן איז ניט קיין נייעס אַרויסצופאָהרען מיט אַ יונגענמאַן. דו הערסט, דזשאָזעף? מיט די שעהנסטע, מיט די רייכסטע, מיט מי־ליאָנערען! איך האָב נאָר געמיינט, דו, אַ קאָזין... כ'וויים?... פאָהרט מען אַמאָל אַרוים מיט אַ קוזינע. דאָס אַלעס וואָס איך האָב געמיינט, גלויב מיר.

ראָבינס האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען פונ'ם אָרט.

— וואו איז עני? — האָט ער געזאָגט — איך וויל זי טאַקע בעטען זי זאָל מיט מיר פאָהרען.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען זי זוכען.

ער האָט זי געטראָפען אונטען אויפ'ן גאַניק. זי איז גע־זעסען דאָרט אַ ברוגז'ע.

— ווע̇סט פאָהרען מיט מיר? — האָט ער געזאָגט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ שטאָלצער מינע און זיך צולאַכט אויפגערעגט.

— וואָס לאַכסטו?

זי האָט געענטפערט נערוועז:

— משוגע!

— וואָרום? קום מיט מיר, עני...

— וואוהין?

— מיר וועלען פאָהרען אין לאָנג־איילאַנד. איך וועל דיך פאָרשטעלען דאָרט... וואוילע, איינפאַכע מענשען...

— איך דאַנק, דיר, דזשאָו, פאַר דיין איינלאַדונג. איך האָב היינט קיין צייט ניט, און מיר איז דאָס ניט אינטע־רעסאַנט.

ראָבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן:

דאָרט איז דאָ אַ פיינער יונגערמאַן. איך וועל דיר איהם פאָרשטעלען...

זי האָט שטיל געענטפערט:

— איך זוך ניט קיין יונגעלייט.

— אָבער אַזאַ יונגענמאַן איז כדאי צו זוכען, עני.

— איך זוך ניט קיין יונגעלייט, דזשאָו — האָט זי ווי־דער געענטפערט אויפגערעגט.

— דו ביזט בייז, עני?

— איך בין בייז ? — האָט זי איבערגעפּרעגט און נער־
ווען אַ שמייכעל געטאָן — ניין !

— דו ביזט בייז, עני, איך זעה דאָס ! — האָט ער זיך
אָנגערופען מיט זיין קלוגען שמייכעל — און איך ווייס וואָרום.

זי האָט איהם אָנגעקוקט :

— דו ווייסט וואָרום ?

— יאָ. זאָגען דיר ?

— זאָג. אינטערעסאַנט צו הערען.

— דו ביזט בייז, ווייל די איינלאַדונג צו פאָהרען קומט
ניט פון אַן אינטערעסאַנטען יונגענמאַן, נאָר פון אַזאַ אונ־
אינטערעסאַנטען אַלטען טייוועל ווי דיין קאַזין איז. זאָג אַליין,
עני — האָט ער צוגעלעגט מיט אַ קאָמישער מינע — בין
איך דען שולדיג, וואָס איך בין ניט איינגער מיט צעהן יאָהר
און וואָס איך בין ניט גענוג אינטערעסאַנט ?

זי האָט זיך פּלוצלינג גוטמוטיג צולאַכט.

— אויב דו וועסט אַזוי ריידען, וועל איך מיט דיר
פאָהרען — האָט זי געזאָגט.

— דאָס וואָס איך וויל, עני !

— צי די ווילסט אָדער ניט, איך פאָהר מיט דיר !

און זי האָט זיך אויפגעהויבען פונ׳ם אָרט.

— דאָן וועל איך האָבען אַן אָנגענעהמע רייזע — האָט
ער געזאָגט.

— דאָס ווייס איך ניט, דזשאָו.

— איך ווייס דאָס אָבער, עני. קום, מיר פאָהרען גלייך.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך האָט זי זיך צוריק
אַוועקגעזעצט אויף איהר שטול.

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט :

— עני, נו ?

זי האָט געענטפערט :

— אַן אַנדערסמאָל, דזשאָו.

— דו האָסט דאָך ערשט געוואָלט.

— ניין, ניט היינט... היינט בין איך ניט אויפגעלעגט.

— מאָרגען ?

— אפשר. מיר וועלען זעהן.

— איך וויל מאָרגען פאָהרען אָנקוקען די געגענד וואו
איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט. וועסטו מיט מיר פאָהרען ?

— אַלראַיט.

— דערנאָך וועלען מיר פאָהרען אין אַ טעאַטער.

— אַלראַיט.

און אַז מיר וועלען זיין אויף דער איסט־סייד, וועלען מיר, אפשר, אויסגעפינען וואו אַ שדכן וואוינט. ..

— אַלראַיט.

— צי אפשר גאָר אַנאָנסירען אין די צייטונגען: „פאָר־לאַנגט אַ כלה״? וואָס דענקסטו, ענני?

— וואָס איך דענק? — האָט זי זיך צולאַכט — אַל־ראַיט.

— זאָל איך פאַרלאַנגען אַ בלאָנדע, צי אַ ברונעטין, ענני?

— דו האָסט ליעב בלאָנדע? — האָט זי זיך פלוצים איינגעגעסען מיט די אויגען אין איהם.

— דו מיינסט, אויב מיר געפעלען בלאָנדע? פון ליעבע רעד ניט. פאָר אַזעלכע ווי איך איז דאָס בלויז אַ שעהן וואָרט, אָדער, ריכטיגער, אַ אָפקלאַנג פון אַ געפיהל, וואָס האָט אַמאָל געלעבט און לעבט שוין ניט מעהר.

זי האָט אַ ווײלע געשוויגען, דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען מיט אַ פאַרטראַכטען שמייכעל:

— דו ווייסט, דזשאָו, ווען איך הער דיך אַזוי ריידען, פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס איך בין ניט אַזוי ווי איך בין געווען מיט פיער יאָהר צוריק.

— וואָס מיינסטו?

— דאָן... דאָן...

זי האָט ניט געענדיגט, איז רויט געוואָרען און האָט אוועקגעדרעהט פון איהם דעם קאָפּ.

— נו, וואָס דאָן? וואָרום האָסטו ניט געענדיגט? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען, ענני?

— גאָרניט. איך שפּאָס...

זי האָט זיך אויפגעהויבען.

— דו פאָהרסט באַלד, דזשאָו?

— באַלד. אַלזאָ, דו האָסט ניט געענדיגט, ענני. דו האָסט עפּעס געוואָלט זאָגען.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— בלייב איך דיר שולדיג אַ נאַרישקייט.

— איך וועל דאָס ביי דיר אויפמאָנען מיט פּראָצענט, עני — האָט ער זיך אָנגערופען. און פּלוצים האָט ער זי אָנגענומען פאַר א האַנד און צוגעלעגט, אַלץ מיט אַ קאָמישער מינע: — אָה, עני, ווען ביי די שדכנים וואָלטען געווען אזוינע כלות ווי דו !...

ער האָט אַ דריק געטאָן איהר האַנד.

— אַלזאָ, מאָרגען פאַהרסטו מיט מיר. געדענק. גוד ביי!

און ער איז אַוועק צוריק איז הויז אַריין.

זי איז געבליבען שטעהן האַלב צומישט.

„האָט ער געלאַכט פון מיר, אָדער האָט ער געמיינט ערנסט?" — האָט זי געטראַכט.

דעם גאַנצען טאָג האָט זי געטראַכט פון דעם און פון דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווען זי וועט מיט איהם פאַרברענגען. און אין די געדאַנקען האָט זי זיך שוין אויסגעקליבען דאָס קלייד, וואָס זי וועט מאָרגען טראָגען.

און אין שטוב האָט זי נאָך אַלץ אויסגעמידען צו ריידען וועגען איהם און די שטוביגע האָבען מיט איהר אויך ניט גערעדט וועגען איהם, אַקוראַט ווי צווישען זיי וואָלט אַן אָפּמאַך געווען, אַז דאָס מוז דערווייל בלייבען אַ סוד. און אַ סוד זיינען דערווייל געבליבען איהרע געדאַנקען פאַר זיי און זייערע געדאַנקען פאַר איהר, אָבער דעם דאָזיגען סוד האָבען זיי אַלע אין שטוב געשפּירט, אַזוי ווי פון זייערע אויגען און מינעס און שטילען שושקען זיך וואָלט ער זיך אַרויסגעריסען און אין דער לופטען דאָרט געשוועבט.

דער טאָג האָט זיך פאַר איהר געצויגען אַזוי שווער, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך געשלעפּט מיט געפּענטעטע פיס, און מיט אומגעדולד האָט זי געוואַרט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג, אַזוי ווי עפּעס אויף אַן אומגעוועהנליכער פּאַסירונג.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווי נאָר זי איז פונ'ם בעט אַרויס, האָט זי זיך גענומען פוצען צום אַרויספאָהרען מיט דזשאָו'ן. אַ לאַנגע צייט איז זי פאַר'ן שפּיגעל געשטאַנען און האָט זיך פּריזירט און איבערפּריזירט די האָר, באַרויטעלט די ליפּען מיט אַ פאַרב־שטעקעלע, באַנוצט „קאָלד־קריעם" צום פּנים, האָט אָנגעטאָן דאָס קלייד, וואָס זי האָט נעכטען ביי־נאַכט געהאַט צוגעגרייט, און עס באַלד אויסגעטאָן און אַז

אַנדער קלייד אָנגעטאָן — האָט זיך אַזוי לאַנג געפּוצט, ביז זי איז געבליבען צופרידען מיט איהר אויסזעהן.

„איך בין נאָך איצט אויך ניט מיאוס" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, שטעהענדיג פאַר'ן שפּיגעל מיט דער האַנט ביי דער טאַליע און דרעהענדיג זיך פאַר איהם, דאָ מיט איין זייט, דאָ מיט דער אַנדערער און דאָ אוועקשטעלענדיג זיך פאַר איהם גלייך אין איהר גאַנצער אימפּאָזאַנטער פיגור — „ניין, גאָרניט מיאוס"...

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי קומט אַרונטער אין עס־צימער און ווי ראַבינס קוקט אויף איהר מיט זיין שמייבעל. און פּלוצים האָט זי זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט נעכטען איהר געזאָגט : ווען ער וואָלט דורך אַ שדכן געקאָנט קריגען אַזאַ מיידעל ווי זי. און ווידער האָט זי אַ טראַכט געטאָן. ווי נעכטען : „האָט ער געשפּאַסט, אָדער געמיינט ערנסט ?" — און זי האָט זיך געענטפערט : „מען קען קיינמאָל ניט וויסען ווען ער שפּאַסט און ווען ער איז ערנסט — אַ מאָדנער מענש !"

און דאָן איז זי מיט אַמאָל עפּעס אויפגערעגט געוואָרען און האָט נערוועז אַ טראַכט געטאָן :

„אָבער שפּאַסען מיט מיר וועל איך איהם ניט ערלויבען !"

זי האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין איהר טיר — שאַסקע איז מיט אַן אימפּעט אַריינגעקומען.

— גוט מאָרגען. האָסט זיך שוין אָנגעטאָן ? וועה. אומזיסט !

עני האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס מיינסטו, טאַנטע־שאַסקע ?

— ער איז דאָך גאָרניט געקומען נעכטיגען. ער האָט אָפּגעשיקט די מאַשין אַהיים נעכטען אַזייגער איינס ביינאַכט און איז געבליבען דאָרט. דער שאָופער זאָגט, אַז דזשאָו האָט זיך געריסען צו פאָהרען, אָבער מען האָט איהם ניט געלאָזט.

עני האָט געקוקט אויף איהר מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, דערנאָך האָט זי שטיל אַרויסגעמורמעלט :

— אַ בלאָפער !

— מסתמא האָט ער ניט געקאָנט — האָט שאַסקע איהם פאַרענטפערט.

עני האָט אַ ווײַלע געשוויגען און געקוקט פאַר זיך פאַר־טראַכט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען:

— נו, ווענען אַארט עס! איך האָב דאָך ניט געוואָלט פאַהרען מיט איהם. ער איז דאָך צו מיר צוגעשטאַנען. אָבער קיין דזשענטעלמאַן איז ער ניט.

— נו, וועט ער מיט דיר אַ אַנדערסמאָל פאַהרען — האָט שאַסקע געזאָגט.

— ניין, טאַנטע־שאַסקע.

— וואָס ניין?

— ער וועט מיך דאַרפען לאַנג בעטען ביז איך וועל מיט איהם פאַהרען — האָט עני געענטפערט, שטיקענדיג אין זיך די אויפרעגונג: — נו, אַ דאַנק מיר! איך וועל געהן עסען.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זי און שאַסקע זײַנען אַרונטער־געגאַנגען אין עס־צימער, וואו רובינטשיק און אסתר זײַנען בײַם פריהשטיק געזעסען, האָט שאַסקע זיי דערצעהלט, אַז עני איז ברוגז אויף ראַבינס'ן, למאַי ער האָט זיין וואָרט ניט גע־האַלטען.

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— ווי זאָגט יענער? אַ קאַוואַליער טוט עס ניט. אַז מען לאַדעט איין אַ מיידעל, דאַרף אַ קאַוואַליער דאָס האַבען אין זינען.

רובינטשיק האָט רוהיג געגעסען. פּלוצים האָט ער גע־נומען קייען שנעל־שנעל, אַזוי ווי מיט כעס, און מיט אַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ פולען מויל:

— אַ חזיר!

שאַסקע האָט זיך אָנגערופען:

— שריי ניט מיט אַ פולען מויל. קאַנסט זיך נאָך. חלילה, דערווערגען.

האָט ער שנעל אַרונטערגעשלונגען דאָס עסען און נאָך העכער אַ געשריי געטאָן:

— אַ חזיר!

— דייוויד — האָט אסתר רוהיג געזאָגט — ווי קומט עס עפּעס, אַז אין דיין משפּחה זאָל זיין אַ חזיר?

שאַסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זעה נאָר, וואָס פאַר אַ פאַרברעכען איז ער באַגאַנגען.

ער האָט מסתמא ניט געקענט קומען. איך קען איהם בעסער פון אייך. ער איז אַ דזשענטעלמאַן.

— אַ חזיר ! אַ חזיר ! — האָט געשריען רובינטשיק — דער איינציגער שוויין אין אונזער משפחה. דו ווייסט עס, שאָסקע.

— ער איז עדעלער פון דיר — האָט שאָסקע אַ געשריי געטאָן איהם אין פנים אריין.

— ביזטו אויך אַ שוויין, שאָסקע — האָט ער דאַן אויסגעשאָסען מיט כעס און איז אויפגעשטאַנען פונ׳ם אָרט.

— ביזטו אודאי אַ שוויין, דייוויד ! — האָט זיך שאָסקע דאַן איינגאַנצען צופלאַמט און איז אויך אויפגעשפרונגען פונ׳ם אָרט.

אסתר האָט זיך רוהיג צולאַכט.

— אָי וועה איז מיר, — האָט זי געזאָגט, — שוין דריי שווינען אין דער משפחה !

עני האָט זיך אַריינגעמישט :

— טאַנטע־שאָסקע און דו, פאַפאַ, איך פאַרשטעה ניט, פאַרוואָס קריעגט איהר זיך דאָ. ער איז ניט געקומען, ווייל ער האָט מסתמא ניט געקענט. טאַנטע־שאָסקע איז גערעכט.

— גערעכט איז זי ? — האָט רובינטשיק אַרויסגעבורטשעט און איז צו איהר צוגעגאַנגען : — ווער ביזטו ?

— איך בין דיין טאָכטער — האָט זי זיך צולאַכט.

— און מיט מיין טאָכטער דאַרף מען זיין אַ קאַוואַליער, דו פאַרשטעהסט ? דו ביזט ניט קיין שאָפּ־מיידעל. איך פייף אויף זיינע מיליאָנען. ער איז אַן אַלטער באָק ! — האָט ער פלוצים אַ געשריי געטאָן.

שאָסקע האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און אָנגעקוקט מיט שרעק אסתר׳ן.

— נו ? — האָט זי אַרויסגעמורמעלט — דו הערסט ?

און זי האָט אויפגערעגט אַ קוק געטאָן אויף רובינטשיק׳ן און פאַר׳גנב׳עט און מיט כעס אַ ווינק געטאָן צו עני׳ן צו.

רובינטשיק האָט פאַרשטאַנען איהר ווונק און איהר געענטפערט אויך מיט אַן אויפגערעגטען ווונק, וואָס זיין טייטש איז געווען : „נו, איז נישט ! איז נישט געפידעלט !“

און דאָ איז מיט אמאָל ראבינס אַריינגעקומען ; אַלע האָ־

בען איהם אָנגעקוקט, אַקוראַט ווי ער וואָלט פּלוצים פון'ם הימעל אַרונטערגעפאַלען...

— גוד מאָרנינג...

פאַר איבעררעשונג האָט קיינער איהם ניט געענטפערט.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— ווי איך זעה, בין איך געקומען ריכטיג אין צייט צום פריהשטיק און עני איז שוין אַנגעטאָן אויך, דהאָט'ס אָלל־רייט!

שאָסקע איז די ערשטע געקומען צו זיך, האָט מיט שפּאָט א וואונק געטאָן צו רובינטשיק'ן, וועלכער האָט זיך איצט געזעצט אין אַנגעבלאָזענער צוריק אויף זיין פּלאַץ נעבען אסתר'ן, און דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו ראבינס'ן:

— דזשאָעלע, קום, קום צום טיש און עס געזונטינ־קערהייט.

ער האָט זיך געזעצט און דאַן האָט ער דערצעהלט, ווי די לייט, וואו ער איז צו־גאַסט געווען, האָבען איהם נעכטען ניט געלאָזט אוועקפאָהרען און ווי ער האָט היינט אפילו אויף פריהשטיק ניט געוואָלט וואַרטען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַרהאַלט מען איהם דאָרט און ער וועט דער־נאָך ניט האָבען דאָס פאַרגעניגען, וואָס ער האָט היינט ער־וואַרטעט.

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס פאַר א פאַרגעניגען מיינסטו?

— אָט דאָס אַרויספאָהרען מיט עני'ן — האָט ער גע־ענטפערט און זיין ווייכער, שמייכלענדיגער בליק האָט זיך געטראָפען מיט עני'ס אויגען, וועלכע האָבען איצט געקוקט אויף איהם מיט א פאַרטראַכטען שמייכעל.

זי איז שוין מעהר ניט בייז געווען אויף איהם און זי האָט זיך אָנגערופען:

— דו מיינסט עס ניט, דזשאָו!

— איך מיין עס, עני, איך מיין עס — האָט ער געענט־פערט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, ווי זיין שטיי־גער איז געווען — הלואי האָסטו אזא פאַרגעניגען פון פאַר־ברענגען מיט מיר ווי איך האָב פון פאַרברענגען מיט דיר...

רובינטשיק האָט שטיל אַרויסגעמורמעלט צו אסתר'ן:

— און דאָך איז ער א חזיר!

— ש־ש־ש... — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט און אַ וואונק געטאָן צו איהם.

— אז איך זאָג „אַ חזיר”, איז אַ חזיר! — האָט ער ווי־דער אַרויסגעמורמעלט, אָבער שוין אַזוי, דאָס אַלע האָבען עס דערהערט.

— וועמען זידעלט אַזוי דער אָנקעל? — האָט ראַבינס זיך אָנגערופען.

שאָסקע, זיצענדיג געגען רובינטשיק׳ן, האָט אַריינגע־שטופּט אַ פּויסט אין איהר מויל און געוואונקען צו איהם, ער זאָל, גוואַלד, שווייגען.

אסתר האָט געענטפערט מיט איהר רוהיגען שמייכעל:

— וועמען דיין אָנקעל זידעלט? קיינעם ניט. עס האָט זיך איהם היינטיגע נאַכט גע׳חלומ׳ט, אַז ער האָט זיך פאַר־געסען ווי מען זידעלט, נו, וויל ער זעהן, צי איז דאָס ניט, חלילה, טאַקי אמת...

אַלע האָבען זיך צולאַכט. רובינטשיק האָט געשוויגען. האָט בלויז ביז אַ קוק געטאָן אויף אסתר׳ן און ווייטער געגעסען.

נאָך פריהשטיק, ווען אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון׳ם טיש, איז שאָסקע צוגעגאַנגען צו עני׳ן מיט אַ שטראַהלענדי־גער מינע.

— נו, עני, איז ער אַ בלאָפער, האַ? — האָט זי שטיל זיך אָנגערופען.

— ניין, טאַנטע־שאָסקע — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל — איך נעהם מיין וואָרט צוריק.

— דו קענסט איהם ניט, ענילע, דו ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ בריליאַנט דאָס איז. איך קאָן איהם נאָך פון דער היים! — האָט זי צוגעלעגט מיט התפעלות.

ראַבינס האָט זיך געווענדעט צו רובינטשיק׳ן:

— האָט איהר אַ סיגאַר, אָנקעל?

— רובינטשיק האָט איהם דערלאַנגט אַ סיגאַר מיט אַן אָנגעבלאָזענער מינע.

— עפּעס אַ גוטער סיגאַר? — האָט ראַבינס אַ פרעג געטאָן.

— רובינטשיק האָט אַרויסגעבורטשעט:

— ביי מיר איז אַלצדינג גוט. איך בין ניט קיין חזיר.

ראַבינס האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט אַ קאָמישען שמייכעל און דערנאָך אַרויסגערעדט:

— אַנקעל, עפּעס פיהל איך, אַז איהר ציעלט אין מיר מיט אייערע שאַרפע פיילען. געטראָפען, האַ?

שאַסקע האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ כאַפּ געטאָן.

— וואָס פעהלט דיר איין, דזשאָ? וואָס האָט ער צו דיר?

און דערביי האָט זי אַזוי אַ קוק געטאָן אויף רובינטשיק'ן מיט איהרע אויגען, אַקוראַט ווי זי וואָלט צוויי שאַרפע שפּי־זען איהם אין הארצען אַריינגעזעצט...

איהרע בליקען האָבען אויף רובינטשיק'ן געווירקט און צוטומעלט האָט ער דאַן מיט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן:

„וואָס רעד איך מאַקי, פערד?"

און גלייך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ראַבינס'ן מיט אַ ברייטען שמייכעל און אַרויסגערעדט:

— דו זעהסט, דזשאָזעף, דו ביזט מיר געפעלען. אַט אַזוי דאַרף אַ מענש האַנדלען.

— וואָס מיינט איהר?

— אַט דאָס וואָס דו ביזט געקומען. געהאַלטען וואָרט. מיט איין וואָרט, מיינער אַ פּלימעניק מוז זיין אַ דזשענטעל־מאַן, מוז זיין אַ ריכטיגער קאַוואַליער.

אסתר האָט זיך איבערגעקוקט מיט שאַסקע'ן און אַ ציה געטאָן די אַקסלען.

ראַבינס האָט זיך צולאַכט.

— געוויס, אַנקעל, ווען אייערער אַ פּלימעניק זאָל ניט זיין קיין דזשענטעלמאַן, וואָלט עס דאָך אַ שאַנד געוועזן פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

— לאַך ניט, דזשאָזעף — האָט רובינטשיק איהם אי־בערגעשלאָגען — יאָ, יאָ, מיינער אַ פּלימעניק דאַרף ניט זיין קיין חזיר. רובינטשיק'ס אַ פּלימעניק דאַרף זיין אַ דזשענ־טעלמאַן. לאַך ניט און געדענק עס!

—זייט איהר דאָך שוין ווידער בייז, אַנקעל!

— ווייל פון דיין אַנקעל לאַכט מען ניט. מען הערט, וואָס ער זאָגט און מען נעהמט עס גוט אַריין אין קאָפּ און מען סטאַרעט זיך צו פאַרשטעהן, וואָס ער זאָגט, וואָס ער רעדט און וואָס ער איז אויסען מיט זיינע רייד. דאַן איז מען אַ מענש.

— אודאי, אָנקעל, אודאי — האָט ראבינס געענטפערט און זיך פרעהליך צולאַכט.

— אסתר איז דאָן צוגעגאַנגען צו איהר מאַן.

— דייוויד, דו האָסט, דאַכט זיך, היינט, האָסט מיר געזאָגט, א סך ארבייט אין שאָפּ? שוין צייט צו פאָהרען!

— יאָ, גלייך. דזשאָזעף, גוד־ביי! געדענק, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

און רובינטשיק האָט אַ וואונק געגעבען צו זיין פרוי:

— אסתר, איך וויל דיר עפּעס זאָגען.

זי איז אַרויס מיט איהם אין קאָרידאָר.

דאָרט האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען צו איהר מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט ערשט אָפּגעטאָן עמיצען אַ שפּיצעל, וועגען וועלכען ער האָט געוואָלט איהר איצט דערצעהלען:

— דו ווייסט, אסתר, פאַרוואָס איך האָב איהם די לעקציע געגעבען?

— ווייל דו ביזט אַ נאַר — האָט זי איהם אונטערבראָכען.

— דו מיינסט אַזוי. איהר אַלע מיינט, אַז איהר זייט קליגער פון מיר. אָבער וואָס איך האָב שכל אָט דאָ־אָ — ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם נאָגעל פון זיין קליינעם פינגער — האָט איהר אַלע ניט אין אייערע קעפּ. איך האָב איהם איצט געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער זאָל די נאָז ניט רייסען. דו פאַרשטעהסט? טאַקי אַ מיליאָנער, אָבער איך פייף אויף דיר! ווען ער איז געווען אַ טרעמפּ, אַ האָלעדריגע, בין איך געווען רובינטשיק. און אַז דו מאַכסט אַן „אַפּאָינטמענט“ מיט רובינשיק'ס טאָכטער, דאַרפסטו דיין „אַפּאָינטמענט“ האַלטען.

— ער איז דאָך געקומען, משוגענער, היינט וואָס רעדסטו?

— ער האָט דאָך אָבער ניט געקענט קומען. דו ווייסט פאַרוואָס ער איז געקומען? ווייל ער קען מיך. ווייל ער האָט דורך אַרץ פאַר רובינטשיק'ן. ווייל ער ווייסט, אַז ער וואָלט פון מיר געכאַפּט אַ שוואַרצען סוף...

— דייוויד, איך האָב מורא, אַז סוף כל סוף וועסטו איהם אַזוי דערעסען, דאָס ער וועט אַנטלויפען פון דיין הויז און דו וועסט איהם ניט אָנזעהן מעהר. ווי זאָגט יענער? ער איז ניט דיין ווייב. ער וועט דיין משוגעת ניט וועלען דולדען.

און אויב דו ווילסט, אז עס זאל עפעס טאקי ארויסקומען פאר עני'ן, וואלט איך דיר געראטען, דו זאלסט זיך באשטעלען א שלאס פאר דיין מויל...

ער האט זי אנגעקוקט און א ווײלע געשוויגען. דערנאך האט ער זיך אנגערופען:

— דו מיינסט, אז איך האב איהם באליידיגט?

— וואס דען?

ער האט ווידער א ווײלע געשוויגען. דערנאך האט ער ווידער געפרעגט:

— טאקי באליידיגט?

און אז זי האט געשוויגען, האט ער ווייטער געפרעגט:

— וואס האב איך איהם געזאגט?

— נישט מעהר ווי חזיר האסטו איהם גערופען.

— דו מיינסט, אז ער האט פארשטאנען, אז דאס מיין איך איהם?

— וואס דען, ניין? ער איז דאך קליגער פון דיר.

— הא? — האט ער ארויסגעמורמעלט; דערנאך איז ער אויף א ווײלע אנטשוויגען געווארען און דאן האט ער־מיט כעס אויף זיך אליין פלוצים ארויסגערעדט:

— איך בין טאקי א משוגענער, זאל מיך דער טייפעל אויך נעהמען! גוד ביי!

און ער איז אוועקגעלאפען.

9.

ראבינס און עני זיינען ניט געפאהרען אין ניו־יארק, ווי זיי האבען פריהער גערעכענט. עני האט איהם פלוצים א פרעג געטאן, ווען זיי זיינען שוין געזעסען אין אויטאמאביל:

— וואס וועלען מיר טאן אזוי פריה אין ניו־יארק?

האט ראבינס זיך דאן א כאפ געטאן:

— ווירקליך, נאך צו־פריה. איך וויל באזוכען דאס אלטע קאפע־הויז אויף קאנעל סטריט, צו זעהען די אמאליגע באקאנטע, דענק איך, אז די בעסטע צייט צו קומען אהין איז בייטאג, צווישען דריי און פיער...

— זאלען מיר אפשר זיך גאר דורכפאהרען אין פארק? — האט עני זיך אנגערופען.

— פון מיינטוועגן, — האָט ראַבינס געענטפערט און צוגעלעגט מיט אַ האַלב־ערנסטען שמייכעל: — מיט דיר וועל איך פאָהרען אַפילו אין ניו־אָרליאַנס אויך...

און ער האָט געהייסען דעם שאופער פאָהרען אין פּראָספּעקט פּאַרק. דער טאָג איז געווען אַ זוניגער און אַ וואַרימער.

ענני איז געזעסען נעבען ראַבינס'ן און האָט געקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגען אין דער גאָלדענער, וואַרעמער ווייטקייט, וואוהין דער אויטאָמאָביל האָט זיך געטראָגען פאַרביי די טונקעלע און פאַר'חלום'טע אַלעען פונ'ם בולוואַרד. אַ וואַרעם ווינטעל, וואָס האָט געשמעקט מיט געזאַלין פונ'ם אויטאָמאָביל, האָט געזונגען איהר אין אויער אַריין, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אונטער'ן גלאַנציגען, זיידענעם קאָלנער פון איהר קלייד און געמאַכט איהם פלאַטערען מיט אַ קנאַקערייַ, עהנליך צו דעם שאַרשקען פון אַ טרוקענעם יעסין־בלאַט, און דערנאָך האָט זיך דאָס ווינטעל אַרויפגעכאַפּט אויף די ברייטע ראַנדען פון איהר הוט.

ענני האָט אויפגעהויבען די האַנט צו איהר הוט און איהם צוגעהאַלטען ביים ראַנד. ראַבינס האָט אויך שטייפער אַרונטערגערוקט זיין הוט.

— וואָס פאַר אַן אַנגענעהם ווינטעלע! — האָט ער אַרויסגערעדט און אַ קוק געטאָן אויף ענני'ן מיט וואַרעמע אויגען.

דאַן האָט זי זיך מיט אַמאָל אַנגערופען:

— וואָס האָסטו געמיינט, דזשאָו, אַז דו וואָלסט מיט מיר געפאָהרען אַפילו אין ניו אָרליאַנס?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר און דערנאָך געענטפערט:

— וואָס איך האָב געמיינט? גאָר ניט.

און דאַן האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— און אַז איך וואָלט אַפילו... נאַריש!...

— וואָס נאַריש?

— גאָר ניט, ענני!...

און ער האָט זיך צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו, דזשאָו?

— איך האָב זיך אָן עפּעס דערמאָנט — האָט ער געענטפערט, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— וואָס?...

— א חלום, עני...

— דיר האָט זיך גע'חלומ'ט? וואָס?

— איך גלויב אָבער ניט אין חלומות. צו ניכטער און צו פּראַקטיש בין איך — האָט ער ארויסגערעדט.

— וואָס האָט זיך דיר גע'חלומ'ט, דזשאָו?

— מיר האָט זיך גע'חלומ'ט — האָט ער ארויסגערעדט און געקוקט פאר זיך אזוי ווי ער וואָלט איהר בליק איצט געוואָלט אויסמיידען — אז איך האָב געטראָפען א מיידעל, וועלכע איז מיר שטארק געפעלען געוואָרען, און איך... ווען — האָט ער זיך אין מיטען דערינען אונטערבראָכען — א חלום!

און ער האָט זיך ווידער צולאַכט.

זי האָט געקוקט אויף איהם.

— און דו? דו האָסט דאָך ניט געענדיגט. זי איז דיר געפעלען געוואָרען און דו איהר?

— איך בין איהר אויך געפעלען געוואָרען — האָט ער געענטפערט — דערפאר איז דאָך דאָס א חלום!...

און דאן האָט ער זיך מיט אמאָל א קעהר געטאָן צו איהר:

— זאָג מיר דעם אמת, עני: וואָלט איך א מיידעל געפעלען געוואָרען, איך מיין, ניט אין חלום?

זי האָט א שמייכעל געטאָן און דאן האָט זי געענטפערט:

— עס זיינען מסתמא דאָ אזוינע נארישע מיידלעך...

— נארישע, האָ? — האָט ער זיך אָנגערופען — געוויס. א קלוגע מיידעל וועט ניט וועלען קוקען אין מיין זייט. איך ווייס דאָס. דו ביזט גערעכט, עני.

זי האָט א טראַכט געטאָן: „דו מיינסט עס ניט, דזשאָו. דו קאָקעטירסט מיט מיר. דערפאר מוזטו קריגען א פּאָר שפּילקעס."

און אין א ווייַלע ארום האָט זי ארויסגערעדט:

— געוויס, א מיידעל מיט פארשטאַנד וועט ניט וועלען הייראַטען א מאַן, וועלכער זאָגט אליין, אז ער איז ניט אימשטאַנד זי צו ליעבען. אזא מאַן האָט גאָר קיין רעכט ניט צו טראַכטען וועגען הייראַטען א יונג מיידעל. ער דאַרף זוכען א פרוי, וועלכע זוכט געלט און ניט קיין ליעבע.

ער האָט א קוק געטאָן אויף איהר מיט א צומישטען שמייכעל און א טראכט געטאָן: „קלאָרע ווערטער. איך האָב עס פאַרשטאַנען"...

און ער האָט ארויסגערעדט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט:

— אויב אַזוי, האָב איך מורא, וועל איך מוזען פאָהרען אַהיים אליין.

— פאַרוואָס? דו האָסט דען ערווארטעט, אז מען זאָל זיך אין דיר פאַרליעבען? דו ביזט דאָך געקומען טאָן א שידוך דורך א שדכן.

— יא, אַבער מיט א פרוי, וואָס זאָל מיר געפעלען...

— אָהן ליעבע?

— מען קען זיין ניט פאַרליעבט אין א פרוי און זי זאָל דיר זיין טייער, ווי א פריינד, א גוטער חבר. ניט אלע, וואָס זיינען פאַרהייראַט און לעבען גליקליך, זיינען פריהער פאַרליעבט געווען. און, אויסער דעם, קען די ליעבע קומען שפּעטער, די אמת'ע ליעבע...

— די אמת'ע ליעבע?

— יא, עני, די אמת'ע ליעבע, וועלכע איז געווארעמט פון פריינדשאַפט און חבר'שאַפט...

עני האָט א ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָט זי זיך מיט אמאָל אָנגערופען:

— איך זאָג דיר ווידער, וואָס איך האָב דיר שוין אמאָל געזאָגט: דו וועסט זיך נאָך פאַרליעבען.

— הלואי...

— זיכער, דזשאָו — האָט זי געזאָגט שטאַרקער, און איהר פּנים האָט זיך פּלוצים צופלאַמט.

זיי זיינען אריינגעפאָהרען אין פּאַרק. דאָ איז דאָס ווינטעל פאַרהאַלטען געוואָרען פון די בוימער.

און זיצענדיג נעבען איהם, פון דער ארומיגער גרינקייט ארומגענומען, אין וועלכער א ווארעמער גאָלדענער שטראָם פון דעם זוניגען הימעל האָט זיך אריינגעוועבט, האָט עני זיך דערפיהלט פרייער און מונטערער און דאָס וואָס האָט אין איהר הארצען געמאַכט פון פריהער אזוי צוטומעלט, ניט דרייסט און שעמעוודיג, איז פּלוצים זיכערער ביי זיך געוואָרען און דרייסטער, און זאָגאָר חוצפּה'דיגער. און פּלוצים האָט

זי זיך געזאָגט: „איך מוז איהם פאַרליעבען אין זיך!" און זי האָט איהם א קוק געטאָן גלייך אין פּנים אריין מיט א נייעם אויסדרוק אין די אויגען, וועלכער איז געווען אי פריינדליך, אי שפּאָטיש, אי ארויספאָדערענדיג.

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: זי איז געוואָרען שעהנער, איהרע באַקען פרישער און אין איהרע בליקען האָט ער אינסטינקטיוו דערשמעקט דאָס אָנגעצונדען בלוט איהרס.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— עני, ווי שעהן דו ביזט איצט!

זי האָט זיך צולאַכט פרעהליך און הילכיג:

— יא? פאַרליעב זיך נאָר ניט אין מיר, דזשאָו! — האָט זי געלאַכט און געטראַכט נאָך חוצפּה'דיגער: „דו וועסט זיך שוין פאַרליעבען אין מיר!"

דאָס אמאָליגע פייער האָט זיך געוועקט אין איהר און מיט איהם האָט זי איצט ראָבינס'ען געסטראַשעט...

ער האָט זיך פאַרטראַכט און געשוויגען. זי האָט געקוקט אויף זיין שטאַרקער, קרעפטיגער פיגור און אויף זיין אָפענעם אינטעליגענטען און קלוגען פּנים און געטראַכט: אזא מאַן און ניט ליעבען... דו וועסט זיך שוין פאַרליעבען, וואַרט!" — האָט זי זיך אזוי ווי געררייצט מיט איהם אין איהרע גע־דאַנקען.

און אינאיינעם מיט דעם איז איהר אויף דער נשמה מיט אמאָל אזוי ליכטיג געוואָרען און אזוי פרעהליך, און ווען זי האָט זיך איצט געטראָגען נעבען ראָבינס'ען דורכ'ן גרינעם פּאַרק, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי זי טראָגט זיך מיט איהם צו א שעהנער ליכטיגער וועלט פון כשוף...

אהיים זיינען זיי געקומען צו מיטאָג. זי איז געווען באַ־זונדערס גוט אויפגעלעגט; איהר פּנים האָט אינגאַנצען גע־שטראַהלט מיט א וואַרעמער ליכטיגקייט, אזוי ווי אין זון־כוואַליעס אויסגעבאָדען, און איהרע אויגען האָבען אויך אזוי ליכטיג געפינקעלט, און אין יעדער באַוועגונג איהרער האָט זיך איצט געפיהלט א נייע, פרישע, אַן אויפגעלעבטע עני...

ביים טיש, ווען זיי האָבען געגעסען מיטאָג, האָט זי א סך געלאַכט און אזוי פריי און הילכיג, אז אסתר האָט זי אָנגע־קוקט פאַרוואונדערט און א טראַכט געטאָן: „זעה נאָר, די

אמאָליגע עני!" און שאָסקע האָט אַ טראַכט געטאָן מיט ליע־בע אינ'ם האַרצען:

„קיין עין הרע זאָל דיר ניט זיין, עני'לע, וואָס איז מיט דיר היינט?" און זי אַליין האָט אויך פרעהליכער געלאַכט.

נאָך איין ראָבינס איז איצט געזעסען ביים טיש ערנסטער ווי געוועהנליך און האָט פאַרטראַכט געגעסען.

נאָך מיטאָג, ווען אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פונ'ם טיש, האָט עני פּלוצים אַרומגעכאַפּט שאָסקע'ן און זי גענו־מען קושען.

אסתר האָט זיך אָנגערופען מיט איהר רוהיגען שמייכעל:

— זעה נאָר, עני, וואָס איז מיט דיר היינט?

עני האָט געענטפערט:

—איך ווייס ניט, מאַמע, מיר איז היינט אַזוי גוט.

אין זי האָט אסתר'ן אויך אַרומגעכאַפּט קושען.

דאָן האָט ראָבינס זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— עני, איך בין אויך איינער פון דער משפחה, פאַרגעס עם ניט...

עני האָט קאָקעטיש אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ און גע־ענטפערט:

— דו קריגסט ניט קיין קוש ביי מיר. אַ מאַן, וואָס קען ניט ליעבען, קוש איך ניט.

אסתר האָט אַרויסגערעדט:

— משוגע!

האָט זיך עני דאָן צעלאַכט און זיך אָנגערופען:

— ווי זאָגט דזשאָו? איך בין אויך איינע פון דער משפחה...

אַלע האָבען זיך צעלאַכט.

דערנאָך האָט זי אויסגעשריען מיט פייער:

— עך, ווען איך בין איצט אין ברעדלי־ביטש!...

— וואָס וואָלט דאָן געווען? — האָט אסתר געפרעגט.

— איך וואָלט זיך אַריינגעוואָרפען אין ים און זיך גע־שלאָגען מיט די כוואַליעס... איך ווייס ניט... איך וואָלט עפּעס איצט געוואָלט... זיך באַוועגען, לויפען, שרייען, „פיי־טען" זיך...

און פּלוצים האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן צו דזשאָו'ן.

— דזשאָו, דו קאָנסט זיך „פייטען"? קום!

און זי האָט זיך אוועקגעשטעלט גע‏גען איהם ווי א „פּיי־טער", מיטביידע פויסטען אויסגעשטעלט צו איהם.

ער האָט געקוקט אויף איהר מיט גרויסע זויגען און געשמייכעלט. אסתר און שאַסקע האָבען אויך געקוקט אויף איהר פאַרוואונדערט.

דאַן האָט אסתר זיך אָנגערופען:

— דו זעהסט, דזשאָו? אזוי איז מיין רוטי, און אזוי איז עני תמיד פריהער געווען. איך האָב שוין געמיינט, אַז זי האָט איהר אַמאָליגע משוגעת פאַרגעסען; ערשט ניין!

שאַסקע האָט זיך אריינגעמישט:

— הלואי זייער גאַנץ לעבען זאָלען זיי זיין אזוי משוגע! דו האָסט געדאַרפט הערען, דזשאָו, ווי עני שפּיעלט פּיאַנאָ. איך זאָג דיר, איינע אין א וועלט. גאָלדענע פינגער. אפילו ראַבי בערענשטיין זאָגט דאָס.

עני האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— אַי, מיר ווערט שוין שלעכט! אַז טאַנטע שאַסקע הויבט שוין אָן צו ריידען פון מיין קונסט, מוז איך אַנטלויפען. דזשאָו, דו רעכענסט נאָך היינט צו פאָהרען אין ניו יאָרק?

ער האָט א טראַכט געטאָן. דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— ניין, לאָמיר עס אָפּלעגען אויף אַן אַנדער טאָג.

— בין איך צופרידען. איך געה שרייבען א בריעף צו רוטי'ן. זאָל איך איהר איבערגעבען א גרוס פון דיר?

— און א קוש — האָט ער אונטערגעכאַפּט.

זי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט אין א טאָן, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט איהם:

— א קוש אויף פּאַפּיר קאָן געבען אפילו א מאַן, וואָס קאָן ניט ליעבען אויך!

האָט געוואָרפען צו איהם א שפּאָטישען בליק און איז לאַכענדיג ארויסגעלאָפען פון צימער.

ער האָט איהר נאָכגעקוקט מיט א האַלב צעמישטען שמייכעל. איהר איצטיגע האַלטונג געגען איהם האָט עפּעס איהם גערייצט און אָנגערעגט, געוועקט אין איהם עפּעס אַ פרעהליכקייט, אַ עפּעס פאַרדרוס; גאַנץ אומבאַוואוסטער־הייט האָט ער געשפּירט דעם אָנרעגענדיגען הויך פון איהר געפיהל צו איהם, און אין דער אייגענער צייט איז איהם ניט

אָנגענעהם געווען, וואָס זי זאָגט איהם מיט אַזאַ שפּאָטישען טאָן, אַז ער קאָן מעהר ניט ליעבען...

און אין אַ ווײלע אַרום האָט ער זיך געווענדט פּלוצים צו שאָסקע׳ן:

— שאָסקע — האָט ער זיך אָנגערופען מיט פאַרבאָרגע־נער אויפרעגונג אין קול — איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

און ער איז אַוועק מיט איהר צו איהם אין צימער.

ער האָט זי געבעטען זיך זעצען, אַוועקגעזעצט זיך נעבען איהר, אַ פיהר געטאָן די האַנט איבער זיין קניע און אַ קוק געטאָן איהר אין פּנים אריין מיט אַ האַלב־קאָמישען שמייכעל.

זי האָט זיך אָנגערופען, אויך מיט אַ שמייכעל:

— נו, וואָס ווילסטו מיט מיר ריידען?

— טאַנטע שאָסקע — האָט ער דאָן אָנגעהויבען — איך פאַרלאַנג, דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת. בין איך ווערט אַ כלה?

— כ׳וויים, מסתמא וועט זיך געפינען אַ נאַריש מיידעל.

— וואו זוכט מען זיי?

— אַ דאגה מיידלעך?

— אפשר קאָנסטו מיר אויס׳שדכנ׳ען איינע? איך שעם זיך צו געהן צו שדכנים...

זי האָט איהם אָנגעקוקט.

— דו שפּאַסט, אָדער דו מיינסט עס טאַקע ערנסט?

— ערנסט, טאַנטע שאָסקע, פאַרדאַמט ערנסט. דו ווייסט דאָך, אַז צוליעב אַ שידוך בין איך אין ניו יאָרק געקומען.

זי האָט איהם ווידער אָנגעקוקט און אַ ווײלע געשוויי־גען. דערנאָך האָט זי געמאַכט אַ מינע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געקליבען צו דערצעהלען אַ סוד, און געזאָגט:

— איך וואָלט שוין געהאַט אַ כלה פאַר דיר אַ ריכטיגע...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— נו?... אדרבא... אַהער!...

זי האָט איהם אונטערבראָכען:

— דזשאָו, ווי געפעלט דיר עני?

— ווי מיר געפעלט עני? זעהר. וואָס העלפט עס אָבער? איך וועל איהר ניט געפעלען. וואָס דאַרף זי מיך? אַ רייך קינד. זי וועט קאָנען הייראַטען אַ יונגענמאַן.

שאָסקע האָט זיך אָנגערופען:

— דו ביזט דען אַלט? מיט וויפיעל ביזטו עלטער פון מיר?

ער האָט געענטפערט:

— איך בין ניט עלטער פון דיר. איך מיין — ער האָט זיך פאַרכאַפּט און גוטמוטיג זיך צעלאַכט — געוויס עלטער פון דיר... דו ביזט אַ סך אינגער פון מיר, אין גייסט מיין איך, דו ביזט גאָר יונג... פאַרוואָס קריגסטו זיך ניט עפּעס אַ יונגענמאַן? איך וועל געבען נדן...

זי איז רויט געוואָרען און האָט די אויגען אַרונטערגע־לאָזט, אָט טאַקע ווי אַ יונג מיידעלע. דאַן האָט זי שטיל געזאָגט:

— דהענקס.

און זי האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס זיפצסטו, שאָסקע?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען שמייכלען.

גאָרנישט, דזשאָו. אפשר וועט נאָך גאָט אימיצען צו־שיקען... מילא! דערווייליע אָבער וואָלט איך וועלען טאַנצען ביי דיר אויף דער חתונה... דזשאָו, דעם אמת: עני געפעלט דיר?

—זעהר.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, דזשאָו: איך האָב שוין געטראַכט פון דעם די גאַנצע צייט.

— פון וואָס?

— פון דעם, אַז זי איז אַ גליק פאַר דיר און דו פאַר איהר.

— טאַקע? נו? האָסטו אפשר געפּרואווט ריידען מיט איהר?

— ניין. וואָס הייסט איך וועל צו איהר ריידען? און וואו ביזטו?

ער האָט געענטפערט:

— איך בין גענוג נאַר אָהן דעם אויך... נאַרישער וויל איך ניט בלייבען...

זי האָט זיך אָנגערופען:

— און ווי טוען אַלע פאַרליעבטע? ווי אזוי קאָן זי וויסען אַז דו ביסט אין איהר פאַרליעבט, ווען דו אַליין זאָלסט עס איהר ניט זאָגען?

— איך בין ניט פאַרליעבט, שאָסקע. איך האָב דיר

שוין אַמאָל געזאָגט... איך קאָן זיך שוין מעהר ניט פאַרליע־
בען. איך בין צו אַלט.

— ווייס איך וואָס דו רעדסט! צו אַלט גאָר! אַט לעז
איך איצט אַ ראָמאַן, וואו אַ מאַן, שוין איבער פופציג יאָהר,
איז פאַרליעבט איבער'ן קאָפּ, אַז עס איז אַ נחת צו לעזען.
און דו ביזט נאָך ניט קיין פערציג.

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— מיט'ן מאַן אינ'ם ראָמאַן קאָן עס פּאַסירען, מיט מיר
אָבער ניט... עני געפעלט מיר, און דהאָט'ס אָלל.

שאָסקע האָט זיך צעהיצט:

— וואָס הייסט זי געפעלט דיר? געפעלט זי דיר מעהר
ווי אַנדערע?

— יאָ...

— פאַרוואָס, דזשאָו? ניט דערפאַר ווייל דיין האַרץ
ציהט צו איהר? שאַ! — האָט זי זיך אונטערבראָכען —
טראַכסטו פון איהר?

— יאָ. די לעצטע צייט טראַכט איך פון איהר כסדר.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט התפּעלות:

— הער נאָר, הער! איז דאָך דאָס ליעבע? ביזטו דאָך
אין איהר פאַרליעבט! הייגט וואָס ווילסטו מיך איינריי־
דען?...

ער האָט זיך צעלאַכט:

— דו ווילסט מיך איינריידען, שאָסקע...

— שאַ, איז דיר ניט אָנגענעהם מיט איהר צו ריידען?

— זיכער, שאָסקע.

— איז דיר ניט אָנגענעהם צו פאַרברענגען מיט איהר?

— געוויס.

— וואָלסטו וועלען מיט איהר חתונה האָבען?

— אויב זי זאָל נאָר וועלען.

— איז דאָס ניט ליעבע?

— ניין.

— בלאָף ניט, דזשאָו!

— איך בלאָף ניט, טאַנטע שאָסקע.

— דו בלאָפסט, דזשאָו, דו בלאָפסט, דו ווילסט מיר ניט
צונעבען. דו ביזט קליגער און געבילדעטער פון מיר, אָבער
וועגען ליעבע ווייס איך אויך עפּעס. גלויב מיר, איך האָב

געלעזען געגוג וועגען דעם. אַז איך הויב אָן עפּעס צו לעזען, איז אויפ׳ן ערשטען בלעטעל ווײס איך שוין, ווער עס איז פאַרליעבט און ווער ניט. איך אַליין וואָלט געקאָנט וועגען דעם אָנשרייבען גאַנצע ביכער...

ער האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט.

— פאַרוואָס טוסטו עס ניט?

— איך האָב פּרובירט. דו מיינסט אַז ניט?

— נו?

— אָנגעשריבען אַ פּאָר בלעטלעך און מעהר האָט קיין געדולד ביי מיר ניט געכאַפּט...

— אַ שאָד.

— און, חוץ דעם — האָט זי גערעדט ווייטער — האָב איך אַ שלעכטע האַנדשריפט. איך שרייב אָן און דערנאָך קאָן איך אַליין ניט איבערלעזען מיין אייגענע האַנדשריפט...

— אַלע גרויסע שרייבער האָבען געהאַט שלעכטע האַנד־שריפטען, טאַנטע שאַסקע...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מילאַ, מיר ריידען דאָך וועגען עפּעס אַנדערש. דזשאָו, איך בין העכסט גליקליך, וואָס דו האָסט זיך אין איהר פאַר־ליעבט. קיין בעסערע מיידעל ווי זי איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. גלויב מיר, ווען איך זאָל אַזוי ניט דענקען וועגען עני׳ן, וואָלט איך דיר דאָס אַליין געזאָגט. ווייל דו ביזט מיר אויך ניט קיין פרעמדער. איצט דאַרפסטו זעהן, זי זאָל זיך אין דיר אויך פאַרליעבען.

— קאָן זיך עמיצער אין מיר פאַרליעבען?

— דזשאָו, זיי ערנסט. דאָס איז ניט קיין שפּאַס.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— ערנסט, שאַסקע, דו קענסט עני׳ן. דענקסטו, אַז איך קאָן איהר געפעלען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! און אַ מיליאָנער׳ס אַ טאָכטער וועסטו דען ניט געפעלען? דזשאָו, מיר האָט דאָס האַרץ פריי־הער אויך געזאָגט, אַז איהר זייט ווי געבאָרען איינער פאַר׳ן אַנדערען. אַלל רייט, דזשאָו, איך וועל שוין טאַנצען ביי אייך אויף דער חתונה...

— הלואי...

זי האָט זיך אויפגעהויבען מיט שטראַלענדע אויגען און געזאָגט:

— איך וועל דיר צוהעלפען, דזשאָו. דו אָבער שווייג אויך ניט.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין... טו עפּעס, אַז זי זאָל זיך אין דיר אויך פאַרליעבען... וואָס ווסטו איצט טאָן?

— שרייבען אַ לעטער אהיים.

— און דערנאָך?

— איך ווייס ניט.

— דו בלייבסט דאָך דאָ?

— יאָ.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— און עני איז אויך דאָ. וועט דיר ניט זיין אומעטיג. צופּט דיר ניט ביים הארצען?

— דערווייל ניט.

זי איז צוגעלאָפען צו איהם מיט פרייד:

— עס צופּט! עס צופּט! בלאָף מיר ניט, דו! פאַר־ליעב־טעררר!...

האָט איהם באַגייסטערט אַ קוש געטאָן און איז מיט אַ צעפלאַמטען פּנים ארויסגעלאָפען פון זיין צימער און ארונ־טער די טרעפּ...

זי איז אַריינגעלאָפען אין עסצימער, וואו אסתר איז געזעסען.

— אסתר, גוואלד! — האָט זי אויסגעשריען מיט התפעלות.

אסתר האָט רוהיג זי אָנגעקוקט און אַרויסגערעדט:

— וואָס ברענט עס ביי דיר, שאָסקע?

— מזל־טוב דיר, אסתר, קאַלטע קוזינע דו, מזל־טוב דיר!

— מיט מזל זאָלסטו לעבען. וואָס איז, נאָך אַ קאַץ האָט זיך געקעצעלט?...

— דזשאָו! — האָט שאָסקע אַרויסגעשאָסען.

— וואָס, דזשאָו?

— ער האָט זיך פאַרליעבט! טרעף אין וועמען?

דאָ איז שוין אסתר אויך אַביסעל אויפגערעגט געוואָרען. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— אין וועמען?

— טאַקע אין אונזער עני'ן אַליין. נו?...

— אסתר, וועלכע האָט געהאַלטען אַ צייטונג אין די הענט, האָט די צייטונג אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. דערנאָך האָט זי אַ ווײַלע מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע אָנגעקוקט שאָסקע'ן.

— ער האָט דאָס דיר געזאָגט? — האָט זי דאָן פאַר־טראַכט אַרויסגערעדט.

— אָט ערשט. איך געה דאָך פון איהם. איך מוז גלייך אָנזאָגען דייוויד'ן.

זי איז צוגעלאָפען צום טעלעפאָן און באַלד האָט זי אין איהם אַריינגעשריען:

— העלאָו, דייוויד! מזל־טוב דיר! דזשאָו האָט זיך פאַר־ליעבט אין אונזער עני'ן. האַ? ער האָט מיר ערשט געזאָגט! וואָס? ניין, עני ווייס נאָך גאָרנישט. ער האָט מורא, אַז זי וועט איהם ניט וועלען... האַ? ווער איז אַן אַלטער באָק? משוגע'נער דו, הויבסט שוין אָן? וואָס? אַז ער וויל, ווילסטו ניט? ער זאָל זיך ביי דיר בעטען? הער־זשע אויס, משוגענער דו — האָט זי גענומען איהם סטראַשען מיט אַ האַנט — איך וועל דיר ניט לאָזען זיך דראַפּען אויף די גלייכע ווענט! וואָס? דו קומסט גלייך אַהיים? יאָ, יאָ, קום, קום, דו וועסט ביי מיר כאַפּען אַ גאָב!...

ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען ביים טעלעפאָן, האָט זי זיך ערשט צעהיצט:

— אַזאַ משוגע'נער, ער ברעקעלט זיך שוין! דזשאָו זאָל זיך ביי איהם בעטען. ער וועט זיך שוין ביי איהם ניט בעטען. דאָס וועל איך שוין ניט דערלאָזען.

עני איז אַריינגעקומען, שאָסקע איז גלייך שטיל געוואָרען.

— טאַנטע־שאָסקע, וואָס האָט איהר דאָ געשריען? — האָט עני זיך אָנגערופען.

שאָסקע האָט איהר ניט געענטפערט. האָט מיט אַמאָל זי אָנגעקוקט מיט אַ באַגייסטערטען שמייכעל, דערנאָך זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר און זי שטורמיש אַ קוש געטאָן.

עני האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— וואָס איז דאָס, טאַנטע־שאָסקע? — האָט זי אַרויס־גערעדט מיט אַ שמייכעל.

— מיר איז גוט אויפ'ן הארצען, קוש איך דיך — האָט שאָסקע געענטפערט.
— און מיר איז היינט אויך גוט אויפ'ן הארצען — האָט עני זיך אָנגערופען. — וואו איז דזשאָו?
— ער שרייבט דאָרט ביי זיך א לעטער — האָט שאָסקע געענטפערט און א קוק געטאָן אויף איהר מיט א מינע, אזוי ווי זי וואָלט איהר געוואָלט זאָגען: „ווען דו וואָלסט געוואוסט עפּעס, ענילע"...
עני האָט זי געפרעגט:
— וואָס קוקסטו עפּעס אזוי אויף מיר?
שאָסקע האָט זיך צעלאַכט:
— ווי קוק איך?
אסתר האָט זיך אריינגעמישט:
— עני, דו געהסט היינט ערגעץ מיט דזשאָו'ן?...
— איך ווייס ניט, מאַמע.
— איז עפּעס אינטערעסאַנט מיט איהם צו געהן? — האָט אסתר ווידער געפרעגט, כלומרשט ווי זי וואָלט גאָר־נישט אויסען געוועזן מיט איהר פראַגע.
— זעהר אינטערעסאַנט, מאַמע — האָט עני געענטפערט.
— איאָ, ער איז א חכם? — האָט שאָסקע אונטערגע־כאַפּט.
— קלוג איז ער, ווי א טייוועל — האָט עני געענטפערט.
— און אזוי געבילדעט! און אזוי... וואָס ניט? — האָט שאָסקע זיך נאָך מעהר צעהיצט.
— ווי זאָגט יענער? א מיידעל וועט כאַפּען א גליק — האָט אסתר באַמערקט. — וואָס דענקסטו, עני?
עני האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ:
— כ'ווייס? וואו איז מיין בוך?
און זי איז ארויסגעגאַנגען.
דאַן האָט אסתר א קוק געטאָן אויף שאָסקע'ן.
— שאָסקע — האָט זי געזאָגט — עס איז אַלל רייט.
— וואָס אַלל רייט?
— עני — האָט אסתר געזאָגט.
— נו?
— נו!...
— וואָס נו?

— דו זאָגסט דאָך, אַז דו פאַרשטעהסט זיך אויף ליעבע?
— נו, איז וואָס?
אסתר האָט זיך צעלאַכט:
— איז וואָס, איז וואָס, און דו זעהסט אַ פייג אונטער דער נאָז! — האָט זי געזאָגט.
— וואָס זאָל איך זעהן? — האָט שאָסקע זיך אָנגערופען.
— עני'ן איז ער אויך געפעלען. זי איז פאַרליעבט! — האָט אסתר געזאָגט. — איך קען מיין עני'ן...
שאָסקע איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. דאַן האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:
— איך וועל שוין וויסען!...
אַ ווייל'ע שפּעטער איז רובינטשיק אין הויז אריינגעקומען, אַ פאַרשוויצטער און אַ צעטראָגענער, מיט די ווערטער:
— איז דאָס אמת?
שאָסקע האָט דאַן געלעזען מיט התפעלות פאַר אסתר'ן איהר ראָמאַן און איז געווען אַזוי הינגעריסען, אַז זי האָט גאָר ניט באַמערקט רובינטשיק'ן.
„און ער איז געפאַלען פאַר איהר אויף די קניע" — האָט זי באַגייסטערט געלעזען — „און האָט אויסגעשריען: דו זיס קינד, דו הימעלשער ענגעל, דו פּאַראַדיז מיינער! שענק מיר דיין ריינעם הערץ, אָדער איך שייד זיך פון דער ליכטיגער וועלט און איך שטאַרב ביי דיינע פיס!"
— געגוג דיר צו האַקען אַ טשייניק מיט דיינע מעשיות!
— האָט רובינטשיק אַ געשריי געטאָן.
דאַן האָט שאָסקע זיך אַ כאַפּ געטאָן:
— זעה נאָר, ער איז דאָך דאָ! וואָס שרייסטו?
ער האָט געענטפערט:
— איך גאָה אריין און רייד, מען ענטפערט ניט; פאַרטאָן אין דעם נאַרישען ביכעל.
שאָסקע האָט צעטראָגען ווידער גענומען לעזען; אָבער אסתר האָט זיך רוהיג אויפגעהויבען פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו איהר מאַן:
— דייוויד — האָט זי געזאָגט — עס געהט, דאַכט זיך, אויף אַ לאַד פון ביידע צדדים.
— דו מיינסט, אַז עני איז אויך?
— אַזוי חלומ'ט זיך מיר.

— פון וואַנען ווייסטו?
— איך האָב באַמערקט.
ער האָט אַ ברייטען שמייכעל געטאָן.
— נו, ווער איז אַ חכם, האַ? — האָט ער זיך אָנגערופען.
זי האָט רוהיג געענטפערט:
— מען זאָגט, אַז שלמה המלך.
— אָבער ניט דו, אסתר!
— נו געוויס, ווי קומט צו אַ אידענע שכל?
— דו האָסט זיך מיט מיר ארומגעקריעגט, אַז איך האָב דיר דערמאָנט וועגען שידוך — האָט ער געזאָגט — שטענדיג קריעגט מען זיך מיט מיר. און, צום סוף, ווער בלייבט גערעכט? איך!
זי האָט זיך צולאכט:
— ווער דען וועט בלייבען גערעכט? אוודאי דו! ווי זאָגט יענער? דער צדיק איז תמיד גערעכט.
ער איז זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער און האָט זיך געריבען די הענט.
— זי זאָל איהם אָבער ניט גרינג אָנקומען — האָט ער אַ געשריי געטאָן — ער זאָל זיך ביי איהר בעטען, די נשמה זאָל איהם אויסגעהן נאָך איהר, דאן וועט זי איהם זיין טייערער, דו פאַרשטעהסט, אסתר?
אסתר האָט זיך אָנגערופען:
— דו הערסט, שאָסקע? וואָס זאָגסטו?
שאָסקע האָט עס שוין געהערט און זי האָט שוין געוואָרפען אויף רובינטשיק'ען פייערדיגע פיילען מיט די אויגען.
— איך דאַרף זאָגען; איך בין דער טאַטע! — האָט רובינטשיק געזאָגט.
— און מען הערט דיך אין פיאַטע! — האָט זיך שאָסקע אַ כאַפּ געטאָן און איז צוגעלאָפען צו איהם מיט'ן בוך אין דער האַנט — הער־זשע אויס, דיייוויד: איך בין איינגער פון דיר און איך בין ביי דיר אין הויז, נאָר אויב דו דערוועגסט זיך אַוועקצושטעלען צווישען צוויי הערצער, ווייל אַ משוגעת איז דיר אין קאָפּ איינגעפאַלען, — ווייסטו וואָס וועט זיין?
—יאַ, וואָס וועט זיין? — האָט ער אויסגעשריען איהר אין טאָן.
— דו וועסט בלייבען אַ נאַר, ווי אַלע מאָל! — האָט זי

געגנטפערט — וואָרים איך וועל דערצעהלען דזשאַ'ען דיין גאַנצען פּלאַן. דו פאַרשטעהסט ?

— אָבער, הולטאַיקע דו — האָט רובינטשיק געזאָגט שוין געלאַסענער — וואָס אַרט דיך, אַז זי וועט איהם זיין טייערער ? וואָס שווערער עס קומט עפּעס אָן, אַלץ טייערער איז דאָס. אַ מהומה אויף דיר, פאַרוואָס פאַרשטעהסטו דאָס ניט ?

— מיש זיך דו ניט אין זייער ליעבע ; זיי צופרידען. וואָס גאָט האָט רחמנות געהאַט, און רעד ניט, און שטער ניט. און ברעקעל זיך ניט, וואָרים פאַרגעס ניט, ווער דזשאַו איז. קאָנסט נאָך, חלילה, איבערציהען די סטרונע און דאָס זאָל פּלאַצען אינגאַנצען.

אסתר האָט זיך אָנגערופען :

— שאַסקע רעדט דאָך אַמאָל צו דער זאַך...

רובינטשיק האָט אַ ווייַלע געשוויגען, דאַן האָט ער ארויסגערעדט :

— מילא... איך האָב נאָר געמיינט עני'ס טובה... אָבער אפשר טאָר מען טאַקע ניט איינשטעלען ? אַמאָל קענט איהר דאָך אויך זיין גערעכט ! שאַסקע, ער האָט טאַקע דיר געזאָגט, אַז ער וויל זי ?

— ער האָט געזאָגט...

— דו האָסט איהם געזאָגט, אָדער ער האָט דיר געזאָגט ?

— ער האָט מיר געזאָגט.

— היינט וואָס ביזטו ברוגז ? דאַרפסט דאָך צופרידען זיין. גוואַלד ! — האָט ער מיט אַמאָל אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט — דריי הונדערט דאָלאַר אַ טשעק מאַך איך מאָרגען אויס פאַר דעם רעליעף ! דעם גאַנצען נדן, וואָס איך וואָלט איהר געגעבען, וועל איך אויף צדקה אוועקגעבען !...

— אָט אַזוי רעדסטו, ווי אַ מענש ! — האָט שאַסקע זיך אָנגערופען.

רובינטשיק האָט זיך צוהיצט :

— שאַסקע ! אסתר ! גוואַלד ! זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי איך האָב אייך ביידען ליעב !

און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי קושען.

10.

שפּעטער, ווען זיי זענען ביים סאָפּער געזעסען, האָט רובינטשיק גערעדט נאָך מעהר ווי ווען־עס־איז פריהער. ער האָט גערעדט פרעהליך און מיט התפּעלות וועגען זיינע קינדער, וואָס צו זיי איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ; אפּילו פּאָר זיין ווייב און שוועסטער האָט ער איצט א גוט וואָרט געפונען. דאָן האָט ער מיט אַמאָל גענומען לויבען ראָבינס'ן און האָט ארויסגעבראכט, אז ער וועט זיין דער בעסטער מאַן צו א פרוי, ווייל אין זיין משפּחה איז גאָר קיין שלעכטער מאַן ניטאָ. און דאָס אלצדינג האָט ער געזאָגט מיט א מינע, אקיראט ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט אויסען געווען דערמיט.

אסתר און שאָסקע האָבען איהם געלאָזט רעדען, ווייל זיי האָבען פארשטאַנען וואוהין ער ציעלט.

אסתר האָט געטראכט: „ער זאָל נאָר ניט אריבערכאַפּען די מאָס".

און שאָסקע האָט געטראכט: „ער וואָרפט צו פייער צו דער ליעבע. זאָל ער!"

ענני, וועלכע האָט איצט געטראָגען א העל קלייד און א רויטע בלום אין איהרע שוואַרצע האָר, האָט מיט א פארוואונדערטען שמייכעל געקוקט אויף איהר פאָטער און געטראכט: „וואָס איז עס מיט איהם היינט? אַלע זענען איהם פלוצים געפעלען!"...

און ראָבינס האָט פון צייט צו צייט זיך איינגעגעסען מיט זיינע קלוגע אויגען אין רובינטשיק'ס פּנים, בעת יענער האָט גערעדט, אזוי ווי ער וואָלט געזוכט דאָרט אַן ענטפער אויף דעם, וואָס ער האָט איצט געטראכט. ער האָט געטראכט: צי האָט ניט שאָסקע יענעם דערצעהלט, אז ער, ראָבינס, איז פאראינטערעסירט אין ענני'ן און די דאָזיגע ווערטער פון רובינטשיק'ען זענען אַן אַנצוהערעניש, אז ער, רובינטשיק, איז ניט געגען דעם?

„הלואי, אַנקעל, טראכט אזוי ענני" — האָט ער זיך אין די געדאנקען געזאָגט און זיך דאַן א קעהר געטאָן צו ענני'ן, וועלכע איז געזעסען נעבען איהם, און שטיל געפרעגט:

— דענקסטו אויך, ווי דיין פּאַפּאַ, אז איך וועל זיין דער בעסטער מאַן צו א פרוי?...

זי האָט זיך אָנגערופען, אויך שטיל, און מיט אַ שעלמי־שען שמייכעל:

— דענקסטו אויך, ווי מיין פּאַפּאַ, אַז איך בין אַזוי גע־ראָטען?

ער האָט געענטפערט פרעהליך:

— געוויס! נו, און איצט ענטפער מיר אויף מיין פראַגע...

זי האָט זיך שטיל צולאַכט:

— איך דענק ניט, ווי פּאַפּאַ, דו ביזט נאַ־גוד. אַ מאַן אָהן ליעבע אין זיין הארצען איז נאַ־גוד!

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— רייצסט זיך מיט מיר, האַ? און ווי וועט זיין, אַז די ליעבע זאָל זיך ווידער אויפוועקען?

— דאָס קען ניט זיין.

— וואָרום?

— ווייל דאַן דאַרפסטו נאָך אַמאָל געבאָרען ווערען.

— אַזוי גאָר?

זי האָט געענטפערט, ווי מיט שפּאָט:

— דיינע אייגענע ווערטער, וואָס דו אַליין האָסט מיר געזאָגט.

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— אמת, איך האָב דאָס געזאָגט.

און אַ טראַכט געטאָן:

„קלוג ווי איהר מאַמע!"

און זי האָט געטראַכט: „וואַרט, וואַרט, דו וועסט מיר שוין זינגען אַן אַנדער ליעד!"

זיינט איהר הייגטיגען שפּאַציר־ארויספאָהר מיט איהם אין פּאַרק, ווען דער פאַרלאַנג, צו פאַרליעבען איהם אין זיך, האָט זיך אין איהר ערוועקט, איז זי ביי זיך אַלץ מעהר און מעהר זיכערער געוואָרען אין איהר ערפאָלג.

דאַן האָט רובינטשיק מיט אַמאָל זיך אָנגערופען:

— דזשאָזעף, ווייסטו כאָטש, אַז עני שפּיעלט אויף קאָנ־צערטען?

— גענוג, פּאַפּאַ! — האָט עני איהם אונטערבראָכען — פּליעז, רעד בעסער וועגען אַן אַנדערען.

שאַסקע האָט זיך אריינגעמישט:

— וואָס שעהמסטו זיך, נאַרעלע? דו וועסט טאַקע היינט שפּיעלען א ביסעלע אויף דער פּיאַנאָ.

— עס איז ניטאָ וואָס צו הערען — האָט עני געזאָגט — מען קען אין דער אמת'ן מיינען, אַז איך בין אַ קינסטלעריז.

רובינטשיק האָט זיך צעהיצט, אַז דאָס עסען אפילו האָט ער פאַרגעסען, געהאַלטען די לעפעל אין האַנט, גערדרעהט מיט איהר און גערעדט:

— וואָס דען, ניט קיין קינסטלערין ביזטו? גענוג געלט האָט דאָס מיך געקאָסט און, דאַנקען גאָט, ניט אַרויסגעוואָר־פען. דו הערסט, דזשאָזעף? אַ שפּיעלערין איינע אין דער וועלט! זונטאג פאר עטליכע וואָכען האָט מיין סאָסייטי, וואו איך בין פּרעזידענט, געהאַט א קאָנצערט פאר דעם „רעליעף פאָנד", האָסטו געדאַרפט זיין אויף יענעם קאָנצערט! מילאָ, מיין רעדע... פון דעם וויל איך ניט רעדען: איך האָב פיינט צו רעדען וועגען זיך. טאַקע אמת, ווען דו זאָלסט מיין רעדע הערען... געוועזען איינמאָל א רעדע! איך זאָג דיר: דאַרפסט זיך ניט שעהמען מיט דיין אָנקעל!...

אסתר האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט:

— גוואַלד, דייוויד, וואָס האָט עס אָבער צו טאָן מיט עני'ם שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ?

עני האָט זי אונטערבראָכען מיט א שטיפערישען שמייכעל:

— פּאַפּאַ, וואָס געפעלט דיר בעסער, מיין פּיאַנאָ־שפּיעלען, צי דיין רעדע?

רוביגטשיק האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— דיין פּיאַנאָ־שפּיעלען. צופרידען, האַ? אי, שיקסע! — האָט ער צו איהר א מאַך געטאָן מיט דער לעפעל, אַז וועלכער ער האָט גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען, און זיך צע־לאַכט. דאַן האָט ער צוגעלייגט:

— דו קאָנסט, דו קאָנסט, שפּיעלסט איי נאָמבער וואַן. אפילו ראַבי בערנשטיין פון אונזער טעמפּעל האָט דאָס גע־זאָגט.

דאַן האָט ראַבינס זיך מיט אמאָל אָנגערופען:

— אָנקעל, יאָ, איך האָב דאָס שוין לאַנג ביי אייך גע־וואָלט פרעגען: ווי קומט עס, וואָס איהר זייט אויף די על־

טערע יאַהרען געוואָרען א יאַהודי, געהט אין טעמפעל. פאר מיר איז דאָס אַזאַ נייעס...

רובינטשיק האָט זיך צולאַכט:

— א „יאַהודי" גאַר? און אפשר א יאַהודי. מיינסטו. אַז די יאַהודים זיינען נישט קיין אידען? די בעסטע. איך זאָג דיר! אמאָל האָב איך אויך געמיינט, אַז די אמת'ע אידען זענען די אָרטאָדאָקסישע און די יאַהודים זענען האלבע גוים: אַ ליגען! כזב ושקר! זיי זענען די בעסטע אידען. די יאַהו־דים! גיבען געלט אַ סך אויף צדקה; האַלטען אויף די אידי־שע אנשטאַלטען; ארבייטען מיט לייב און לעבען פאר דעם „רעליעף"; ווען ניט זיי וואָלטען אפשר אלע אידען אין יוראָפּ איצט אויסגעשטאָרבען; און אַז מען דאַרף פאָהרען אין וואַ־שינגטאָן, אַנקלאַפּען אין א טיר, — ווער פאָהרט, ניט די יאַהודים, האַ?

ראַבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— זייט איהר שוין אמאָל געפאָהרען אין וואשינגטאָן?

— געפאָהרען, און טאַקע מיט די ריכטיגע יאַהודים: און טאַקע געקלאַפּט אין די ריכטיגע טירען; און טאַקע גע־פּועל'ט די ריכטיגע זאַך. ווען דו זאָלסט דאַרפען אַ פּאַס נאָך יוראָפּ, בעט מיך און דו קריגסט איהם באַלד!

ראַבינס האָט זיך צולאַכט:

— דאָס אודאי.

און ער האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו אסתר'ן:

— טאַנטע, און איהר זייט אויך א „יאַהודעטע" גע־וואָרען?

זי האָט געענטפערט ערנסט:

— דזשאָזעף, ווי זאָגט יענער? דער וואָס האָט גאָט אין הארצען, האָט ער איהם, סיי ער געהט אין טעמפעל און סיי ער געהט אין שוהל פון אָרטאָדאָקסען. איך מוז אָבער זאָ־גען, אז אינ'ם טעמפעל איז עפּעס לייטישער...

— אָה־אָה — אָט דאָס וואָס איך זאָג! — האָט רו־בינטשיק אונטערגעכאַפּט.

— אזוינע שוהלען ווי אין דער היים זענען דאָך אין אמע־ריקא סיי־ווי־סיי ניטאָ — האָט אסתר גערעדט ווייטער — איך מיין די פרומקייט פון דער היים...

— אָט דאָס וואָס איך זאָג — האָט רובינטשיק אונטער־

געכאַפּט — די היימישע פרומקייט פעהלט אין די היגע אָרטאָדאָקסישע שוהלען — מען פיהלט זיך דאָרט ניט ווי אין שוהל. עפּעס ניט דאָס, ניט דאָס, וואָס עס באַדאַרף צו זיין. דער דאַוונען איז עפּעס אָהן טעם, אָהן געשמאַק... שבת, יום־טוב, ווייס איך, אַלצדינג עפּעס ווי אַ קינדער־שפּיעל.

— אמת, ווי אַ קינדער־שפּיעל — האָט שאָסקע זיך אויך אריינגעמישט — גאָט פעהלט דאָרט. און אין טעמפּעל, וואָס? אויך אַ קינדער־שפּיעל!

— אין טעמפּעל איז גאַנץ אנדערש, שאָסקע — האָט אסתר זיך אָנגערופען.

— פאַרוואָס אנדערש, אסתר? האָסט שוין אַמאָל דאָרט געזעהן אַ אידישע טרער? האָסט שוין אַמאָל דאָרט געהערט אַ ריכטיגען אידישען קרעכץ, ווי אין אַ שוהל אין דער היים? מען פּרעפּעלט דאָרט אונטער דער נאָז און דער ראַבי, מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, האַלט אַ דרשה אויף ענגליש און יוצא... פע, איך געה תמיד ארויס פון טעמפּעל מיט עפּעס אַ האַרץ־קלעמעניש, ווי איך וואָלט, להבדיל, געוועזן אין אַ קלויסטער און ניט אין אַ אידישער שוהל.

— דערפאַר אָבער זעהט מען ניט אין טעמפּעל דאָס, וואָס איך האָב געזעהן אין דער פריהערדיגער אָרטאָדאָקסישער שוהל — האָט אסתר געזאָגט, — ווי זאָגט יענער? אויב ניט שטאַרק פרום, איז לכל הפחות, אנשטענדיג. איך קען ניט פאַרגעסען, ווי אין יענער שוהל, וואוהין מיר פלעגען אַמאָל געהן, איז דער חזן אפילו, צו כל־נדרי, געשטאַנען אַ גאַנצער פראַנט, אויף דער ביהמע, האָט געזאָגט די תפלות און געשטשיפּעלט זיין אָרומגעשאָרען בערדעל און אַרויפגעקוקט צו די ווייבער דורך זיינע גאָלדענע ברילען. גאָט האָט ער אפילו אין זינען ניט געהאַט, נאָר צו די ווייבער זיך גע'חנ'דעלט, מעשה אַקטיאָר, בשעת ער האָט אפילו „יעלה" געזאָגט. אין טעמפּעל אָבער זעהט מען דאָס ניט...

— אָה־אָה, מיינע ווערטער! — האָט רובינטשיק אונטערגעכאַפּט — אָט דאָס וואָס איך זאָג!

אסתר האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— אודאי וואָס דו זאָגסט. איך זאָג דאָך תמיד, וואָס דו זאָגסט.

— רובינטשיק האָט אַ בורטשע געטאָן:

— ווען דו ביזט ביים שכל.

ראבינס האָט זיך צולאַכט הויך אויפ'ן קול.

— גערעכט, אַנקעל, גערעכט! — האָט ער געלאַכט.

— אודאי בין איך גערעכט, תמיד בין איך גערעכט. דזשאָזעף, דו מוזט זיך באַקענען מיט אונזער ראביי, מיט איהם קען מען ריידען. דו האָסט געדאַרפט הערען אַמאָל זיינעם א „סוירמאָן”. ער קומט אַמאָל אריין צו מיר, ער וואוינט דאָ ניט ווייט. ער האָט אזא איידעל הארץ און איז א גרויסער ציוניסט אויך!

— ער איז א ציוניסט?

— א פייערדיגער! ער זאָגט אזוי: מיר אידען דאַרפען זיין אמעריקאנישע פאַטריאָטען, אָבער דאָס לאַנד פון אונזערע אבות מוזען מיר העלפען אויפבויען. מיר מוזען — זאָגט ער — האַנדלען ווי די איירישע אין אמעריקע: טאַקע אמעריקאנישע פאַטריאָטען, אָבער אירלאַנד זאָל לעבען! איז ער ניט גערעכט, הא?

— איך ווייס? — האָט ראבינס זיך אָנגערופען.

— אונזערע קינדער ערציהט ער — האָט אסתר זיך ווידער אריינגעמישט — און דאָס איז דער עיקר. די קינדער פון יענע עלטערען, וואָס זיי געהען אין די אָרטאָדאָקסישע שוהלען, קענען גאָר ניט די רבנים, ווערען זיי טאַקע ניט ערצויגען אין אידישען גייסט. מיינע קינדער אָבער זיינען געגאַנגען אין „סאַנדיי סקוהל” און זיי ווייסען די באַדייטונג פון יעדען אידישען יום טוב און זיי האָבען רעספּעקט פאַר דעם ראבי און שעהמען זיך ניט מיט זייער אידישקייט. און דאָס איז אַלצדינג ווערט, ווייל — ווי זאָגט יענער? — אין אמעריקע מוז מען דערמאָנען אידישע קינדער, אז זיי זיינען אידען, אז ניט, וואקסען זיי אויס גאַנץ אָפּט מענשען ניט אהער און ניט אהין...

ראבינס האָט א טראַכט געטאָן:

— וואָס פאַר אַן ענדערונג, זינט איך האָב זיי פאַרלאָזען. גאָר א נייע וועלט!

און ער האָט זיך אָנגערופען:

— מערקווירדיג, אַמאָל, געדענק איך, האָט דער אַנקעל זיך געקאַכט, ווייל עפּעס א רב האָט די באָרד געשאָרען און היינט איז דער אַנקעל באַגייסטערט פון א ראביי אינגאַנצען

אַהין א באָרד און ניט דערפאַר, ווייל דער אָנקעל איז פרייער געוואָרען, נאָר דערפאַר, ווייל דער ראַביי אַהין דער באָרד איז מעהר איד און ווייל נאָר ער ערציהט די קינדער אלס אידען...

אסתר האָט באַמערקט:

— מיר זיינען קליגער געוואָרען. מיר האָבען אויסגעפו־נען, ווי זאָגט יענער? אז די אידישקייט איז ניט אין דער באָרד, נאָר אינ'ם האַרצען.

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— איך האָב גאָר ניט געגען א באָרד, פאַרקעהרט, פאַר א באָרד פון א פרומען רב האָב איך נאָך איצט אויך דרך־ארץ; אָבער זיי ניט קיין צבועק, נאָר מיך ניט אָפּ; טאָרסט ניט שערען קיין באָרד, שער ניט! איך האָב פיינט, אז מען נאַרט מיך!

— און ביי מיר — האָט שאָסקע געזאָגט — איז נאָך איצט אויך א רב אַהן א באָרד און מיט א דרשה אין ענגליש פונקט אזוי ווי א גוי אין א טלית און תפילין... איך קען זיך צו דעם ניט צוגעוואוינען. וואָס זאָגסטו, דזשאָו? בין איך גערעכט?...

— אפשר.

— דזשאָזעף — האָט זיך רובינטשיק מיט אַמאָל צו איהם געווענדט — אז דו ביזט איצט אוים סאָציאַליסט, ועסטו אפשר געהן מיט מיר נעכסטען שבת אין טעמפּעל.

— ניין.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? — האָט ראַבינס געענטפערט מיט א שמייכעל — ווייל... ווי זאָגט איהר? איהר האָט פיינט, אז מען נאַרט אייך אָפּ און איך האָב פיינט אָפּצונאַרען.

— ביזטו דאָרט אויך קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שוהל?

— ניין.

— אזוי? ביזטו דאָך נאָך אלץ אין ד'רערד מיט די ביינער!...

אסתר האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— דייוויד! ווי זאָגט יענער?

רובינטשיק האָט זיך צולאַכט.

— איך האָב גאָר ניט געמיינט. עס איז שוין אָל רייט.

ער וועט שוין ביי מיר געהן אין טעמפעל אויך. איך האָב איהם געמאַכט פאַר אַ מענשען מיט מיינע אמאָליגע רייד. און איך וועל איהם מאַכען פאַר אַ אידען אויך.

ראָבינס האָט געענטפערט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל:

— איך האָף אזוי, אָנקעל.

און דערנאָך זיך א קעהר געטאָן צו עני'ן:

— און וואָס זאָגסטו, עני? דו שווייגסט גאָר!

— דער פאַפאַ רעדט פאר מיר אויך — האָט זי געענטפערט און צוגעלעגט — דאַרפסט זיך ניט באַליידיגען פון איהם; ער מיינט ניט קיין שלעכטס.

ראָבינס האָט זיך אָנגערופען:

— איך קען איהם.

דערנאָך האָבען זיי זיך אלע אויפגעהויבען פון זייערע ערטער און שאָסקע האָט פאָרגעלעגט, אז עני מוז היינט שפּי־לען אויף דער פיאנאָ. די איבעריגע האָבען מיט איהר מסכים געווען. אָבער עני האָט ערקלערט: „ניין, ניטאָ וואָס צו הערען". און פאָרגעלעגט ראָבינס'ן, צו נעהמען א שפּאַציר. האָט ער געזאָגט:

— אַ פריהער שפּיעלען פיאַנאָ, עני!

האָט זי זיך אָנגערופען:

— ווילסט ניט? געה איך אליין.

און זי האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טיר.

— וואַרט, עני — האָט ער איהר נאָכגעשריען — איך געה!

האָט זי ווי מיט נצחון אויסגערופען:

— צו שפּעט, דזשאָו! — איך געה אַליין!

און זי איז פאַרשוואונדען.

ער האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך איהר און זי אָנגעיאָגט אויפ'ן גאַניק.

— איך געה מיט דיר — האָט ער געזאָגט.

— דו געהסט ניט מיט מיר — האָט זי זיך אָנגערופען, איז געבליבען שטעהן און האָט קאָקעטיש א דרעה געטאָן אן אקסעל.

— איך געה יא מיט דיר — האָט ער ווידער געזאָגט מיט א קאָמישער מינע.

— געהסט מיט מיר? זיכער?...

און זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל און ארויס־געשטעקט צו איהם א שפּיץ פון איהר צונג.

האָט ער דאַן געזאָגט:

— נו, ארט מיך ניט, אז איך וועל זיצען נעבען דיר.

און ער האָט זיך אוועקגעזעצט און צוגערוקט זיין שטוהל נאָהענט צו איהרען און ארייננעקוקט טיעף אין איהרע לאַ־בענדיגע אויגען.

זי האָט א ווײלע געשוויגען. דערנאָך האָט זי ארויס־גערעדט:

— נו?!...

האָט ער געענטפערט:

— נו!!!

האָט זי דאַן געפרעגט:

— וואָס, נו?...

האָט ער אין טאָן איהר אויך געענטפערט:

— וואָס, נו?...

און ווידער האָבען זיי זיך א ווײלע אָנגעקוקט אין די אוי־גען אריין און דערנאָך האָבען ביידע מיט אמאָל גלייך זיך צולאַכט, אזוי פרעהליך און הארציג.

דאַן ערשט זיינען זיי אוועק שפּאַצירען איבער'ן בולוואַרד. זי מיט דעם געפיהל, אז ער זוכט זי; אז אפשר איז ער גאַר אין איהר פאַרליעבט אויך. און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי פריהער האָט ער איהר שוין ניט איינמאָל געגעבען אָנצוהערע־ניש, אז זי געפעהלט איהם. זי האָט איהם דאַן ניט פאַרשטאַ־נען, איצט אָבער איז עס איהר קלאָר. ער איז אין איהר פאַר־ליעבט, פאַרליעבט...

„איך האָב איהם באַזיעגט!" — האָט עס אויסגעשריען אין איהר מיט פריידיגען נצחון, און ווען זי האָט איצט נעבען איהם געטראָטען, אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם, האָבען זיך איהרע פיס באַוועגט לייכטער, אזוי ווי צו א פרעהליכען טאַנץ, און אויף איהר פּנים און אין איהרע אויגען האָט אָפּגע־שטראַהלט דער פריידיגער נצחון־געשריי פון איהר נשמה...

ער האָט איצט גערעדט. די גאַנצע צייט האָט ער איצט אַליין גערעדט. אַלץ וועגען זיך און זיין היים אין ניו אָרליענס. ער האָט געשילדערט זיין רייכע הויז, די דיענסטען און די דיענער זיינע; ער האָט דערצעהלט, אז ער דענקט נאָך דאָס

הויז אַ סך צו פאַרשענערן. און אפשר וועט ער קויפן נאָך אַ הויז אויפ'ן לאַנד, אָדער ביים ים. הגם זיין הויז אין ניו־אָרליענס קוקט ארויס דורך אַלערליי בלומען, מחמת עס שטעהט אין מיטען פון אַ בליהענדען גאָרטען.

און ווען עני האָט איהם איצט געהערט, האָט זי דאָס אַלצדינג אַנגענומען ווי אַ פאָרוואָרט צו דאָס ריכטיגע וואָס זי האָט געגאַרט פון איהם צו הערען...

און זי האָט גערעדט צו איהם אין די געדאַנקען:

„גענוג! דאָס איז דאָך נאָר אַ פּרילודיע צו דעו ריכטיגער אָפּערא, גענוג די פּרעלודיע, לאָז מיך הערען די „ריכטיגע אָפּערא!"

אָבער די „ריכטיגע אָפּערא" האָט ער איהר איצט ניט גע־זונגען. ער האָט איהר ווייטער דערצעהלט פון זיין היים.

פּלוצים האָט זי איהם אונטערבראָכען:

— דאָס דאַרפסטו דערצעהלען דעם שדכן.

ער האָט געענטפערט:

— טו העל וויט דהי שדכן!

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דזשאָו, וואָס פאַר אַ שפּראַך! געהערט דאָס אויף צו דער עלעגאַנץ פון דיין הויז?

ער האָט זיך צולאַכט:

— דאָס געהערט צו מיינע נעגערס.

און ער האָט צוגעלעגט:

— ענטשולדיג...

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים. איצט האָבען זייביידע געשוויגען.

אויפ'ן בולווארד האָבען די עלעקטרישע לאַמפּען שוין געברענט. און צווישען די בוימער, וואָס זיינען ניט באַלויכ־טען געווען, האָט די שוואַרצע נאַכט זיך געטוליעט. פּאָרלעך האָבען זיך באַוויזען אויף די טראָטואַרען און צווישען די בוימער. קינדער האָבען זיך געיאָגט איינער נאָכ'ן אַנדערען מיט הילכענדע געשרייען, אויטאָמאָבילען האָבען זיך געטראָ־גען מיט פייערדיגע אויגען, האָבען געפייפט, געקוויטשעט, געהודיעט און אַנדערע האָבען געבולען ווי הינט...

עני און מאָריס האָבען גאָרניט באַמערקט און געהערט ארום זיך, טראַכט וואָס זיי ביידע האָבען געשוויגען. ביידע

זיינען געוועזן פארטאָן אין זיך.ביידע האָבען זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס האָט אינווייניג אין זיי גערעדט.

ענִי האָט געטראַכט:

„גערעדט און גערעדט און געבליבען ביי דער פּרעלודיע! נו, וואָס ביזטו אנטשוויגען געוואָרען?"

און ראבינס האָט געטראַכט:

„זאָל איך איהר זאָגען? ניין, שפּעטער, פארוואָס ניט איצט? איך וועל איהר זאָגען! הא? אָבער וואָס? ווי הויבט מען אָן? לאָזען דאָס אויף גאָר שפּעטער, ווען אלע וועלען געהן שלאָפען. וועט זי מיך שיקען צו א שדכן? מסתמא. מיר וועלען זעהן!"

— וואָס האָסטו זיך פארטראַכט, דזשאָו? — האָט ענִי זיך דאָן אָנגערופען.

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— ענִי איך וויל דיר עפּעס זאָגען.

„אָט דאָ קומט עס!" — האָט זי א טראַכט געטאָן, און איז געוואָרען אויפגערעגט. דאָן האָט זי געפרעגט:

— וואָס?

ער האָט געשוויגען.

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען? — האָט זי נאָך אמאָל געפרעגט.

— איך וויל דיך בעטען, דו זאָלסט שפּילען אביסעל אויף דער פּיאַנאָ — האָט ער געזאָגט.

— דאָס אלץ? — האָט זי זיך אָנגערופען און נערוועז א טראַכט געטאָן: „געה דו מיר אויך צום טייפעל!"

— ווערסטו דאָס טאָן? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— אָל ראַיט! — האָט זי געענטפערט, ארויסגעלאָזען זיין אָרעם פון די הענט און זיך געלאָזט געהן מיט שנעלע טריט.

באַלד זיינען זיי אריין אין הויז.

שאַסקע איז זיי געקומען אנטקעגען מיט א צופרידענעם פּנים.

— שוין צוריק?

— טאַנטע־שאַסקע — האָט ענִי זיך אָנגערופען — מיר ווילט זיך היינט ניט שפּיעלען, אָבער דזשאָו וויל דורכאויס...

— שפּיעל, ענִי, שפּיעל, זיי ניט אזוי איינגעשפּארט — האָט שאַסקע געזאָגט און זי א גלעט געטאָן איבער'ן אַקסעל.

— אָל ראַיט, איך קום באַלד ארונטער; — איך וועל נאָר איבערבייטען מיין וועסט.

און עני איז אוועקגעלאָפען ארויף די טרעפּ.

* * *

אין א ווײַלע ארום זיינען זיי אלע, אויסער עני'ן, געווען פארקליבען אין מוזיק־רום. די עלעקטריק האָט דאָרט געלויכטען אונטער רויטע אבאַזשורען און א רויטער שיין, ווי א לייכטער, רויטער נעבעל, האָט זיך געטראָגען איבער'ן צימער.

רובינטשיק האָט דאָרט געהאַלטען א בילד, וואָס זיין מי־זינקע, רוטי, האָט געמאָלען, פאַר ראַבינס'ן, געצופּט איהם ביים לאַץ און גערעדט מיט התפּעלות:

— איז דאָס ניט א וואונדער, הא? זעהר נאָר, זעה, א בוימעלע! אָט־אָט נעם איך, דאַכט זיך אָן א צווייגעלע! און דאָס... און דאָס... וואָס איז דאָס אזוינס אונטער'ן בוים?

— בלעטער, מסתמא — האָט שאָסקע זיך אָנגערופען, וועלכע האָט ארויסגעקוקט פון הינטער איהר ברודער'ס אַקסעל אויפ'ן בילד.

— בלעטער, יאָ, יאָ, בלעטער! אַזוי לעבעדיג, כאַפּש הויב אויף א בלעטעל.

— דאָס איז גראָז, ניט קיין בלעטער — האָט אסתר, וועל־כע האָט אויך אייפ'ן בילד געקוקט, זיך אריינגעמישט.

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— גראָז גאָר? בלעטער! דו דאַרפסט דאָך זאָגען פּונקט קאַפּויר.

— גראָז, זיי ניט קיין משוגענער.

— איך זאָג בלעטער, בלעטער, בלעטער! — האָט רובינ־טשיק שוין פארלאָרען זיין געדולד — וואָס זאָגסטו, דזשאָזעף, צו דיין טאַנטע?

ראַבינס האָט זיך הארציג צולאַכט:

— זי איז גערעכט, אַנקעל. גראָז!

— ביזטו בליגד? בלעטער!

— גראָז, גראָז! — האָט ראַבינס געלאַכט.

רובינטשיק האָט גענומען שרייען:

— הער נאָר, דו, איך וועל דיך באַליידיגען. איך האָב דאָ געננוג צו'להכעיס'ניקעס אָהן דיר!...

שאָסקע האָט איהם א צופּ געטאָן ביים ראָק:

— דייוויד, ניט געשריען און ניט באַליידיגט.

ער האָט זיך א קעהר געטאָן צו איהר:

— וואָס איז דאָס: גראָז אָדער בלעטער, שאָסקע?

— גראָז!...

— הא? דו האָסט דאָך ערשט געזאָגט: בלעטער?

זי האָט זיך אָנגערופען:

— דזשאָו פאַרשטעהט בעסער פון מיר, ווען ער זאָגט גראָז, איז מסתמא גראָז.

עני איז אריינגעקומען. רובינטשיק האָט זיך א וואַרף געטאָן צו איהר.

— עני, וואָס איז דאָס, גראָז אָדער בלעטער?

זי האָט זיך איינגעקוקט אויפ'ן בילד און דערנאָך גע־ענטפערט:

— זעהסט דען ניט, אז עס איז גראָז?

ער האָט א געשריי געטאָן:

— ביזטו אויך משוגע!

אַלע האָבען זיך צולאַכט.

שאָסקע האָט ביי איהם צוגענומען דאָס בילד און צו איהם א וואונק געטאָן.

— זעץ זיך און עני וועט א ביסעל שפּילען פאר אונז...

ער האָט זיך אָנגעבלאָזען און זיך אוועקגעזעצט אויף א שאָקעל־שטוהל.

— בהמות ווייסען נאָר: גראָז, גראָז, גראָז — האָט ער ארויסגעמורמעלט אונטער דער נאָז.

עני האָט זיך געזעצט צו דער פּיאַנאָ. שאָסקע איז צוגע־גאַנגען צו איהר.

— שפּיעל עפּעס א „קלאַסיקס" — האָט זי איינגערוימט עני'ן אויפ'ן אויער.

— וועסטו ניט אנטשלאָפען ווערען? — האָט זיך עני אָנגערופען מיט א שמייכעל.

— חכמה זיך ניט — האָט שאָסקע געענטפערט, איז אָפּ־געטראָטען פון איהר און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען ראָ־בינס'ן אויף א שטוהל.

עני האָט א קלאַפּ געטאָן איבער די קלאַווישען. זי האָט היינט געשפּיעלט בעסער ווי ווען עס איז פריהער, היגנעריסען און מיט פייער. ביי שאָסקע'ן האָבען די אויגען זיך צוברענט

און נאכאנאנד האט זי געצופט ראבינס'ן ביים ארעם און געמורמעלט: „נו, נו, וואס זאגסטו?"

ראבינס האט איהר ניט געענטפערט, נאר צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. ער האט מעהר געקוקט אויף די גראציעזע און בויגיגע באוועגונגען פון עני'ס פיגור, בשעת זי האט איצט געשפיעלט, ווי צוגעהערט זיך צו איהר שפיעלען. ער האט געטראכט: „ניין, איך וועל בלויז בלייבען א נאר, ווען איך זאל איהר פארשלאגען. זי קען קריגען א יונגען באי!"....

און אין זיין נשמה האט זיך אן אומעט געוועקט...

ווען עני האט געענדיגט, האט ראבינס שטארק אפלאדירט. רובינטשיק האט געשמאק געדרימעלט,ביידע הענט צונויפגעלעגט אויף די קניע, די גראבע פינגער צוגעטוליעט איינעם צום אנדערען און דעם קאפ, מיט'ן גלאנציגען, נאקעטען שארבען ארונטערגעלאזט. אסתר האט געקוקט אויף איהם מיט א רוהיגען שמייכעל. און אז שאסקע האט עס דערנאך באמערקט, האט זי א צופ געטאן ראבינס'ן, אנגעוויזען אויף איהר ברודער און מיט כעס ארויסגעמורמעלט:

— אט אזוי־א, אלע מאל. דערהערט ער א „קלאסיקס", איז באלד געכראפעט!...

עני האט עס אויך באמערקט, האט זי גנב'יש א וואונק געטאן צו ראבינס'ן, צוגעלעגט א פינגער צום מויל און ארויסגעפליסטערט:

— זאל ער שלאפען, דו וועסט באלד עפעס זעהן...

זי האט זיך צוגעבויגען צו דער פיאנא און מיט איין אויג אויף איהר פאטער, האט זי גענומען אויסקלאפען מיט די פינגער אויף דער פיאנא א פרעהליך חסיד'יש ליעדעל פון אידישען טעאטער און באלד האבען אלע, וואס האבען געקוקט איצט אויף רובינטשיק'ן, באמערקט, ווי אויף זיין פנים האט זיך גענומען עפעס ריהרען און באוועגען, פריהער לאנגזאמער און דערנאך שנעלער, אזוי ווי צום טאקט פון דעם געשפיעלטען ליעדעל און מיט אמאל האט ער ברייט געעפענט די אויגען און אין א מינוט ארום איז שוין קיין שלאף דארט מעהר ניט געווען, און א באגייסטערטער פייערעל האט זיך דארט אנגעצונדען, און ער האט אונטער דער נאז נאכגעזונגען דאס ליעדעל און צוגעקלאפט מיט'ן פוס צום טאקט.

אלע האבען זיך הויך צולאכט און אפלאדירט. ער האט

אויך אפּלאָדירט, הגם ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס זיי לאַכען.

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען מיט התפעלות:

— איז זי ניט א קינסטלעריז, איי נאָמבער וואַן?—האָט ער אויסגעשריען.

ראַבינס האָט זיך אָנגערופען מיט א קאָמישען שמייכעל:

— דאָס ערשטע, וואָס זי האָט געשפּיעלט, איז געווען בעסער.

— וואָס זי שפּיעלט איז גוט, אַ קינסטלעריז!

דאַן האָט עני זיך געווענדט צום פּאָטער מיט אויגען, וועלכע האָבען געשפּריצט מיט געלעכטער, און געזאָגט:

— פּאָפּאַ, זאָל איך שפּיעלען נאָך אַזאַ זאַך ווי די ערשטע?

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— די „התקוה", טאָכטערעל, די „התקוה". טו מיר צוליב.

און ער האָט זי א קוש געטאָן אויפ'ן קאָפּ.

זי האָט גענומען שפּיעלען די „התקוה", און אלע זיינען מיט אמאָל געוואָרען ערנסט.

שאָסקע האָט שטיל נאָכגעבורטשעט, און אפילו אסתר אויך. און רובינטשיק איז געשטאַנען אין מיטען צימער, מיט'ן פּנים צו ראַבינס'ן, האָט יעדע ווײלע באַגייסטערט א מאַך געטאָן צו איהם מיט דער האַנט, אויסדריקענדיג דער־מיט די מתיקות פון דעם ליעד, צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, גע־זיפצט און געאָיקעט און דערנאָך איז ער אריין אין אזא התפעלות, אז ער האָט זיך צוזונגען אויף זיין הייזעריגען קול:

— עוד לא אבדה תקותנו . . .

און שאָסקע מיט אסתר'ן האָבען אויך העכער צוגעברומט.

און ווען עני האָט געענדיגט, האָט רובינטשיק דאַן זיך מיט וואַרעמקייט אָנגערופען:

— איך וועל פאָהרען אהין. עני אַראָפּ פון קאָפּ און רו־טע'לע אַראָפּ פון קאָפּ, פאָהר איך אהין. מען גיט אונז צוריק דאָס לאַנד. גאָט האָט מיר געהאָלפען, פאַרזאָרגט ביז איך. פאַרוואָס זאָל איך ניט פאָהרען אהין?

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— פאָהר געזונט.

— איך וועל פאָהרען, אסתר, דו ווייסט, אז איך טראַכט

שוין לאַנג פון דעם. איך וועל קויפען א פלאַנטאַציע, אָדער עפענען א געשעפט פון דעם דאָרטיגען קאָניאַק, וויינען...

ראַבינס האָט זיך אָנגערופען:

— ביז יענער צייט, אָנקעל, וועט דאָרט אויך ווערען „פּראָהיבישאָן"...

רובינטשיק האָט דאַן געזאָגט:

— איהר לאַכט, ווייל אייך פעהלט דאָס אידישע פּינטעלע. זאָל מיר נאָר גאָט שענקען געזונט, וועל איך אהין פאָהרען. ראבי בערנשטיין איז גערעכט: די לעצטע געשעהענישען אויף דער וועלט שרייען: גוואַלד, אידען, איהר מוזט האָבען אייער לאַנד!...

און לאַנג דערנאָך האָט ער גערעדט וועגען די אַלע יסורים, וואָס די אידען האָבען איבערגעטראָגען און טראָגען נאָך איצט איבער פאַר די עטליכע יאָהר, זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכען; ער האָט גערעדט מיט אזוי פיעל אמת'ן געפיהל און אזוי הינגעריסען, אז ראָבינס האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָר פאַרוואונדערטע אויגען. ער האָט געטראַכט:

„נו, גוּעה, וויים, וואָס אין א אידישען האַרצען טוט זיך. דאַכט זיך אַזאַ עגאָאיסט. ווען וואָלט געקענט איינפאַלען, אז ער טראַכט פון נאָך עמיצען, אויסער זיך? מסתמא איז ער אזוי באַאיינפלוסט פון ראבי בערנשטיין."

שפּעטער זיינען זיי אלע אוועק שלאָפען, און ווען עני האָט געזאָגט „גוּד נאַיט", איז ראַבינס צו איהר צוגעגאַנגען און איהר דערלאַנגט די האַנט.

— גוּד נאַיט, עני! — האָט ער געזאָגט — איך דאַנק דיר פאַר דעם פאַרגעניגען, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט מיט דיין שפּיעלען. ווילסט שוין שלאָפען?

— ניין — האָט זי געענטפערט — איך וואָלט נאָך א ווייַלע געזעסען אין דרויסען. און דו?

— איך? מיט פאַרגעניגען, אויב דו נאָר...

— קום! — האָט זי געזאָגט.

און זיי זיינען ארוים אויף דעם אויבערשטען גאַניק און ביי עני'ן האָט זיך דאַן ארויסגעריסען:

— וואָס פאַר א וואונדער־שעהנע נאַכט!...

אין דער אמתן איז די נאַכט געווען א גאַנץ געוועהנליכע, שטילע און וואַרימע סעפּטעמבער־נאַכט, אָבער עני'ן

אין איהר איצטיגער שטימונג, האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי, די נאָכט, איז היינט גאָר אַנאַנדערע, גאָר אַן אומגעוועהנליכע; אז דער שיין פון די עלעקטרישע לאַמפּען האָט היינט עפּעס גאָר אנדערש געלויכטען — פאַר'חלום'טער און יום־טוב'דיגער, און די בוימער און דער אויסגעשטערענטער הימעל איבער זיי, און אַלצדינג ארום האָבען אַן אנדער אויסזעהן געהאַט, אזוי ווי מיט א פאַרטראַכטען און יום־טוב'דיגען שמייכעל באַלויכטען...

זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט, ער האָט פאַררויכערט א ציגאַר און דערנאָך האָט ער פאַרטראַכט ארויסגערעדט:

— זעהר א שעהנע נאַכט.

— א וואונדער־שעהנע.

— יא — האָט ער ווידער געזאָגט פאַרטראַכט און אָנגעהויבען שטיל צו פייפען עפּעס א ליעדעל.

זי האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט זיין אויפרעגונג און איז אויך אויפגערעגט געוואָרען.

„פון וואָס טראַכט ער איצט?" — האָט זי זיך אויפגערעגט געפרעגט.

א היבשע ווײלע זיינען זיי דערנאָך געזעסען און האָבען געשוויגען אזוי ווי זיי ביידע וואָלטען געוועז א טייל פון דער דאָזיגער ארומיגער, פאַרטראַכטער, ביינאַכטיגער שטילקייט, וועלכע איז איצט, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ניט געוועקט געוואָרען פון קיינעם און גאָרניט, סיידען, גאָר זעלטען, פון א פאַרסוד'עטען קול פון א פאַרשפּעטיגטען פּאָרעל, אָדער, נאָך זעלטענער, פון א קאַר, וואָס האָט זיך אויף א פּאָר רגע'ס באַוויזען מיט איהרע פייערלעך און מיט א הודיען אויפ'ן בולווארד, און איז באַלד פון דער נאַכט פאַרשלונגען געוואָרען.

דאַן האָט ראַבינס מיט אמאָל זיך אָנגערופען:

— עני, איך וויל עפּעס רעדען מיט דיר...

„ענדליך!" — האָט זי א טראַכט געטאָן און אויפגערעגט זיך א רוק געטאָן אויף איהר שטוהל.

— מעג איך? — האָט ער ווייטער גערעדט.

זי האָט זיך ניט א קעהר געטאָן צו איהם, האָט זיך אויסגעבויגען איבער דער פּאַרענץ פון גאַניק, אזוי ווי זי וואָלט אין דער נאַכט זיך איינגעקוקט, און שטיל געענטפערט:

— אויב דו מעגסט? אַ מאָדנע פראַגע!

— פאַרשטעהסט?... איך מיין... דו וועסט ניט זיין ברוגז אויף מיר?

זי האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן.

— דו ווילסט מיך דען באַליידיגען?

ער האָט געענטפערט:

— איך האָב מורא, אַז דו וועסט זיך באַליידיגען, עני...

דאַן האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן צו איהם און פאַרוואונדערט איהם אָנגעקוקט.

— באַליידיגען? וואָס ווילסטו אזוינס מיר זאָגען?

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און גערויכערט פאַרטראַכט זיין ציגאַר. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבען:

— געוויס... איך פאַרשטעה גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַביסעל צו געוואָגט... איך האָב געדאַרפט זיין איינגער אַ סך און... און... אַנאַנדער מענש... און אַ הי־געבאָרענער אפשר... איך ווייס עס. דערפאַר האָב איך מורא, אַז דו וועסט זיך באַליידיגען, ווען איך..

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

זי האָט דערפיהלט, ווי דאָס בלוט האָט איהר אין פּנים אַ זעץ געטאָן און פאַר אויפרעגונג האָט זי קוים אַרויסגע־שטאַמעלט:

— ווען דו?...

און אַז ער האָט אַלץ געשוויגען, האָט זי מיט׳ן הארצען אַרויסגעשריען: „ספּיק אוט, דיער! ספּיק אוט — רעד אַרויס!” און מיט די ליפּען האָט זי נאָך אַמאָל אַרויסגע־שטאַמעלט פאַרשטיקט:

— ווען דו... וואָס?...

ער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען פון׳ם אָרט און אַרויס־געדעדט אין אַ גאַנץ אַנדערען טאָן:

— עני, ווי, אַ שטייגער, ווען איך זאָג דיר, אַז דו גע־פעלסט מיר?

דער נייער טאָן האָט זי אַביסעל צומישט. ניט דאָס האָט זי ערוואַרטעט פון איהם און ניט אַזאַ טרוקענעם, פאָרמעלען טאָן...

— איך האָב דאָס שוין ניט איין מאָל פון דיר געהערט.

דזשאָו — האָט זי זיך אָנגערופען אין אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ פון איהם.

— ווי, א שטייגער, ווען איך האָב די חוצפה דיך צו פרעגען, אויב דו וואָלסט וועלען זיין מיין... מיין... נו, מרס. ראָבינס? — האָט ער דערנאָך ארויסגערעדט מיט א שמייכעל, שטיקענדיג אין זיך די אויפרעגונג, און ער האָט זיך ווידער געזעצט אויף זיין אָרט, מיט'ן ציגאַר אין מויל.

זי האָט געשוויגען. איז נאָך מעהר ענטוישט געוואָרען און האָט זיך אומגעדרעהט צו איהם. זיינע ווערטער זיינען געווען אזוי וואָכעדיג און אזוי בלוט־אָרעם אין פארגלייך צו דעם, וואָס זי האָט געפיהלט. אפילו דאָס וואָרט „ליעבע" האָט ער ניט דערמאָנט!

און ווען זי האָט ניט געענטפערט, האָט ער ווילע גע־וואַרט, דערנאָך האָט ער ווידער ארויסגערעדט, ניט ארויסלאָ־זענדיג דעם ציגאַר פונ'ם מויל:

— וועל, וואָס זאָגסטו, עני?...

און דאָן האָט זי זיך מיט אמאָל אומגעדרעהט צו איהם און איהם לאַנג אָנגעקוקט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען:

— זאָג מיר דעם אמת, דזשאָו: האָסט מיך ליעב?

ער האָט געענטפערט:

— יא, עני, איך האָב דיך ליעב...

און ער איז צוגעגאַנגען צו איהר נעהענטער און האָט ווייטער גערעדט:

—ביזטו איצט ניט ברוגז? פיהלסטו זיך ניט באַליידיגט?

ער האָט אוועקגעוואָרפען דעם סיגאַר און ארייַנגעקוקט איהר אין די אויגען. זי האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און איהר האַרץ האָט זיך געצאַפּעלט און געצויגען צו איהם ווי א בלום נעגען די שטראַהלען פון דער זון.

— וועלל, עני, שיק מיך צום טייפעל, און א סוף! — האָט ער שטיל ארויסגעמורמעלט.

און פּלוצים האָט זי זיך א ריס געטאָן פון איהר אָרט און זיך א וואַרף געטאָן צו איהם.

— איך האָב דיך ליעב — האָט זי ארויסגעפּליסטערט און מיט איהר פּנים זיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

איהר פּלוצימדיגער אויסברוך האָט אויף א רגע איהם צו־טומעלט און ער האָט זיך ניט א ריהר געטאָן. דאָן האָט ער

דערפיהלט דעם ווארעמען הויך פון איהר געזונטען יונגען קערפער אזוי נאהענט צו זיינעם, און ער האט זיך א צאפּעל געטאן.

— איך דאנק דיר — האט ער געמורמעלט, — אויפגע־זוכט איהרע ליפּען און זיי געקושט, גערריקט זי צו זיך און געשפּירט דאס דופּעטענדיג פייער פון איהר בלוט אין זיין גאנצען וועזען...

שפּעטער א ווייל'ע איז זי געזעסען צוגעדריקט צו איהם, איהר האנט אין זיינער, און זי האט גערעדט, פון גליק פאר־שכור'ט:

— האסטו מיך שטארק ליעב, דזשאו?

— יא, עני, און איך האף, אז מיר וועלען ביידע גליקליך זיין.

— זיכער, דזשאו. איך בין איבערצייגט אין דעם. דו וועסט מיט מיר גליקליך זיין. פון קיין אנדער זאך ווי פון דיין גליק וועל איך קיינמאל ניט טראכטען.

ער האט איהר די האנט א דריק געטאן.

— און איך וועל דיר זעהר דאנקבאר זיין, עני...

— דו ליעב נאר מיך, דזשאו... ליעב מיך, אזוי ווי איך דיך...

— ווען איך וואלט דיך געקענט אזוי ליעב האבען, ווי איך האב אמאל געקענט...

— זי האט זיך א צאפּעל געטאן:

— יא, יא, ווי אמאל... אזוי ליעב מיך, אויב דו ווילסט איך זאל גליקליך זיין — האט זי פאר'חלומ'ט ארויסגעפּליס־טערט...

ער האט זיך אנגערופען:

— איך וואלט עס געוואלט...

— דו וועסט מיך ליעבען אזוי, דזשאו... איך בין אי־בערצייגט אין דעם. מיין ליעבע וועט דיינע ארויסרופען. האסט דאך שוין געמיינט, אז דו וועסט זיך אינגאנצען ניט קענען מעהר פארליעבען, און איצט... פארליעבט, בעד באי, הא?... נו, טו מיר א קוש!...

ער האט זי א קוש געטאן.

זי האט זיך א כאפּ געטאן:

— ניט אזוי... איך וועל דיר ווייזען, ווי מען קושט!

און זי האָט מיט די אָרעמס זיך איהם אויפ'ן האלז גע־וואָרפען און מיט איהרע ליפּען זיך אין זיינע איינגעגעסען און דעם פייערדיגען זאפט פון זיי געטרונקען מיט אזא גיריגקייט און אזוי לאַנג, ביז דער אָטעם האָט זיי ביידען פארכאפּט...

און דאַן האָט ער געזאָגט מיט א פייכטען גלאַנץ אין די אויגען:

— איך האָב דיך ליעב, ענוי...

— און דו האָסט שוין געמיינט, אז דיין הארץ איז אויף אייביג פארפראָרען!

ער האָט געענטפערט:

— אזוי האָב איך געמיינט...

— דאַרפסטו מיר ניט דאַנקען, דזשאָו?

— איך דאַנק דיר, ענוי. און איך האָף, אז דו וועסט דער־פאַר גוט באַלוינט ווערען...

— איך בין שוין באַלוינט. דזשאָו, דו ווייסט?...

— וואָס?

— איך האָב דאָך שוין אויך געמיינט, אז מיין הארץ... פּונקט אזוי ווי דו... און אויך פון א ליעבע...

— דו האָסט געליעבט? ווען?...

— מיט עטליכע יאָהר צוריק... א קריסט... און ווען איך האָב זיך צושיידט מיט איהם, צוליעב דעם, מחמת ער איז ניט קיין איד, האָב איך געפיהלט ווי איך וואָלט זיך מיט מיין לעבען געשיידט... קיין זאך האָט מיך מעהר ניט אינ־טערעסירט און קיינער... ווי איך האָב געליטען, דזשאָו, ווי איך האָב געליטען...

— דו האָסט איהם אזוי שטאַרק געליעבט?

— ביז משוגעת. ווען ער זאָגט מיר דאַן: „שטאַרב פאַר מיר, ענוי,” וואָלט איך פאַר איהם געשטאָרבען. ווען ער האָט מיר אָבער געזאָגט: „קום לעבען מיט מיר, ענוי,” בין איך פון איהם אנטלאָפען...

ער האָט אריינגענומען איהר האַנט אין זיינער און זי א גלעט געטאָן.

— אָרעמע ענוי! — האָט ער מיט וואָרימקייט ארויס־גערעדט.

זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— אָבער פון דיר וועל איך ניט דאַרפען אנטלויפען און

דיין ליעבע וועט מיך ניט שרעקען, און איך וועל זיך ניט דאַרפען באַהאַלטען מיט איהר, אַזוי ווי אַ פאַרברעכעריין; און פריי וועל איך קענען פון דיר טראַכטען און ריידען. דזשאַו!...

זי איז צוגעפאַלען מיט איהר שטערן צו זיין האַנט.

ער האָט זי אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ און דערפיהלט דעם אַנגענעהמען וואַרימען אַראָמאַט פון איהרע האָר. דאַן האָט ער זיך אָנגערופען:

— אַזוי איז עס, עני... מיט עטליכע וואָכען צוריק האָט זיך דאָס מיר אַפילו ניט גע'חלומ'ט.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— און מיר אויך ניט, דזשאַו.

— ביזטו גליקליך?

— זעהר. און דו?

— יאָ, עני, איך בין גליקליך.

— אַזוי ווי מיט יענער, דזשאַו?

— דאַן בין איך געווען אינגער, עני.

זי האָט אַ טופּע געטאָן מיט'ן פוס און, ווי אַ נאָכגעגעבען קינד, אויסגעשריען:

— זאָג דאָס ניט, בעד באָי!

— וואָס זאָל איך ניט זאָגען, עני?

— אַז דו ביזט געווען אינגער. דו ביזט יונג. דו הערסט? אינגער פון די אַלע באָיס וואָס איך קען.

ער האָט זיך צולאַכט:

— אָל ראַיט.

— איז יענע געווען שעהן? — האָט זי אין אַ ווייַלע אַרום ווידער געפרעגט.

— זעהר שעהן.

— זעהר שעהן? אַ בלאָנדע?

— ניין, אַ ברונעטקע.

— שוואַרצע אויגען?

— שוואַרצע און פייערדיגע.

— דו האָסט ליעב שוואַרצע אויגען?

ער האָט זיך ווידער צולאַכט.

— איצט האָב איך ליעב גרויע.

— טהענק יו, דזשאו — האָט זי זיך אויך צולאַכט און גערעדט ווייטער: — און דו האָסט זי שטאַרק ליעב געהאַט?

ער האָט זי אונטערבראָכען:

— זאָלען מיר ניט ריידען פון טויטע, עני.

— נייןֹ, דזשאָו, זאָג, דערציעהל... איך וויל וויסען, ווי אזוי דו האָסט אַמאָל ליעב געהאַט.

ער האָט געענטפערט:

— אויב דו פאַרלאַנגסט דורכאויס... ביז איך האָב זי געטראָפען, האָב איך געלעבט מיט אַלע מיינע געדאַנקען און מיט מיין גאַנצער נשמה ניט פאַר מיין אייגען, פערזענליך גליק, נאָר אויסשליסליך פאַר דאָס גליק פון אַנדערע, פון דער גאַנצער מענשהייט; אָבער ווען איך האָב זי געטראָפען, האָב איך פּלוצים מיין אייגען גליק דערזעהן, אזוי ווי זי וואָלט מיך פאַר אַ האַנט אַנגענומען און צוגעפיהרט מיך צו איהם און געזאָגט: „אַט דאָס איז דיין אייגען גליק, אויף וועלכען דו אַליין האָסט אויך אַ רעכט, נעהם עס און זיי גליקליך".

— און דו ביזט געווען גליקליך?

— אונזער גליק איז אזוי טיעף און גיריג געווען, אַז אפּט האָט עס פאַרשלונגען אונזערע הויכע אידעאַלען וועגען דער גאַנצער מענשהייט.

עני האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— אַט דאָס רופט איך „ליעבע"! אַט אזוי איז שעהן! ווי לאַנג האָט איהר זיך אזוי ליעב געהאַט?

— אַרום אַ יאָהר. ביז זי איז קראַנק געוואָרען — האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט — אַ מערקווירדיג מיידעל איז זי געווען: אַ שעהנע נשמה אין אַ שעהנעם גוף.

עני האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— ווי איך וואָלט געוואָלט זיין אזוי ווי זי!

און דערנאָך זיך שטורמיש אַ וואָרף געטאָן צו איהם:

— ליעב מיך אזוי, דזשאָו, ליעב מיך אזוי!

און זי האָט זיך צוגעדריקט מיט איהר ברוסט צו איהם.

ער האָט דערפיהלט איהר שטאַרקע, שטייפע ברוסט. וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט דורך איהר קלייד און אונטער דעם הייסען אָפּקלאַנג פון זיין אַמאָליגער ליעבע, וואָס אונטער איהר צויבער איז ער איצט געווען, האָט ער זיך אַנגעצונדען און זי ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צו זיך.

— יאָ! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט הייס — איך וועל דיך אַזוי ליבען!

ער האָט זי אַוועקגעזעצט אויף דעם אייגענעם שטול, אויף וועלכען ער איז געזעסען, און איהר קאָפּ צו זיין האַרצען צוגעדריקט. און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער וואָלט אַזוי געקענט שטונדען־לאַנג און נעכט־לאַנג זיצען, אַרומגענומען דעם דאָזיגען שטייפען, יונגען גוף, און פיהלען דאָס פאַרגעניגען פון זיין נאָהענטקייט.

אַ פאַרטאָגיג קיהל ווינטעל האָט גענומען בלאָזען און זיי האָבען איהם ניט געפיהלט. אַ מילך־וואָגען איז דורכגעפאָהרען און זיין געראויש האָבען זיי ווי דורך אַ חלום געהערט. אַזוי אויך דעם וויטען געפּילדער פון אַ קאַר, וואָס איז דאָרט דורכגעלאָפען.

זיי האָבען גאָרניט באַמערקט, ווי די נאַכט איז פאַרשוואונדען און ווי איבער די בוימער געגען זיי, וואָס זיינען איצט באַלעבט געוועזען פון אַ טשריקען און פּיפּסען פון פויגעלעך, האָט אַ בלייכער טאָג געשוועבט.

דער מילך־מאַן, וואָס האָט איבערגעלאָזען אויפ׳ן אונטערשטען גאַניק פלעשער מילך, האָט זיי שפּעטער פון זייער חלום אויפגעוועקט.

ראָבינס האָט אַרויסגענומען זיין זייגער:

— נאָך פיער!...

און זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, ביידע מיט פאַר׳חלום׳טע שמייכלען.

דער הימעל איז איצט געוועזען בלוי און האָט מיט זיינע ברעגעס אין פרעהליכען ראָז זיך געטונקט און די פרישע, מאָרגענדיגע לופט האָט געהילכט פון דעם פויגעל־טשריקען.

עני האָט אַ כאַפּ געטאָן ראָבינס׳ן פאַר אַ האַנט און באַגייסטערט אַרויסגעפּליסטערט:

— זעה, דזשאָו, וואָט ע ביוטיפול מאָרנינג!

זי האָט געפיהלט, אַזוי ווי איהר נשמה וואָלט זיך אויך געטונקט אין אַזאַ פרעהליכען ראָז, ווי די הימעל־ברעגעס דאָרט, און אַ געזאַנג, נאָך פרעהליכער פון דעם פויגעל־טשריקען, האָט אין איהר געהילכט.

זי האָט ווידער אַרויסגעפּליסטערט:

— האַו ביוטיפול!...

און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען זיי זײַנען דורך דער גלעז־זערנער טיר פֿונ'ם גאַניק אין הויז אַרײַן, האָט זי אין זײַן צימער איהם די האַנט דערלאַנגט.

— נו, שלאָפֿען! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

— און שעהנע חלומות! — האָט ער געזאָגט.

— און אַ שעהנע ווירקליכקייט! — האָט זי אונטער־געכאַפּט, שטורמיש איהם אַ קוש געטאָן און איז אַזוי שטורמיש פֿון זײַן צימער אַרויסגעלאָפֿען.

.11

אַזייגער עלף, ווען אסתר איז געזעסען אין עס־צימער און האָט געשטריקט אַ „סוועטער”, איז פּלוצים שאַסקע אַרײַנגעלאָפֿען מיט אַ צופּלאָמטען פּנים, האָט געוואָלט איהר עפּעס זאָגען און אַרויסגערעדט נאָר „אסתר” און מעהר ניט געקענט ריידען אין זיך צוכליפּעט.

האָט אסתר זי אָנגעקוקט אַביסעל צושראָקען און אויפֿגעהערט צו שטריקען.

— וואָס איז דער מעהר, שאַסקע?

האָט שאַסקע זיך נאָך מעהר צוכליפּעט און דערביי אָנגעקוקט אסתר'ן מיט אַ לאַכענדיגען פּנים.

האָט דאַן אסתר זיך אויפֿגעהויבען פֿון איהר אָרט מיט פֿרעגענדיגע אויגען און זיך אָנגערופֿען:

— דו לאַכסט, אָדער דו וויינסט, ווי זאָגט יענער? נו, רייד שוין!

ערשט דאַן האָט שאַסקע אַרויסגערעדט אַ מיט געוויין. אַ מיט געלעכטער:

— איך קום ערשט פֿון עני'ן... פֿאַרטיג!...

— וואָס פֿאַרטיג?

— די נאַכט זײַנען זיי פֿאַרטיג געוואָרען. ער האָט זיך איהר ערקלערט, אין אַ מזל'דיגער שעה, און פֿאַרטיג! אַי, איז עני גליקליך!

אסתר האָט אויסגעגלאָצט אויף איהר די אויגען.

— טאַקע? — האָט זי אַרויסגערעדט.

איהר פּנים איז באַלויכטען געוואָרען. דערנאָך האָט זי מיט אַן אימפּעט, וואָס איז געווען אַזוי אונגעוועהנליך פֿאַר

איהר, א ווארף געטאן איהר ארבייט אויפ'ן טיש און זיך א לאז געטאן צו דער ארויסגאנגס־טיר.

— דו געהסט צו איהר ? — האט שאסקע איהר נאכ־געשריען.

— יא ! — האט זיך דערהערט אסתר'ס קול פון אהינ־טער יענער זייט טיר.

דאן האט שאסקע דורכ'ן טעלעפאן אנגעזאגט די דאזיגע בשורה איהר ברודער און דערביי ווידער א פאר טרערען פארגאסען. דערנאך איז זי ווידער אוועקגעלאפען צו עני'ן אין צימער.

און שפעטער זיינען ביידע פרויען ווידער אריינגעקומען אין עס־צימער. זיי האבען געשוויגען. אבער זייערע שטראה־לענדיגע אויגען האבען גערעדט.

דאן איז ראבינס ארונטערגעקומען, פרעהליך ווי תמיד. נאר מיט א נייעם אויסדרוק אין די אויגען, אזוי ווי א סוד וואלט ער דארט פארבאהאלטען.

און ווען ביידע פרויען האבען איהם אויף זיין „גוט מאר־גען" געענטפערט, האבען זיי אויך אויף איהם אזוי פאר־סוד'עט געקוקט, אז ער האט זיך גלייך אנגעשטויסען, אז זיי וויסען שוין.

ער האט ארויסגערעדט מיט א שמייכעל :

— וועלל ?...

— וועלל — האט אסתר געענטפערט, איז צוגעגאנגען צו איהם, האט אנגענומען זיין האנט און, ניט זאגענדיג קיין ווארט, האט זי מיט שטראהלענדיגע אויגען איהם אנגעקוקט און דערנאך זיך צוקושט מיט איהם.

שאסקע האט זיך אויך צוקושט מיט איהם, און פאר גליק האט זי ניט געוואוסט, וואס זי זאל טאן. האט געשמייכעלט און געצויגען אין נאז די טרעהרען, וואס האבען זיך געריסען. געגרייט דעם טיש און איז ארויסגעלאפען אין קיך אריין, איז צוריק אריינגעקומען, האט געקוקט אין פענסטער, צי רובינ־טשיק קומט ניט און זיך צוגעהערט, צי עני געהט ניט...

דאן איז עני אריינגעקומען און איהרע גרויע אויגען האבען איצט געקוקט ווייכער און פאר'חלומ'טער ווי פריהער. און ווען ראבינס איז איהר אנטקעגען געגאנגען און האט איהר האנט אנגענומען, איז זי פלוצים רויט געווארען, אזוי ווי זי

וואָלט זיך געשעהמט מיט איהר גליק פאַר איהר מאַמע׳ן און שאַסקע׳ן.

שפּעטער, ווען זיי האָבען געענדיגט זייער פריהשטיק, איז רובינטשיק אַריינגעקומען. ער האָט ברייט געשמייכעלט און, ניט אויסרייידענדיג קיין וואָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו עני׳ן, וועלכע איז נאָך געזעסען ביים טיש, און איז צוגעפאַלען מיט די ליפּען צו איהר קאָפּ און האָט גענומען סאָפּען ווי א גאַנז. דערנאָך, ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָבען אַלע דערזעהן, ווי גרויסע טרערען זיינען ביי איהם געהאַנגען אויף די ווימפּערען, טראָטץ וואָס זיין פּנים האָט ברייט געשמייכעלט. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו ראַבינס׳ן, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט מיט א פרעהליכען שמייכעל און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צו איהם.

רובינטשיק האָט מיט איין האַנט אַנגענומען די אויסגעשטרעקטע און מיט דער אַנדערער א פּאַטש געטאָן ראַבינס׳ן איבער׳ן רוקען, מעשה אַמעריקאַנער, און א ווײַלע געקוקט איהם אין פּנים אַריין. דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמעלט, באַהערשענדיג קוים זיין אויפרעגונג:

— *שגץ... שגץ...* דו ביזט דאָך זי ניט ווערט...

און זיך צוקושט מיט איהם.

אי שאַסקע, אי אסתר אפילו, האָבען איצט די אויגען געוויַשט, שמייכלענדיג.

דערנאָך האָט רובינטשיק אַרויסגענומען א טשעק־בוך פון אונטער׳ן בוזים, זיך צוועקגעזעצט ביים טיש און אַנגעטאָן זיינע ברילען. דאַן האָט ער אַנגעשריבען עטליכע טשעקס און צוגערופען צו זיך אסתר׳ן און שאַסקע׳ן.

— דאָס איז פאַר דעם רעליעף פאָנד... פינף הונדערט דאָלאַר — האָט ער געזאָגט — הונדערט פאַר יעדען פון אונז פינף... דאָס איז פאַר עני׳ן. דאָס איז פאַר דזשאָזעף׳ן. דאָס איז פאַר דיר, אסתר, און דאָס איז פאַר דיר, שאַסקע, און דאָס איז פאַר מיר. ביי די תנאים וועל איך נאָך געבען און ביי דער חתונה נאָך. אַזוי האָב איך פאַרשפּראָכען. פון דעם נדר, וואָס איך האָב עני׳ן געוואָלט געבען, זאָלען די הונגעריגע אויף ברויט האָבען...

אי אסתר, אי שאַסקע זיינען צופרידען געווען פון דעם. דאַן האָט ראַבינס זיך מיט אַמאָל אַנגערופען:

— וואָס הייסט, אַנקעל, איהר וועט אַליין געבען ? און איך בין דען חולה ?

ער האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו עני'ן :

— מען דאַרף געבען, ניין ?

זי האָט זיך צולאַכט :

— וואָס פרעגסטו מיך ?

ער האָט געענטפערט :

— באַלד איז דאָס דיין געלט.

זי איז רויט געוואָרען און האָט געענטפערט :

— אַזוינע זאַכען וועל איך דיר קיינמאָל ניט שטערען. דזשאָו...

— אויב אַזוי — האָט ראַבינס זיך אָנגערופען — וועלען מיר גלייך אויסמאַכען אַ טשעק. מיין טשעק־בוך איז אויבען. איך קום באַלד צוריק.

און ער האָט פאַרלאָזען דאָס צימער.

— מסתמא עטליכע הונדערט — האָט רובינטשיק זיך דאַן אָנגערופען — נו, אַ דאַנק גאָט. מען דאַרף אָפּרופען ראַבי בערנשטיין. איך האָב איהם דערצעהלט וועגען דזשאָזעפ'ן. אַ וואונדער, וואָס ער איז ביז היינט ניט אריינגעקומען. פון עני'ן האַלט ער דאָך אַן עולם ומלואה.

עני האָט זיך אָנגערופען :

— וואָס האָסטו איהם דערצעהלט וועגען דזשאָו'ען ?

— גאָרנישט, אַז ער איז אַ מיליאָנער און איז מיינער אַ פּלימעניק.

— און אַז דו האָסט איהם געמאַכט פאַר אַ מענשען — האָט אסתר זיך אריינגעמישט.

,— איז דאָס אַ ליגען ? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. ראַבינס איז אריינגעקומען מיט אַ טשעק.

— אָנקעל — האָט ער געזאָגט — אויסגעמאַכט אויף אייער נאָמען. דאָס איז פאַר מיר און עני'ן.

און ער האָט איהם דערלאַנגט דעם טשעק.

רובינטשיק האָט גענומען דעם טשעק, אַ קוק געטאָן אויף איהם און דערנאָך אויף ראַבינס'ן און ווידער אויפ'ן טשעק. און ברייט אַ שמייכעל געטאָן.

— איז דאָס דיין אונטערשריפט ? — האָט ער זיך אָנ־

גערופען און דערלאַנגט דערנאָך עני'ן דעם טשעק מיט די ווערטער:

— נו? אזא האַלעדריגע געווען מיט יאָהרען צוריק!

עני האָט אַרויסגעמורמעלט:

— פינף טויזענד...

— ווייניג! — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען גוטמוטיג.

רובינטשיק האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אסתר'ן, שאָס־קע'ן און אויף די ווענט אַרום זיך און אויסגערופען:

— פינף טויזענד. יאָ, יאָ, פינף טויזענד, פינף טויזענד!

ער האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט און גערעדט ווייטער:

— נו, וואָס איז? וואָס איז ביי אַ מיליאָנער פינף טויזענד? אַ שפּיי!...

פאַר אויפרעגונג האָט אַזש אַ שווייס איהם אויפ'ן שטערן אַרויסגעשלאָגען. ער האָט געוואָלט כאַפּען קושען ראָבינס'ן. עני'ן, זיין ווייב, שאָסקע'ן און אָנשטאָט דעם איז ער צוגע־לאָפען צום טעלעפאָן, אָנגעגעבען דעם נומער פון ראַבי בערנ־שטיין, האָט ניט באַקומען אַזוי שנעל קיין ענטפער, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין הוט מיט די ווערטער: „איך געה צו ראַבי בערנשטיין אַריבער. איך קום באַלד צוריק". און ער איז אַרויסגעלאָפען פונ'ם צימער.

* * *

אין דעם אייגענעם טאָג פאַרנאַכט, ווען זיי זיינען אַלע געזעסען אַרום טיש און האָבען געטרונקען טעע, און גערעדט, איז די דיענסט אַריינגעקומען און האָט געמעלדעט, אַז ראַבי בערנשטיין איז געקומען. און גלייך זיינען אַלע אַנשווייגען גע־וואָרען, און רובינטשיק האָט זיך פון זיין אָרט אַ כאַפּ געטאָן און איז פונ'ם עס־צימער אַרויסגעלאָפען. און די איבעריגע האָבען זיך אַלע אומגעדרעהט מיט די פּנים'ער צו דער אַריינ־גאַנגס־טיר.

עני האָט זיך צוגעבויגען צו ראָבינס'ן און אַרויסגערעדט:

— אַ וואונדערליכער מענש. ער וועט דיר געפעהלען.

באַלד האָט רובינטשיק, מיט אַ מינע פון גרויס דרך־ארץ, אַריינגעפיהרט אַ מאַן פון עטליכע און דרייסיג, אַ ברונעט, מיט אַ ריין־ראַזירט פּנים, אויסדרוקספולע קאַרע אויגען און

מיט א באזונדערען ווייכען פאטערליכען שמייכעל, וואס אזא זעהט מען אמאל בלויז ביי די פריסטער, ארום א קליינעם מויל מיט גערונדעטע ליפען, ווי ביי א זינגער.

אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער לכבוד דעם גאסט און ראבינס אויך, צוליעב די אנדערע.

— גוד איווונינג ! — האט ראבי בערנשטיין ארויסגע־רעדט מיט אן אנגענעהמען באריטאן און געווארפען אויף יע־דען באזונדער אין צימער א ווייכען בליק פון זיינע קארע אויגען.

ראבינס איז ערשטוינט געווארען פון דעם דרך־ארץ, מיט וועלכען זיי אלע, אידען פון דעם אלטען שניט, האבען איצט אויפגענומען אט דעם ריין־ראזירטען טונקעלען מאן אין דעם שווארצען אנצוג, מיט דעם הויכען שווארצען קראגען, פון אונטער וועלכען עס האבען ארויסגעקוקט די ווייסע ראנדען פון אן אנדער קראגען. ווען ראבינס האט געזעהן, ווי זיי אלע שטעהען איצט פאר יענעם און ווי יענער ווארפט אויף יעדען באזונדער פון זיי זיינע ווייכע קארע בליקען און פאטערליכען שמייכעל, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי א פאסטאר וואלט געבענשט די קינדער פון זיין קאנגרעגאציע און זיי וואלטען מיט יראת הכבוד זיינע ברכות אויפגענומען.

איהם איז עס אויסגעקומען אזוי אומגעוועהנליך אין דעם הויז פון זיין אנקעל, וואס ער האט איהם געקענט פון די אמא־ליגע צייטען. און איצט האט ער ווידער א טראכט געטאן :

— א נייע וועלט. א נייער איך שניידט זיך.

רובינטשיק האט איהם פארגעשטעלט פאר ראבינס'ן :

—ראבי בערנשטיין. מיין פלימעניק פון ניו ארליענס. מיסטער ראבינס !

זיי האבען זיך דערלאנגט די הענט.

— אייער אנקעל האט מיר זעהר פיעל גוטס דערצעהלט וועגען אייך — האט ראבי בערנשטיין געזאגט און איהם א לאשטשע געטאן מיט זיינע קארע אויגען און זיין פאטערליכען שמייכעל.

— מיין אנקעל איז אן ענטוזיאסט, ראבי — האט ראבינס זיך אנגערופען.

— ענטוזיאזם איז דער שעהנסטער שטריך אין דעם אי־דישען כאראקטער — האט ראבי בערנשטיין געזאגט און זיך

א קעהר געטאָן צו עני'ן, וועלכע איז געשטאַנען פון דער ווייטענס און האָט געקוקט אויף איהם מיט א דרך ארץ־שמייכעל. — וועלל, מיין קינד, וואָס מאַכט איהר? איהר זעהט אוים זעהר ליעב.

זי איז רויט געוואָרען און האָט די אויגען ארונטערגעלאָזט.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר האַנט אָנגענומען.

— אייער פאָטער האָט מיר דערצעהלט, און מיך פרעהט זעהר פאַר אייך.

זי האָט ארויסגעפּליסטערט:

— איך בין זעהר גליקליך, ראַבאַי...

— דאָס איז גוט, מיין קינד, דאָס איז גוט! — האָט ער געזאָגט און געדריקט איהר האַנט. — איהר פאַרדיענט אייער גליק, מיין קינד, פאַר אייערע ליידען און פאַר אייער נאָבעלען כאַראַקטער...

דערנאָך האָבען זיי זיך אַלע ווידער געזעצט צום טיש, און ראַבינס האָט זיך ווידער געוואונדערט, ווי רובינטשיק און שאַפּקע האָבען זיך איצט באַנומען. זיי, וואָס האָבען אַזוי ליעב געהאַט צו רעדען, און דוקא הויך אויפ'ן קול, האָבען איצט געשוויגען, אקוראַט ווי זיי וואָלטען שלעסער אויף זייערע מיילער ארויפגעטאָן, און בלויז זיך צוגעהערט.

גערעדט האָבען בלויז ראַבי בערנשטיין און ראַבינס — מעהר דער ערשטער. ראַבי בערנשטיינ'ס באַריטאָן האָט געקלונגען אַזוי ווייך און האָט אַזוי געלאַשטשעט, און די ווערטער, וואָס ער האָט ארויסגערעדט, זיינען ממש געווען לעבעדיגע געשטאַלטען, מיט אַזוי פיעל פאַרב און קאָליר, אַז ראַבינס, וועלכער איז אַמאָל אליין געווען א בונדיסטישער שעהן־רעדנער, האָט א טראַכט געטאָן:

„אַ מערקווירדיגער רעדנער; מען וועט אַמאָל דאַרפעי צוגעהן צום טעמפּעל צו הערען זיינעם א „סערמאָן"...

זיי האָבען גענומען רעדען וועגען די לעצטע עטליכע יאָהר פון דער וועלט־מלחמה און דעם וועלט־חורבן. ראַבינס האָט זיך דערביי אויסגעדריקט, אז ער קען גאר ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי גייסטליכע האָבען געקענט אַגיטירען פאַר האַס און מלחמה. ראַבי בערנשטיין האָט געענטפערט:

— מיין פריינד, די ערשטע צייט, ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען, האב איך עס אויך ניט פארשטאנען. דאן האט זיך מיר אויסגעוויזען, אזוי ווי עפעס א געהיימע האנט וואלט ביי די מענשען אין די מוחות דעם פארשטאנד אויסגעלאשען, ווי מען לעשט אויס א ליכט, און זיי אלע זיינען דערנאך משוגע און ווילד געווארען... דאן, ווען איך האב אמאל געלעזען אין די צייטונגען וועגען די בלוטיגע מעשים פון אונזערע ציוויליזירטסטע מענשען און ווי די גרעסטע דענקער און קינסטלער אין דייטשלאנד, דער מארך און די נשמה פון דעם דאזיגען הויך־ציוויליזירטען פאלק, האבען געפרעדיגט האס און מארד, — האט זיך מיר דאן אויסגעגעבען, אז דעם הערליכען געוועב פון ליעבע און מענשליכקייט, וואס געדאנק און נשמה האבען אין א משך פון טויזענדער יאהרען געוועבט פון דעם געטליכען קנויל פאר דער מענשהייט'ס וועגען, האבען די מענשען, וועלכע האבען איצט דעם פארשטאנד פארלארען, אויף אייביג צוריסען און די נאקעטקייט פון דעם פרימיטיווען ווילדען אויפגעדעקט... מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז די אלע ערפינדונגען און גייסטיגע אוצרות פון דער ביז־אהעריגער ציוויליזאציע זיינען נאר געשאפען געווארען, כדי דער מענש, ווען ער וועט משוגע און ווילד ווערען, זאל קענען מארדען אין דער לופטען, אויפ'ן וואסער, אויף דער ערד און אונטער דר'ערד... מיט גאז, שטראמען־פייער און מאשינען, וואס זאלען שיסען צעהנדליגער מיילען ווייט, און קאנאנען, וואס זאלען צושטויסען שטאהל און אייזען אויף שטויב... איך האב פראטעסטירט געגען דעם און געפרעדיגט געגען דעם, וואו און ווען איך האב געקענט. דערנאך אבער איז מיר מיט אמאל קלאר געווארען דער זין פון דער דאזיגער מלחמה, יא, דער געטליכער זין, מיין פריינד... מיר איז קלאר געווארען, אז דאס איז ניט סתם א מלחמה צווישען פעלקער פאר א שטיקעל טעריטאריע, צום ביישפיעל, נאר א מלחמה אויף לעבען און טויט צווישען דער פינסטערער פארגאנגענהייט און דער ליכטיגער צוקונפט... הונדערטער יאהרען פון דער צוקונפט האבען זיך אין איין טאג א רוק געטאן אין פאראויס מיט זייערע לאזונגען און פאדערונגען און געקעמפט געגען דער

באַרבאַרישער פאַרגאַנגענהייט... יאָ, מיין פריינד, הונדער־טער יאָהרען פון דער צוקונפט... אין די עטליכע יאָהר האָ־בען מיר יאָהרהונדערטער דורכגעלעבט... מיט דער שטים פון ווילסאָנ'ען האָבען די יאָהרהונדערטער פון דער צוקונפט גערעדט: די ברוטאַלע הערשאַפט פון דער אַלטער וועלט מוז אונטערגעהן. א נייע וועלט, געבויט אויף יושר און גערעכ־טיגקייט און אמת'ער פרייהייט פאַר אַלעמען, מוז קומען. אַ וועלט פון אמת'ער דעמאָקראַטיע. א וועלט, וואו יעדעס פאָלק, וואו יעדער מענש האָט א רעכט צו לעבען מיט זיין אייגענעם לעבען. און דער דאָזיגער קול האָט אָפגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט, ווי די שטים פון אונזערען א נביא, און הערצער האָבען זיך אָנגעצונדען מיט האָפנונג און קאַמף־לוסט פאַר דער נייער וועלט און געגען דער אַלטער... יאָ, מיין פריינד, איך בין העכסט גליקליך, וואס איך האָב ביי־געטראָגען וואס איך האָב געקענט צו דעם דאָזיגען קאַמף און איך בין שטאָלץ וואס אונזערע אידישע ברידער האָבען אַזוי פיעל צו איהם בייגעטראָגען...

ראַבינס האָט זיך אָנגערופען:

— און וואו איז די נייע וועלט פון יושר און גערעכטיג־קייט און פרייהייט, ראַבי, פאַר וועלכער אַזוי פיעל בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען? וואו איז דער קול פון דעם נביא ווילסאָן?

— מיין פריינד — האָט ראַבי בערנשטיין געענטפערט — ניט פאַרצווייפעלט! אויב מיר זעהן איצט אומגערעכטיג־קייט, וועט עס איבערגעהן. דאָס איז די נאַטירליכסטע וועהען פון א שווערען געבורט... די מענשהייט געהט נאָך צו דעם געבורט פון דעם נייעם לעבען. א שווערער געבורט, דורך די שרעקליכסטע יסורים... זי וואַרפט זיך נאָך ארום אין איהרע וועהען און וועהטאָגען... זי וועט אָבער איבער־קומען, וועט איהרע וועהען שטילען, וועט שטאַרקען און קרעפטיגע איהר גוף און נשמה, און דאַן וועט זי זיך באַרו־היגען, און דאָס נייע לעבען, פון איהר בלוט און יסורים גע־באָרען, וועט זי מיט ליעבע נעהמען איינאָרדנען, און אונזער אַלט פאָלק וועט דאַן אויך באַקומען זיין אייגענעם פלאַץ אונטער

דער זון און וועט אויך אָנהויבן צו לעבן א נייע יונג לעבן...

און די גאַנצע צייט, בעת ער האָט גערעדט, האָט רובינטשיק מיט התפעלות געקוקט אויף איהם און יעדע ווײַלע געוואָרפען א בליק אויף ראָבינס'ן אויך, כדי צו זעהן וואס פאַר אַן איינדרוק ראַבי בערנשטיין מאַכט אויף איהם. אסתר האָט זיך אויך צוגעהערט מיט א דרך־ארץ־מינע, שאָסקע, וועלכע האָט זיך אָנגעשטרענגט איהם צו פארשטעהן און זעהר ווייניג פארשטאַנען, האָט געפיהלט ווי א נעבעל אין קאָפּ, און ענ׳ האָט זיך מעהר צוגעהערט צו דער טיעפער און שטילער באַוועגונג, וואס איז אָנגעגאַנגען אין איהר נשמה. און פון איהרע גרויסע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אויף אַלעמען און אויף קיינעם ניט, האָט ארויסגעלויכטען א חלום...

ווען ראַבי בערנשטיין האָט דערמאָנט, אז אידען וועלען באַקומען זייער אייגען לאַנד, האָט זיך דער אלטער בונדיסט אויפגעכאַפּט אין ראָבינס'ען און ער האָט איהם גענומען שטעלען די אַלטע בונדיסטישע פראַגען וועגען די אַראַבער, וואָס מען וועט זיי באַ'גזלנ'ען, און וועגען דעם לאַנד, וואָס איז וויסט און אַזוי ווייטער. ראַבי בערנשטיין האָט איהם געענטפערט. ראָבינס'ן האָבען זיינע ענטפערס ניט צופריעדענגעשטעלט; ער האָט געוואָלט מיט איהם דעבאַטירען, נאָר אַזוי ווי די אמאָליגע איבערצייגונג האָט איהם מעהר שוין ניט געוואָרעמט, האָט דאָס פייער אין זיין נשמה זיך ניט אָנגעצונדען און די ווערטער, וואָס ער האָט ארויסגערעדט, זיינען געווען קאַלט, בלייך, מאָגער. און מיט בענקעניש האָט ער א טראַכט געטאָן:

„גאָט מיינער, אמאָל, דאַכט זיך, האָב איך גערעדט אַזוי שעהן! וואָלט איהם אַזוי לייכט צוקלאַפּט! וואו איז דאָס אַהינגעקומען?"

שפּעטער האָט רובינטשיק דערלאַנגט ראַבי בערנשטיינ'ען די טשעקס פאַר דעם רעליעף. ראַבי בערנשטיין האָט זיי באַדאַנקט אין דעם נאָמען פון די הונגעריגע אידישע קינדער פון פּוילען און אוקראַינע, און דערביי האָט ער איבערגעגעבען אַ רעפּאָרט, וואָס איז לעצטענס אָנגעקומען פון דאָרט וועגען פּאָגראָמען און הונגער. און ווען ער האָט דעם דאָזיגען רע־

פאָרט איבערגעגעבען, איז די לופט אין'ם צימער אָנגעפילט געוואָרען מיט שרעק און דער גאַנצער גהינום פון דעם דאָרטיגען לעבען האָט פאַר זייערע אַלעמענס אויגען געשוועבט· אסתר האָט שטיל געווישט די אויגען. שאָסקע האָט געקרעכצט אויפ'ן קול. ביי רובינטשיק'ען האָבען זיך געקייקעלט טרערען איבער די באַקען און נאָכאַנאַנד האָט ער געווישט די וואָנצעס און געצויגען מיט דער נאָז. עני האָט יעדער ווײַלע אויפגעשוידערט און ראָבינס האָט געקוקט אויפגערעגט.

ראבי בערנשטיין האָט ניט געוואָלט זיי איבערלאָזען אין דער דאָזיגער שווערער שטימונג, האָט ער, איידער ער איז אוועק, זיי דערצעהלט א פאָר קאָמישע אנעקדאָטען, פון וועלכע זיי אלע האָבען זיך ביי די זייטען געהאַלטען פאר געלעכטער. און ווען ער איז אוועק, איז די שטימונג דאָרט געווען זעהר א פרעהליכע.

רובינטשיק האָט זיך דאַן אָנגערופען צו ראבינס'ן:

— נו, ווי געפעלט ער דיר?

— אַן אינטערעסאַנטער מענש און, ווי עס שיינט, זעהר אַ גוטער רעדנער.

— און איך האָב געמיינט, אז דו וועסט איהם אויך ווייזען וואָס דו קענסט — האָט רובינטשיק ווידער געזאָגט

— דו האָסט דאָך אמאָל געהאַט אזאַ טריף ציגנגעלע...

ראָבינס האָט זיך צולאַכט:

— פארלאָרען. . נישטאָ... שטום...

און ער האָט צוגעלעגט שטיל:

— יא, אַמאָל האָב איך ניט שלעכט גערעדט. איצט קען איך ניט..

שפּעטער, ווען ער איז געלעגען אויף זיין בעט, האָט ער מיט בענקעניש זיך געפרעגט: וואו איז זיין אמאָליגער פייער? וואו איז זיין אמאָליגע שפּראַך, וואָס האָט מיט פונקען געשפּריצט? וואו זיינען די אמאָליגע געדאַנקען זיינע, ווי בליצען? ער האָט געוואוסט, אז ער איז ניט דער אמאָליגער, אָבער אזוי אָרעם, אזוי אויסגעטריקענט, ווי ער האָט זיך היינט ביינאַכט דערפיהלט, האָט ער פריהער קיינמאָל ניט גערעכענט, אז ער איז. וואו איז דאָס אלצדינג? און ער האָט זיך כמעט מיט פארצווייפלונג געענטפערט:

— אויסגעלאָשען, איז אַש זיך פאַרוואַנדעלט, גייסטיג טויט!...

דאַן איז ער מיט אַמאָל אויף זיך בייז געוואָרען:

„צום טייפעל, פון וואָס טראַכט איך? נו, בין איך ניט קיין רעדנער! בין איך ניט קיין פלוידערזאַק!"

אין דער אייגענער צייט האָט אין אַ טיעפערען ווינקעל פון זיין נשמה די בענקעניש זיך געקאַרטשעט און אומעט ארויסגעהויכט...

זיינע געדאַנקען האָבען שוין ניט גערוהט, און ער האָט גענומען טראַכטען וועגען יענער צייט, וואָס איז שוין מיט טונקעלקייט געווען פאַרצויגען, אַנגעשטרענגט זיין זכרון, כדי דורך דער דאָזיגער טונקעלקייט ארויסצורופען אַמאָליגע ביל־דער און, ווי אַ שטערען אויף אַ שוואַרצען הימעל, האָט זיין אַמאָליגע ליעבע דערנאָך פאַר איהם ארויסגעטראָטען, אַזוי ווי דורך אַ וואָלקען זיך דורכגעשלאָגען...

און שפּעטער, גאַנץ אומבאַמערקט פאַר איהם אַליין, האָ־בען די געדאַנקען זיינע זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אויף עני'ן און, צום ערשטען מאָל האָט ער זיך איצט אריינגע־טראַכט אין זיינע געפיהלען צו איהר און זיי פאַרגליכען מיט די, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט צו יענער, וועלכע האָט דאָרט געשוועבט אין דער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט, און ער האָט ווידער זיך געמוזט זאָגען:

„ניט דאָס, ניט דאָס!... ניין, דאָס איז ניט יענע ליעבע. וואו?!... יענע האָט גע'כשופ'ט, געוואָרעמט און געדופּ־טעט. יענע האָט פאַר'שכור'ט... די רגע אָהן יענער איז געווען אַ שעה און די שעה מיט יענער איז געווען ווייניגער פון אַ רגע... צו עני'ן פיהלט ער בלויז פריינדשאַפט. זי איז איהם טייער, אמת... ער ווייסט, אַז קיין בעסערע פרוי פון איהר האָט ער ניט געקענט פאַרלאַנגען. ער ווייסט, אַז ער וועט מיט איהר גליקליך זיין; אָבער ניט פאַר'שכור'ט־גליקליך... זי וועט איהם קיינמאָל ניט באַרוישען, ווי שטאַר־קער ווייַן, ווי יענע האָט איהם באַרוישט... געוויס, איז ניט עני אין דעם שולדיג... ווען ער וואָלט אפילו געטראָפען איצט די אַמאָליגע, וואָלט ער אויך ניט אויפגעפלאַמט מיט

דעם אמאָליגען פייער... עס איז ניטאָ אין איהם, אויסגע־לאָשען, פאַרלאָשען...
פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפען...

* * *

אין עטליכע טעג ארום האָבען אלע באַקאַנטע פון רו־בינטשיק׳ען און עני׳ן געוואוסט, אז אין עני׳ן האָט זיך פאַר־ליעבט א גרויסער מיליאָנער פון ניו־ארליענס און באלד וועט זיין זייער פאַרלאָבונג. מיסטער כאַווקין האָט באַזוכט רו־בינטשיק׳ס הויז און אויף שפּאַס פאַרלאַנגט שדכנות־געלט. — ווען ער וואָלט ניט צונויפגעפיהרט רובינטשיק׳ן מיט ראַ־בינס׳ן, וואָלט דער שידוך ניט געווען — האָט ער געלאַכט. זיין טאָכטער, עלענאָר, א בלאָנד מיידעל מיט בלויע אויגען און א פאַררים׳טען, לאַכעדיג נעזעל, רוטי׳ס א חבר׳טע — איז אויך געקומען מיט איהר פאָטער צו רובינטשיק׳ען אין הויז. ווייל זי האָט זיך פאַראינטערעסירט צו זעהן, ווי קוקט אויס דער פאַרליעבטער מיליאָנער. און דערנאָך, ווען זי האָט מיט איהר פאָטער פאַרלאָזען רובינטשיק׳ס הויז און זיך ארייג־געזעצט אין איהר פאָטער׳ס מאַשין, האָט זי זיך אָנגערופען מיט א שעלמישען שמייכעל:

— פּאַפּאַ, ווער איז עלטער, דו אָדער ער?...
— ווער? — האָט כאַווקין געפרעגט.
— איך מיין דער פאַרליעבטער מיליאָנער, אָדער דו?...

כאַווקין האָט אָבער געענטפערט:

— איך פאַרגין איהם ניט דעם שידוך, אָט דעם משוגע־נעם רובינטשיק!...

און זעלטען ווער פון זיינע באַקאַנטע האָבען איהם דעם שידוך פאַרגונען. ווייל ער, רובינטשיק, האָט אזוי פיעל וואונדער זיך אָנדערצעהלט וועגען ראַבינס׳ן. יעדען טאָג האָט ער דעם חתן צוגעוואָרפען א פּאָר מיליאָנען, און דאָס פאַרמעגען פון ראַבינס׳ן איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסען אין צעהנדליגער מיליאָנען...

אגב האָט רובינטשיק אליין געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. ניט ווייסענדיג גענוי ווי רייך ראַבינס איז — ווייל וויפיעל מאָל ער האָט ניט געפרעגט ביי ראַבינס׳ן וועגען דעם, האָט יענער זיך תמיד ארויסגעדרעהט פון צו ענטפערען

איהם אויף דעם — האָט רובינטשיק אָבער געוואוסט פיעל יעהרליכען איינקונפט ראַבינס האָט און דעם דאָזיגען איינקונפט האָט ער כמעט יעדען טאָג אויף פּאַפּיר גערעכענט, זיצענדיג ביי זיך אין שאַפּ, צוגערעכענט פּראָצענטען און דוקא די העכסטע און צו די פּראָצענטען צוגעגעבען די פּראָצענטען פון די פּראָצענטען און אזוי זיינען די מיליאָנען געוואקסען — און ער האָט דערנאָך דערצעהלט וועגען זיי זיינע באַקאַנטע.

די באַקאַנטע מיידלעך האָבען אויף עני'ן מקנא געווען. אמת, צווישען זיך האָבען זיי גערעדט, אז אן אַלטער בחור איז ניט אַזאַ גליק; אָבער אין הארצען האָט כמעט יעדע פון זיי אומגעפעהר געטראַכט: „א ביסעל א גליק. אַזאַ שעהנער דזשענטעלמאַן. נו, איז ער אַביסעל עלטער, דערפאַר אָבער א מיליאָנער און זי וועט לעבען א גוטען טאָג".

און עני האָט זיך מיט יעדען טאָג אלץ מעהר און מעהר פאַרליעבט אין איהם. זי האָט זיך אינגאַנצען געענדערט, אינגאַנצען געשטראַהלט, געלויכטען און געשמייכעלט. מיט וואָס פאַר הונגעריגער אויפמערקזאַמקייט זי האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו איהם, און ווי ליכטיג איז איהר שמייכעל געווען, וואָס האָט געשוועבט אויף איהרע אָפענע ליפּען און צופלאַמטע באַקען, בעת זי האָט זיך געצויגען צו איהם מיט א קוש, ווי איהרע גרויע אויגען האָבען דאַן געלויכטען!...

זי איז געווען פול מיט איהם, אינגאַנצען פול מיט איהם, האָט פאַר קיינעם מעהר קיין געדולד ניט געהאַט, אפילו צו רוטי'ן האָט זי אויפגעהערט צו שרייבען, ווייל זי האָט איצט קיין געדולד ניט געהאַט.

שאַסקע האָט זיך געשמאַלצען פאַר גליק. אסתר האָט זיך אויך געפרעהט אויף איהר באַזונדערען אופן — שטיל, איינגעהאַלטען, און רובינטשיק האָט זיין שמחה ארויסגעשריען...

יעדען טאָג איז עני מיט ראַבינס'ן ארויסגעגאַנגען אָדער ארויסגעפאָהרען. איינמאָל איז ער מיט איהר צוגעפאָהרען צו א דזשועלערי־געשעפט און איהר געקויפט א הערצעל אויסגעשאָטען מיט בריליאַנטען. אנאַנדערשמאָל — א זייגערעל, אן אַנטיקעל. זי האָט זיך געפרעהט מיט דעם, ניט אזוי מיט דעם ציערונג גופא, ווי מיט דעם, וואָס ער האָט עס איהר געקויפט, וואָס אין דעם האָט זי געזעהן א צייכען פון זיין ליעבע צו איהר...

און איינמאָל איז ער געפאָהרען מיט איהר דאַון־טאַון, וואוהין ער האָט זיך שוין לאַנג געקליבען, אום צו באַזוכען — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — זיין פאַרגאַנגענהייט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויף קאַנעל סטריט, זיינען זיי ארויסגעקראָכען פון דער מאַשין און געהייסען דעם שאָפער, ער זאָל פאָהרען אהיים. זיי וועלען שפּעטער קומען אין אַ טעקסי — זאָל ער, דער שאָופער, אין דערהיים זאָגען. ראָבינס האָט זיך עפּעס ווי געשעהמט צו פאָהרען דאָ, וואו ער האָט אַמאָל געקעמפּט געגען דעם קאַפּיטאַליזם, אין אַ מאַשין....

ער האָט די געגענד ניט דערקענט. דער נייער בריק און דער ברייטער אָפענער סקווער פאַר איהם און די הויכע געביידעס ארום — דאָס אַלץ איז דאַן ניט געווען. אָבער ווען ער איז אוועק איבער קאַנעל סטריט צו איסט־בראָדוויי צו, האָט ער באַלד דערקענט די אַמאָליגע געגענד און פון די זייטיגע גאַסען, און פון די שילדען אויף די געשעפטען און פון דעם שוואַרצען עלען סטריט עלעווייטער, האָט אַ הויך געטאָן אויף איהם עפּעס שאָטענדיגעס, ניט־ממשות׳דיגס, דאָך עפּעס באַקאַנטעס; שאָטענס פון עראינערונגען און פון דורכגעלעבטע געפיהלען איז דאָס געווען...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן ראָג פון לודלאָוו סטריט און ארויסגערעדט:

— דו זעהסט, עני, דאָ איז אמאָל יאָשקע אויף אַ וואָגען געשטאַנען און האָט געקעמפּט. און דאָרט אויך. און דאָרט אויך.

און ער האָט אָנגעוויזען מיט אַ האַנד אויף דער גאַס ווייטער און אַנטקעגען, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פון די אַלע דריי זייטען קוקט יאָשקע אויף איהם און שרייט אויף זיין קול...

און ראָבינס האָט דאַן ארויסגערעדט האַלב איראָניש און האַלב מיט בענקעניש:

— יאָשקע!... יאָ!... יאָשקע!...

און זיך פּלוצים שטיל צולאַכט:

— עה, ווען יאָשקע קאָן מיך דאַן, וואָלט איך פון איהם געכאַפּט אַ פּאָרציע! מערקווירדיג, עני — האָט ער זיך דערנאָך אַ קעהר געטאָן צו איהר — איך טראַכט מיר: דאָ האָב איך אַמאָל אַזוי שעהן און מיט אַזוי פיעל פייער גערעדט, און

איצט — ניטאַ קיין לשון! וואו איז דאָס, צום טייפעל, אהינ־געקומען?

זיי זיינען אריין אין דאָס אַלטע קאַפע־הויז, דער אַמאָ־ליגער פּלאַץ פון די אידישע ראַדיקאַלען און ליטעראַטען, און ער האָט דעם פּלאַץ ניט דערקענט. קיין איינעם פון יענע מענשען האָט ער דאָרט ניט געטראָפען. רוהיג איז דאָרט גע־ווען און קיין צובראָכענע טוט־פּיקס האָבען זיך דאָרט אויף די טישען ניט געוואַלגערט.

אויסגעטרונקען דאָרט דעם באַשטעלטען טהעע, האָט ראַבינס זיך צורעדט מיט א מאַן, וואָס האָט דאָרט געגעסען ביי א צווייטען טישעל, און פון יענעם האָט ער זיך דער־וואוסט, וואו די אַלטע „קיבעצאַרניע״ געפינט זיך איצט.

זיי זיינען דערנאָך אוועק אהיין. ווען זיי זיינען פאַרביי־געגאַנגען די געביידעס פון די אידישע צייטונגען, איז ראַבינס פּלוצים שטעהן געבליבען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף איינער.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— מערקווירדיג...

עני האָט געפרעגט:

— וואָס איז מערקווירדיג?...

— וואָס די צייטונג האָט אזאַ געביידע — האָט ער גע־ענטפערט — איז זי דען אזוי רייך געוואָרען?

עני האָט א שמייכעל געטאָן:

— דו פרעגסט מיך?...

— דאָס איז דאָך מיין צייטונג — האָט ער זיך אָנגע־רופען — דאָס הייסט, אונזער צייטונג... כ׳מיין, אמאָל — אַמאָל געווען „אונזער״ צייטונג...

און דאָ איז פאַרבייגעלאָפען אַ אינגעל מיט אידישע צייטונגען; ראַבינס האָט איהם אָפּגעשטעלט און גענומען ביי איהם די צייטונג, וואָס אויף איהר געביידע האָט ער געקוקט.

— העללאָ! דאָס איז זי דאָך! — האָט ער אויסגע־שריען און דערלאַנגט דעם אינגעל א דאָלאַר מיט די ווערטער:

— דו האָסט דאָך ניט קיין „טשענדזש״, נעהם און אַנטלויף!

דער אינגעל האָט ארויסגענומען פון א קעשענע א הויפען

פּענים און ניקעלס, געוואָלט איהם רעשטע געבּען, אָבּער ראָ־
בּינס האָט א מאַך געטאָן צו איהם מיט דער צייטונג און א
בּייזער געטאָן זיך אויף איהם:

— ווען דו אנטלויפסט ניט, גיב איך דיר צוריק די
צייטונג! נו, שנעל!...

דער אינגעל האָט אויסגעגלאָצט די אויגען אויף איהם,
שנעל ארונטערגעלאָזען די האַנד מיט דעם הויפען מטבעות
אין קעשענע אריין, ראַפּטאָם א רוק געטאָן דעם בּינטעל ציי־
טונגען אונטער דער מאָגערער פּאַכווע און מיט אן אימפּעט
זיך געלאָזט לויפען, אומקוקענדיג זיך אהינטער, צי יענער
לויפט איהם ניט נאָך. דאָן האָט ער זיך מיט אמאָל אָפּגע־
שטעלט און גענומען דאָרט בּאַטראַכטען דעם דאָלאַר פון אלע
זייטען.

ראָבּינס און עני, וועלכע האָבּען איהם נאָכגעקוקט, האָ־
בּען זיך צולאַכט.

— פּאור בּאָי! — האָט עני געלאַכט.

— ער מיינט, אז איך האָב איהם אָפּגענאַרט — האָט
ראָבּינס געזאָגט.

און בּאַלד האָבּען זיי דערזעהן ווי צו יענעם אינגעל
זיינען דריי אנדערע מיט צייטונגען צוגעגאַנגען און זיי אלע
האָבּען ווידער דעם דאָלאַר בּאַטראַכט, ארומגעקוקט, ארומ־
געטאַפּט, און דערנאָך זיינען זיי אלע זאלבּע־פערט צוגעגאַנ־
גען דאָרט צו א אידען, וואס האָט פראַקויפּט פרוכטען אויף
א וועגעל, און בּיי איהם דעם דאָלאַר אויסגעבּיטען.

ראָבּינס און עני האָבּען די גאַנצע צייט זיי נאָכגעקוקט.
דאָס איז זיי שטאַרק געפעהלען געוועזן. עני האָט געזאָגט:

— אָרעמע קינדער, ווען טרעפט זיי אזא גליק!...

און אין א ווייל ארום, ווען זיי האָבּען שוין בּאַלד אָן
דעם פארגעסען און ווייטער געגאַנגען, האָבּען זיי דערהערט
הינטער זיך א געלאָף און א געשריי: „מיסטער, מיסטער
פּייפּערס!”...

זיי האָבּען זיך אומגעקוקט: א צעהנדליג אינגעלאַך
מיט צופלאַמטע בּעקעלאַך און צוברענטע אויגעלאַך זיינען זיי
נאָכגעלאָפען מיט צייטונגען אונטער די פּאַכוועס און האָבּען
צו זיי געשריען אויף פארשיידענע שטימען:

— מיסטער, מיסטער, פּייפּערס!

פון וואַנען האָבען זיי זיך אַלע מיט אַמאָל גענומען!
ראַבינס האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט און אָפּגעשטעלט. ענ' אויך. און באַלד זיינען זיי געשטאַנען, ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען, און די אינגלאַך האָבען זיך געשפּאַרט איי־נער אויפ'ן אנדערען, יעדער מיט א צייטונג איבער דעם אנ־דערענס קאָפּ, און די אינגלאַך וואס זיינען פון הינטען געבלי־בען, האָבען זיך אויף די שפּיץ פינגער געשטעלט און די דינע הענטעלאך אויסגעצויגען און די הענטלאך מיט די ציי־טונגען אין דער הויך געהויבען, כדי ראַבינס זאָל זיי זעהן.

— מיסטער, ביי מיר! מיסטער, ביי מיר! — האָט די לופט געהילכט פון די יונגע בעטענדיגע שטימען...

ענ' האָט געהאַלטען א פּאַרטמאָנע אין דער האנד, האָט זי איהם געעפענט. אָבער ראַבינס האָט זי אָפּגעשטעלט.

— איך וועל מיט זיי האַנדלען, מיט די ביזנעס־לייט — האָט ער גוטמוטיג געזאָגט. דאַן האָט ער זיך צו די אינגלאַך א קעהר געטאָן און זיך אָנגערופען:

— איך צאָהל נישט מעהר ווי איין סענט פאַר א ציי־טונג...

איז דאַן מיט אמאָל שטיל געוואָרען און די קינדערשע הענד מיט די צייטונגען האָבען זיך ארונטערגעלאָזט, און איינער דעם אנדערען האָבען דאַן אָנגעקוקט אָנגעבלאָזען, ברוגז'לאַך, און איינער נאָכ'ן אנדערען האָבען זיך גענומען ארויסרוקען פונ'ם געזעמעל.

האָט ראַבינס דאַן זיך ווידער אָנגערופען:

— וואַרט, חברה, אנטלויפט ניט!

און חברה האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער שוין פון וויי־טען און אָהן רעש...

ראַבינס האָט גענומען א צייטונג ביי דעם ערשטען, וואס איז געשטאַנען נעהענטער צו איהם.

— געהסט אין סקול? — האָט ער איהם געפרעגט און ארייגעלעגט די האַנד אין קעשענע.

— שור! — האָט דער אינגעל געענטפערט.

ראַבינס האָט ארויסגענומען א דאָלאַר און איהם דער־לאַנגט.

— אנטלויף!

און דער אינגעל האָט א כאַפּ געטאָן דעם דאָלאַר, אויפ־

גערענט אַ קוק געטאָן אויף איהם, געוויזען איהם די אַנדערע אינגלאַך, אַ פּאַך געטאָן מיט איהם אין דער לופטען און זיך געלאָזט לויפען, אומקוקענדיג זיך אַהינטער...

דאַן האָבען זיך די איבריגע אַ ריהר געטאָן ווידער מיט אַן אימפּעט, אַ רוק געטאָן זיך צו ראָבינס'ן מיט צופלאַמטע באַקען און צוברענטע אויגען און געפּילדער, און הענד מיט צייטונגען האָבען זיך ווידער אין דער הויך געריסען צו איהם, און יעדער האָט זיינס באַקומען, איבערגעלאָזען אַ צייטונג ביי איהם ראָבינס'ן, און זיך אָפּגעטראָגען מיט אַן אימפּעט, אַזוי ווי מורא האָבענדיג, אַז דער מאָדנער מאַן זאָל, צום סוף, קיין חרטה ניט קריגען...

דער לעצטער אינגעל איז געוועזען דער שוואַכסטער צווי־שען זיי און דער שטילסטער, מיט אַ בלייכען רחמנות'דיגען פּנים און גרויסע, שטילע, ניט־דרייסטע אויגען.

ראָבינס האָט איהם אָנגעקוקט.

— געהסטו אין סקול? — האָט ער געפרעגט.

— יעס — האָט דער אינגעל שטיל און פאַרשעהמט געענטפערט.

ענִי האָט זיך אַריינגעמישט:

— וויפיעל פאַרדיענסטו אַ טאָג, קליין אינגעלע?

— נעכטען פינף און זיבעציג סענט און אַמאָל אַ דאָ־לאַר. — האָט ער געענטפערט.

— האָסטו שוין אַמאָל פאַרדיענט צוויי דאָלאַר? — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען.

— ניין.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט צוויי דאָלאַר פאַרדיענט?

— איך וואָלט דער מאַמע'ן אָפּגעגעבען.

— אויב אַזוי, אינגעלע, נאָ דיר דריי...

און ער האָט דערלאַנגט דעם אינגעל דריי דאָלאַר און איהם נאָך צוגעלעגט די אַלע צייטונגען, וואָס די אינגלעך האָבען איהם אַריינגעשפּאַרט. דאַן איז ער מיט ענִי'ן אַוועק ווייטער, און דער אינגעל איז געבליבען שטעהן צוטומעלט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דאָס געלד אין זיין האַנט.

ענִי האָט זיך גליקליך צעלאַכט:

—איך ווייס, אַז זיי מיינען, אַז דו ביזט אַ משוגע'נער...

— קען זיין — האָט ראַבינס געענטפערט, און צוגע־לייגט — וויפיעל מאָל בין איך דאָ געגאַנגען אויף דער סטריט און דער הונגער האָט אין מיר געזונגען אויף די העכסטע טענער...

— איז ניט אנגענעהם צו געבען, דזשאָו?...

ער האָט געענטפערט:

— ווען איך טרעף איצט די אַלע יענע, וועלכע האָבען מיט מיר דאָן געהונגערט, וואָלט איך זיי דעם בעסטען דינער געגעבען. יאָ, עני, ערשט איצט פיהל איך, אז עס איז דאָך ניט שלעכט צו האָבען אַ פּאָר דאָלאַר...

און אַזוי ווי ער האָט איבערגעלאָזען איין צייטונג ביי זיך, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איהר, און צוגעלייגט:

— ניט אַזוי, מיין צייטונג? כ'מיין „אונזער צייטונג"...

— פאַרוואָס רופסטו עס „אונזער צייטונג?" — האָט עני מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

ער האָט געענטפערט:

— אַזוי פלעג איך זי אַמאָל רופען איראָניש... איך בין געווען שרעקליך בייז אויף איהר, ערשטענס, ווייל דער רע־דאַקטאָר האָט ניט געוואָלט דרוקען מיינע אַרטיקלען. „האַר־טע עברי" — האָט ער גע'טענה'ט. צווייטענס, ווייל זי איז ניט געווען גענוג רעוואָלוציאָנעריש פאַר מיר...

זיי זיינען אַריין אין „קיבעצאַרניע", אַ טומעל האָט זיך געגען זיי געטראָגען, און אַ געמישטער גערוך פון טאַבאַק־רויך און געקעכץ האָט זיי אַ זעץ געטאָן אַנטקעגען...

ראַבינס האָט אַ טראַכט געטאָן:

„העללאָ! דאָס איז דאָס!..."

אַזוי ווי די שאָטענס פון זיין אַמאָליגען פיהלען און טראַכטען וואָלטען צו איהם איצט געשריען דורך דעם דאָזי־גען טומעל; ער איז געווען אַביסעל אויפגערעגט...

ער איז צוגעגאַנגען מיט עני'ן צו אַ ליידיגען טישעל און זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט.

די ערשטע עטליכע מינוט האָט ראַבינס עפּעס ניט גע־וואַגט זיך אומצוקוקען, ווייל איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ווי נאָר ער וועט די אויגען אויפהויבען, אַזוי גלייך וועט ער דערזעהן די אַמאָליגע באַקאַנטע מאַגערע, אויסגעהונגערטע

פּנימ׳ער פון די אידישע ליטעראַטען און ראַדיקאַלען, מיט די נערוועזע, פלאַמענדיגע אויגען, מיט די היט אויף די פּאַטיל־ניצעס און די צעפּודעלטע האָר איבער די שטערנס, — וועט דערזעהן זיי אין זייערע אַלטע, צעקנייטשטע קליידער מיט די ברודיגע קראַגענס איבער די פאַרדרעהטע שניפּסלעך, און זיי וועלען איהם אויך דערזעהן און גלייך איהם דערקענען. און עפּעס האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז ער, דער רייכער, דער עלעגאַנט־אויסגעפּוצטער ראַבינס, איז דאָ אויסער׳ן פּלאַץ... אָבער, ווען ער האָט דערהערט פון אַ דערבייאיגען טישעל אַ געשריי: „וועיטער, פרעגט דעם בעל־הבית, אויב ער האָט צו „קעשען” אַ טשעק פון פופציג דאָלאַר און גיט מיר אַ קעסטעלע פּיליפּ מאָרים סיגאַרעטס” — האָט דאַן ראַבינס די אויגען אויפגעהויבען, אַ קוק געטאָן ארום זיך און אַ טראַכט געטאָן: „מיר זיינען, הפנים, ניט אין דעם ריכ־טיגען פּלאַץ”...

די אַלע מענשען, וואָס ער האָט ארום זיך געזעהן, האָ־בען אויסגעקוקט זאַט און זיינען אָנגעטאָן געווען ריין און ציכטיג, אַנדערע זאָגאַר פּראַנטיש, אין זיידענע העמדער, מיט בלישצענדיגע שפּילקעס אין די קראַוואַטען און אין פּראַנ־טישע קאָלירטע, גלאַנציגע שיך. און אַנדערע, פון די איינגע־רע, האָבען ממש אויסגעזעהן, מיט דעם אופן, ווי די לאָקענ־לאָך זיינען ביי זיי פאַרקאָמט געווען, און בכלל, ווי זיי האָבען זיך געהאַלטען, ווי קאָקעטישע מיידלאַך, צי גאָר ווי וואוילע יונגען...

אמת, זיי האָבען אויך געליאַרעמט, אויך גערעדט עט־ליכע מיט אַמאָל, אויך איבערגעשלאָגען איינער דעם אַנדע־רען און אויך געוואָרפען מיט די הענט; אָבער זייערע פּנימ׳ער זיינען ניט באַלעבט געווען מיט דעם פייער פון אַ צעפלאַקערטער נשמה, אין זייערע אויגען האָט ניט געברענט יענער פלאַם פון דעם גלויבינגען, וועלכער האָט פּראָטעסטירט און געקעמפּט געגען די אומגערעכטיגקייטען און די פאַלש־קייטען אין זיין סביבה און אין דער גאַנצער וועלט. — יע־נער פלאַם, וואָס ער, ראַבינס, האָט אַזוי גוט אַמאָל אליין גע־קענט, און וועלכען ער איז איצט אהער געקומען ווידער צו זעהן... ניין, ניט מיט קיין היילינגען פייער האָבען די פּנימ׳ער און אויגען פון די דאָזיגע מענשען געהויכט, נאָר מיט רו־

היגער זעלבסטצופרידענהייט, מיט טירישער זאַטקייט און מיט „איך־פייף־אויף־דער־גאַנצער־וועלט...״

— מיר זיינען ניט אין דעם ריכטיגען פּלאַץ — האָט ראַבינס זיך אַ קעהר געטאָן צו עני׳ן.

— דו מיינסט אזוי — האָט זי זיך אָנגערופען.

— ניט די מענשען — האָט ער געענטפערט — קיין איין באַקאַנטען פון אמאָל זעה איך דאָ ניט.

— אפשר זיינען זיי שוין מעהר ניטאָ? פאַרגעס ניט, זיבעצעהן־אַכטצעהן יאָהר...

דער „וועיטער״ האָט דאָס עסען געבראַכט און פאַר זיי אויפ׳ן טיש אוועקגעשטעלט. ראַבינס האָט איהם גענומען אויספרעגען, און זיך דערוואוסט, אז ער איז טאַקע אין דעם ריכטיגען פּלאַץ, און אז די מענשען, וואָס ער זעהט ארום זיך, זיינען אידישען ליטעראַטען און ראַדיקאַלען.

ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט.

— דו קענסט זיך גאַרניט פאַרשטעלען, עני, ווי איבער־ראַשט איך בין — האָט ער געזאָגט — אידישע ליטעראַטען און ראַדיקאַלען מיט אַזאַ אויסזעהן און אַזוי אָנגעטאָן... אי־דישע ליטעראַטען און פּופציג דאָלאַרדיגע טשעקס... אידישע ליטעראַטען, און די סיגאַרעטס, וואָס איך רויכער... עפּעס גאָר אַ נייע וועלט!...

און דאָ איז זיין בליק געפאַלען אויף דער אידישער צייטונג, וואָס ער האָט פריהער אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש, און ער האָט צוגעלייגט:

— און די קאַפּיטאַליסטישע געביידע פון דער צייטונג... מערקווירדיג, ניט צו דערקענען!...

ער האָט גענומען עסען, און איבערגוואַלד געגעסען. ער איז שוין אָפּגעוועהנט געוועזען פון אַזאַ זאָרט געקעכץ און, בפרט, פון אַזאַ סערווירען. עני האָט אויך אָהן אַפּעטיט גע־געסען, און זי האָט זיך ממש דערפרעהט, ווען זי איז דאָס דערנאָך איבערגעקומען...

דערנאָך האָט ראַבינס זיך גענומען צוהערען צו דעם ארומיגען שמועס, געוואָלט האָבען אַ באַגריף וועגען וואָס דאָ ווערט היינט געשמועסט. און זיין געהער האָט אונטערגע־כאַפּט אָפּגעריסענע פראַזען דאָ פון אַ נעהענטערען טישעל, און באַלד פון אַ ווייטערען...

— געטהע איז היסטאָריע. פאַר אונז, מאָדערניסטען, האָט ער קיין שום ווערט...

— האָט איהר געלעזען משה'ס געדיכט?

— א טאַלאַנט!

— ברחנות!...

— איך וועל זיך אמאָל נעהמען צו די „אַלטע" — האָט ראַבינס דערהערט הינטער זיך א רוהיגען קול פון א מאַן, וואָס האָט געקלונגען מיט דער זיכערקייט פון אַן אַנערקענטען אויטאָריטעט: — קיין טאַלאַנט האָבען זיי קיינמאָל ניט געהאַט; איצט אָבער שרייבען זיי... אַ רחמנות פּשוט אויף די לעזער!... זאָלען זיי רוהען אין זייערע קברים!...

— יאָ, יאָ, שוין לאַנג צייט געוועזען! — האָט ראַבינס דאַן דערהערט א קוויטשענדיג קול פון א פרוי — ווי מען אדווערטייזט זיי נאָך! מיינע זאַכען ווערען אַזוי ניט אַדווערטייזט. עס איז פּשוט א שאַנד און א וועהטאָג. איהר הערט? איך וועל אויפהערען צו שרייבען.

ראַבינס האָט זיך דערמאָהנט וועגען די שמועסען פון די אַמאָליגע ליטעראַטען און ראַדיקאַלען, און ער האָט א טראַכט געטאָן:

„עה, ניט דאָס. ניט אַזעלכע ליעדער האָט מען אמאָל דאַ געהערט..."

און פּלוצים האָט פון ערגעץ א הינטערשטען טישעל אָפּגעהילכט א נערוועזער באַריטאָן:

— לעניןן און טראָצקי זיינען פּאַררעטער!...

ראַבינס האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— אהא!...

איהם האָט זיך אויסגעגעבען, אז ער הערט עפּעס א קול. וואָס ער האָט אמאָל גוט געקענט, און ער האָט זיך אַנגע־שטרענגט איהם צו הערען.

— פּאַררעטער צום היסטאָרישען מאַטעריאַליזם — האָט יענער קול ווייטער געהילכט אַלץ נערוועזער און וואָרעמער.

ראַבינס האָט זיך אויפגעשטעלט און א קוק געטאָן איבער די קעפּ פון די אַנדערע, וואָס זיינען אַרום די טישלעך געזע־סען, אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער אויפגערעגטער קול האָט זיך געטראָגען, און באַלד האָט ער דאָרט דערזעהן א נערוועזען אַלטען, מיט א צופלאַמטען פּנים און ווייסע האָר.

דער מאַן, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַן אַלטער קאַטוילישער פּריסטער, האָט דאָרט נערוועז געריקט די ביידע אַרבעל פון זיין העמד ארויף די אָרעמס, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געקליבען עמיצען צו שלאָגען, און מיט אַ צופלאַמטען פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט די טיעפסטע ענטריסטונג, האָט ער געשריען צו די אנדערע ארום זיין טישעל:

— איך, קאַרל מאַרקס, ענגעלס און מיר אַלע האָבען אונזער גאַנץ לעבען אוועקגעגעבען... אויף וואָס? צו לערנען די מענשען... וואָס? אַז צוויי און צוויי איז, פאַר גאָד'ס סעיק, ניט קיין... וואָס? ניט קיין סטערינאָווע ליכט. נאָר וואָס דען? פיע־ער!... נאָך אמאָל: מיר האָבען זיי געלע־רענט... וואָס? גערענקט־זשע! מיר האָבען זיי געלערענט. אַז אַפריהער דאַרף אַ לאַנד דורכמאַכען... וואָס? די אַלע שטופען פון דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם... דאָס הייסט... וואָס? — און זיין יעדען „וואָס" האָט ער מיט זיין האַרצען ארויסגעזעגט, ווי מיט אַ זעג — אַז אום אַ לאַנד זאָל פעהיג זיין צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג, מוז דאָרט זיין... וואָס? מוז דאָרט דער קאַפּיטאַליזם זיין אַזוי ענט־וויקעלט, אַז דער סאָציאַליזם זאָל פון איהם אליין ארויסוואַק־סען. נאָך אַמאָל, פאַרשטעהט־זשע מיך גוט! האָט איהר גע־קענט געבאָרען ווערען אָהן אַ טאַטען? אָט אַזוי קען דער סאָציאַליזם אָהן זיין טאַטען קאַפּיטאַליזם ניט געבאָרען ווע־רען... קלאָר, דאַכט זיך, ניין? אָט דעם אמת האָבען מיר אונזער לעבען לאַנג געפּרעדיגט, אי פון דער פּלאַטפאָרמע, אי אין די צייטונגען, גערעדט וועגען דעם, גערעדט און גע־רעדט, שטיקער האַרץ ארויסגערעדט!... קומען איצט צוגעהן רבי לענין און רבי טראָצקי, אונזערע אייגענע גאָט'ס־פּאַרדאַמ־טע כלומר'שטדיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס האָבען אויך כלומר'שט געגלויבט אין דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, און זיי ערקלערען מיט אַמאָל: „מיר פייפען אויף קאַרל מאַרקס און אויף זיין נארישער תורה! מיר ווילען איינפיהרען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין אַ לאַנד, וואו דער קאַפּיטאַ־ליזם איז כמעט גאָרניט ענטוויקעלט". און זיי מאַכען אַן עקספּערימענט ביי אַ פאָלק, וואָס איז נאָך ניט פעהיג, לויט זיין ענטוויקלונג, צו פאַרדייהען אפילו... נו... וואָס? קיין מעהר אָדער ווייניגער פרייען קאָנסטיטוציאָנעלען רעזשים פון

א קאַפּיטאַליסטישען לאַנד! קען מען ניט משוגע ווערען פון אזא אומפאַראַנטוואָרטליכקייט? ער, האָבען מיר דערלעבט!
— האָט ער פּלוצים אָפּגעהאַקט, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גענומען עפּעס זינגען אונטער דער נאָז...

ראבינס האָט איהם דערקענט און א טראַכט געטאָן:
„ווי אַלט ער איז געוואָרען!... אָבער געבליבען דער־זעלביגער ענטוזיאַסט!"...

ער האָט זיך צוריק אָרונטערגעלאָזען אויף זיין שטול און זיך צו עני'ן אָנגערופען:

— איינעם דערקענט, און דוקא א גוט־באַקאַנטען פון אַמאָל...

— דער, וואָס האָט דאָרט געשריען?

— יא.

— ווער איז ער?

— א באַוואוסטער אַלטער סאָציאַליסט, א רעדנער... אַמאָל זיינען מיר געווען באַפריינדעט... מיר ביידע זיינען ניט צופרידען געווען פון דער פּראַקטישקייט פון געוויסע סאָ־ציאַליסטישע פיהרער. וואָלט ער מיך איצט דערקענט? מעגליך, אז ער וואָלט מיך איצט גאַרניט געוואָלט קענען. זיכער ניט! — האָט ראבינס געזאָגט מיט א שמייכעל און צוגעלייגט: — דער איינציגער דאָ, וואָס האָט מיך דערוויילע דערמאָנט אָן דער אַמאָליגער צייט...

מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט, ווי יענער האָט זיך דאָרט אויפגעהויבען פון זיין אָרט מיט זיין רעקעל אונטער דער פּאַכווע און זיך דערנאָך א לאָז געטאָן צווישען די טישלאַך אין דער ריכטונג, וואו ער, ראבינס, איז געזעסען. און, גע־העגדיג, האָט דער אַלטער געקוקט דורך זיינע ברילען אויף די מענשען ארום די טישלעך און האָט פאַרטראַכט געזונגען אַן אַלט ליעד פון ניעקראַסאָוו'ן אויף די אונטערשטע טענער פון זיין באַריטאָן, ווי א רוסישער דיאַקאָן:

— ביעלי דיען זאַניאַלסיא נאַד סטאָ־ליץ־צעעיי!! —

און ווען ער איז געווען נעבען ראבינס' טישעל, האָט ער דאָן פאַרענדיגט די סטראָפען פון דעמזעלביגען ליעד און דער־ביי האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם אומבאַקאַנטען מאַן און אין דער אומבאַקאַנטער יונגער פרוי...

און מיט אַמאָל האָט זיך ראַבינס אַ כאַפּ געטאָן פון זיין פּלאַץ און זיך צום זינגער געווענדעט:

— ענטשולדיגט...

יענער האָט אויפגעהערט צו זינגען און זיך אָפּגעשטעלט מיט די אויגן אויף ראַבינס'ן.

ראַבינס איז צו איהם צוגעגאַנגען.

— זייט איהר מיסטער נ.?

— יעס, איך בין מיסטער נ. — האָט יענער געענטפערט — וועל?

— איך האָב אַ גרוס צו אייך פון אייער אַן אַמאָליגען גוט־באַקאַנטען—האָט ראַבינס זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל.

— ווי הייסט ער?

— רובינטשיק...

— רובינטשיק? — האָט יענער זיך אָנגערופען און אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ — איך געדענק ניט.

— מיט זיבעצעהן־אַכטצעהן יאָהר צוריק — האָט ראַבינס געענטפערט — האָט איהר איהם גוט געקאָנט. איהר האָט אָפט מיט איהם פאַרבראַכט אין קאָפע־הויז, גערעדט מיט איהם אויף פאַרזאַמלונגען...

— אפשר יאַשקע דער בונדיסט? — האָט פּלוצים יענער געפרעגט.

— אַט דעם מיין איך טאַקע — האָט ראַבינס געענטפערט.

— שור, שור, איך געדענק איהם — האָט דער אַלטער זיך דאָן אָנגערופען מיט אַ וואַרעמען שמייכעל — וואו איז ער איצט? איך האָב דאָך געמיינט, אַז ער איז שוין ניט מעהר אין אַמעריקאַ...

ראַבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— ער איז די גאַנצע צייט אין אַמעריקאַ געווען. ער וואוינט אין ניו אָרליענס...

— וואָס מאַכט ער?

— אָל ראַיט.

— עס פרעהט מיך...

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויף ראַבינס'ן, אַ ווײַלע געשוויגען, דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט:

— און פון וואַנען קענט איהר איהם ?

— ער איז מיין נאָהענטסטער פריינד. אייך קאָן איך אויך — האָט ער זיך פּלוצים צולאַכט.

— איהר קאָנט מיך ? מעגליך. — האָט דער אלטער זיך אויך גוטמוטיג צולאַכט.

— און איהר האָט מיך אמאָל אויך געקאָנט — האָט ראבינס געזאָגט.

— איך אייך ?...

דער אלטער האָט זיך שטאַרקער איינגעקוקט אין ראַבינס'ן, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען :

— עפּעס יאָ באקאַנט און דאָך זעהט איהר אויס גיכער ראקעפעלער'ס א באַקאַנטער ווי מיינער... ענטשולדיגט, וואו האָב איך אייך געטראָפען ?

— אויף מיטינגען, אין קאַפע־הויז, ביי אייך אין הויז א פּאָר מאָל...

— ביי מיר אינ'ם הויז אויך ?

דער אלטער האָט א ציה געטאָן די אַקסלען :

— עהרענוואָרט, איך געדענק ניט ! — האָט ער ארויס־געררעדט מיט א שמייכעל.

דאַן האָט ראבינס זיך אנגערופען :

— איך בין ער אליין.

— ווער ער ?

ראבינס האָט זיך ווידער צולאַכט :

— טאַקע יאַשקע דער בונדיסט !...

דער אלטער האָט אויסגעגלאָצט אויף איהם די אויגען און א ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָט ער ארויסגעמורמעלט :

— גאָד, גאָד, גאָד !...

א כאַפּ געטאָן ראבינס'עס ביידע הענט אין זיינע, גע־טרייסעלט זיי און ווידער איהם באַטראַכט פונ'ם קאָפּ ביז צו די פיס פארוואונדערט, כמעט צוטומעלט...

— יאָ, יאָ, איצט דערקאָן איך אייך... איצט זעה איך. אַז איהר זייט אַ ביסעל עהנליך צו יענעם... און אזא ספּאָרט... און קוקט אויס אַזוי...

ראַבינס האָט אונטערגעכאַפּט מיט א שמייכעל :

— נישט אויסגעהונגערט, הא ?

— ווי א מענש, וואָס איז שוין לאַנג אויסגעקורירט פון די סאָציאַליסטישע און אנדערע איסטישע באַצילען...

— כמעט! — האָט ראַבינס גוטמוטיג געזאָגט...

דער אַלטער האָט נערוועז א לאַך געטאָן:

— נו, וועלל... ועמענ'ס דאגה איז עס! איהר זייט ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער...

— און איהר, ווי איך זעה, זייט געבליבען דער אייגענער...

דער אַלטער האָט זיך נערוועז א כאַפּ געטאָן:

— יאָ, יאָ, דער אייגענער... די גאָט'ס פאַרדאַמטע באַצילען זיינען שוין אזוי אין מיין בלוט... וועלל — האָט ער זיך אונטערבראָכען — וואָס איז דער דיפערענץ? הייסט עס, מאַכט איהר א לעבען?

— אָה, יעס! — האָט ראַבינס געענטפערט און צוגעלייגט — וועט איהר זיך אפשר מיט מיר צוזעצעןביים טיש?

דער אַלטער האָט א שמייכעל געטאָן:

— פאַרוואָס ניט?...

ראַבינס האָט איהם דאָן פאַרגעשטעלט פאַר עני'ן:

— מיין כלה, מיסס רובינטשיק! מיסטער נ.!

ביי עני'ן האָבען זיך די באַקען אָנגעצונדען פון דעם, וואָס ראַבינס האָט זי פאַרגעשטעלט אלס זיין כלה. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זי אזוי פאַרגעשטעלט. זי איז שוין געהאַט בייז געוואָרען אויף ראַבינס'ן, למאי ער האָט זיך אזוי הינגעריסען מיט'ן אַלטען, דאָס ער האָט גאָר פאַרגעסען, אז ער האָט זי איבערגעלאָזען אליין ביים טיש. איצט אבער, ווען ער האָט זי פאַרגעשטעלט אזוי, איז זי שוין מעהר אויף איהם ניט בייז געווען און האָט געקוקט מיט שטראַהלענדיגע אויגען אי אויף ראַבינס'ען, אי אויף דעם אַלטען.

ראַבינס מיט'ן אַלטען האָבען זיך ווידער צורעדט.

—יאָ, איך געהער איצט צום קאַפּיטאַליסטישען קלאַס — האָט ראַבינס שפּעטער גערעדט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

דער אַלטער האָט געקוקט אויף איהם דורך זיינע ברילען פאַרטראַכט און אומעטיג און פון צייט צו צייט האָט ער ארויסגעמורמעלט:

— וועלל... וועלל...

און אין דעם „וועלל, וועלל" פון דעם אלטען האָט זיך געפיהלט א געמיש פון בענקעניש, איראָניע און קנאה.

— און איך — האָט ער פלוצים זיך אָנגערופען מיט ביטערניש אינ'ם קול — ביז געבליבען א גאָט'ס פארדאמ־טער דעם פול...

ראָבינס האָט איהם אָנגעקוקט פארוואונדערט :

— וואָס מיינט איהר ?

דער אלטער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנד.

— גאָר ניט, וואָס איז דער דיפערענץ ?

— און איך האָב געמיינט, אז איהר זייט א גליקליכער מענש — האָט ראָבינס ארויסגערעדט.

— א גליקליכער ? איך ?

דער אלטער האָט זיך נערוועז צולאכט :

— ווארום האָט איהר אזוי געדענקט ?

— ווייל אמת גליקליך איז דער מענש, וואָס האָט הע־כערע אינטערעסען אינ'ם לעבען — האָט ראָבינס געענט־פערט — און איהר האָט אלע אייערע יאָהרען...

דער אלטער האָט סארקאסטיש א שמייכעל געטאָן. אויסגעזונגען פארטראכט אונטער דער נאָז : „וואָ פאָליע בעריאָזיענקאַ סטאָיאַלאַ, אַי, ליולי — ליולי סטאָיאַלאַ". דאָן האָט ער מיט אמאָל אונטערבראָכען זיין זינגען און זיך א קעהר געטאָן צו ראָבינס'ן :

— איהר, דאכט זיך, זעהט אויס איצט א סך בעסער ווי דאָן, ווען איהר האָט געהאַט „העכערע אינטערעסען"...

— און אמאָל בענקט זיך נאָך זיי, וועט איהר מיר גלויבען...

— פאר וואָוילטאָג !...

— ניין, נאָר ווייל די נשמה פאָדערט א העכערען אינ־טערעס...

דער אלטער האָט זיך ביטער צולאכט און ווידער אונ־טער דער נאָז אויסגעזונגען :

„וואָ פאָליע בעריאָזיענקאַ סטאָיאַלאַ, אַי־ליו־לי־ליו־לי סטאָיאַלאַ"...

עני איז געוואָרען אומגעדולדיג און א זיפץ געטאָן. די נערוועזיטעט פון דעם מאָדנעם אלטען, זיין האַלטונג און

זיין זינגען האָט זי אויך נערוועז געמאַכט. זי האָט מיט אומ־געדולד געטראַכט: „ווי לאַנג וועט ער נאָך דאָ זיצען?”
דאַן האָט דער אלטער מיט אמאָל ארויסגערעדט:
— איהר זאָגט: איך האָב אלע מיינע יאָהרען גע־לעבט פאַר העכערע אינטערעסען... ווער דאַנקט מיר דער־פאַר? ווער געדענקט עס? — ער איז געוואָרען רויט, ווי א בוריק, און האָט נערוועז א רוק געטאָן אַן אַרבעל ארויף זיין אָרעם — „דעם פול” וואָס איך בין געווען! ארויסגעוואָר־פען אלע מיינע יאָהרען ווי פאַר הינט! וואָלט ניט געווען בעסער, ווען איך זאָל טראַכטען פון מיינע אייגענע אינטע־רעסען?... טאָקי א בלוטזויגער! טאָקי אַן עקספּלואַטאַטאָר! און אויסזעהן אזוי ווי איהר, און בענקען אמאָל נאָך „העכע־רע אינטערעסען” פאַר וואוילטאָג, אַזוי ווי איהר, אויב איהר דענקט, אויב איהר בלאָפט נאָר ניט!...
ראַבינס האָט צומישט א קוק געטאָן אויף עני'ן, וועלכע האָט צו איהם א ווינק געטאָן, אז עס איז שוין צייט אוועק־צוגעהן... ער אָבער האָט זיך אָנגערופען מיט א צומישטען שמייכעל:
— ענטשולדיגט. איך בין ניט קיין בלאָפער און קיין בלוטזויגער אויך ניט.
דער אלטער האָט זיך דאַן א כאַפּ געטאָן מיט א שולדי־גער מינע:
— אָה, מאַי גאָד, אי בעג יור פּאַרדאָן... ניט אייך האָב איך געמיינט... איך האָב גערעדט אין אלגעמיין... איך האָב נאָר געמיינט צו זאָגען, אז איך בין א „דעם פול” געווען, א ליי, פאַרשטעהט איהר מיך, אויף פּשוט'ען מאַמע־לשון...
ראַבינס האָט איהם אונטערבראָכען:
— איהר מיינט עס ניט...
— איך מיין עס, מיין פריינד, איך מיין עס — האָט ער געענטפערט מיט זיין נערוועזען שמייכעל — איך מיין עס! אָפּגעלעבט... אלט געוואָרען... ווייסע האָר... אהן כוחות... וואו איז דאָס? אין די האָלס... אויף די פאַרזאַמ־לונגען... אין די חלומות וועגען דער גאַנצער מענשהייט... דו גאָט'ס פאַרדאַמטער משוגענער דו, אליין ביזטו דאָך אויך א מענש? פאַרזאָרג זיך אויך. לעב אויך גליקליך. ווער גע־דענקט עס, אז דו האָסט דיין גאַנצ לעבען אָפּגעגעבען פאַר

דעם גליק פון אנדערע ? האָט עס דען ווער איז זינען ? ווער וועט דיר באַדאַנקען דערפאַר ? אַ נאַר איז מען, ווען מען פאַרגעסט אַן דעם אייגענעם גליק . . . מען לעבט איינ־מאָל, נאָכדעם קומט די עלטער, די שוואַכע יאָהרען, דו זוכסט די פרוכט פון דיין ארבייט, וואָס זאָל דיר אַ מעגליכקייט גע־בען אָפּצורוהען, ניטאָ ! אַזוי ווי אויפ׳ן ווינט ארויסגע־וואָרפען ! איך מאַהן ניט ביי קיינעם. אָבער ביי זיך האָב איך אַ רעכט צו מאָהנען. ניין ?... אָבער מילא ! — האָט ער זיך מיט אמאָל אונטערבראָכען — וואָס איז דער דיפע־רענץ ? סיי־ווי־סיי, ווי לאַנג נאָך ?... וועלל, עס פרעהט מיך, וואָס איך האָב אייך געטראָפען און וואָס איהר זייט ניט אזא נאַר, ווי איך...

ער האָט א דריק געטאָן די הענד ראָבינס׳ן און עני׳ן און איז דערנאָך אוועק מיט׳ן רעקעל אונטער דער פאַכווע, זינ־גענדיג אויפגערעגט אונטער דער נאָז:

— וואָ פאָליע בעריאָזיענקאַ סטאָיאָלאַ, אַי־ליו־ליו־לי־ליו־ סטאָיאָלאַ !...

ראָבינס איז געבליבען זיצען, ווי צוטומעלט. צו הערען עטוואָס אזוינס פון דעם דאָזיגען אַלטען ראַדיקאַל, האָט ער זיך גאָר ניט געריכט.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— ער רעדט אזוי ?... מערקווירדיג !...

עני האָט זיך אָנגערופען:

— אַ מאָדנער דזשענטעלמאַן...

— איך דערקען איהם ניט — האָט ראָבינס פאַרטראַכט געזאָגט — אמאָל וואָלט ער אַזוי ניט גערעדט. אנ׳אַנדער לופט געווען. אנ׳אַנדער גייסט. און אפשר האָט עס ניט צו־טאָן מיט דער לופט, נאָר מיט איהם אליין, מיט זיין... ניין, אנ׳אַנדער גייסט ! איך דערקען דאָ גאָר ניט. פונקט ווי די מאָסיווע געביידע פון יענער ראַדיקאַלער צייטונג קוקט אויס ווי די פאַרקערפּערונג פון שווערער, קאַלטער פראַק־טישקייט, אזוי דאַכט זיך מיר, איז דאָ אַלסדינג איצט...

עני האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— וואָס קימערט עס דיך ?

ער האָט געענטפערט פאַרטראַכט:

— איך האָב געבענקט נאָך דעם... זינט איך בין ווידער

געקומען נאָך ניו יאָרק, האָט מיך געצויגן אהער... אפשר דערפאַר, ווייל דאָ האָט מיין יוגענד געפלאַקערט. אפשר דערפאַר, ווייל דאָס פּראַקטיש לעבן האָט נאָך ניט אין גאַנצן אויפגעפרעסן מיין אַמאָליגן גייסט. איך ווייס ניט. איך ווייס אָבער, אַז יענער גייסט, יענע וואַרעמקייט פאַר אַן אידעאַל, וואָס איך האָב דאָ איבערגעלאָזן מיט יאָהרען צוריק, איז שוין מעהר דאָ ניטאָ... און עס פאַר־דריסט, עני...

— וואָרום, דזשאָו ?

— ווייל איך ווייס, אַז קיין געלד אין דער וועלט, דאָס גרעסטע רייכטום, קען ניט פאַרשאַפען יענעם הויכען פאַר־געניגען, וואָס דאָס גלויבען אין אַ הויכען אידעאַל פאַרשאַפט. איך האָב תמיד באַטראַכט די דאָזיגע אַלע אָרימע אידעאַליס־טען רייכער פון ראָקפעלער'ן...

עני האָט אַ שמייכעל געטאָן :

— דו מיינסט עס, דזשאָו ?

— יאָ, עני — האָט ער געענטפערט — איך מיין עס. און דאָס איז אַזוי. דאָס פיהלען קען בלויז איינער אַזאַ ווי איך, וואָס איז אַליין פריהער געווען אַן אָרימער עושר און איז היינט אַ רייכער אָרימאַן...

אין קאַפע־הויז זיינען אריינגעקומען דריי מיידלאַך. ציוניסטקעס, מיט היטעלעך פון ווייס־און־בלוי־קאָליר. זיי האָבען געלד געזאַמעלט פאַר דעם נאַציאָנאַלען פאָנד. זיי אַלע האָבען אויסגעזעהן היגע־געבאָרענע און איינע פון זיי, מיט אַ רייצענדיגען שמייכעל, האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון ראָבינס'ן נעבען אַ טישעל און גענומען ריידען צו איינעם פון די יונגע לייט אויף העברעאיש.

ראָבינס האָט זיך אָנגערופען :

— וואָס איז דאָס ?

עני האָט געענטפערט :

— ציוניסטקעס. קלייבען געלד פאַר ציון. און די רעדט מיט יענעם העברעאיש. איך פאַרשטעה אביסעל, וואָס זי רעדט...

— דו פאַרשטעהסט העברעאיש ?

— אביסעל. אין סאַנדיי סקול האָט ראַבי בערענשטיין מיט אונז העברעאיש אַמאָל געלערנט...

ראָבינס האָט א ציה געטאָן די אקסלען:

— א נייע וועלט! איך דערקען זי גאָר ניט...

איינע פון די מיידלאך איז צו איהם צוגעגאַנגען:

— שענקט עפּעס פאר דעם נאַציאָנאַלען פאָנד...

ראָבינס האָט זי געפרעגט, אויב זי איז הי־געבאָרען און זי האָט איהם געענטפערט, אז יאָ.

— און איהר ליעבט אמעריקאַ? — האָט ער זי דאָז געפרעגט.

— זעהר — האָט זי געענטפערט.

— און דאָך טראַכט איהר פון ציון...

זי האָט געענטפערט מיט א באַגייסטערטען שמייכעל:

— טויזענדער יאָהרען האָבען מיר פון ציון גע־חלום'ט, אין אלע לענדער, וואו מיר האָבען געלעבט... איצט ווערט ציון א ווירקליכקייט...

— וועט איהר פאָהרען אהין?

— איך ווייס ניט, אויב איך אליין וועל אהין פאָהרען: אָבער אונזערע אנדערע ברידער פון אנדערע לענדער, וואו זיי ליידען, וועלען אהין פאָהרען. און, ווידער — האָט זי צו־געלעגט שטיל און פארטראַכט — ווען מען ארבייט פאר אזא גרויסען אידעאַל, טראַכט מען דען פון דעם אייגענעם נוצען?...

ער האָט א טראַכט געטאָן:

„אָט דאָס איז דאָס!"...

און ווען עני האָט דער ציוניסטקע דערלאַנגט א פינף־דאָלאַרדיגע און געבעטען רעשטע, האָט ער זיך א כאַפּ גע־טאָן מיט א גוטמוטיגען שמייכעל:

— גיט איהר ניט קיין טשענדזש...

האָט ארויסגעכאַפּט נאָך געלד, איהר אין האַנד אריינ־געשפּאַרט און געזאָגט:

— און מיר אויך ניט!...

און האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט.

די ציוניסטקע האָט אויף א רגע איהם אָנגעקוקט פאר־וואונדערט מיט א פּאָר שוואַרצע ברענענדיגע, עכט־אידי־שע אויגע, דערנאָך האָט זי ארויסגערעדט: „טהענקס" און צוגעשפּיליעט צו זיין לאַץ א קליין ווייס פלעגעלע מיט א בלויען מגן־דוד און דערלאַנגט עני'ן אויך אזא פלעגעלע.

שפּעטער א ווײַלע, ווען ער און עני זײַנען געזעסען איז א טעקסי און געפאָהרען אהיים, האָט ער מיט א שמייכעל א קוק געטאָן אויף דאָס פּלעגלעלע אין זײַן לאַץ און זיך אָנ־גערופען צו עני'ן:

— דו זעהסט, עני, אמאָל בין איך געווען א פּרינציפּיע־לער געגנער פון דעם ציוניזם און ווען איך דערזעה זיך דאָן מיט אָט דעם ציוניסטישען עמבלעם אינ'ם לאַץ, וואָלט איך זיך אליין אָנגערופען „פאַררעטער". איצט אָבער. וועלל, קיין ציוניסט בין איך איצט אויך ניט; אָבער איך קוק אויף דעם ווי אויף א צייכען, אַז דער אידעאַליזם לעבט נאָך אויף דער אידישער גאַס, זאָל זײַן אין דער דאָזיגער גע־שטאַלט, אבי ער לעבט...

עני האָט געזאָגט מיט פּלוצימדיגער אײַפערזוכט אינ'ם הארצען:

— מען קען מיינען, אַז דו טראַכסט נאָר פון דעם, דזשאָו...

— אָהן דעם איז דאָס לעבען וואָכעדיג, עני...

— דו מיינסט אזוי?...

— איך וויים עס, עני...

זי האָט א ווײַלע געשוויגען און דערנאָך האָט זי זיך פּלוצים אָנגערופען:

— דו ליעבסט מיך ניט, דזשאָו...

— וואָס פעלט דיר איין?...

— ווען דו וואָלסט מיך געליעבט, וואָלסטו אזוי ניט געפּיהלט און ניט גערעדט...

ער האָט זיך צולאַכט:

— איך ליעב דיך, עני, גלויב מיר, אַז איך ליעב דיך...

איז צוגעפאַלען צו איהרע הענד און זיי געקושט.

און גלייך איז זי געוואָרען פרעהליכער.

— דזשאָו — האָט זי געזאָגט — צו גלויבען איז אַז אידעאַל איז שעהן. אָבער פאַרגעסען זיך צוליעב איהם אַן דעם אייגענעם גליק, דאַרף מען זײַן משוגע. דו האָסט דאָך געהערט, וואָס דיין באַקאַנטער אַלטער אידעאַליסט האָט געזאָגט? „א נאַר איז מען, ווען מען פאַרגעסט אַן דעם אייגענעם גליק צוליעב חלומות. מען לעבט איינמאָל"... מיר איז דאָס געפעלען געוואָרען...

ראַבינס האָט זיך ווידער צולאַכט:

— וועלל, וועלל, אָלל רייט, אָלל רייט!...

און ער האָט איהר ווידער די הענד געקושט...

* * *

אין דעם אייגענעם אָוועגד האָט רובינטשיק מיט ראַבינס'ן באַשלאָסען, אז די פארלאָבונג מיט עני זאָל געפייערט ווערען אין א וואָך ארום. און אויף מאָרגען האָט מען זיך שוין צו דעם גענומען פארגרייטען...

צווייטער טייל.

אין יענעם זוניגען נאָכמיטאָג, א פּאָר טעג פאָר עני'ס תנאים, זיינען אסתר און שאָסקע געזעסען אונטען אויפ'ן גאַניק און האָבען גערעדט וועגען דעם, וועמען פון די באַקאַנטע מען זאָל איינלאַדען צו די תנאים און וועמען ניט. און, נאַטירליך, האָבען זיי זיך דערביי ארומגעאַמפּערט, שאָסקע מיט היץ און אסתר רוהיג, און געבליבען איז, צום סוף, ווי שאָסקע האָט געזאָגט...

— קריגען זיך צוליעב דעם אין אזא שעהנעם טאָג לוינט זיך ניט. ווי זאָגט יענער? אבי שאַ, רוהיג! — האָט אסתר, צום סוף, איהר נאָכגעגעבען.

די נאָוועמבער זון האָט פרעהליך געלויכטען און ווייך און צארט געלאַסטשעט.

מיט אמאָל האָבען זיי דערהערט פון ערגעץ הינטער'ן גאַניק א הילכענדיג, יונג, מיידעלש קול, וואס האָט שטיפעריש געקלונגען:

— יו־הו! יו־הו־ו־ו!...

ביידע פרויען האָבען זיך א כאַפּ געטאָן און גענומען קוקען ארום גאַניק.

— וואָס איז דאָס? ווי רוטי'ס קול! — האָט שאָסקע ארויסגערעדט.

אסתר האָט געזאָגט:

— מיר האָט זיך אויך אזוי אויסגעוויזען.

— יו־הו! יו־הו־ו־ו!... — האָט זיך ווידער דאָן דערהערט יענער קול פון ערגעץ נאָהענט.

שאָסקע איז אויפגעשפרונגען.

— דאָס איז דאָך פּאַרט רוטי'ס קול!

פון הינטער'ן גאַניק האָט זיך דאַן דערהערט אַ שטיל און פאַרשטיקט געלעכטער.

אסתר האָט זיך אויך אויפגעהויבען.

— דאָס איז זי! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכעל — דער שטורם האָט זיך דאָ ערגעץ באַהאַלטען. קריך אַרויס, קוועק־זילבער. וואו באַהאַלסטו זיך דאָרט?

קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען.

— דאָס האָט זיך אונז, מסתמא, אויסגעוויזען — האָט שאַסקע דערנאָך געזאָגט, — זי דאַרף דאָך ערשט קומען מאָרגען.

— אַ קשיא אויף רוטי'ן—האָט אסתר געענטפערט. און מיט אַמאָל האָט זי דערזעהען אויף דעם אַנדער עק גאַניק דורך די שטאַכעטען אַ פּאָר פייערדיגע, שוואַרצע, לאַכעדיגע אויגען, וואָס האָבען געקוקט גלייך איהר אין פּנים אַריין, און זי האָט מיט אַ פרעהליכער מינע אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און אַרויסגערעדט:

— נו? . . .

שאַסקע האָט דאַן אויך באַמערקט יענע אויגען דורך די שטאַכעטען און מיט התפּעלות זיך אַ וואָרף געטאָן:

— אוי, רוטילע! . . .

אַ הייזער געלעכטער האָט זיך דאַן פון הינטער'ן גאַניק דערהערט, און אַ גרויסער שטרויענער פּאַרמער־הוט האָט זיך באַוויזען און אונטער איהם די שוואַרצע לאַכעדיגע אויגען און אַ יונגער, רונדער, פון זון־פאַרברענטער פּנים, מיט שמייכלענדיגע חן־גריבעלאַך, און באַלד איז פאַר זיי געשטאַנען די גאַנצע שלאַנקע און ניט הויכע פיגור פון רוטי'ן, וועלכע האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ קינדעריש־שטיפערישער מינע . . .

— העללאָ! — האָט זי הילכיג אויסגעשריען און אַ וואָרף געטאָן זיך אויפ'ן גאַניק און שטורמיש אַרומגעכאַפּט אסתר'ן און זי געקושט און דערנאָך שאַסקע'ן.

— וואָס טראַגסטו אויפ'ן קאָפּ? — האָט אסתר זיך אָנגערופען.

— אַ פּאַרמער־הוט. געבראַכט פון די מאַונטיינס. ווי געפעהלט איך אייך אין דעם? — האָט רוטי גערעדט און גע־

שמייכעלט אזוי זוניג מיט איהרע שוואַרצע, פייערדיגע אױ־גען און מיט איהר גאַנצען יונגען און ליכטיגען וועזען...

אסתר האָט געקוקט אויף איהר מיט ליעבע און גע־ענטפערט:

— ווען דו וואָלסט נאָר ניט געווען אזוי משוגע׳וואַטע, מיין קינד!

און שאָסקע האָט מיט הרחבה געשמייכעלט און גערעדט:

— אוי, אזא „פּיקטשע״, לעבען זאָל זי!... און וויפיעל איז דיר צוגעקומען רוטעלע?

רוטי האָט זיך אָנגעבלאָזען, ווי א צובאַלעוועט קינד, ווען מען זאָגט איהם עפּעס, וואָס איז איהם ניט געפעהלען, און זי האָט געענטפערט:

— צוגעקומען... אין דהי נעק! איך האָב פאַרלאָרען... צוויי פונט פאַרלאָרען... געוואָלט דריי־פיער־פינף פאַרלירען, אָבער ניט געגאַנגען... זעה, בין איך דען וועניג דיק?

און זי האָט א פיהר געטאָן מיט איהרע ביידע קליינע הענט איבער איהרע רונדע היפּטען, אָנגענומען זיך מיט א האַנט ביי איהר שלאַנקער און בויגיגער טאַליע און, ווי א נאָכגעגעבען קינד, אַרויסגערעדט:

— זעהסט? נאָך צו דיק! א דריי־פיער־פינף־זעקס פונט איבריג!

אסתר האָט גוטמוטיג א שמייכעל געטאָן:

— ווי זאָגט יענער? רוטי מיט איהר משוגעת! ווי קומט עס, וואָס מיר האָבען ניט געהערט, ווען דו ביזט גע־קומען?

— ווייל איך האָב ניט געוואָלט, האָט איהר ניט געהערט — האָט רוטי זיך שטיפעריש צולאַכט. — איך האָב פון ווייטען דערזעהען, אז איהר זיצט. בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון דער טעקסי און זיך דערנאָך צוגע׳גנב׳עט צום פאָרטש און זיך דאָרט אוועקגעזעצט אויף מיין סעטשעל. וואו איז עני? — האָט זי מיט אמאָל זיך אונטערבראָכען — וואָס מאַכט זי, אונזער כלה?

— זי איז דאָרט ביי זיך אינ׳ם רום! — האָט שאָסקע געענטפערט און צוגעלעגט — אי, רוטעלע, האָט זי א חתן, אויף דיר געזאָגט געוואָרען! איכ׳ל געהן איהר אָנזאָגען, אז דו ביזט דאָ!

און זי איז אַוועקגעלאָפּן.

דאַן האָט רוטי זיך אָנגערופן:

— איך בין אַזוי גליקליך, מאַמע, פאַר עני׳ן...

— מיר אַלע זיינען גליקליך, מיין קינד. קום אַריין אין הויז.

— איך וועל נעהמען מיין סעטשעל — האָט רוטי געזאָגט, איז אַרונטערגעלאָפן פון׳ם גאַניק און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט אַ קליינעם סאַקוואַיאַזש אין דער האַנט.

זיי זיינען אין שטוב אַריין.

רוטי האָט אַרונטערגענומען דעם הוט פון׳ם קאָפּ און מיט איהרע האָר, ווי שוואַרצער סאַמעט, וואָס זיינען אַזוי פאַרקאַמט געווען אויף איהר נאַקען, אַז זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אָפּגעשאָרען פון הינטען, און אין איהר קורצען העלען קלייד, מיט איהר הויכען, דינעם און בויגיגען האַלז, ווי ביי אַ שוואַן, האָט זי אויסגעקוקט מעהר קינד ווי אַן אכצעהן־יעהריג מיידעל.

אסתר האָט די אויגען פון איהר ניט געקענט אָפּרייסען. און אַזוי פיעל שטילע, טיעפע, ליעבע האָט איהר בליק, וואָס האָט געצערטעלט און געקושט איהר רוטי׳ן, איצט אויסגעדריקט!...

רוטי איז געוואָרען אונגעדולדיג.

— וואו איז זי, עני? — האָט זי אויסגעשריען.

אסתר האָט געענטפערט:

— זי טוט זיך דאָרט אָן. זי דאַרף געהן באַלד צו דער דרעסמייקערין.

רוטי איז דאַן פון׳ם צימער אַרויסגעלאָפען, און באַלד איז זי געווען אויבען, ביי עני׳ן אין צימער, אַריינגעלאָפען אַהין, ווי אַ שטורם, בעת שאָסקע איז געשטאַנען הינטער עני׳ן און האָט איהר געשפּילעט די קנעפּלאַך פון׳ם קלייד, און האָט זיך אַ וואַרף געטאָן מיט ביידע אָרמס איהר שוועסטער אויפ׳ן האַלז און איז געבליבען הענגען אויף איהר, ווי אַ קליין קינד, האָט זי געקושט און געדריגעוועט מיט די פיס.

שאָסקע, מיט אַ לאַכעדיגען פּנים, האָט געשריען:

— גענוג, גענוג, משוגענע, זי איז שוין דאָ! דערשטיק זי ניט. לאָז עפּעס איבער פאַר דזשאָו׳ן!...

רוטי האָט זי איינגעלאָזען, איז אַרונטערגעשפּרונגען

אויף דר׳ערד, האָט אַ פיהר געטאָן מיטביידע הענט איבער די האָר, וואָס האָבען זיך צושאָטען איבער׳ן שטערן און איבער די אויגען, פאַרריכט זיי מיט אַ שנעלער באַוועגונג און פרעה־ליך און גליקליך האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטוהל, אויסגעצויגען איהרע קליינע פיס, אַרויסגעשטעלט די לאַקירטע שיך מיט די שפּיציגע גלאַנציגע נעזלאַך, אַ קוק געטאָן שטי־פעריש איהר שוועסטער אין די אויגען אַריין און זיך אָנ־גערופען:

— אַט זעה איך!...

— וואָס? — האָט ענני פרעהליך געפרעגט, שטעהענדיג מיט׳ן רוקען צו שאַסקע׳ן, וועלכע האָט איהר פון הינטען דאָס קלייד געשפּילעט.

— אין דיינע אויגען — האָט רוטי געענטפערט און גע־קלאַפּט מיט איהרע שיך אַ נעזעל אָן אַ נעזעל.

— וואָס זעהסטו דאָרט?

— דאָס ריכטיגע...

— וואָס מיינסטו? — האָט ענני זיך גליקליך צולאַכט.

— דאָס ריכטיגע — האָט רוטי געענטפערט און שטי־פעריש צוגעלעגט — אוהו!...

איז דאַן מיט אַ מאָל אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט, צוגעלאָפען צו ענני׳ן און האָט צוגעדריקט איהר אויער צו ענני׳ס בוזים, אַ ווײַלע זיך צוגעהערט צו דעם קלאַפּען פון איהר האַרצען און דערנאָך שטיפעריש געזאָגט:

— שור!...

ענני האָט זיך צולאַכט:

— וואָס שור?

רוטי האָט זיך צוגעדריקט צו איהר, ווי אַ קעצעלע, און געענטפערט:

— דו ווייסט, וואָס איך מיין...

ענני האָט זיך ווידער צולאַכט. דאַן האָט זי אויך שטי־פעריש, נאָכמאַכענדיג רוטי׳ן, געזאָגט:

— אוהו! אוהו!

און זי לײַדענשאַפטליך אַ קוש געטאָן.

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען שאַסקע איז פונ׳ם צימער אַרויס, האָט רוטי צוגעצויגען ענני׳ן צו דער קליינער זאָפע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, מיט די ווערטער:

— קום, עני, דו וועסט מיר דערצעהלען.

און דיביידע שוועסטער האָבען זיך דאָרט אוועקגעזעצט. ביידע מיט גליקליכע, שטראַהלענדיגע אויגען.

— איך בין אזוי גליקליך, עני! — האָט רוטי דאָן געזאָגט און צוגעדריקט איהר באַק צו עני'ס האַנט, וואָס האָט איהר האַנט געהאַלטען.

עני האָט מיט ליעבע געענטפערט:

— איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליעב. איך האָב דיך, רוטי, אויך זעהר ליעב. דו ווייסט עס...

— און איהם?

עני האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— אוהו!

— שטאַרק ליעב?...

— אוהו! אוהו! ווען דו זאָלסט איהם זעהן, רוטי... ווען דו זאָלסט איהם קענען! — האָט זי דאָן צוגעלעגט מיט אַ פליסטערען.

— שעהן?

— אוהו!...

— הויך?

— אוהו!...

— ניט קיין בלאַסער?

עני האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

אָה, ניין. אַמאָל, ווען ער איז ביי אונז געווען אַ גרינער, איז ער בלאַס געווען. היינט אָבער... אוי, רוטי! — האָט זי פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן רוטי'ן, צוגעדריקט זי צו זיך און לייַדענשאַפטליך זי אַ קוש געטאָן.

— פיין! — האָט דאָן רוטי מיט התפעלות זיך אָנגערופען — מיר געפעהלען ניט קיין בלאַסע דזשענטעללייט... און זיינע אויגען?...

— שווארצע, פייערדיגע. כמעט ווי ביי דיר, און די האָר אויך שווארצע און געקרויזטע... און קלוג איז ער, רוטי!...

און פּלוצים האָט זיך עני צואוויינט.

רוטי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו וויינסט גאָר, עני? דו דאַרפסט דאָך טאַנצען פאַר גליק...

עני האָט ליידענשאַפטליך געענטפערט:

— איך האָב איהם אזוי ליעב, רוטי, אזוי ליעב...

— היינט פאַרוואָס וויינסטו?...

— איך ווייס אליין ניט, רוטי... גאַנץ אָפט ווילט זיך מיר וויינען...

— משוגע!

— מיר דאַכט זיך, ווען איך וואָלט זיך געקענט אויס־וויינען שטאַרק, שטאַרק, זעהר שטאַרק, דאַן וואָלט איך אפשר געקענט פרייער לאַכען...

רוטי האָט א ציה געטאָן די אקסלען.

— איך פאַרשטעה דיך ניט. ביזטו גליקליך?

— זעהר.

— היינט פאַרוואָס רעדסטו פון וויינען?

— ווען מען איז זעהר גליקליך, וויינט מען אמאָל אויך... רוטי, זאָג מיר דעם אמת: בין איך שעהן?

— זעהר שעהן, עני...

— דעם אמת, זאָג מיר!

— איך זאָג דיר דעם אמת, עני: דו ביזט זעהר שעהן...

— קוק איך ניט אוים... אלט? — האָט זי דאַן מיט מיה ארויסגערעדט.

— משוגע! דו זעהסט אויס שעהן און יונג. וואָס פעהלט דיר איין?...

עני האָט ארויסגעפליסטערט:

— איך וואָלט איצט געוואָלט זיין שעהן, און זעהר יונג, אזוי ווי דו, רוטי!...

רוטי האָט זיך א כאַפּ געטאָן און מיט אן ערנסטער מינע געזאָגט:

— דו ביזט פיעל שעהנער פון מיר, עני! „אַפּאָן מאַי וואָירד", שעהנער! קום צום שפּיגעל און קוק אָן זיך און מיך! און זי האָט עני'ן מיט געוואַלד צוגעשלעפּט צום שפּיגעל און אוועקגעשטעלט זיך נעבען איהר אַקסעל צו אקסעל און ווייטער גערעדט:

— זעהסט, דו ביזט כמעט מיט א קאָפּ העכער פון מיר. „יו אַר סטאַנינג!..."

ביי עני'ן איז מיט אמאָל דער פּנים ווי מיט א זון באַ־

שטראַהלט געוואָרען און זי האָט פעסט צוגעדריקט צו זיך רוטי'ן.

— וואו איז ער, דזשאָו? — האָט דאַן רוטי געפרעגט.

— ער איז אוועקגעפאָהרען אין ניו יאָרק וועגען ביזנעס. ער האָט שוין געדאַרפט זיין צוריק.

רוטי האָט געמאַכט א שטיפערישע מינע און געזאָגט:

— עס איז גוט וואָס אין דער סאוט זיינען דאָ בלויז נעגערקעס, קומען די דזשענטעללייט אין ניו יאָרק און פאַר־ליעבען זיך. ניט אמת, עני?

— פיליכט — האָט עני גליקליך א לאַך געטאָן.

— און איבער א יאָהר — האָט רוטי ווידער געזאָגט אין דעם אומשולדיגסטען טאָן — וועל איך אפשר זיין א טאַנטע.

עני איז רויט געוואָרען און האָט זי אַנגעקוקט מיט א פאַרשעהמטען שמייכעל.

— רוטי, פע!...

— וואָס פע, דו האָב נאָר א שעהנעם באָי, דו הערסט? דאַן וועל איך איהם מאָהלען...

עני האָט איהר פאַרשטעלט דעם מויל און מיט א צו־מישטען שמייכעל און פאַרשטיקט אויסגעשריען:

— רוטי, קינד, וואָס רעדסטו אזוינס? ניט שעהן. מען קען נאָך דערהערען.

רוטי האָט באַפרייט איהר מויל פון אונטער עני'ס הענט.

— וואָס דערהערען? — האָט זי געזאָגט — וואָס ניט שעהן? דו ווייסט אַליין ניט, וואָס דו רעדסט! די ליעבע האָט דיר דעם קאָפּ צומישט. דו זאָג מיר בעסער: גערענקט מיך דזשאָו?

— ווי אזוי? דו ביזט נאָך קיין יאָהר ניט אַלט געוועזן... אָבער איך מוז געהן צו דער דרעסמייקערין. דו, רוטי, געה עסען. איך וועל באַלד זיין צוריק.

און ביידע שוועסטער זיינען געאַרימט ארויס פונ'ם צי־מער, רוטי, דריקענדיג זיך אין גאַנג צו איהר שוועסטער'ס אַקסעל, אַט אזוי ווי א קעצעלע, וואָס וואַלט שטיפענדיג זיך געלאַשטשעט, און עני, מיט א קאָפּ העכער פון איהר, בריי־טער און אימפּאָזאַנטער, שמייכלענדיג פאַרטראַכט.

אזוי זיינען זיי פון די טרעפּ ארונטער און אין קאָרידאָר

אריין. דאָרט האָבען זיי זיך צושיידט — ענע איז אוועק צו דער דרעסמייקערין און רוטי איז אריין אין עס־צימער.

שפּעטער איז רוטי געזעסען ביי אסתר'ן אויפ'ן שויס און האָט איהר דערצעהלט, ווי זי האָט פאַרבראַכט אין די בערג. זי האָט איהר וועגען אַלצדינג דערצעהלט, וועגען די מענשען, וואָס זי האָט דאָרט געטראָפען און וועגען די בילדער וואָס זי האָט דאָרט געמאָלען.

— און אַ שטורם האָבען מיר דאָרט געהאַט, מאַמע, סאָם סטאָרם! — האָט זי פלוצים גענומען דערצעהלען, און איהרע שוואַרצע אויגען האָבען זיך מיט באַגייסטערונג אָנגעצונדען — דו געדענקסט דאָך ווי טענענאַ־לייק זעהט אויס? דער לייק, פון אַלע זייטען פון וואַלד אַרומגענומען, זעהט אויס ווי אַ גרויס ווייס בילד אין אַ גרינעם ראַהם. מען זאָגט, אַז עס איז דאָרט זעהר טיעף, איבער פופציג פוס... אָבער שטיל איז דער לייק כמעט אימער, שטיל און ווייס, און גלאַט, און קלאָר, אַזוי ווי אַ שפּיגעל... האָב איך איהם ליעב, מאַמע! מיין גאַנץ לעבען, דאַכט זיך מיר, וואָלט איך אויף דעם לייק פאַרבראַכט... פאַהרסט אַרויס אויף איהם אין דערפריה באַלד נאָך ברעקפעסט, — שטיל. דאָס וואַסער איז ווי אַ רוהיגער שפּיגעל. פון די אַרומיגע בוימער ציהען זיך און פאַלען גרינע שאָטענס. דאָס שיפעל גליטשט זיך. מען הערט קוים דעם קלאַפען פון די רודערס איבער'ן טייך, און פון'ם וואַלד הערט זיך נאָכאַנאַנד: טריל־טריל... פליו־פליו! און באַלד: טררר־טשוק, טשוק! אַזוי ווי פויגעלעך וואָלטען מיט זייערע שנעבעלאַך אָן די בוימער־צווייגען דאָרט געקלאַפּט... דו הערסט זיך צו, און מיט אַמאָל פאַרגלוסט זיך דיר נאָכצומאַכען די פויגעלאַך, און דו פּרובסט... טריל־טריל... טררר־טשוק! טשוק! מאַמע, מאַך איך ריכטיג נאָך אַ פויגעלע? — האָט רוטי זיך פלוצים אונטערבראָכען.

אסתר, וועלכע האָט מיט ליעבע די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צו איהר, האָט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל געענטפערט:

— מיין קינד, די פויגעלאַך מאַכען דיר נאָך. אָבער דערצעהל ווייטער. איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט די משוגעת'ן פון מיין משוגע'נער רוטי'ן...

— אַלזאָ, וואו האַלט איך? יעס! — האָט רוטי ווייטער גענומען ריידען — איז קיין גרעסערער פּלעזשור ווי צו פּאַה־רען אויף דעם לייק גאָר ניטאָ. דו הערסט מאַמע? דו פאַהרסט מיט אַ באָי, ווילט זיך דיר וויסען, ווי דו זעהסט אויס. דיין שפּיגעלע האָסטו פאַרגעסען אינ׳ם האָטעל, טוסטו אַ קוק אין וואסער, און דו דערזעהסט דיין מיאוס פּנים נאָך קלאָרער, ווי אין אַ שפּיגעל. טוסטו אַ ווינק מיט די אויגען צו דיין פּנים אינ׳ם וואַסער, און עס ווינקט צוריק. צעלאַכסטו זיך, לאַכט עס פונ׳ם וואַסער צוריק. און דאָ דערזעהסטו מיט אמאָל אַ פּאָר גרינע בוימער מיט גרויסע צווייגען, איבערגעקעהרט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ, אינ׳ם וואַסער. עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז זיי וואַקסען דאָס אַזוי אינ׳ם לייק, און אויף אַ מאָמענט פאַרגעסטו גאָר, אַז דאָס שפּיגלען זיך אַזוי אָפּ אין דעם קלאָ־רען וואַסער די בוימער פונ׳ם וואַלד... נאָך שעהנער, מאַמע, איז אין אַ לבנה־נאַכט. די לבנה קוקט דאַן אַרויס פונ׳ם וואַ־סער, און אַמאָל, דאַכט זיך, הענגט זי דאָרט אויף די איבער־געקעהרטע צווייגען. איז דאָס ניט שעהן, מאַמע? !

— אָבער דו האָסט דאָך מיר געוואָלט דערצעהלען עפּעס וועגען אַ שטורם — האָט אסתר זיך אָנגערופען מיט איהר שמייכעל.

— אָה, יעס. דאָס איז געווען ערשט לעצטע וואָך. פאָהר איך אַרוים מיט אַ באָי, אַ דעם־פּול, גאָט! גאָט! אַ סטודענט פון קאָלאָמביא אוניווערסיטי, מיט אַ נאָז ווי צעהן נעזער. באַלד אַזוי לאַנג ווי מיין אָרעם. מאַמע, פאַרוואָס זיי־נען מענשען מיט לאַנגע נעזער אַזוי נאַריש? — האָט זי זיך מיט אַמאָל אונטערבראָכען.

אסתר האָט זיך צעלאַכט:

— נו, נו, דערצעהל, דערצעהל!

— ערנסט, מאַמע, איך האָב עס באַמערקט: אַ מענש מיט אַ לאַנגער נאָז מוז זיין נאַריש.

— נו, אַז דו ביזט נאַריש מיט אַ קורצער נאָז?

רוטי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און שטיפעריש אַריינגע־קוקט איהר מאַמען אין די אויגען.

— דו מיינסט עס? וועל איך ניט דערצעהלען...

— דו וועסט יאָ דערצעהלען. זאָל איך ניט וועלען אויס־

הערען דיין מעשה, וועסטו מיר נאָכלויפען. און אפשר טאַקי? ווי זאָגט יענער? איך דאַרף נאָך עפּעס טאָן.

און אסתר, מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, האָט זיך גע־וואָלט אויפהויבען.

אָבער רוטי האָט זי צוריקגעהאַלטען.

— זיץ, הער אויס, וואָס עס איז געווען. אַלזאָ, פאָהר איך מיט דעם באָי, איך רודער, ער זיצט מיט זיין נאָז און קוקט אויף מיר ווי א דעם־פול. דער לייק איז שטיל, ווי גע־וועהנליך. פונ'ם וואַלד טרילט. דער הימעל — בלאָה, שעהן. די זון וואַרעמט. פאַרגלוסט זיך מיר צו מאַכען שפּאַס פון זיין נאָז. איך פרעג איהם: ווי אַזוי פאַרגינט זיך א מענש צו האָ־בען אַזאַ נאָז? טוט ער אַ קוק אויף מיר, ווי אַ מערדער, און שווייגט. פרעג איך איהם דערנאָך, אויב ער האָט ברידער, שוועסטער. ענטפערט ער מיט כעס: „און אַז איך האָב?" — פרעג איך איהם: איז ביי זיי עפּעס אויך געבליבען א שטיקעל נאָז? ענטפערט ער מיר, אַז איך בין א נאַר. זאָג איך איהם: אויב ער וועט זיין אַזוי פרעך, לעג איך אַוועק די רודערס און זאָל ער רודערען... און ער קען ניט, מאַמע. שווייגט ער און קעהרט אָפּ ברוגז פון מיר דעם קאָפּ. דערנאָך הויב איך אָן צו זינגען. וויל ער דאָך מיר באַצאָהלען, זאָגט ער, אַז איך זינג ווי א גאַנז. זינג איך העכער, פאַרשטאָפּט ער זיך די אויערען. זינג איך נאָך העכער, שריי מיט די לעצטע כחות, הויבט ער אָן צו וואַרפען מיט די פיס און קלאַפּען מיט זיי אָן שיפעל. זאָג איך צו איהם: נאָז, איהר ווילט נעהמען א קאַלטע וואַ־נע? איהר וועט דאָך אומדרעהען דאָס שיפעל. בלייבט ער דאַן זיצען ווי אַ דעם־פול און טוט זיך מעהר ניט א ריהר. און מיט אַמאָל... די בוימער האָבען גענומען רוישען. דער הימעל איבער אונז איז שוואַרץ, דאָס וואַסער — אויבען ווי זילבער, און טוט מען א קוק אין דער טיעף, קוקען דיר אַנטקעגען פון דאָרט א שטיקעלע בלאָהער הימעל און אַ גרויסער שוואַרצער וואָלקען. זאָג איך: „אַ שטורם קומט!", און דאָ זעה איך, ווי די מענשען ארום אונז יאָגען זייערע שיפלאַך צום ברעג און אַלע שרייען: „גיכער, אַ שטורם!" אַרט מיך ניט. איך האָב אַ שטורם דוקא ליעב. מיין באָי הויבט אָן צו שרייען, אַז איך זאָל פאָהרען צום ברעג. לאַך איך און פרעג איהם, צי ער האָט שוין געמאַכט א טעסטאַמענט. און דאָ — טראַ־אַך! אַ דונער,

ווי פון א קאַנאַנע האָט אויסגעשאָסען! און באַלד... מאַמע, דו האָסט געדאַרפט זעהן! דער גאַנצער לייק האָט גענומען זידען, און איז אינגאַנצען באַדעקט געוואָרען ווי מיט שטיקלאַך סטאַרינאַווע ליכט, וועלכע האָבען געטאַנצט, געטאַנצט, גע־טאַנצט איבער'ן קאָכעדיגען וואַסער, און אונזער שיפעל טאַנצט מיט, וויגט זיך און הויבט זיך ארויף און אַראָפּ. רו־דערען קען איך ניט. אַרום שרייט און פּילדערט, און דונערט, און בליצט. און דאָ זעה איך, ווי א גרויסער בוים אויפ'ן ברעג איז אויף צווייען איבערגעבראָכען געוואָרען, אַזוי ווי אימיצער וואָלט אויף צווייען איהם איבערגעהאַקט... מיין באַי זיצט א טויטער, צונויפגעקאַרטשעט, ווייס, אפילו זיין נאָז איז טויט, קוקט מיט צעטומעלטע אויגען, און איז אָהן לשון. און איך, מאַמע, פיהל אזוי גוט, אַזוי גוט. איך שריי אויך מיט'ן שטורם, שריי און פּילדער, און טראַכט גאַרניט, צי וועט זיך מיין שיפעל איבערקעהרען, צי ניט. אַי דאַנט קער, זאָל זיך עס אפילו איבערקעהרען!

— משוגענע! — האָט אסתר זי אונטערבראָכען מיט שרעק — גוואַלד, ביז ווי לאַנג וועסטו זיין אזוי ווילד? ווי זאָגט יענער? מען דאַרף דאָך אכטונג געבען אויף דיר ווי אויף א בייבי!...

רוטי האָט זיך צולאַכט:

— ווי זאָגט יענער? יענער באַי האָט אויך געזאָגט, אז איך בין ווילד, ווען איך האָב שפּעטער, נאָך דעם שטורם, איהם א צושראָקענעם צום ברעג געבראַכט. אַי, מאַמע, — איז זי אויפגעשפּרונגען — האָב איך ליעב אזא שטורם!...

און מיט אמאָל איז זי שטעהן געבליבען מיט איהרע שוואַרצע, צופלאַמטע אויגען אויף די אריינגאַנגס־טהיר גע־ריכטעט.

האַבינס איז דאָרט געשטאַנען און אויך געקוקט אויף איהר.

אסתר האָט איהם אויך באמערקט. זי האָט זיך אויפגע־הויבען פון איהר אָרט מיט איהר גוטען שמייכעל און זיך אָנ־גערופען:

— דזשאָו? קום אריין. דאָס איז רוטי.

ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו רוטי'ן מיט אָן אויסגע־שטרעקטער האנד.

— העללאָ!

רוטי האָט גענומען זיין האנד, געקוקט איהם אין פּנים אריין נאָך א ווײַלע און זיך אָנגערופען:

— דאָס איז דזשאָו? העללאָ, מיסטער קאָזין!

האָט א קוק געטאָן מיט איין לאַבעדיג אויג אויף איהר מוטער, מיט דעם אנדערען אויף ראָבינס'ן, און ווייטער גע־רעדט:

— מאַמע, מעג איך? יעס? ער איז דאָך א קאָזין און באַלד א שוואָגער אויך!...

און זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צו ראָבינס'ן און אזוי שטורמיש איהם א קוש געטאָן, אז ער איז צומישט געוואָרען.

רוטי האָט זיך הילכיג דאָן צולאַכט.

— מיסטער קאָזין, וואָס האָסטו זיך אזוי פארשעהמט? זעה, מאַמע, קוק איהם אָן!

אסתר האָט גוטמוטהיג געענטפערט:

— ווי זאָגט יענער? דו ביזט אמת משוגע, רוטי!

ראָבינס האָט מיט א פארוואונדערטען שמייכעל זיך דערנאָך אָנגערופען:

— איז עס יענע רוטי? די אייגענע, וואָס איך האָב אמאָל אויף מיינע הענד געטראָגען, ווען עס איז נאָך געווען גאָר א קליין, קליין בייבי?

— בין איך פאר דער צייט ניט אויסגעוואַקסען, מיסטער קאָזין? — האָט רוטי שטיפעריש געזאָגט — דאָן האָב איך אויך געהאַט אזא פיגור?

און זי האָט זיך גענומען דרעהען פאר איהם, ווייזענדיג איהר פיגור.

ראָבינס האָט א טראַכט געטאָן:

„ס'רא ווילדע מיידעל!...“

און אסתר האָט זיך אָנגעבייזערט אויף איהר:

— רוטי, זיי ניט משוגע. שטעה איין, קוועק־זילבער!

רוטי האָט זיך דאָן אָפּגעשטעלט, א בריה געטאָן ראָ־בינס'ן מיט איהרע צופלאַמטע אויגען און זיך אָנגערופען:

— וועלל, מיסטער קאָזין, האָב איך דאָן אויך אזא פיגור געהאַט?

ער האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט.

— איך געדענק שוין ניט — האָט ער דערנאָך געענט־

פערט און זיך אוועקגעזעצט אין א שאַקעל־שטול. דאַן האָט ער א ווײַלע געקוקט אויף איהר און ווידער זיך אָנגערופען:

— ווי די צייט לויפט! ווי לאַנג איז עס, אז איך האָב דיך אויף די קניע געוויעגט...

— אז דו ווילסט, קאָנסטו איצט אויך האָבען דאָס פאַר־געניגען — האָט רוטי פּלוצים געזאָגט, און שנעל זיך אויפ־געזעצט ביי איהם אויף די קניע.

ראַבינס איז ווידער צומישט געוואָרען און אסתר האָט ווידער אויף איהר אָנגעשריען:

— רוטי, וואס איז דאָס? קריך אַרונטער!

רוטי האָט זיך צולאַכט:

— אַי, מאַמע, עס איז אזוי גוט צו זיצען! מיסטער קאַיין, וועלל, פאַרוואָס וויעגסטו ניט? בין איך דען שווערער ווי אמאָל?

— ביזטו ביים זינען, רוטי? — האָט אסתר ווידער זיך אָנגערופען מיט א שטרענגען טאָן.

— איך גלויב אזוי, מאַמע. דזשאָו, קוק איך אויס ווי א משוגע'נע?

דזשאָו האָט מיט א צומישטען שמייכעל געענטפערט:

— ווי א משוגע'נע? אָה, ניין! אָבער ווי איינע, וואס קאָן משוגע מאַכען — יאָ!

רוטי האָט פרעהלאַך זיך א האָצקע געטאָן אויף זיינע קניע, געמאַכט א פּאָר גרויסע אויגען, און אויסגעשריען:

— הו! אזוי שרעקליך בין איך?

— אַרונטער פון דזשאָו'ס קניע, רוטי! — איז אסתר צו איהר צוגעגאַנגען.

— מיסטער קאַזין, איז דיר שווער מיך אזוי צו האַל־טען?

— אָה, ניין! — האָט ראַבינס געענטפערט און זיך צולאַכט.

— דו הערסט, מאַמע? — האָט דאַן רוטי זיך אָנגערו־פען — ער זאָגט, אַז איהם איז עס ניט שווער. היינט פאַרוואָס זאָל עס דיר זיין שווער?

ראַבינס האָט זיך ווידער צולאַכט:

— אַך, דו קליינער טייפעל דו!...

און ווען אסתר האָט אָנגענומען רוטי'ן פאַר אַן אָרם און

גערואַלט זי ארונטערשלעפּען פון זיינע קניע, האָט ער פּלוצים איהר געזאָגט אין דער רוסישער שפּראַך:

— לאָזט זי. אַ קינד...

זי האָט איהם אויך געענטפערט אין רוסיש:

— געווים איז זי אַ קינד, אָבער זי דאַרף ניט זיין ווילד...

רוטי האָט דאַן אויסגעשריען:

— פאַר גאָד'ס סעיק, רעדט אָנקעל סעם'ס שפּראַך, אָדער אידיש; איך וויל אויך פאַרשטעהן...

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— מיר ריידען, אַז דו ביזט אַ ווילדע... אַ דערוואַקסע־נע מיידעל דאַרף ניט זיין אַזוי משוגע.

פּלוצים האָט רוטי אָנגעקוקט איהר מאַמע'ן אַזוי פאַר־וואונדערט און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָי, מיין באַי מיט דער נאָז! איך מוז גלייך אָנשריי־בען אַ בריעף אין מיין האָטעל...

און זי איז אַרונטערגעשפּרונגען פון ראַבינס'עס קניע.

— וואָס באַי? וואָס־נאָז? — האָט אסתר געפרעגט.

— אַ שאַרזש, וואָס איך האָב געמאַכט פון דעם באַי מיט דער נאָז, האָב איך דאָרט פאַרגעסען אין האָטעל. און איך מוז עס האָבען. אַזוי פאַני...

און זי איז ארויסגעלאָפען פונ'ם צימער.

אסתר האָט איהר נאָכגעקוקט.

— אַ רוח! — האָט זי געזאָגט און שוין ווידער רוהיג געשמייכעלט.

— אַ ליעב קינד! — האָט ראַבינס אויך געזאָגט.

— דו מיינסט, אַז בלויז מיט דיר אליין שטיפט זי אַזוי? ווי זאָגט יענער? מיט אַלעמען. אַ באַי, אַ מיידעל — זי מאַכט ניט קיין אונטערשייד.

— דאָס באַווייזט, ווי אומשולדיג זי איז — האָט ראַ־בינס זיך אָנגערופען.

— זיי זיינען אַלע אַזוי — האָט אסתר דאַן פאַרטראַכט ארויסגערעדט.

— ווער?

— די היגע אמעריקאַנישע מיידלאַך...

— וואָס מיינט איהר?

אסתר האָט געענטפערט:

— איך געדענק די מיידלאך אמאָל אין רוסלאַנד און אפילו די היינטיגע, וואס קומען אהער פון דאָרט... פאר א בחור שעהמט מען זיך, און ווער רעדט, א קוש טאָן א בחור, צי גלאַט א שטיעף טאָן מיט איהם — דאָס וועט סיידען אן אומאַנשטענדיגע זיך ערלויבען... דאָס היגע מיידעל אָבער וועט אַ שטיף טאָן מיט אַ באָי און ניט איהר און ניט דעם באָי וועט, חלילה, עפּעס שלעכטס איינפאַלען... זיי זיינען אזוי צוגעוואוינט צו די באָיעס פון קינדווייז אויף, געהען צו־זאַמען מיט זיי אין סקול פון זעקס־יאהריגען עלטער ביז זיי זיינען פופצעהן—זעכצעהן יאָהר אַלט, פאַרברענגען צוזאַמען אין פאַרשידענע קינדערשע קלובס, געהען צוזאַמען ארויס, אַזוי, אַז דאָס מיידעל און דער באָי זיינען גיכער צוויי גוטע חברים. דערפאַר איז מיר דאָס האַרץ תמיד רוהיג געווען, ווען מיינע קינדער זיינען אַרויסגעגאַנגען אָדער אַרויסגעפאָה־רען אַליין מיט באָיעס.

— גאַנץ ריכטיג, טאַנטע — האָט ראָבינס זיך אַנגערו־פען.

— דער בעסטער באַווייז, אַז עס איז אמת, וואָס איך זאָג, איז דער: זאָל דאָס אייגענע מיידעל, וואָס שטיפט אזוי מיט אַ באָי, דערנאָך זיך אין איהם פאַרליעבען, איז זי שוין אַ אַנדערע. זי קריכט שוין ניט מעהר צו איהם, איז שטיל, ווי אַ קעצעלע, און האָט דעם לשון כמעט פאַרלאָרען. פאַר־וואָס? ווייל איצט ערשט איז ער פאַר איהר אַ באָי און זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז אַ מיידעל...

ראָבינס האָט זיך אַנגערופען מיט התפּעלות:

— מערקווירדיג, ווי אזוי איהר באַמערקט דאָס אַלצ־דינג...

זי האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— דורך מיינע ברילען. ניטאָ וואָס צו טאָן, קוקט מען דורך די ברילען אויף דער וועלט. כאַפּט מען אַמאָל אַ קוק דאָ, דאָרט... זעהט מען דאָס, אַן אַנדער זאַך, און אזוי באַמערקט מען עפּעס. ווי זאָגט יענער? אַ דאַנק גאָט, אָבי די ברילען זיינען נאָך קלאָר...

.2

שאַסקע איז אַריינגעקומען פון דער גאַס.

— העללאָ, דזשאָו ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ הייזער־ריגליכען קול.

אסתר האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר און באַמערקט, אַז זי איז אויפגערעגט און אַז די אויגען זיינען ביי איהר פאַר־וויינט.

— וואָס איז דער מעהר, שאַסקע ? — האָט זי זיך אָנ־גערופען — דו זעהסט אויס עפּעס... וואו ביזטו געווען ?

שאַסקע האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— געזעהן אַביסעל צרות — האָט זי געענטפערט און גענומען ווישען די אויגען מיט אַ טיכעל — אַ מאַמע פון דריי פּיצעלעך קינדער...

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט געשלונגען די טרערען.

— וואָס אַ מאַמע פון דריי פּיצעלעך קינדער ? וואָס וויינסטו ?

— אויף פּאַרק פּליים — האָט שאַסקע געבליפּעט און געווישט זיך די אויגען — אַ יונגע נאָך... מרס. פּערלמוטער. בלוט און מילך... אַ פאַרגעניגען געווען צו קוקען אויף איהר. צו ריידען מיט איהר... איך פלעג זי אָפט טרעפען אין פיש־סטאָר... איז זי קראַנק געוואָרען מיט עטליכע טעג צוריק... קום איך פריהער אין פיש־סטאָר, זאָגט מען מיר, אַז זי... אַז זי... ברוך דיין האמת !... און די לויה איז אויך באַלד... האָב איך שיער גע'חלש'ט און בין אַוועקגעלאָפען אַהין ! אָי, גאָטוניו, דריי פּיצעלעך קינדער, דאָס עלטסטע אַ יאָהר פיער, פאַרשטעהען, נעבאך, ניט זייער חורבן, שפּיעלען זיך און לאַ־כען אין אַ צווייטען רום... און דער טאַטע, וואָלט איהר זעהן, אַליין קוים וואָס די נשמה האַלט זיך... אַזאַ בלייכינקער, נע־באך... אַן אויסגעמוטשעטער „ארבייטורער"... טענה'ט ער... טענה'ט ער — האָט שאַסקע זיך דאָ צערעוועט אויף אַ קול, ווי אַ קאַלב — מען זאָל איהם אויך באַגראָבען מיט זיין סע־ראַ'ן... ווי אַזוי האָט דאָס הארץ ביי מיר ניט געפּלאַצט ! איך וועל זיי אָוועקטראָגען אַביסעל צוקער. ניטאָ קיין ברע־קעל צוקער פאַר די קינדער.

און שאַסקע איז אַרויסגעלאָפען אין קיך.

אסתר האָט זיך אָנגערופען פאַרטראַכט:
— משוגע, האָט אָבער אַ האַרץ פון גאָלד...
— יאָ — האָט ראַבינס אויך געזאָגט — אַ גוטע נשמה.
שאַסקע איז פאַרהאַוועט צוריק אַריינגעקומען מיט צו־קער אין אַ פּאַפּירענעם זעקעלע.
— פרעג ביי גאָט קשיות — האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין — חתונה האָבען, האָבען קינדערלעך און דער־נאָך יונגינקערהייט אַוועקגעהן פון דער וועלט... איז דאָך בע־סער פאַר דער חתונה. וואָלטען דאָך יתומים'לעך ניט גע־בליבען און אַ מאַן וואָלט זיך ניט געבעטען, מען זאָל איהם אין איין קבר באַגראָבען. צי גאָר אינגאַנצען ניט געבוירען ווערען!
און זי איז אַרויסגעלאָפען פונ'ם הויז.
ראַבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן:
— די אַלטע קשיא.
און דאַן איז עני מיט אַמאָל אַריינגעקומען מיט שטראַה־לענדיגע אויגען.
— די דרעס איז ביוטיפול, מאַמע! — האָט זי געזאָגט.
ראַבינס האָט זיך ווידער אָנגערופען:
— און דאָס איז דער אַלטער ענטפער: דאָס לעבען טראַכט ניט פון דעם, נייהט זיך שעהנע קליידער און פרעהט זיך מיט זיי.
— יאָ — האָט אסתר פאַרטראַכט געזאָגט.
עני האָט זיי אָנגעקוקט.
— וועגען וואָס רעדט איהר אַזוי ערנסט?
ראַבינס האָט געענטפערט:
— וועגען אַ קלייניגקייט, עני, וועגען טויט...
זי האָט אַ טופע געטאָן מיט'ן פוס:
— ווי וואַגסטו?!
איז צוגעלאָפען צו איהם, האָט אַרויפגעלעגט איהרע ביי־דע הענט איהם אויף די אַקסלען און איהם אַריינגעקוקט טיעף אין די אויגען.
— יו בעד, בעד באָי — האָט זי ווייטער גערעדט מיט אַ פאַרוואורף אינ'ם קול — ווי קאָנסטו גאָר טראַכטען פון דעם!?...
ער האָט זיך צולאַכט.

— איך טראַכט טאַקע ניט פון דעם, און אַ באַווייז —
ער האָט אַרויסגענומען פון אַ וועסט־קעשענע אַ קליין קעסטעלע מיט צוויי פינגער און האָט עס איהר דערלאַנגט.

— וואָס איז דאָס ?

— עפען.

זי האָט עס געעפענט און אַרויסגענומען אַ בריליאַנטענעם רינג.

דער פנים האָט זיך ביי איהר אָנגעצונדען פאַר פרייד.

— האַו ביוטיפול ! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט — אַ דאַנק !

— נו, פון וואָס טראַכט איך ? — האָט ער דאַן זיך אָנגערופען.

— מאַמע ! — האָט עני אויסגעשריען — קוק אויף אַ רגע אַהין.

אסתר, וועלכע האָט געקוקט אויף זיי מיט הרחבה, האָט גוטמוטיג געענטפערט :

— האָב ניט מורא, עני, איך וועל אייך קיין עיז־הרע ניט געבען. דו מעגסט...

עני האָט זיך גליקליך צולאַכט.

— זי פאַרשטעהט וואָס איך מיין.

און זי האָט אַ קוש געטאָן ראַבינס׳ן.

ראַבינס האָט זיך אָנגערופען :

— איהר זעהט, טאַנטע ? אַלע ווייבער האָבען די אייגענע קינדערשע נאַטור. ווי מעפיסטאָ זאָגט : זיי פרעהען זיך אַלע מיט צאַצקעס.

עני האָט איהם אונטערבראָכען :

— שווייג דו, מיין מעפיסטאָ, דו ווייסט, אַז ניט מיט דעם רינג פרעה איך זיך, נאַר —

— נאַר ? — האָט ראַבינס אונטערגעכאַפּט.

זי האָט שטיפעריש איהם אַרויסגעשטעלט די צונג און זיך גליקליך צולאַכט.

דערנאָך האָט זי זיך פּלוצים אָנגערופען :

— האָסטו שוין געזעהן רוטי׳ן ?

— יאָ.

— נו, ווי געפעהלט זי דיר ?

— זעהר.

— אַ ליעב קינד, ניט אמת, דזשאָו ?
— זעהר אַ ליעב קינד. דיינע אַ שוועסטער.
— וואו איז זי, מאַמע ?
— אוועק שרייבען אַ בריעף. האָט עפּעס פאַרגעסען אין האָטעל. ווי זאָגט יענער ? אַז רוטי זאָל עפּעס ניט פאַרגעסען, ווער דען ?
עני איז צוגעגאַנגען צו דער אַריינגאַנגס־טיר און האָט אָנגעהויבען צו רופען :
— רוטי, רוטי, קום אַרונטער !
— איך וועל זי אַרונטערשיקען — האָט אסתר געזאָגט — איך דאַרף סאַי־ווי־סאַי אַרויפגעהן אויבען.
און זי איז אַרויסגעגאַנגען.
און באַלד האָט מען דערהערט רוטי'ס הילכענדיגען גע־זאַנג פון אויבען און איהר געלאַף פון די טרעפּ. עני איז גע־שטאַנען מיט'ן פּנים צו דער אַריינגאַנגס־טיר, דורך וועלכער רוטי האָט געדאַרפט אַריינקומען, און האָט געשמייכעלט. ראַ־בינס האָט אויך מיט אַ שמייכעל געקוקט אויף דער אַריינ־גאַנגס־טיר.
— ווי דו האָסט זי ליעב ! — האָט ראַבינס זיך אָנ־געריפען.
— זעהר ! — האָט עני געענטפערט.
רוטי איז אַריינגעלאָפען מיט אַ בריעף אין דער האַנט. איהרע אויגען האָבען געפינקעלט און די קליינע אויערען אונ־טער די סאַמעט־שוואַרצע האָר האָבען געברענט.
— ווער דאַרף מיך דאָ ? — האָט זי אַרויסגערעדט, צו־געלעגט ביידע הענט צום האַרצען, אויפ'ן אָריענטאַלישען שטייגער, נידעריג זיך אַ נויג געטאָן און גערעדט ווייטער — וואָס פאַרלאַנגט מען פון דער שקלאַפין ?
עני האָט געענטפערט איהר אין טאָן :
—אַז זי זאָל ניט זיין אַזוי משוגע.
רוטי האָט זיך דאַן אויסגעגלייכט, שטיפעריש אַ מאַך געטאָן צו איהר מיט דער האַנט און געזאָגט :
— דו פרעג דיין דזשאָו'ען.
— וואָס זאָל איך איהם פרעגען ?
—אויב איך בין משוגע.
עני האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו ראַבינס'ן :

— וואָס זאָגסטו, דזשאָו?

ער האָט געענטפערט:

— איך האָב איהר שוין פריהער געזאָגט: זי אַליין איז ניט משוגע, אַנאַנדערען אָבער קען זי משוגע מאַכען.

ענִי האָט א שמייכעל געטאָן.

— דו הערסט, רוטי?

רוטי האָט ניט געענטפערט, א מאַך געטאָן צו איהר מיט דער האַנט און איז ארויסגעלאָפען.

— איך קום באַלד צוריק, איך וויל נאָר דעם לעטער אריינוואַרפען! — האָט זיך דאַן דערהערט איהר קויל פונ'ם גאַניק.

— א מערקווירדיג קינד — האָט ענִי דערנאָך ארויסגע־רעדט — שטענדיג פרעהליך און גליקליך...

— יא, — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען פאַרטראַכט — דו ווייסט, אָן וואָס זי דערמאָנט מיך?

— אָן וואָס?

— איך האָב אמאָל געזעהן זעהר א געלונגענע אילוסטראַ־ציע צו א געדיכט, וואָס האָט באַזונגען די זוניגע יוגענד און די העלע פרייד פון דעם נאָך־ניט־פאַרוואָלקענטען לעבען...

ענִי האָט א שמייכעל געטאָן.

— איז זי עהנליך צו יענער אילוסטראַציע?

— יענע אילוסטראַציע איז עהנליך צו איהר — האָט ראָ־בינס געענטפערט.

— יא, — האָט ענִי געזאָגט פאַרטראַכט — איהר לעבען איז נאָך קיינמאָל ניט פאַרוואָלקענט געווען, ווי... ווי...

זי האָט געוואָלט זאָגען, „ווי מיין", האָט זיך אָבער אונ־טערבראָכען, איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט א טראַכט געטאָן:

„זאָל זי גאָט באַשיצען פון אזוינע וואָלקענס".

ראָבינס האָט אויך א ווײַלע געשוויגען. דאַן האָט ער זיך מיט אמאָל אָנגערופען:

— האָט רוטי זיך שוין אמאָל פאַרליעבט?

— הונדערט מאָל — האָט ענִי געענטפערט.

— וואָס הייסט?

— אָט אזוי. צינדט זיך אָן און פאַרלעשט זיך. צינדט

זיך ווידער אָן און פארלעשט זיך. וויינינגסטענס, שוין א יאָהר דריי אזוי...

— זי דערצעהלט דיר?

—אלצדינג. א באַי האָט איהר א קאָמפּלימענט געזאָגט, טראכט זי שוין פון איהם און דערצעהלט מיר פון איהם. אין א פּאָר טעג שפּעטער — אנאנדער באָי — ווידער צאַפּעלט זי זיך און דערצעהלט מיר פון איהר נייעם העלד. אנדערע וואָכען האָט זי דריי־פיער העלדען מיט אמאָל געהאַט. איך אין איהרע יאָהרען בין אויך געוועזן אזוי ווי זי...

ראָבינס האָט פארטראכט א שמייכעל געטאָן.

— אינטערעסאנט. און איהר ליעבע האַלט זיך ניט לאַנג?...

זי האָט געענטפערט:

— דו רופסט עס ליעבע און איך רוף דאָס קינדערשע חלומות...

— קינדערשע חלומות? ניין! — האָט ער געזאָגט — דאָס איז גיכער דער אויפגעוואכטער בלינדער געפיהל, וואָס בלאָנדזשעט און זוכט זיין וועג צום לעבען... ער וועט אזוי לאַנג בלאָנדזשען, ביז...

— ביז עמיצער וועט קומען און וועט זאָגען: „צו מיר איז דיין וועג..." דאָס מיינסטו? — האָט זי זיך אָנגערופען, און איהם אָנגעקוקט מיט ווארימע אויגען.

— ער וועט עס ניט דאַרפען זאָגען — האָט ראבינס געענטפערט מיט א פאַרטראַכטען שמייכעל — דער געפיהל וועט עס איהר אליין זאָגען...

רוטי איז אריינגעלאָפען פארסאַפעט.

— דער פּאַפּא איז געקומען, זאָגט איהם ניט, אז איך בין דאָ! — האָט זי ארויסגערעדט אין איין אָטעם, און זי האָט זיך באַהאַלטען הינטער דער אריינגאַנגס־טיר.

אין א ווײַלע ארום איז רובינטשיק אריינגעקומען. ער איז געוועזן עפּעס אָנגעבלאָזען, האָט געהאַלטען אין איין האַנט זיין הוט און מיט דער אנדערער זיך געווישט זיין גלאַנציגען שאַרבען מיט א טיכעל. ער האָט אויף קיינעם ניט א קוק געטאָן און ארויסגערעדט אונטער דער נאָז:

— וואו איז שאָסקע?

עני האָט אויף איהם א קוק געטאָן.

— וואָס איז דער מעהר, פּאפּאַ ? דו זעהסט אוים עפּעס...
— וואו איז שאָסקע ? — האָט ער ווידער געפרעגט, און א וואָרף געטאָן זיין הוט אויף א שטול.
— ניטאָ.
— און די מאַמע ?
און דאָ איז שאָסקע מיט אמאָל אריינגעקומען. רובינטשיק האָט דאָן ארויסגעבורטשעט :
— אָט איז זי דאָך ! מיין שוועסטער ! מיין טייערע שוועסטער ! — האָט ער ארויסגערעדט צווישען פארשצעמטע צייהן און געקוקט אויף איהר, ווי א וואָלף.
— וואָס איז ? וואָס איז ? וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר ?
— האָט זי זיך אָנגערופען מיט דעם טרויער פון דער לויה נאָך אויף איהר פּנים.
— שאָסקע, וואָס האָסטו צו מיר ? — האָט ער דאָן ארויסגערעדט כמעט פארצווייפעלט.
שאָסקע האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָר פארוואונדערטע אויגען.
— וואָס האָב איך צו דיר ?
— איך קום ערשט פון דאָקטאָר — האָט רובינטשיק דאָן געזאָגט, שוין מיט אנאנדער טאָן ,אזוי ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט פאר איהר.
שאָסקע האָט זיך א כאַפּ געטאָן צושראָקען :
— פון דאָקטאָר ? דו ביזט דען קראַנק ?
— דער דאָקטאָר זאָגט, אז איך בין זעהר קראנק.
— דאָבינס און עני זיינען דאָן צוגעטראָטען נעהענטער צו איהם און ביי רוטי'ן הינטער דער טיר איז אויך פאַרשוואונדען געוואָרען דאָס שטיפעריש שמייכעל פון'ם פּנים.
און פּלוצים האָט רובינטשיק א געשריי געטאָן צורייצט :
— נאָר דו ביזט שולדיג, דו ! שוין פופצעהן יאָהר ווי דו האָלסט מיך אין איין שטאָפּען מיט פּאָטייטאָס טאָג איין, טאָג אוים . . . פּאָטייטאָס און פּאָטייטאָס, און פּאָטייטאָס, אז ביי מיר וואקסען שוין פּאָטייטאָס אין די גערערים, אז איך קען שוין ניט אָטעמען.
ראָבינס האָט א קוק געטאָן אויף עני'ן און זי אויף איהם און פון זייערע ביידענס אויגען האָט א פרעהליך געלעכטער זיך געריסען. רוטי, הינטער דער טיר, האָט זיך אויך די לי־

פען געביסען. נאר איין שאסקע האט געקוקט אויף איהם מיט אן ערנסטער, כמעט אומרוהיגער מינע. נאך אין גאנצען אונטער דעם איינדרוק פון דער לויה פון וועלכער זי האט זיך ערשט צוריקגעקעהרט, האט זי אנגענומען זיין געשריי פאר ליעב און מעהר געטראכט פון דעם, וואס ער איז קראנק. זי האט זיך שטיל אנגערופען, אזוי ווי זי וואלט זיך פארענט־פערט:

— נארעלע, דו אליין הייסט דאך מיר קאכען פאטיי־טאס. אהן פאטייטאס איז דאך ביי דיר גאר קיין עסען ניט...

איהר ווייכער טאן האט איהם אויך ווייכער געמאכט.

— אמת, איך האב דאס ליעב. אבער דער דאקטאר זאגט, אז דאס איז פאר מיר סם... דו הערסט? פון היינט אן, אוים פאטייטאס, אוים!

— אל ראיט. אבער וואס פעהלט דיר? וואס ביזטו געגאנגען צום דאקטאר? דיר טוט עפעס וועה?

— אט איצט, דאכט זיך, טוט מיר וועה. דא, אינ׳ם הארצען, דאכט זיך מיר, איז פוסט ביי מיר... אין רוקען זשימזשעט מיר... דער קאפ ברענט מיר... אין די פיס שווער... פריהער האב איך דאס גאר ניט געפיהלט...

— ווען פריהער?

— איידער איך בין געגאנגען צום דאקטאר. איך האב זיך דאן געפיהלט גאר אל־ראיט...

— היינט וואס ביזטו צו איהם געגאנגען?

— מען האט מיר איהם רעקאמענדירט פאר מיין פאראיין. דער אלטער דאקטאר איז געווארען א בלאפער. בין איך אוועק צו דעם זיך דורכריידען. געוואלט וויסען, וואס מען קען פון איהם ערווארטען... ריידען מיר אזוי. אין מיטען די רייד, דערפיהל איך מיט אמאל, אז אינ׳ם מויל איז מיר ניט גוט. נו, אז איך בין שוין ביי א דאקטאר, ווייז איך איהם די צונג... טוט ער א קוק און זאגט: „אי, מיסטער פרעזידענט, מיר געפעלט ניט אייער צונג!” דערנאך הויבט ער מיר אויף מיט די פינגער איין אויג, דאס אנדערע, און שאקעלט מיט׳ן קאפ. טראכט איך ביי זיך: „וואס איז דאס?” און דא הייסט ער מיר זיך אויסטאן... אז איך האב זיך אויסגעטאן, קלאפט ער מיר מיט א פינגער אויף דער ברוסט. קלאפט, קלאפט, און איך הער ווי אויף א פוסטער הילצערנער

פאַס וואָלט ער געקלאַפּט... רוף איך זיך אַן: „דאָקטאָר, עפּעס איז דאָרט ביי מיר ווי פּוסט". מאַכט ער: „איך וועל אייך מוזען אריינגעמען גוט אין די הענט..." ווער איך שוין גאָר צוטומעלט. ער עקזאַמינירט מיך ווייטער. טוט ער מיר מיט אַמאָל א קלאַפּ מיט א שטעקעלע איבער א קניע, טו איך א שפּרונג אויף מיט א געשריי ווי א משוגענער... שאָקעלט ער ווייטער מיט'ן קאָפּ, ווערט מיר דאַן אַלץ קלאָרער, אַז איך בין גוט קראַנק...

שאַסקע האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— אָבער וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— אַז איך בין קראַנק, קיין פּאָטייטאָס זאָל איך ניט עסען. סם פאַר מיר. און קיין שווערע אכילה, און איך זאָל קומען צו איהם דריי מאָל א וואָך.

— אָבער, וואָס איז דיין קראַנקהייט?

— דאָס האָט ער מיר ניט געוואָלט זאָגען.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וועל סיי ווי סיי ניט פאַרשטעהן — זאָגט ער — אָבער פון זיין מינע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין גוט קראַנק.

ראַבינס האָט זיך אריינגעמישט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל:

— און איך פאַרשטעה פון אייערע רייד, אַנקעל, אַז ער איז א גרויסער בלאָפער, דער דאָקטאָר.

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— גוט מאָרגען! פאַרוואָס איז ער עפּעס א בלאָפער? בין איך קראַנק?

— איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז אייך דאַכט זיך, איהר זייט קראַנק... איהר האָט א רייכע פאַנטאַזיע, אַנקעל, ווייזט זיך אייך אויס...

רובינטשיק האָט איהם ווייטער ניט געלאָזען ריידען.

— אי, גאָה שוין! ווען ער האָט אויפ'ן האַרצען מיר געקלאַפּט, האָב איך געפיהלט, אַז דאָרט איז ניט מיט אַלעמען... געקלונגען ווי מען וואָלט אויף א פּוסטער הילצערנער פאַס געקלאַפּט. דאָס האָב איך דאָך שוין אוודאי געהערט. און פאַרוואָס געהט עס מיר אַזוי אַרום איבער'ן רוקען? און פאַרוואָס זיינען די פיס אַזוי שווער?

ראַבינס האָט זיך צולאַכט:

— ער האָט אייך איבערגעשראָקען, זייט איהר נערוועז געוואָרען און אייך האָט זיך גענומען אויסווייזען... פריהער האָט איהר דאָך געפיהלט אַל־ראַיט?...

— יאַ.

— טאָ פארגעסט, וועט איהר ווידער פיהלען אַל־ראַיט.

— און וואָס איז רוקען זשימזשעט?

רובינטשיק האָט זיך אָנגענומען פון הינטען ביים רוקען און פארקרימט דעם פּנים.

— אָט דאָ — אוי עס געהט ארום און עס זשימזשעט, זשימזשעט...

— עסט אויף עטליכע פּאָטייטאָס און אייך וועט מעהר ניט זשימזשען — האָט ראַבינס געזאָגט.

עני האָט זיך צולאַכט. שאָסקע האָט א שמייכעל געטאָן. און רובינטשיק האָט קרום א קוק געטאָן אויף איהם און ארויס־גערעדט:

— דו, איך קען אויך זאָגען א חכמה!...

— פּאָטייטאָס וועל איך איהם שוין מעהר ניט געבען, האָט שאָסקע זיך אָנגערופען.

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— חלילה, סם פאר מיר. דער דאָקטאָר האָט פארזאָגט.... און עסען וויל איך אויך. שאָסקע, עפּעס א לייכטע זאך... שאָסקע איז אוועק אין קיך.

פלוצים האָט זיך דערהערט פון הינטער דער טיר א מיאַוקען פון א קאַץ. רובינטשיק האָט זיך אומגעקוקט. דאָס מיאַוקען האָט זיך ווידער דערהערט.

— וואָס שרייט די קאַץ? — האָט ער ארויסגעבורטשעט

— אַלץ שאָסקע. קעץ מיט קעצלעך...

און ווען דאָס מיאַוקען האָט זיך נאָך אמאָל דערהערט, האָט רובינטשיק א געשריי געטאָן:

— אַפּטשיק, אין דר'ערד אריין! עני טרייב זי ארויס! עני און ראַבינס האָבען זיך הויך אויפ'ן קול צולאַכט. ער האָט זיך אָנגעבלאָזען:

— וואָס לאַכט איהר?

עני האָט זיך נאָך העכער צולאַכט, איז צוגעפאַלען צו

ראָבינס׳ן מיט׳ן פּנים צו זיין אקסעל, האָט געשטיקט איהר געלעכטער און אונטערגעטאַנצט מיט די פיס.

ראָבינס האָט אויך אויפ׳ן קול געלאַכט.

רוביגטשיק האָט געקוקט אויף זיי, ווי א צוטומעלטער.

— וואָס לאַכט איהר? — האָט ער ווידער א פרעג געטאָן. דאַן האָט ער א קוק געטאָן, צי די קליידער אויף איהם זיינען אין אָרדנונג, א טאַפּ געטאָן אויף זיך דעם האַלזטוך, צי איז ער ניט פארדרעהט, א קוק געטאָן אויף זיך אינ׳ם שפּיגעל און אַ ציה געטאָן די אקסלען.

ער האָט זיך ווידער אומגעדרעהט צו זיי.

— וואָס לאכט איהר? און פון וועמען? — האָט ער פּלוצים א געשריי געטאָן — גענוג! איהר מאַכט מיך נערוועז!

און דאָ האָט זיך מיט אמאָל דערהערט פון הינטער דער טיר א טשריקען פון א פייגעלע:

— טריל־טריל — טשוק־טשוק!

עני האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דער זאָפע, איינגע־גראָבען דעם פּנים אין דעם לעדערנעם קישעלע און געלאַכט מיט איהר גאַנצען קערפּער. ראָבינס האָט דערווייל געכאַפּט דעם שווארצען, פייערדיגען וואונק פון רוטי׳ס אויגען און ער איז פאר׳גנב׳עט צו איהר צוגעגאַנגען הינטערווייַלעכץ, אוועק־געשטעלט זיך צו איהר מיט׳ן רוקען און געקוקט מיט לאַ־כעדיגע אויגען אויף רובינטשיק׳ן, וועלכער האָט זיינע פאר־וואונדערטע אויגען פון עני׳ן ניט ארונטערגענומען...

— געה קאָזין — האָט רוטי ארויסגעפּליסטערט — און פאַרשטעל מיך. איך וועל געהן הינטער דיר...

ראָבינס האָט זיך גענומען רוקען אויף די שפּיץ־פינגער. רוטי הינטער איהם. דערווייל האָט זי איהם א טורקע געטאָן אונטער דער פּאַכווע און ער האָט הינטערווייַלעכץ איהר האַנט א כאַפּ געטאָן און מיט פאַרגעניגען דערפיהלט א צערטליכע און סאמעט־גלאַטע וואַרעמקייט. ער האָט זי א ציה געטאָן נעהענטער צו זיך און מיט זיין גאַנצען וועזען האָט ער דאַן דערפיהלט די וואַרימע באַריהרונג פון איהר קערפּער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אזוי ווי ער וואָלט לענגער געוואָלט איינ־האַלטען די דאָזיגע באַריהרונג. ער האט עס ניט געטאָן אויס־גערעכענט, איז דאס ניט אויסען געווען, נאָר דאס איז געקו־מען פון זיך אַליין...

רוטי האָט דערווייל איהר האַנט אַרויסגעריסען פון זיי־נער, צוגע'גנב'עט זיך פון הינטען מיט שטילע, קעצישע טריט צו איהר פאָטער, וועלכער האָט דאָרט געקוקט האַלב בייז און האַלב פאַרוואונדערט אויף עני'ן, מיט ביידע הענט פאַר־שטעלט זיינע אויגען און אַרויסגעמיאוקעט, ווי אַ קליין קעצעלע:

— מיאַ־אוּ־אַו!...

און גלייך האָט ער אויסגעשריען:

— רוטי!...

— העלאָו, פּאַפּ! — האָט זי זיך אָנגערופען און באַ־פרייט זיינע אויגען.

ער האָט זיך אומגעדרעהט צו איהר און זי אַ כאַפּ געטאָן צו זיך, ווי אַ קליין קינד.

— מיין בייבי! — האָט ער גערעדט און געגלעט איהר דעם קאָפּ, און דער גאַנצער פּנים זיינער איז געווען איין ליכ־טיג שמייכעל — ווען ביזטו געקומען?

— ניט לאַנג, פּאַפּ...

— פאַרוואָס האָט מען מיר ניט אָנגעזאָגט? דו זעהסט אויס גוט, מיין קינד! דאָס האָסטו אַזוי געמיאַוקעט, ווי אַ קעצעלע? דערפאַר האָבען זיי אַזוי געלאַכט?

און רובינטשיק האָט איצט אַליין זיך גוטמוטיג צעלאַכט.

— וואָס זאָגסטו, דזשאָזעף? ווי געפעלט דיר מיין מיזינקע? — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו ראַבינס'ן מיט התפּעלות.

ראַבינס האָט ניט געענטפערט, נאָר אַ קוק געטאָן אויף רוטי'ן מיט אַ פאַרטראַכטען שמייכעל.

רוטי האָט מיט איהרע ברענענדיגע אויגען אויפגעכאַפּט זיין בליק און שטיפעריש זיך צעלאַכט אָהן אַ פאַרוואָס.

— דו בעט זי, וועט זי דיר נאָך אָפּמאָלען דיין בילד אויך — האָט רובינטשיק גערעדט ווייטער — אמת, בייבי?

— אויב ער וועט באַצאָהלען — האָט רוטי געענטפערט.

— וויפיעל? — האָט ראַבינס זיך אָנגערופען.

— צוויי באַקסעס קענדי, איינע פאַר מיר און דער פאַמי־ליע און די אַנדערע... פאַר עני'ן — האָט רוטי געענטפערט.

— ניט מעהר? — האָט ראַבינס זיך אָנגערופען.

— און אַ בוקעט בלומען פון די שעהנסטע, איין בלום

פאַר מיר און די איבעריגע פאַר עני'ן — האָט רוטי ווידער געזאָגט.

— אפשר נאָך עפּעס? — האָט ראַבינס זיך גוטמוטיג צעלאַכט.

— נאָך עפּעס? עני — האָט רוטי זיך דאַן אַ קעהר גע־טאָן צו איהר שוועסטער, וועלכע איז איצט געשטאַנען נעבען ראַבינס'ן און האָט געקוקט אויף רוטי'ן מיט יענער מינע, מיט וועלכער ערוואַקסענע קוקען געוועהנליך אויף ליעבע און נאַכ־געגעבענע קינדער — וואָס נאָך וואָלסטו געוואָלט פון דיין דזשאָו'ן? טראַכט עפּעס אויס!...

— עני האָט זיך צעלאַכט:

— און דו קענסט ניט?

רובינטשיק האָט זיך אריינגעמישט:

— נו, בייבי, נו! טו טאַקע אַ טראַכט. ווייז וואָס פאַר אַ קאָפּ דו האָסט.

רוטי האָט אַ ווײַלע נאַכגעטראַכט. דאַן האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך האָב עס! ער מוז דיר צוזאָגען, אַז זיינע אויגען וועלען קיינמאָל ניט קוקען אויף פרעמדע פרויען און זיין קאָפּ וועט טראַכטען בלויז פון איינער, און אין הארצען וועט לעבען בלויז איינע....

— אמן! — האָט רובינטשיק אונטערגעכאַפּט און זיך געשמאָלצען פון הרחבה.

און עני האָט זיך מיט אַ גליקליכען שמייכעל אַ קעהר געטאָן צו ראַבינס'ן:

— דו הערסט, דזשאָו?

ער האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— געווים הער איך.

— דו זאָגסט עס צו? — איז צו איהם צוגעגאַנגען רוטי און האָט איהם אַ בריה געטאָן מיט איהרע אויגען.

— איך זאָג צו.

— פאַר עדות?

— פאַר עדות.

— געדענק־זשע — האָט דאַן רוטי געזאָגט — מאָל איך דיין בילד.

— וועט עס אָבער זיין אַ גוט בילד? — האָט ער גוט־מוטיג זיך אָנגערופען.

— עפּעס וועט אַרויסקומען. אַן עהנליכקייט וועט עס האָבען — צי צו דיר אָדער צו אַ מאַנקי — דאָס קאָן איך דיר ניט גאַראַנטירען.

אַלע האָבען זיך צעלאַכט. און רובינטשיק האָט זיך דער־נאָך אָנגערופען:

— איך קאָן גאַראַנטירען.

— אַז עס וועט עהנליך זיין צו אַ מאַנקי? — האָט רוטי אונטערגעכאַפּט און צוגעלעגט שטיפעריש — שור!

און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— וואוהין געהסטו, בייבי? — האָט רובינטשיק איהר נאָכגעשריען.

— איבערטאָן זיך, פּאַפּ! — האָט זי געענטפערט און איז פאַרשוואונדען דורך דער טיר. און באַלד האָט זיך דער־הערט פון די טרעפּ איהר הילכיג געזאַנג, וואָס האָט זיך גע־טראָגען העל און היים.

— נו? — האָט רובינטשיק זיך אַ קעהר געטאָן צו ראַבינס׳ן מיט התפעלות — איינמאַל אַ מיזינקעלע, האַ?

— זעהר אַ ליעב קינד! — האָט ראַבינס געענטפערט.

— דאָס לעבען אַליין — האָט עני אויך געזאָגט. — זעה, וויפיעל לעבען און פרעהליכקייט זי האָט אין הויז אריינגע־בראַכט.

— יאָ — האָט ראַבינס אַרויסגערעדט פאַרטראַכט, און פּלוצים האָט ער דערפיהלט עפּעס אַזאַ שווערקייט אויפ׳ן האַרצען, און ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי ער האָט אַ טיעפען זיפץ אַרויסגעלאָזט.

— וואָס זיפצסטו, דזשאָו? — האָט עני זיך אָנגערופען. ער האָט זי אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט.

— איך זיפץ?

— שור. דו האָסט אַ זיפץ געטאָן.

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— ווירקליך? איך האָב דאָס גאַרניט באַמערקט.

— אפשר ווילסטו עסען, דזשאָו, און דערפאַר האָסטו אַ זיפץ געטאָן? — האָט רובינטשיק זיך אריינגעמישט.

ראבינס האט זיך א כאפ געטאן:

— געטראפען! אנקעל, פון וואנען האט איהר דאס פארשטאנען?

— פון וואנען? ערשטענס, וויל איך אליין אויך עסען. און, צווייטענס, פארלאז זיך אויף דיין אנקעל... אמאל פארשטעהט ער עפעס. דו קאנסט איהם ניט פון היינט. ניט אמת?

שפעטער זיינען זיי אלע געזעסען ביים טיש און האבען געגעסען. ווען די דיענסט האט דערלאנגט די געבראטענע קארטאפעל צום טיש, האט שאסקע ניט דערלאזט, אז רובינטשיק זאל זיך צוריהרען צו דעם. האט ער א ווײלע זיין קארטאפעל־יצר־הרע איינגעהאלטען, האט אבער די אויגען ניט געקענט אוועקרייסען פון דעם טעלער ברוינע קארטאפעל, פון וועלכע א פארע האט געשלאגען און צו זיין נאז דערגרייכט. האט ער געהאט א שטארקע מלחמה מיט זיין יצר הרע, וואס דעם געשמאקען ווארימען טעם פון די קארטאפעל האט זיין נאז אין דער פארע דערשמעקט. האט רובינטשיק, צום סוף, ניט אויסגעהאלטען און גענומען בעטען כאטש איין קארטאפעל. האט שאסקע איהם ערקלערט, אז וויבאלד דער דאקטאר האט איהם געזאגט, אז פאטייטאס זיינען פאר איהם סם, טאר ער דאס ניט עסען. איז ער צוגעשטאנען: בלויז איינע. האט שאסקע איהם נאכגעגעבען. האט ער דאן געבעטען נאך איינע. האט זי איהם ווידער נאכגעגעבען. זיינען אבער די קארטאפעל היינט דוקא נאך געשמאקער געווען ווי אן אנדערשמאל, האט ער דאן פארלאנגט א ריכטיגע פארציע. און ווען שאסקע האט איהם ווידער דערמאנט דעם דאקטאר, האט ער מיט אמאל גענומען שרייען, אז ער איז געזונט, פאלקאם געזונט; אז דער דאקטאר איז א בלאפער, ווייסט ניט פון זיין חיות און ער וועט איהם שוין אין זיין פאראיין ניט אנשטעלען. און פאר כעס האט רובינטשיק דאס מאל אויפגעגעסען א דאפעלטע פארציע קארטאפעל.

.3

אין דעם אייגענעם אווענד זיינען עני און רוטי געזעסען ביי ראבינס'ן אינ'ם צימער און רוטי האט געוויזען איהרע בילדער. איין בילד, וואס האט פארגעשטעלט, ווי א קליין

קינד שטעהט ביים ברעג ים, מיט איין פּיסעלע אין דעם וואַ־
סער, וויל אַריינשטעלען דאָס אַנדערע און דאַ קומט אַן אַ
כוואַליע און דאָס קינד טוט אַ כאַפּ דאָס פּיסעלע צוריק מיט
צושראָקענע אויגען און קוקט אויפ׳ן וואַסער מיט אַ שטומען
געשריי — אַט דאָס דאָזיגע בילד איז ראָבינס׳ן שטאַרק געפעל־
לען געוואָרען.

— דו האָסט טאַלאַנט, רוטי — האָט ער געזאָגט.

— זי איז געווען די בעסטע שילערין אין פּראַט׳ס אינ־
סטיטוט — האָט עני זיך אָנגערופען.

— אַ שאָד, וואָס זי ענטוויקעלט איהם ניט. מען האָט
זי געדאַרפט שיקען קיין פּאַריז. דאָרט וואָלט זי ענטוויקעלט
איהר טאַלאַנט.

רוטי׳ס אויגען האָבען פונקען געשפּריצט און אין גאַנצען
האָט זי מיט אַזאַ ליכטיגקייט געשטראַהלט. זי האָט זיך אָנ־
גערופען :

— איך האָב דאָס פּאַפּאַ׳ן געזאָגט און ראַבי בערנשטיין
האָט איהם אויך געזאָגט... ער וויל אָבער ניט. ער האָט מורא
צו לאָזען מיך אַליין פאָהרען און נאָך איצט אין אַזאַ צייט,
ווען מען הונגערט אין פּאַריז.

— ווען מען האָט גענוג געלט, הונגערט מען ניט דאָרט
— האָט ראָבינס זיך אָנגערופען און צוגעלעגט — איך וועל
דיך שטיצען מיט געלט.

— דו ?...

זי האָט איהם אָנגעקוקט פּלוצלינג מיט אַן ערנסטער
מינע.

— דו מיינסט עס, דזשאָו ?

זיכער.

— און איך וועל קענען האָבען אַ רייכע שטודיאָ אין
פּאַריז ?

— געוויס.

— אָבער דער פּאַפּאַ ?

— איך וועל מיט איהם איבעררעדען.

— ווען ?

עני האָט זיך צולאַכט :

— זי האָט שוין ניט קיין צייט.

רוטי האָט זיך אָנגערופען :

— רייד מיט איהם מאָרגען, דזשאָו.

— אָל ראַיט.

— און זאָג איהם, אַז איך האָב דאָרט באַקאַנטע אויך.

— באַיעס ? — האָט ראָבינס זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל.

— ניין. צוויי פריינדינען מיינע פון פּראַט'ס אינסטי־טוט. וועסטו איהם דאָס זאָגען, דזשאָו ?

— אָל ראַיט.

רוטי האָט צוטראָגען צונויפגעלעגט איהרע בילדער אויף אַ שטול. דערנאָך האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— און טאָמער וועט ער ניט וועלען, וועל איך דאָך סאַי־ווי־סאַי פאָהרען. ניט אַזוי, דזשאָו ?

ראָבינס האָט זיך צולאַכט :

— דאָס ווייס איך ניט, רוטי.

— ווען דו זאָלסט וויסען, דזשאָו... דו פרעג עני'ן... איך טרוים פון דעם אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג... איך וועל זיין אין פּאַריז... וועל האָבען מיין שטודיאָ... וועל שטודירען די גרוי־סע מייסטערס... און דאָן וועל איך אויך עפּעס שאַפען, אויף וואָס איך וועל קענען שטאָלץ זיין... ניט אמת, עני, אַז די גאַנ־צע צייט טרוים איך פון דעם ?

עני האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט לאַכעדיגע אויגען און געענטפערט :

— די גאַנצע צייט ניט. אַמאָל טרוימסטו פון עפּעס אַנ־דערש אויך, מיין שוועסטער.

— פון עפּעס אַנדערש ? איך ?

— צום ביישפּיעל, פון מאָרים'עס אויגען.

רוטי האָט זיך מיט היץ אַ כאַפּ געטאָן :

— ווי לאַנג ? איין מינוט !

— פון לעאָ'ס שעהנעם קאָפּ —

— ער האָט דאָך אָבער אַזאַ שעהנעם קאָפּ ! — האָט רוטי אויסגעשריען.

— דו טראַכסט אָבער פון איהם !

— צוויי מינוט . . .

עני איז צוגעגאַנגען צו איהר נעהנטער און אויפ'ן אויער איהר אַריינגערוימט :

— און פון על ?...

רוטי האָט זיך מיט אַמאָל פאַרשעהמט און שטיל געַ־ענטפערט:

— מעהר ניט. ערנסט, עני, איך טראַכט מעהר ניט פון איהם. איך האָב איהם געשריבען פון קאַונטרי און ער האָט מיר ניט געענטפערט, האָב איך מיר געזאָגט: „געה צום טייפעל", און נאָ מאַר!...

— און אַז דו וועסט איהם מאָרגען טרעפען?

— וועל איך אפילו צו איהם ניט ריידען. ער אינטערע־סירט מיך ניט מעהר... מיך באַליידיגט מען ניט. אַזאַ אידי־אָט! — האָט רוטי צוגעלעגט מיט כעס.

עני האָט זיך ווידער צולאַכט:

— דיין כעס באַווייזט, אַז ער געפעלט דיר נאָך.

— ניין.

— יאָ, רוטי!

— ניין! — האָט רוטי העכער אויסגעשריען און אַ טור־פע געטאָן מיט'ן פוס.

עני האָט זי אונטערבראָכען:

— שריי ניט. מען שלאָפט.

דאַן האָט זיך ראַבינס מיט אַמאָל אָנגערופען:

— קינדער, די נאַכט היינט איז זעהר אַ שעהנע. אויב איהר ווילט נאָך ניט שלאָפען, קומט אַרויס און מיר וועלען אַ ווייל̇ע זיצען אויפ'ן פאַרטש.

און דורך דער גלעזערנער טיר זיינען זיי אויפ'ן גאַניק אַרויס.

די נאַכט איז געווען אַ העלע. אַ פולע לבנה האָט געלויכ־טען. דער גאַנצער בולוואַרד האָט זיך גע'טובל'ט אין אַ ווייכען ליכט. די דעכער פון די הייזער און דער ברייטער אַספאַלט־וועג פון דעם בולוואַרד האָבען געשימערט, ווי מיט זילבער־שטויב באַשאָטען, און די קעפּ פון די בוימער זיינען ווי מיט ברעקלעך קלאָרען שנעע באַדעקט געווען... און דאָרט, ווייט־ווייט, הינטער די אַלע הייזער, האָט דער טונקעלער וואַלד, וועלכען מען האָט איצט, אין דער ליכטיגער נאַכט, פון רו־בינטשיק'ס גאַניק געקאָנט זעהן — זיך גע'טובל'ט אין דער כשוף'דיגער העלקייט פון דעם ווייטען האָריזאָנט.

רוטי איז שטעהן געבליבען ווי פאַר'כשופ'ט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אַן דער פאַרענטשע פונ'ם גאַניק

און איהר ענטציקטער בליק האָט זיך אויך ווי גע'טובל'ט אין דעם וואונדערליכען ווייכען ליכט פון דער דאָזיגער נאַכט.

ראָבינס און עני זיינען געשטאַנען הינטער איהר, האָבען אויך אין דער נאַכט אריינגעקוקט און זיינען אויך ענטציקט געוואָרען. אַלע האָבען געשוויגען.

און פּלוצים האָט זיך רוטי אַ קעהר געטאָן צו זיי:

— דזשאָו, עני, קומט איצט אין פּראָספּעקט פּאַרק.

ראָבינס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אין פּארק? איך געה.

עני האָט זיך אָנגערופען:

— משוגע! שוין באַלד איינס...

רוטי איז צו איהר צוגעגאַנגען.

— קום, עני — האָט זי זיך גענומען בעטען — וועסטו מאָרגען שפּעטער שלאָפען.

— זיי ניט קיין קינד, רוטי! מען דאַרף באַלד געהן שלאָפען.

— און איך וואָלט די גאַנצע נאַכט געזעסען. אַזאַ נאַכט!

— וואָלסטו געקאָנט אַזאַ נאַכט מאָלען? — האָט ראָבינס זיך דאָן אָנגערופען און זיך געזעצט אויף אַ שאָקעל־שטול.

זי האָט אַ ציה געטאָן די אַקסלען און זיך אויך אוועקגע־זעצט אויף אַ צווייטען שטול נעבען איהם.

— פאַרוואָס ענטפערסטו ניט, רוטי? — האָט זיך עני אריינגעמישט און זיך געזעצט נעבען ראָבינס'ן פון דער אַנ־דערער זייט.

— וואָס ווייס איך? — האָט רוטי פאַרטראַכט געענט־פערט — ווען מען זאָל מיך שיקען אין פּאַריז און איך זאָל ערנסט אַרבייטען, דאָן פיעלייכט...

דאָן האָט זי מיט אַמאָל זיך אַ קעהר געטאָן צו ראָבינס'ן און אַרויסגערעדט מיט אַ בעטענדיגען קול:

— דזשאָו...

— וואָס?

— דו ביזט דאָך אַ מיליאָנער. וואָס פאַר אַ באַטרעף איז ביי דיר אַ פּאָר טויזענד דאָלאַר...

— אפילו צעהן טויזענד אויך ניט.

— וועסטו מיך שיקען ?
— איך פאַרשפּרעך דיר, רוטי, ווען דיין פּאַפּאַ וועט נאָר ניט זיין דאַגעגען.
— ער וועט ניט זיין דאַגעגען, ווען דו וועסט איהם ער־קלערען ; און דו, עני, רעד אויך מיט איהם. דו און דזשאָו װעלען דאַן קומען צו מיר אין פּאַריז און איך וועל אייך ווייזען די שטאָדט, און מיר וועלען אַזוי גוט פאַרברענגען.
עני האָט אַ שמייכעל געטאָן :
— זי ווייזט שוין אונז די שטאָדט און מיר פאַרברענגען שוין גוט... קינד, די מאַמע וועט אַליין דיך קיינמאָל ניט לאָזען אַהין פאָהרען.
רוטי איז געוואָרען אויפגערעגט.
— זי וועט יאָ לאָזען און דער פּאַפּאַ אויך. זיי וועלען מוזען !
— און אַז ניט ?
— זיי וועלען מוזען ! — האָט רוטי שטאַרקער געזאָגט — אַז ניט, ווייס איך שוין, וואָס איך וועל טאָן.
— וואָס וועסטו טאָן ? — האָט עני געפרעגט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל.
— איך ווייס שוין ! — האָט רוטי ענערגיש אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ.
— צום ביישפּיעל ?
— איך וועל פאָהרען אויף מיין אייגענעם געלט.
— דו האָסט געלט ?
— איך וועל האָבען.
— ווּעמען וועסטו באַ'גנב'ענען ?
— איך וועל האָבען — האָט רוטי נאָך אַמאָל געזאָגט מיט אַ געהיימער מינע.
— אָבער וואו וועסטו נעהמען ?
— איך וועל פאַרדיענען.
— פאַרדיענען ?
עני האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט.
— דאָס איז גאָרניט קרום — האָט זי דערנאָך געזאָגט — אפשר וועסטו גאָר געהן צו פּאַפּאַ'ן אין שאַפּ אַרבייטען ?
רוטי האָט נערוועז זיך אַ רוק געטאָן אויף איהר שטול, אנגעבלאָזען זיך און אַ קוק געטאָן אויף איהר שוועסטער.

— לאָך ניט — האָט זי געזאָגט, און אויף איהר שטערן האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ ברוגז'ער קנייטש — וואָס לאַכסטו? יאָ, איך וועל געהן ארבייטען... אַי דאַנ'ט קער, אפילו אין אַ שאָפּ אויך... נישט צו פּאַפּאַ'ן... עס זענען פאַרהאַן גענוג אַנדערע שעפּער... איך וועל זיין אין פּאַריז, צי איהר וועט וועלען, צי ניט...

און ווען עני האָט זיך ווידער צולאַכט, איז רזטי אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט מיט'ן ברוגז'ן קנייטש אויף איהר שטערן, האָט אַ כאַפּ געטאָן איהר פּעקעל בילדער פונ'ם שטול און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער גלעזערנער טיר, וועלכע האָט געפיהרט אין הויז אריין.

— רוטי, וואַרט! — האָט ראבינס זיך אַ כאַפּ געטאָן— גאָר אָהן אַ „גוד נייט״?

זי איז שטעהן געבליבען, האָט אומגעדרעהט דעם פּנים צו איהם און איז אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען. דערנאָך איז זי מיט אַמאָל צוגעלאָפען צו איהם, האָט איינגעקלאַמערט איהר האַנד אין זיין אָרעם.

— דו רעד מיט פּאַפּאַ'ן, פּליעז, פּליעז, דזשאָו — האָט זי פיעבעריש גערעדט, געדריקט זיין אָרעם, צוגערוקט איהר פּנים נאָהענט צו זיינעם און מיט צופלאַמטע אויגען אריינגעקוקט אין זיינע.

ער האָט איהר אָטעם געשפּירט און די געשמאַקע דופט. וואָס האָט זיך פון איהרע האָר געטראָגען און פון איהר אין גאַנצען, אַזוי ווי מיט דעם פרישען, געזונטען דופט פון וואַלד און געשניטענעם היי האָט זי געדופטעט... צי עס זענען דאָס געווען די ריחות, וואָס זי האָט פון די בערג מיט זיך געבראַכט, צי איז דאָס געווען איהר אייגענער דופט, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגען פון דעם יונגען וועזען איהרען, וואָס האָט אין זיין ערשטער און שטאַרקסטער בליהונג געהאַלטען? — ראבינס האָט איהם שטאַרק געשפּירט און איהם איינגעזויגען אין זיך מיט אַ באַזונדערען פאַרגעניגען.

ער האָט זיך אָנגערופען:

— איך וועל מיט איהם רעדען, רוטי... זי'כער!...

— מאָרגען?

— מאָרגען.

זי האָט זיך נאָך מעהר צוהיצט:

— ערקלער דו איהם... זאָג איהם... גיב איהם צו פאַר־שטעהן... אַניט וועל איך אַנטלויפען. ערנסט, דזשאָו, איך וועל עס טאָן.

ער האָט זיך צולאכט:

— אַלל רייט, אַלל רייט.

דאַן האָט זי זיין אָרעם ארויסגעלאָזען און מיט אמאָל געזאָגט:

— גוד נייט, דזשאָו! גוד נייט, עני!

עני האָט גוטמוטיג זיך אָנגערופען:

— שוין ניט ברוגז אויף מיר?

רוטי האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איהר:

— דו שלעכטע, עני!

האָט זיך צוגעדריקט צו איהר, ווי א קליין קעצעלע, און זי א קוש געטאָן. דערנאָך האָט זי צוגעצויגען עני'ס קאָפּ צו זיך און איהר אויפ'ן אויער איינגערוימט:

— ער איז אזוי ליעב, דיין דזשאָו, דו ביזט איהם גאָר־ניט ווערט, דו שלעכטע עני!

עני האָט זיך גליקליך צולאכט:

— איך ווייס עס, רוטי!

דאַן האָט רוטי ווידער געזאָגט: „גוד נייט", און איז פאַרשוואונדען דורך דער גלעזערנער טיר.

ראבינס האָט זי באַגלייט מיט פאַרטראַכטע אויגען. פּלו־צים האָט ער ארויסגערעדט:

— שוין שפּעט.

עני האָט זיך אָנגערופען:

— זיין נאָך א ווײלע, אזא שעהנע נאַכט.

ער האָט ניט געענטפערט, און מיט אמאָל האָט ער פאַר־טראַכט געגומען פייפען עפּעס א מאָטיוו. דער פריהערדיגער אומעט האָט ווידער זיין הארץ געדריקט, איצט נאָך שווערער. און, ווי דורך א חלום, האָט ער דערנאָך ווידער דערהערט עני'ס קול, וואָס האָט עפּעס צו איהם גערעדט...

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגען.

— הע? — האָט ער פאַר'חלומ'ט ארויסגערעדט.

זי האָט געזאָגט:

— וואָס האָסטו זיך אזוי פאַרטראַכט, דזשאָו?

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— איך ? ניין ! מיר איז גלאַט עפּעס אזוי...

— וואָס ?

— וואָס ? איך ווייס ניט. אמאָל כאַפּט מיך אָן א טרויער, א בענקעניש, דער טייפעל ווייסט וואָס...

ער האָט פאַררויכערט א סיגאַר, געשוויגען א ווײַלע און דערנאָך ווידער אָנגעהויבען :

— עני, אַמאָל פיהל איך זיך אזוי אומבאַפּרידיגט....

עני האָט איהם אָנגעקוקט און איהר פּנים האָט זיך פּלוצם ווי מיט א וואָלקען באַצויגען. זי האָט ארויסגעמורמעלט :

— אומבאפרידיגט ?...

— איך פיהל אַמאָל אזוי ווי א פּוסט ווינקעלע וואָלט אין מיין נשמה זיך אָפּגעשטעלט, וואָס מיין רייכטום קאָן בשום אופן ניט אויספילען...

— קאָנסט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסען די „העכערע אינטערעסען”, דזשאָו ? — האָט זי שטיל און מיט פאַרבאַרגענער ביטערניש ארויסגערעדט.

— דאָס איז דאָך אָבער די פּאָעזיע פונ׳ם לעבען, עני — האָט ער געענטפערט — נעהם רוטי׳ן, זי פיהלט עס ; זי האָט א העכערען צוועק אינ׳ם לעבען — די קונסט, צוליעב וועלכער זי איז גרייט צו געהן ארבייטען אין א שאָפּ, אָדער גאָר אַנטלויפען...

עני האָט אַ ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָט זי זיך שטיל און ביטער צולאַכט :

— דזשאָו, פאַרוואָס זאָלסטו גאָר ניט חתונה האָבען מיט א „העכערען צוועק” ? וואָס טויג דיר אזא מיידעל, ווי איך, ווען, זיצענדיג מיט איהר, פיהלסטו אָן אומצופרידענהייט ? — האָט זי מיט א פאַרשטיקטער אויפרעגונג געזאָגט און האָט זיך אומגעדרעהט צו איהם מיט׳ן רוקען.

ער האָט צומישט א טראַכט געטאָן : „אָט האָסטו דיר !” און זיך גענומען פארענטפערען :

— איך האָב גאָרנישט געמיינט, עני... וואָס האָסטו זיך באַליידיגט ?

און א היבשע ווײַלע האָט איהם גענומען, ביז ער האָט זי איבערגעבעטען. ערשט, ווען ער האָט די הענד איהר געקושט, האָט זי זיך אָנגערופען מיט א ווייכען קול :

— דזשאָו, טראַכט פון דיין אייגענעם גליק. ווי האָט

געזאָגט יענער אַלטער באַקאַנטער דיינער: אַ נאַר איז דער. וואָס פאַרגעסט אַז זיין איינענעם גליק צוליעב חלומות וועגנז העכערע אינטערעסען. אַזוי, דאַכט זיך, האָט דער אַלטער געזאָגט?...

ראַבינס האָט זי אונטערבראָכען מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל:

— נו, גענוג, גענוג וועגען דעם. איצט וועל איך האָבען אַ העכערען צוועק, מיט וועלכען דו אַליין וועסט אויך סימ־פּאַטיזירען. איך מיין רוטי'ן...

— זי שטיצען?

— יאָ, דאָס איז אויך אַ הויכער צוועק, גאַר אַ הויכער צוועק, געבען די מעגליכקייט אַ טאַלאַנט זיך צו ענטוויקלען.

— איך בין אודאי ניט דאַגעגען — האָט עני זיך אָנגע־רופען — דאָס קינד איז פול מיט דעם. און זי האָט טאַלאַנט. דזשאָו...

— זיכער. און אפשר אַ גרויסען. איך וועל אַלצדינג אָנווענדען, זי זאָל פאָהרען אין פּאַריז.

— דער פּאַפּאַ און די מאַמאַ וועלען זיין דאַגעגען.

— איך וועל מיט זיי רעדען.

— פּרוב. איך אַליין וועל דיך אויך אונטערשטיצען...

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— וועלען מיר, הייסט עס, ביידע האָבען אַ „העכערען אינטערעס"?

זי האָט געענטפערט:

— אָה, דזשאָו, איך בין ניט געגען דיינע העכערע אינ־טערעסען. איך וויל אָבער ניט, אַז זיי זאָלען זיין דיין הויפּט אינטערעס... פאַרשטעהסט?...

ער האָט זיך צולאַכט:

— איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה, יאָ, יאָ!...

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי אין הויז אַריין.

און שפּעטער, ווען ראַבינס איז אויף זיין געלעגער געלע־גען, איז דורך דער פינסטערניש פּונ'ם צימער רוטי'ס גע־שטאַלט פאַר איהם אַרויסגעשוואומען און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס גאַנצע צימער אַרום איהם איז מיט איהר פרישען און געשמאַקען דופט אָנגעפילט געוואָרען. ער האָט געטראַכט: „איך מוז איהר העלפען".

אין דער אייגענער צייט האָט עפּעס אַ בענקעניש זיך אין זיין נשמה געוועקט און, ווי אַ שווערער נעבעל, זיך געהויבען און זי איינגעהילט.

* * *

אויף מאָרגען איז ער אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוועהנליך, און איידער ער האָט זיין צימער פאַרלאַזען, איז ער אַ היבשע צייט פאַר'ן שפּיגעל געשטאַנען, האָט זיך לענגער געראַזירט ווי ווען־עס־איז פריהער, האָט זיך פאַרריכט די האָר דאָ און דאָרט און באַזונדערס האָט ער געאַרבייט מיט דער באַרשט איבער די זילבער־האָר אויף זיינע שלייפען, געזוכט צו פאַרשאַרען זיי צווישען די שווארצע, כדי זיי זאָלען זיך אַזוי אין די אויגען ניט וואַרפען.

ער האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעביטען זיין האַלזטוך און ווען ער איז, צום סוף, פאַרטיג געוואָרען, איז ער אָפּגעטראָטען פון שפּיגעל און פון וויטען זיך באַטראַכט אין איהם, אַ דרעה געטאָן זיך פאַר איהם מיט איין אַקסעל און מיט דעם אַנדערען, געכאַפּט אַזוי פון דער זייט אַ בליק אויף זיין טאַליע, איז ווידער צוגעגאַנגען נאָהענט צום שפּיגעל און ווידער זיך באַטראַכט. דאַן האָט ער פרעהליך אַ שמייכעל געטאָן צו זיך. כמעט ווי אַ מיידעל אַ קאָקעטקע, וועלכע וואָלט צופרידען געבליבען מיט איהר אויסזעהן.

די זון האָט פרעהליך און וואַרעם אין די פענסטער געלויכטען, און וואַרעם און ליכטיג איז איהם אויך אויף דער נשמה געוועזן. פון דער ביינאַכטיגער בענקעניש איז איצט דאָרט קיין שפּור ניט פאַרבליבען, אַקוראַט ווי די פרעהליכקייט און וואַרעמקייט וואָלטען זי פון דאָרט פאַרטריבען, ווי עס פאַרטרייבט די זון דעם גרויען נעבעל פון אַ פעלד.

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער איז פון די טרעפּ געגאַנגען צום עס־צימער, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי רוטי זיצט דאָרט און קוקט אויף איהם מיט איהרע ברענענדיגע אויגען און שמייכעלט צו איהם מיט איהר ליכטיגען שמייכעל, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער הערט איהר קול: „גוד מאָרנינג, קאַזין!" ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען עני'ן און, מערקווירדיג, זי האָט פאַרבייגעשוועבט בלויז ווי אַ שאָטען און איז באַלד פאַרשטעלט געוואָרען פון רוטי'ן.

ער האָט זיך ניט געפרעגט פאַרוואָס און פאַר ווען דאָס

איז, ניט אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם, האָט בלויז געפּיהלט, אַז איהם איז גוט און פרעהליך און ליכטיג אויף'ן הארצען און אַז איהם איז אַנגענעהם צו טראַכטען פון רוטי'ן.

נאָר, ווען ער איז דערנאָך אין עס־צימער אַריינגעקומען און האָט פרעהליך געענטפערט אויף דעם „גוט מאָרגען" פון עני'ן, אסתר'ן און שאַסקע'ן, האָט ער דאַן מיט אַמאָל באַמערקט, אַז רוטי איז דאָרט ניטאָ, און זיך גלייך דערפיהלט אַביסעל ענטוישט.

און, מערקווירדיג, ער האָט געוואָלט פרעגען, וואו זי איז, און עפּעס איז איהם איצט שווער געווען איהר נאָמען פאַר זיי אַרויסצוברענגען. ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

דערנאָך אָבער האָט ער, קוקענדיג אויף'ן טעלער, פון וועלכען ער האָט געגעסען, זיך אָנגערופען:

— וואו איז עפּעס רוטי?

עני האָט געענטפערט:

— זי איז אַוועקגעפאָהרען צו איהר פריינדין עלענאָר כאַווקין. וועט מסתמא פאַרברענגען דאָרט דעם גאַנצען טאָג.

ער האָט בלויז אַרויסגעמורמעלט:

— אַזוי?...

און האָט עפּעס ווידער דערפיהלט אַ בענקעניש.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „וואָס איז דאָס מיט מיר?"

און זיך דערנאָך אָנגערופען פאַרטראַכט:

— וואָס טוען מיר היינט, עני?

זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— איך האָב שוין היינט וואָס צו טאָן, דזשאָו.

— וואָס?

— העלפען אָנצוגרייטען פאַר מאָרגען.

— פאַר מאָרגען?

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרטראַכט און, אַזוי ווי זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ גליקליכען שמייכעל, האָט ער זיך דאַן מיט אַמאָל דערמאָנט, און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָה, יעס! אונזער פאַרלאָבונג!

ער האָט נאָך שאַרפער דערפיהלט די בענקעניש. ער האָט זיך אָבער אַ כח אָנגעטאָן און געשמייכעלט צו עני'ן, געשמייכעלט איצט צו איהר איבערטריבען.

דאָן האָט ער זיך אויפגעהויבען פון׳ם אָרט און אַ סיגאַר פאַרדרויכערט.

שאָסקע האָט עפּעס צונויפגעלעגט שפּייז אין אַ פּעקעל. אסתר האָט איהר געהאָלפען.

מיט אַמאָל האָט שאָסקע זיך אַנגערופען צו ראָבינס׳ן:

— דזשאָו, דו האָלסט עפּעס פון אַ מצוה?

ער האָט געענטפערט:

— פון דיינער אַ מצוה האַלט איך תמיד...
איהר פּנים האָט זיך מיט פריידע אָנגעצונדען.
— דהענקס — האָט זי געזאָגט און גערעדט ווייטער — מיסטער פערלמוטער׳ס יתומים׳לעך... שיכלעך דאַרף מען פאַר זיי. ער זיצט שבעה און סתם איז ער אַ צובראָכענע כלי געבאָך... אומשטיינס געזאָגט, וואָס ער פאַרדיענט דאָרט מסתמא, ווען ער אַרבייט שוין אפילו...
ראָבינס האָט זי אונטערבראָכען:
— נו, גוט, נו, גוט! וואָס דאַרפסטו אַ סך ריידען? וויפיעל ווילסטו?
— דריי פּאָר שיכלעך. אסתר האָט געוואָלט געלט געבען, האָב איך איהר געזאָגט: פאַרוואָס זאָל דזשאָו ניט כאַפּען אַ מצוה פאַר זיינע תנאים? דערפאַר וועט גאָט העלפען איהם און —
ער האָט זי ווייטער ניט געלאָזט ריידען.
— גאָט האָט שוין געהאָלפען, געהאָלפען — האָט ער זיך אַנגערופען און אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ פּעקעל געלט — וויפיעל? אַ פופציגער וועט זיין גענוג?
ער האָט איהר דערלאַנגט אַ פופציג־דאָלאַרדיגע אַסיגנאַציע.
זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט שטראַהלענדיגע אויגען.
— אפשר אַביסעל צופיעל? — האָט זי אַרויסגערעדט.
ער האָט געענטפערט:
— נעהם. קויף איהם אויך נייע שיך. טאָמער דאַרף ער נאָך עפּעס, קום צו מיר. מיר פעהלט ניט. איך האָב גענוג אפילו פאַר חזרים.
אסתר האָט אַ שמייכעל געטאָן:
— וועה איז מיר, דזשאָו, ווי רעדסטו דאָס?

— ערנסט, טאַנטע, איך פרעג זיך אַמאָל: וואָס דאַרף איך אַזוי פיעל געלט? וואָס טו איך מיט דעם?

זי האָט געענטפערט:

— נאַרוניו, דו פאַנגסט דאָך אַן ערשט צו לעבען. ווי זאָגט יענער? פון צופיעל פערל אויפ'ן האַלז טוט דער קאָפּ ניט וועה.

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— פון צופיעל פערל אויפ'ן האַלז שטיקט אַמאָל, טאַנטע.

עני האָט זיך אַריינגעמישט:

— איך וועל דיר העלפען טראָגען די שווערע פערל, דזשאָו.

אסתר און שאָסקע האָבען זיך צולאַכט און ראַבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן פאַרטראַכט.

דאַן האָט שאָסקע צונויפגענומען דעם פעקעל שפּיין אויפ'ן טיש און געזאָגט:

— פאַר די פופציג דאָלאַר, דזשאָו, זאָלסטו און עני לעבען פופציג גליקליכע יאָהר.

האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פעקעל און איז מיט אַן אימ־פעט אַרויסגעלאָפען.

ראַבינס האָט דאַן אַרויסגערעדט צוטראָגען:

— וואָס טוט מען עפּעס, האַ?

און מיט אַמאָל האָט ער זיך צו עני'ן אַ קעהר געטאָן:

— עני, שפּיעל גאָר עפּעס אויף דער פּיאַנאָ.

זי האָט איהם אָנגעקוקט:

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? איך האָב דאָך געמיינט, אַז דיך אינטערעסירט גאָרניט דאָס פּיאַנאָ שפּיעלען.

— נו, זינג עפּעס — האָט ער געזאָגט.

— זינגען? דאַרף איך דאָך קענען.

— נו, טאַנץ... קום מיט מיר שפּאַצירען... פאָהר אַרויס מיט מיר.

זי האָט אויסגעגלאָצט אויף איהם די אויגען.

— דזשאָו, וואָס איז מיט דיר היינט?

ער האָט געוואָלט זאָגען „מיר איז שרעקליך אומעטיג" און האָט געזאָגט:

— מיר איז היינט אַזוי פרעהליך, עני. קום, מיר ווע־לען ערגעץ היינט פאַרברענגען!

און גלייך האָט זי זיך אַ וואַרף געטאָן צו איהם, אַרויפ־געלעגט איהרעביידע הענט איהם אויפ׳ן אַקסעל און אַריינ־געקוקט מיט שטראַהלענדיגע אויגען איהם אין פּנים.

— איך וואָלט עס געטאָן, דזשאָו. דו ווייסט, ווי איך האָב ליעב מיט דיר צו פאַרברענגען, ניט ווענינער ווי דו מיט מיר... אָבער איך וויל העלפען אין הויז. דו ווילסט דאָך, אַז איך זאָל זיין אַ גוטע בעל־הבית׳טע אינ׳ם הויז. ניט אמת האָ?

ער האָט געענטפערט:

— יאָ, יאָ, געוויס, געוויס.

און ער האָט אַ טראַכט געטאָן מיט בענקעניש:

„אַ גוטע בעל־הבית׳טע... דאָס איז דאָך וואָס איך האָב געזוכט“.

און מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט אויף איהר אויבער־שטער ליפּ אַ טונקעלען שאָטען פון שוואַרצע הערעלעך און איהם איז עפּעס אומאַנגענעהם געוואָרען צו קוקען אויף דעם. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„וואָנצעס גאַר... ווי ביי אַ קאַץ... פאַרוואָס האָב איך דאָס פריהער ניט באַמערקט?“

און ער האָט זיך געענטפערט כמעט פאַרביטערט:

„נו, וואָס איז דער אונטערשייד? אַ גוטע בעל־הבית׳טע אינ׳ם הויז וועט זי דאָך זיין!“

און דאַן איז ער מיט אַמאָל בייז געוואָרען אויף זיך, למאי ער טראַכט אַזוי, און, ווי צו להכעיס זיך אַליין, האָט ער זיך געזאָגט: „די וואָנצעס זיינען דווקא שעהן. אָריגינעל“.

און דאַן איז ער נאָך אַ ווײַלע געזעסען מיט איהר אין עס־צימער און האָט איהר אַרויסגעוויזען ליעבע מעהר ווי ווען עס איז פריהער. עני האָט פּאָר גליק אינגאַנצען גע־שטראַהלט און אסתר האָט, מיט אַן אויסדרוק פון הרחבה אויף איהר פּנים, זיך שטיל אַרויסגע׳גנב׳עט פונ׳ם עס־צימער, כדי ניט צו שטערען זיי.

און דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָהרען אין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק האָט ער פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אין די אָפיסעס פון באַקאַנטע ביזנעס־לייט און די גאַנצע צייט, בעת

ער האָט דאָרט גערעדט פון געשעפט, פון פרייזען אויף סחורה און פון דער אויסזיכט, בכלל, אין דער געשעפטס־וועלט, האָט ער געטראַכט פון דעם הויז אין ברוקלין. און געצויגען האָט איהם אַהין און אַז אומעט האָט איהם געדריקט, און אַ בענקעניש...

אין איינעם פון די אָפיסעס האָט געאַרבייט אַ יונגע סטענאָגראַפיסטין, מיט אַ לאַנגען, בויגיגען האַלז און מיט שוואַרצע האָר, פאַרלעגט פון הינטען אַזוי, אַז זיי האָבען אויסגעזעהן געשאָרען, האָט ער די אויגען פון איהר ניט געקענט אַוועקרייסען און אויפגערעגט געטראַכט פון רוטי'ן.

און מיט אַמאָל האָט ער זיך דאָרט ראַפּטאַם פונ'ם אָרט אַ הויב געטאָן, גענומען זיין הוט און שטאָק, זיך געזעגענט און איז מיט פאַרטראַכטע אויגען דערנאָך אַרויס אין דרויסען.

און אין אַ ווייַלע אַרום, ווען ער איז אין אַ טעקסי געזעסען, אויפ'ן וועג קיין ברוקלין, איז פאַר זיינע אויגען געשטאַנען זיין אָנקעל'ס הויז, דאָס עס־צימער, דער קאָרידאָר, דער גאַניק אונטען, דער גאַניק אויבען, און אומעטום האָט ער רוטי'ן געזעהן, מיט דעם הויכען האַלז, ווי ביי אַ שוואַן, און מיט די סאַמעט־שוואַרצע קורצע האָר פון הינטען.

ער האָט געטראַכט:

„אַ ליעב מיידעלע... מען מוז זעהן, אַז איהר טאַלאַנט זאָל ניט פאַרלאָרען געהן... איך וועל נאָך היינט ריידען... זי זאָל פאָהרען..."

און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער זעהט רוטי'ס פייערדיגע אויגען, ווי זיי קוקען אויף איהם מיט דאַנקבאַרקייט.

„יאַ, יאַ, דו וועסט פאָהרען" — האָט ער געטראַכט ווייטער, און זיין האַרץ איז מיט וואַרימקייט אָנגעפילט געוואָרען — „דו וועסט זיכער פאָהרען. טאַמער וועט מען דיך ניט וועלען לאָזען אַליין, וועל איך מיט דיר פאָהרען... יאַ, איך... איך... און עני?" — איז פּלוצים איהם איינגעפאַלען — „טאַמער וועט זי ניט וועלען פאָהרען? פאַרוואָס זאָל זי ניט וועלען?"

און מיט אַמאָל האָט ער זיך ווידער דערמאַנט אַן איהרע הערעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ און איהם איז אומאַנגענעהם געוואָרען...

„פע, מיאוס צו קוקען!" — האָט ער ווידער א טראכט געטאָן, און מיט א בענקעניש געגומען עפּעס פייפען...

4.

אינ'ם עם צימער האָט ער בלויז אסתר'ן געטראָפען.

— וואו איז עני? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— אוועקגעפאָהרען מיט דיין אָנקעל אין ניו יאָרק. צו קויפען עפּעס פאַר מאָרגען.

— זייט א'הר גאָר אליין?

— רוטי האָט טעלעפאָני'ט, אז זי קומט באַלד. שאָסקע לעזט דאָרט איהר ראָמאָן און גיסט ווידער טרעהרען...

דאָן איז שאָסקע אריינגעקומען פון א צווייטען צימער.

אסתר האָט א קוק געטאָן אויף איהר און ארויסגערעדט:

— וואָס דען? טו נאָר א קוק אויף איהר, דזשאָו, ווי זאָגט יענער? זי נעמט זיך אלצדינג צום הארצען...

שאָסקע האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס איז דער מעהר?

ראָבינס האָט געענטפערט:

— מיר ריידען פון דיר. דו האָסט צופיעל רחמנות אין דיין הארצען.

שאָסקע האָט א שמייכעל געטאָן.

— געה, דו נאַר, איך בין א בייזע. האָסטו דען ניט געזעהן, ווי גיך איך ווער אין כעס?

— דאָס איז דיין משוגעת — האָט אסתר זיך אָנגערופען — ניט דיין בייזקייט.

— נו, אבי דו ביזט קלאָר, קאַלטע קוזיניע...

און מיט אמאָל האָט זי מיט התפעלות זיך א כאַפּ געטאָן:

— אָי, דזשאָו, זאָל עס דיר אָנקומען, וואָס מיסטער פּערלמוטער האָט דיר געוואונשען פאַר די שיכלעך און די עטליכע דאָלער... ער האָט עס, נעבאַך, געדאַרפט נויטיג האָבען.

— אויף וועמען האָסטו מעהר רחמנות, שאָסקע, צי אויף מיסטער פּערלמוטער און זיינע קינדער, אדער אויף די אומגליקליכען העלדען פון דיין ראָמאָן? — האָט ראָבינס גוטמוטיג געפרעגט.

שאָסקע האָט א ציה געטאָן די אקסלען:

— כ'וויים?...

אסתר האָט זיך דאַן ווידער אַנגערופען:

— א שרעקליכע געשיכטע. שאַסקע, דערצעהל איהם. אפשר וועט ער דיר אויך העלפען ווייגען...

שאַסקע איז בייז געוואָרען און זי האָט געזאָגט:

— מילא, אז דזשאָו לאַכט, בין איך איהם מוחל. א גע־בילדעטער, האַלט עס פאַר א נאַרעשקייט, נו!... אָבער, וואָס לאַכסטו, אסתר? אז איך האָב דיר פריהער געלעזען דעם ראָמאַן, האָסטו אויך געלאַכט? האָסטו אויך געלאַכט?— האָט זי נאָך אמאָל איבערגעזאָגט צורייצט און אויסגעשטעלט צו איהר ביידע הענט מיט א טענה, און געמאַכט צו איהר גרימאַסען מיט די ליפּען.

אסתר האָט רוהיג געענטפערט:

— נו, שאַ, שאַ, זיך אַנגעהויבען מיט איהר...

— ניין, — האָט שאַסקע גע׳טענה׳ט, — ענטפער, זאָל טאַקע דזשאָו הערען. האָסטו פריהער אויך געלאַכט?

— איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. אז דו האָסט גע־לעזען דעם ראָמאַן ווי א תחינה, האָט זיך ביי מיר א טרער ארויסגעריסען. ווי זאָגט יענער? מען איז דאָך עפּעס א אי־דענע...

— היינט וואָס מאַכסטו אזאַ אַנשטעל? — האָט שאַסקע זיך נאָך מעהר צוהיצט און זיך א קעהר געטאָן צו ראָבינס׳ען.

— סך־הכל קריכען איהר ארויס די אויגען פונ׳ם קאָפּ צו ווי־סען, וואָס איז דער סוף מיט מאַטילדע׳ן פון דעם ראָמאַן, בעט ביי מיר כסדר, איך זאָל איהר דעם ראָמאַן געבען לעזען, אדער איך זאָל איהר כאָטש דערצעהלען...

אסתר האָט א שמייכעל געטאָן:

— ווען איך וויל דיר צוליב־טאָן, רעד איך מיט דיר פון דעם ראָמאַן. ווי זאָגט יענער? אז מען וויל אימיצען צוליב־טאָן, באַגעהט מען אמאָל אפילו א נאַרישקייט אויך...

— אַל־ראַיט, אסתר, מיר וועלען נאָך זעהן...

— איך האָף אויך צו גאָט, אז מיר וועלען נאָך זעהן...

— דעם ראָמאַן וועסטו שוין ביי מיר ניט ענדיגען. פאַר־לאָז זיך אויף מיר. איך וועל איהם שוין גוט באַגראָבען.

— וועה איז מיר! וואָס האָסטו צו מאַטילדע׳ן?

— חכמה׳ט זיך! לאַכט פון מיר! דו וועסט זעהן, דזשאָו, ווי די חכמה וועט זיך ביי מיר בעטען, איך זאָל איהר כאָטש

דערצעהלען, וואָס איז געוואָרען דער סוף פון דער שעהנער מאַטילדע'ן...

ראָבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— טאַקע, וואָס פאַר אַ סוף האָט די שעהנע מאַטילדע געהאַט? חתונה געהאַט? געשטאָרבען? — האָט ער זיך גוט־מוטיג אָנגערופען.

און דאַן האָט זיך שאָסקע מיט אַ מאָל אַ קעהר געטאָן צו אסתר'ן און גענומען רעדען ווי מיט אַ צו־להכעיס־טאָן:

— דער באַראָן האָט זי פאַרנאַרט אין זיין שלאָס, פאַר־שלאָסען זי אין זיין צימער... אָט דאָ האָלסטו... ביז דאַ־נען האָב איך דיר פריהער געלעזען. נו, האַ? ווילסט וויסען, וואָס ווייטער איז געווען? דו וועסט שוין ניט וויסען, דו וועסט שוין ניט וויסען, דו וועסט שוין ניט וויסען! — האָט שאָסקע דריי מאָל נאָכאַנאַנד דאָס געזאָגט, ווי אַ פרומער איד „קדוש", און איז אַרויסגעלאָפען אין אַ צווייטען צימער.

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— משוגע! האָסטו געזעהן, ווי זי האָט זיך באַליידיגט?

שאָסקע האָט זיך ווידער באַוויזען מיט אַ בוך אין דער האַנט, האָט שטום אַ מאַך געטאָן מיט איהם צו אסתר'ן און איז מיט אַ שפּאָטישער מינע דערנאָך פאַרשוואונדען דורך דער אַריינגאַנגס־טיר.

ראָבינס האָט איהר נאָכגעשריען:

— שאָסקע, האָב דאָרט כאָטש רחמנות אויף די גוטע העלדען!

אסתר האָט דאַן געזאָגט:

— זי וועט שוין מיר נאָכלויפען, אַז איך זאָל זי אויס־הערען; דו וועסט עפּעס זעהן...

ראָבינס האָט דאַן אַרויסגערעדט:

— פונדעסטוועגען פאַרשטעה איך ניט...

— וואָס?

— ווי אַזוי שטעלט מען זיך אָפּ ביי אַזאַ אינטערעסאַנטע שטעלע און מען וויל ניט וויסען, וואָס ווייטער איז געווען...

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין... וואָס שאָסקע האָט דאָ דערצעהלט... איך מיין... וועגען דעם באַראָן... פאַרשלאָסען די טיר... דער אָטעם פאַרכאַפּט דאַך דאָ...

— אָה, דאָס מיינסטו?... דער אַטעם האָט טאַקע שאָסקע'ן פאַרכאַפּט, ווען זי האָט דאָס מיר פריהער געלעזען... אין מיטען דרינען איז אָבער אַריינגעקומען אַ שכנה און האָט זיך געשטעלט רעדען מיט מיר, האָט ביי שאָסקע'ן קיין געדולד ניט געכאַפּט צו וואַרטען, ביז די שכנה וועט אַוועקגעהן. איז זי אַוועקגעלאָפען מיט'ן בוך אין צווייטען צימער און האָט אַליין געלעזען וואָס מען שרייבט דאָרט ווייטער. מילא, ווי זאָגט יענער? זי וועט שוין דאָס מיר דערצעהלען. ווען דו וואָלסט דאָ איצט ניט געווען, וואָלט איך שוין איצט געוואוסט, וואָס דאָרט האָט דערנאָך פּאַסירט...

* * *

שפּעטער איז רוטי געקומען מיט איהר פריינדין עלינאָר כאַווקין. ווען ראָבינס האָט זי דערזעהן, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַזוי ווי אין הויז וואָלט עפּעס ליכטיגער געוואָרען.

גלייך איז רוטי צו איהם צוגעגאַנגען.

— האָסטו גערעדט?

— נאָך ניט, — האָט ער געענטפערט.

— ביזטו אַ בעדבאַי, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ברוגז'ער מינע.

— איך וועל שוין היינט ריידען, רוטי...

— זיכער?

— זיכער.

האָט זי צו איהם אַ שטראַהל געטאָן מיט איהר ליכטיגען שמייכעל און מיט איהרע אויגען איהם אַ בריה געטאָן:

— גערענק־זשע, קאָזין!

און דערנאָך האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן צו איהר פריינדין עלענאָר כאַווקין, וועלכע איז דאָן געשטאַנען ביי דער טיר און האָט עפּעס מיט אסתר'ן גערעדט:

— עלענאָר, קום אהער!

עלענאָר, בלאָנד און רונד, מיט בלויע אויגען און אַ פאַרריסענעם לאַכעדיגען נעזעל, איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— וואָס איז דער מעהר, רוטי?

רוטי האָט שטיל אַרויסגעפּליסטערט:

— ווי געפעהלען דיר זיינע אויגען? טו אַ קוק... זיינען זיי ניט וואונדערפול?

אוןביידע מיידלעך האָבען אַ קוק געטאָן אויף ראָבינס'ן.

וועלכער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז זיי ריידען וועגען איהם, און פאַרטראַכט צו זיי געשמייכעלט.

עלענאָר האָט אַ ציה געטאָן מיט איהר לאַבעדיגען נעזעל. אַזוי ווי זי וואָלט ראַבינס'ן ארומגעשמעקט. דערנאָך האָט זי דעם בלאָנדען קאָפּ אָפּגעקעהרט און שטיל געענטפערט:

— יעס, אַ שעהנער מאַן!

— וואָס סוד'עט איהר זיך? — האָט ער זיך דאַן אָנגערופען.

רוטי האָט שטיפעריש געענטפערט:

— קיין סודות דערצעהלען מיר ניט, קאַזין. קום, עלענאָר, אָפּסטערז.

— און עסען? — האָט אסתר זיך פּלוצים אָנגערופען.

— איך האָב שוין ביי עלענאָר געגעסען — האָט רוטי געענטפערט, אַ כאַפּ געטאָן עלענאָר אונטער'ן אָרעם און מיט אַמאָל האָט זי געפרעגט:

— און וואו איז ענני?

— אין ניו יאָרק — האָט אסתר געענטפערט — אַ רחמנות, נעבאַך, אויף דזשאָו'ן. איהם איז אומעטיג אָהן איהר.

רוטי האָט איינגעלאָזט עלענאָר'ס אָרעם און אַ קוק געטאָן אויף ראַבינס'ן.

— איז דיר אומעטיג, קאַזין?

ער האָט געענטפערט מיט אַ פאַרטראַכטען שמייכעל:

— און אַז מיר איז אומעטיג?

דאַן איז זי צוגעגאַנגען צו איהם נעהענטער און האָט אַרויסגערעדט מיט אַ מינע, אַזוי ווי אַ נאַכגעגעבען קינד:

— איך וויל ניט...

— וואָס ווילסטו ניט?

— אַז דיר זאָל זיין אומעטיג. איך וויל ניט — האָט זי קינדעריש אַ דרעה געטאָן מיט'ן אַקסעל און אָנגעשטעלט איהרע פולע, זאַפטיגע ליפּען.

— וועלל, אויב דו ווילסט ניט, אַז מיר זאָל זיין אומעטיג, מאַך דו מיך פרעהליך — האָט ער געענטפערט, און ווידער דערשפּירט דעם געשמאַקען דופט, וואָס האָט פון איהר אַרויסגעשטראָמט ווי נעכטען.

זי האָט געזאָגט אויף אַ נאַאיווען, קינדערשען אופן:

— ווי אַזוי קאָן איך מאַכען דיך פרעהליך, ווען דו האָסט ליעב אַן אַנדערע ?

ער איז צומישט געוואָרען פון דער דאָזיגער אומערוואַרטעטער באַמערקונג און אַ רגע האָט ער זי אַנגעקוקט מיט אַ צוטומעלטען שמייכעל און ניט געוואוסט, וואָס איהר צו ענטפערען.

אסתר האָט גוטמוטיג זיך אַנגערופען :

— איז זי דען ניט גערעכט ?

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— געווים, געווים !...

און אין דער אייגענער צייט האָט ער ווי מיט זיין גאַנצען הארצען זיך גע'טובל'ט אין רוטי'ס שעהנקייט און עפּעס האָט דאָרט געציטערט, געצויגען און זיך געריסען, געפרעהט זיך און געקרעכצט. און מיט אַמאָל האָט עני פאַר איהם אויפגעלעבט און די אומאַנגענעהמע וואַנצעס, וועלכע האָבען זיך איצט, אין דעם שיין פון רוטי'ס שעהנקייט, נאָך שאַרפער אָפּגעצייכענט, אַזוי ווי געגען דעם שטאַרקען ליכט פון דער זון, און אין זיין הארצען איז די פרייד פאַר רוטי'ס שעהנקייט פאַרשטומט געוואָרען און דער אומעט האָט שטאַרקער דאָרט גענומען קרעכצען.

און ווידער איז ער איצט בייז געוואָרען אויף זיך אַליין. און זיך אין די געדאַנקען צום טייוועל געשיקט, און דערנאָך, ווידער אַזוי ווי זיינע געפיהלען אויף צו־להכעיס, האָט ער ארויסגערעדט :

— ווירקליך. מיר איז אומעטיג אָהן עני'ן... סיידען איך זאָל ווידער פאָהרען אין ניו יאָרק. ווען קומט זי, טאַנטע ?

— מסתמא ערשט צו סאָפּער — האָט אסתר געענטפערט.

עלענאָר האָט ארויסגעפּליסטערט צו רוטי'ן :

— ווי ער איז פאַרליעבט !

— איך וועט ! — האָט זי שטיל געענטפערט און צוגעלעגט — עלענאָר, ווילסט אפשר געהן אין פּאַרק ? מיר וועלען איהם מיטנעהמען און מיר וועלען דאָרט באָל שפּילען.

— פון מיינעטוועגען. וועט ער אָבער וועלען געהן מיט אונז ?

רוטי האָט זיך דאָן אַ קעהר געטאָן צו ראַבינס'ן :

— הער נאַר, קאַזיו, דו קענסט וואַרפען אַ באַל ?
— וואָרום ?
— וועלען מיר געהן אין פּאַרק און איך וועל דיר העל־פען דעם אומעט פאַרטרייבען מיט דעם באַל. וועלל, קאַזיו. געהט עס ?

ער האָט זי אַנגעקוקט מיט אַ פאַרטראַכטען שמייכעל. דאַן האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו אסתר'ן :

— וואָס זאָגט איהר, טאַנטע ? רוטי איז, דאַכט זיך, גערעכט.

— געוויס. וואָס וועסטו דאָ טאָן ? ביז עני וועט קומען, וועסטו זיין צוריק.

רוטי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— געה איך נעהמען מיין באַל. קום, עלענאָר.

ווען רוטי איז דערנאָך מיט עלענאָר אין איהר צימער אריין, האָט רוטי זיך אָנגערופען :

— דו ווייסט, עלענאָר, וואָס מיר פעלט איין ?
— וואָס ?
— דו געדענקסט די פּיעסע „קוואָ וואַדיס", וואָס מיר האָבען פאַר צוויי יאָהרען געזעהן ?
— איך געדענק.
— געדענקסטו, אין וועמען מיר האָבען זיך דאַן פאַר־ליעבט ?
— אין פּעטראָניוס.
— ריכטיג. איז דזשאָו ניט שטאַרק עהנליך צו פּעט־ראָניוס ?

עלענאָר האָט פאַרטראַכט אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט איהרע בלויע אויגען. דערנאָך האָט זי מיט אַמאָל אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט.

— ווירקליך, רוטי ! — האָט זי אויסגעשריען מיט התפעלות — ווען ער זאָל זיין אָנגעטאָן ווי יענער... פּעט־ראָניוס'עס וואוקס און די אויגען...

— און דאָס שמייכעל — האָט רוטי אונטערגעכאַפּט — און די אַדלער־נאָז און די גלאָסענע, אַריסטאָקראַטישע האַל־טונג... אַן אמת'ער גריך, אַ פּאַטריציער... ווען איך וועל אַמאָל מאָלען אַ שעהנעם גריך, וועט ער מוזען זיין מיין מאָדעל. איך וועל דאָס אין פּאַריז טאָן... ביי מיר אין שטודיאָ... עטליכע

טויזענד דאָלאַר ווײַל ער מיר אויף אַ שטודיאַ געבען... און ער וועט דערנאָך קומען צו מיר מיט עני'ן...

— דו פאַנטאַזירסט ניט, רוטי ?

— איך פאַנטאַזיר ? ער איז דאָך אַ מיליאָנער...

— איך מיין ניט דאָס. איך מיין, אויב מען וועט דיך לאָזען פאָהרען.

— מען וועט מיך שוין לאָזען ! — האָט רוטי געענטפערט, און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען — מען וועט מיך מוזען לאָזען. זיי זיכער, נאָך פאַר ניי־יאָהר וועל איך דאָרט זיין.

— איך ווינש דיר גליק, רוטי.

דערווייל האָט רוטי ניט געקענט געפינען איהר פּילקע.

— וואו איז דער באַל ? — האָט זי איהם געזוכט אין די שופלאָדען און ניט געפונען — טאַנטע שאַסקע האָט איהם ערגעץ באַהאַלטען.

דאַן האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— אה, זאָל דזשאָו קויפען אַ נייעם ! קום, עלענאָר !

און באַלד איז זי מיט עלענאָר געווען אונטען, איז ניט אַריין אין הויז, נאָר פונ'ם קאָרידאָר געשריען :

— קאַזין, קום, מיר געהען !

ראַבינס איז פונ'ם הויז אַרויסגעקומען.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי געגאַנגען איבער'ן בולוואַר צום פּראָספּעקט פּאַרק צו. רוטי האָט זיך געשפּיעלט מיט דער נייער פּילקע, וואָס זיי האָבען, פאַרבייגעהענדיג, אויף בעדפאָרד עוועניו אין אַ סטאָר געקויפט. זי האָט געשיקט געוואָרפען די ווייסע, האַרטע פּילקע פון איין האַנט אויף דער אַנדערער און דערביי האָבען די חן־גריבעלעך אויף איהר באַוועגליכען פּנים אונטערגעטאַנצט, האָט זיך געדאַכט.

די בלאָנדע עלענאָר האָט די גאַנצע צייט געוואָלט אַרויסכאַפּען די פּילקע פון איהרע הענט און ניט געקענט. יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך מיט אַ הילכענדיגען געלעכטער אַ וואַרף געטאָן צו איהר פריינדינ'ס האַנט, וועלכע האָט די פּילקע געהאַלטען, איז די פּילקע אין דער הויך געפלויגען און תמיד האָט רוטי'ס האַנט זי אונטערגעכאַפּט.

און אַזוי שטיפענדיג זיינען זיי שנעל געגאַנגען און צייי־

טענוויין געלאָפען איבער די אַספּאַלט־אַלעען צווישען די טונ־קעלע, שאָטענדיגע בוימער פון׳ם בולוואר.

ראַבינס איז תמיד אויסגעקומען אַהינטער זיי. זיינע אויגען האָבען נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון רוטי׳ן און אין זיי האָט אָפּגעשטראַהלט יענע הנאה, וואָס מען פיהלט, בעת מען קוקט אויף עטוואָס, פון וואָס דאָס הארץ קוועלט אַז.

צייטענווייז האָט זי זיך אומגעקוקט אויף איהם מיט אַ צופלאַמטען פּנים און שטיפעריש אַ וואונק געטאָן צו איהם מיט אַ פלאַמענדיגען אויג, האָט זיך איהם דאָן אויסגעוויזען אַז זי שפּריצט אויף איהם מיט פייערדיגע פונקען...

ער האָט ניט געפיהלט דעם שוויס, וואָס האָט איהם אויף׳ן שטערען אַרויסגעשלאָגען, פון שנעלען גאַנג, און יע־דעס מאָל, ווען זיי האָבען זיך געלאָזט לויפען מיט זייערע פלינקע, יונגע פיס, האָט ער אויך חשק געהאַט צו לויפען מיט זיי, האָט אָבער זיך עפּעס געשעהמט, און זיי דערנאָך אַנגע־יאָגט מיט זיין שנעלען גאַנג.

זיי זיינען אַריין אין טויער פון׳ם פּאַרק.

און באַלד זיינען זיי געגאַנגען צווישען געדיכטע בוימער איבער אַ שמאָלען, ווייסען וועג, אויסגעשאָטען מיט קליי־ניטשקע ראָזעווע שטיינדלעך. אַ טונקעלע גרינקייט, דורך וועלכע עס האָט זיך געבראָכען אַ גאָלדענער, וואַרימער אָפּ־גלאַנץ פון דער זון, האָט מיט פרישקייט געהויכט.

ראַבינס האָט אַרונטערגענומען דעם הוט און טיעף אין זיך אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט.

— ווי גוט ! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט.

אויף איין באַנק איז געזעסען אַן עלטערער מאַן און האָט געלעזען אַ צייטונג. אויף אַן אַנדערער — אַ פרוי און נעבען איהר איז געשטאַנען אַ קינדערש וועגעלע.

דערנאָך זיינען זיי אַרויס אויף דעם הויפּט־וועג, איבער וועלכען אויטאָמאָבילען האָבען זיך געטראָגען, האָבען זיך פאַרנומען לינקס — רוטי האָט געפיהרט — און זיי זיינען, צום סוף, אַרויס אויף אַ גרינער לאָנקע, וואָס האָט זיך געצויגען ווייט־ווייט, ווי אַ גרינער, גלאַנציגער טעפּיך, פון זון פאַר־גאָסען, ביז, פון איין זייט, אַרויף צו אַ גרינעם בערגעל, אויף וועלכען אַ קופּקע בוימער זיינען געשטאַנען, און, פון דער אַנ־דער זייט, ביז צו אַ העכערען באַרג, פון וועלכען אַ גרויסער

פעלז, מיט אַ צושפּאַלטענעם האַרצען, האָט אַרונטערגעקוקט.

און אַזוי ווי דאָס איז געווען אין אַ מיטען וואָכעדיגען טאָג, האָט מען דאָרט קיינעם איצט ניט געזעהן, אויסער וואָס אַ פּאָליסמאַן איז דאָרט דורכגעגאַנגען און האָט אַ בלישטשע געטאָן אויף אַ רגע מיט זיין הוט און קנעפּלעך און איז דערנאָך ערגעץ פאַרשוואונדען.

און באַלד זיינען זיי אַלע דריי געשטאַנען אויסגעשטעלט צום שפּיעלען. רוטי, אָהן אַ הוט, מיט די אַרבעל הויך פאַרקאַשערט אויף די רונדע אָרעמס, איז אָפּגעלאָפען מיט דער פּילקע גאַנץ ווייט. אין מיטען איז געשטאַנען עלענאָר, אויך אָהן אַ הוט, מיט די אַרבעל אויך פאַרקאַשערט אויף די אָרעמס און מיט די בלאָנדע האָר, גלאַנצענדיגע אונטער דער זון. און אויף דער אַנדער זייט — ראָבינס, אָהן אַ ראָק און הוט און אויך מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל.

ער איז געווען אַ געאיבטער באַל־שפּילער, ווייל די לעצטע פּאָר יאָהר האָט ער יעדען אין־דער־פריה באַל געשפּיעלט מיט איינעם פון זיינע נעגערס, צוליעב באַוועגונג מאַכען.

דאַן האָבען זיי גענומען שפּיעלען. רוטי איז הינטערווייטלעכץ אָפּגעטראָטען צוריק, האָט אַ וויעג געטאָן דעם אָרעם מיט דער פּילקע. עלענאָר, ביידע הענט אויסגעשטעלט און מיט די בלויע אויגען צו דער פליהענדיגער פּילקע, האָט זיך אַ לאָז געטאָן געגען איהר אין אַזאַ פּאָזע, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט הויבט זי זיך אַליין אויף פון דר'ערד און פליהט אין דער לופטען אַוועק געגען דער פּילקע. מיט אַ געשיקטער באַוועגונג האָט זי די פּילקע צווישען ביידע הענט אונטערגעכאַפּט און זיך דאַן אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צו ראָבינס'ן און זי צו איהם אַוועקגעשיקט.

ער האָט רוהיג געוואַרט אויף איהר, אויסגערעכענט ווי זי וועט אָנקומען, אַ טראָט געטאָן איהר אַנטקעגען און געלאָזען, אָהן אָנשטרענגונג, זי אונטערגעכאַפּט. דערנאָך האָט ער אַזוי געלאָזען אַ וואָרף געטאָן די פּילקע און דוקא אַזוי הויך, דאָס ביידע מיידלעך האָבען אין פאָראויס זיך אַ לאָז געטאָן מיט די הענט אויסגעשטעלט, ניט וויסענדיג, וואו זי וועט פאַלען.

דערנאָך האָבען זיי זיך ערשט ריכטיג צושפּיעלט. רוטי איז געלאָפען, געשפּרונגען, אונטערגעכאַפּט די פּילקע מיט אַ

פּאַטשען אין די הענט און מיט אַ הילכעַנדיגען געשריי. די אויגען איהרע האָבען אויך, האָט זיך גערעכט, הייס גע־ליאַרמט און איהרע באַקען זיינען שטיקער פייער געווען.

ביי עלענאָר האָבען זיך די האָר צושאָטען איבער די אַקסלען, ווי גאָלדענע כוואַליעס, און ווען זי האָט זיי געַנומען פאַרריכטען, האָט זי דאַן מיט אַמאָל דערפיהלט, ווי מיעד זי איז, און זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן גראָז.

— שפּיעלט אַ ווײַלע אָהן מיר — האָט זי געזאָגט.

— וואָרף! — האָט רוטי הילכיג און הינגעריסען דאָז אַ געשריי געטאָן צו ראָבינס'ן.

און ער האָט אַ וואָרף געטאָן די פּילקע און זיך אַליין אַ לאָז געטאָן נאָך איהר, געוואָלט איבעריאָגען רוטי'ן און זי איבערגעיאָגט און די פּילקע כמעט פון אונטער איהרע הענט אַרויסגעכאַפּט.

זי האָט גענומען רייסען די פּילקע פון זיינע הענט.

— בעד באָי, אָהער! — האָט זי געשריען פאַרסאָפּעט און מיט איהרע קליינע הענטלעך זיך איינגעקלאַמערט אין זיינער.

ער האָט זיך געוועהרט, ניט אַרויסגעלאָזט די פּילקע פון זיין האַנט, ווייל איהם איז אַנגענעהם געווען צו פיהלען רוטי'ן אַזוי נאָהענט נעבען זיך, צו פיהלען די וואַרימע באַריהרונג פון איהרע נאַקעטע אָרעמס; ער האָט געאָטעמט טיעף, אַזוי ווי ער וואָלט איהר אָטעם אינאיינעם מיט איהר וואַרימקייט געוואָלט אין זיך איינזויגען, און געקוקט אויף איהר באַגייס־טערט.

צום סוף, האָט ער די פּילקע פון זיין האַנט אַרויסגעלאָזט.

און רוטי האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— פאַרנעהם דיין פּלאַץ, קאַזין!

און דאַן האָט זי אַ וויעג געטאָן איהר אָרעם, אַ הייב געטאָן איהם און אַ וואָרף געטאָן די פּילקע מיט די ווערטער:

— לויף! כאַפּ!

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ אינגעלשען אימפּעט, אַזוי פריש און אַזוי לעבעדיג, איבער דער גרינער לאָנקע: אָבער די פּילקע איז געפלויגען שנעלער פון איהם און איז דאָרט ערגעץ אַרונטערגעפאַלען און האָט זיך פאַרקייקעלט צווישען גראָז.

— פאַרלאָרען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו רוטי'ן אַזוי יונג־הילכיג, דאָס ער האָט אַליין כמעט זיין קול ניט דערקענט — קום, העלף זוכען.

זי איז צוגעלאָפען צו איהם אַ פאַררויטעלטע, מיט ברע־נענדיגע אויגען, מיט צוויי סאַמעט־שוואַרצע לאָקענס האָר. קרייזענדיג זיך אַרום איהר רעכטען צופלאַמטען אויערל, האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן גראָז דאָ און דאָרט און פלוצים אַ שמייכעל געטאָן מיט איהרע חן־גריבעלעך און אַרויסגערעדט:

— אַ סימן, אַז עס איז גענוג . . . מיר געהען באַלד אַהיים.

ער האָט זיך אָנגערופען:

— דו ביזט דען מיעד?

— איך מיעד? ניין, איך ווער ניט אַזוי גיך מיעד.

און אַזוי ווי עלענאָר איז געזעסען גאַנץ ווייט פון זיי אויפ'ן גראָז, האָט רוטי צוגעלייגט:

— קאַזין, ווער פון אונז וועט גיכער צולויפען צו עלע־נאָר'ן?

ער האָט זיך אָנגערופען:

— ווילסטו זיך אפשר וועטען?

— וועסט פאַרשפּיעלען, קאַזין!

— דו וועסט פאַרשפּיעלען, רוטי!

— וועטען מיר זיך.

— געהט עס.

— אין וואָס? — האָט רוטי געפרעגט.

— טראַכט אויס.

רוטי האָט אַ טראַכט געטאָן און דאַן האָט זי זיך צולאַכט:

— איך ווייס ניט.

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— אויב איך פאַרליר, טו איך דיר אַ קוש און אויב דו פאַרלירסט, טוסטו מיך אַ קוש.

— דאָס אַלעס? — האָט זי זיך אָנגערופען און איהרע חן־גריבעלעך האָבען שטיפעריש אַ שמייכעל געטאָן — אַ קוש קען איך דיר איצט אויך געבען.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— יאָ? נו?...

און האָט אויסגעשטעלט צו איהר זיינע ליפּען.
זי האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ :
— ניין, אפשר דאַרף מען נים — האָט זי געזאָגט ווי־דער שטיפעריש, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיט איהם גערייצט.
דאַן האָט זי מיט אַמאָל אויסגעשריען :
— אַלזאָ, דער וועט איז אַ וועט. לויף !...
און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט'ן גאַנצען אימפּעט און ער נאָך איהר און ער האָט זי באַלד אריבערגעיאָגט און איז דער ערשטער צוגעלאָפען צו עלענאָר אַזוי לייכט, מיט אַזאַ יוגענדליכער קראַפט, דאָס ווען ער וואָלט אַ טראַכט געטאָן איצט וועגען דעם, וואָלט ער זיך זיכער געוואונדערט אַליין.
ער האָט אָבער ניט געטראַכט וועגען דעם. ער האָט זיך נאָר געפיהלט באַרוישט, פאַר'שכור'ט פון עפּעס שטאַרקעס און יום־טוב'דיגעס, וואָס האָט איהם איבערוועלטיגט, ווי שטאַרקער און געשמאַקער וויין. אַן איבערפלוס פון ענערגיע האָט ער מיט אַמאָל אין זיך דערפיהלט. ער וואָלט נאָך גע־קאָנט לויפען מיילען ווייט, האָט ער געפיהלט, לויפען און שפּרינגען און וואָלט גאַרניט מיעד געוואָרען.
עס האָט געזונגען אין איהם און געהוליעט, און פאַרוואָס דאָס איז אַלעס, וואָלט ער אַליין זיך ניט געקענט ערקלערען. אַזוי טונקעל און פאַרבאָרגען זיינען נאָך פאַר איהם אַליין זיינע געפיהלען געוועזן...
רוטי איז פאַרסאַפּעט צוגעלאָפען צו עלענאָר'ן און האָט זיך פאַרמאַטערט אַרונטערגעלאָזען נעבען איהר אויפ'ן גראָז. דער יונגער בוזים איהרער האָט זיך שווער באַוועגט, די אוי־גען האָבען געפלאַמט, דער פּנים איין שטיק פייער און זי האָט ניט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. עלענאָר האָט זי אָנ־געקוקט און זיך צולאַכט.
און ער איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ שמייכעל.
דאַן האָט ער אַרויסגערעדט :
— פאַרלאָרען דעם וועט, בע !
זי האָט אַרויסגעריסען אַ הויפען גראָז און צו איהם אַ וואָרף געטאָן.
— שווייג, בעד באַי ! — האָט זי געזאָגט פאַרסאַפּעט — דו ביזט ניט קיין דזשענטעלמאַן !

— פארוואס ?
— ווייל א דזשענטעלמאן וואלט ניט געוואונען קיין וועט ביי א לײדי.
דאן האט זי זיך א קעהר געטאן צו עלענאר'ן און גע־זאגט :
— ער וואלט געקענט אריבערױאגען א רעיס־פערד...
און א קעהר־טאענדיג זיך צו איהם ווידער, האט זי צו־געלעגט :
— אזוי געזונד ! איך האב דיך פיינט !
— ועסטו באצאהלען פאר דעם וועט ?
זי האט געענטפערט :
— האב צייט. איך האב איצט קיין כח ניט.
— וועל איך ווארטען — האט ער געזאגט און זיך ארונטערגעלאזט אויפ'ן גראז.
עלענאר האט זיך דאן אנגערופען :
— אין וואס האט איהר זיך געוועט ?
— אין א קוש — האט רוטי געענטפערט.
עלענאר האט דאן פון דער זייט א קוק געטאן אויף ראָ־בינס'ן און ארויסגערעדט האלב פארשעהמט, ווי צו זיך אליין :
— וועלל, צו דעם דארף מען קיין כוח ניט.
און מיט אמאל האט זי זיך שטיל צולאכט און איז צוגע־פאלען מיט'ן פנים צו רוטי'ס אקסעל.
— וואס לאכסטו ? — האט רוטי געפרעגט.
— מיר איז עפעס איינגעפאלען — האט עלענאר שטיל געענטפערט.
— וואס ?
עלענאר האט זיך צוגעבויגען צו רוטי'ס אויער און איהר איינגערוימט :
— שיק איהם אפ צו עני'ן, זי זאל איהם באצאהלען דיין וועט.
רוטי האט זיך א כאפ געטאן.
— משוגע ! איך וועל אליין באצאהלען.
ראבינס האט זיך דאן אנגערופען :
— מעג איך וויסען, וואס עלענאר האט דיר געזאגט ?
עלענאר האט זיך א כאפ געטאן צו רוטי'ן :
— ניין, רוטי, דערצעהל ניט.

— וואָס דען, איך וועל איהם דערצעהלען?

און זי האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו ראַבינס'ן און שטי־פעריש אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ און צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּען.

— ניין? דערצעהלסט ניט? — האָט ער פרעהליך גע־פרעגט.

— מום! — האָט זי ארויסגעלאָזען און זיך אַ קלאַפּ גע־טאָן מיט אַ פינגער אויף די ליפּען.

ער האָט מעהר ניט געפרעגט און מעהר ניט גערעדט. ער האָט נאָר געקוקט אויף איהר מיט אויגען, פון וועלכע אַ ליכ־טיגע ווארימקייט האָט ארויסגעשטראַהלט, און אויף זיין פּנים איז צוגאַסען געווען יענע פאַר'חלום'טע גליקזעליגקייט, וועל־כע מען קען אַמאָל באַמערקען ביי מוזיק־ליעבהאָבער, בעת זיי הערען אַ באַגייסטערענדיג שטיק מוזיק...

מיט אַמאָל האָט זי זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער.

— זאָל איך דיר באַצאָהלען דעם וועט, קאַזין?

ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און דאן האָט ער זיך נאָך נעהענטער אַ רוק געטאָן צו איהר.

זי האָט זיך איינגעבויגען, ביידע אָרעמס אויפגעהויבען, כדי צו פאַררייבּטען איהרע האָר, און איהר יונגער בוזים האָט זיך איהם אַזוי פאַר די אויגען געוואָרפען, דאָס ראַבינס'ן האָט זיך אויסגעגעבען, אַז ער בריהט איהם מיט זיין פייער. און פּלוצים האָט איהם טאַקי אַ בריה געטאָן אויף די ליפּען אַ פּאָר אַנדערע זאַפטיגע ליפּען... דער קאָפּ האָט זיך איהם פאַר־דרעהט. און ווי אין אַ חלום, איז ער מיט זיינע ליפּען צו יענע צוגעפאַלען און האָט דורשטיג געטרונקען, ווי אַ שטאַר־קען, פייערדיגען און זעהר געשמאַקען געטראַנק, פון וועלכען ער האָט זיינע ליפּען ניט געקענט אָוועקרייסען, און וואָס זיינע טראָפּענס האָבען אָנגעצונדען אין איהם זיין קראַפט און זיין לעבענס־לוסטיגקייט, אומבאַמערקט פאַר איהם אַליין...

און דערנאָך, ווען רוטי איז אויפגעשפּרונגען, איז ער נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן גראָז, ווי פאַר'שיכור'ט.

זי האָט זיך אָנגערופען, אויפגערעגט אַליין פון דעם קו־שען:

— קאַזין, אחיים!

און דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען, פלינק ווי אַ אינגעל, און אַוועק נעהמען זיין ראָק.

רוטי האָט זיך שטיל אָנגערופען צו עלענאָר:

— איז ער ניט ליעב?

עלענאָר האָט געענטפערט:

— ער מוז זיין נאָך גאָר יונג... איך האָב געמיינט, אַז ער איז פיעל עלטער...

רוטי האָט דאַן באַמערקט:

— איך ווייס ניט, ווי אַלט ער איז, נאָר קיין ליעבערען האָב איך ניט געזעהן.

— איך גלויב איצט, אַז ער איז אַרום דרייסיג, נישט מעהר. דער ריכטיגער דזשענטעלמאַן צו הייראַטען... אַ גליק פאַר עני'ן — האָט עלענאָר אַרויסגערעדט און אַ קוק געטאָן פאַרטראַכט מיט איהרע בלויע אויגען אויף ראַבינס'ן, וועלכער האָט אַביסעל ווייטער איבערגעבונדען זיין האַלזטוך.

— איך וועט — האָט רוטי געזאָגט.

* * *

צוריקוועגס זיינען זיי אַלע געווען אַזוי פרעהליך און לוסטיג, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך געהאַט איינגעזוויגען די שטראַהלענדיגע גרינקייט און די וואַרימע ליכטיגקייט פונ'ם פּאַרק. די ביידע יונגע מיידלעך האָבען איצט געהאַלטען ראַבינס'ן אונטער די אַרימס פון ביידע זייטען און איז גאַנג שטיפעריש אונטערגעטאַנצט. און ראַבינס אַליין האָט זיך געפיהלט, ווי אַ אינגעל אין אַ פרעהליכען יום־טוב. שוין לאַנג האָט ער אַזוי לייכט ניט געפיהלט, אַזוי יונג ניט געפיהלט... ער האָט פּלוצים דערפיהלט אַ באַדערפניש צו ריידען און האָט גערעדט אַזוי באַזעעלט, אַזוי גייסטרייך און וויציג, אַז די מיידלעך האָבען זיך יעדע ווייַלע אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם פון דעם שטיקענדיגען געלעכטער. און רוטי האָט זיך צייטענווייז גאָר אָנגעהאַנגען אויף זיין אָרים און איהם אַרונטערגעצויגען מיט איהר גאַנצער שווערקייט, בשעת זי האָט געלאַכט. איהם אָבער איז זי ניט שווער געווען און גאַנץ אָפּט, ווען זי האָט עס געטאָן, האָט ער חשק געהאַט זי אויפצוהויבען אויף זיין אָרים און טראָגען זי אַזוי אין דער העלער גרינקייט...

אינ'ם פּאַרק איז איצט לעבעדיגער געוואָרען. שוהל־קינדער, אי אינגלעך אי מיידלעך, זיינען צווישען די בוימער אַרומגעלאָפען. פרויען האָבען אַרומגעפיהרט קינדער אין וועגעלעך. און דאָרט איז אַ פרוי אויף אַ פעלז געזעסען מיט אַ בלויען שירם איבער'ן קאָפּ און האָט אַ בוך געלעזען. און אין אַן אַנדער פּלאַץ איז אַ פרוי אויף אַ באַנק געזעסען אין דעם שאָטען פון בוימער און האָט גערעדט צו אַ ווייסען פּודעל, וואָס איז ביי איהרע פיס געשטאַנען און האָט צו איהר אַרויפגעקוקט, דעם מאַכנאַטען קאָפּ פאַררייסען, מיט זיינע געלע פאַרזשמורעטע אויגען.

צייטענווייז איז פון אַ זייטיגער אַלעע אַרויסגעגאַנגען אַ פּאַרעל און זייערע בליקען און פאַררויטעלטע פּנים'ער האָבען אַזוי ווי ליעבע אַרויסגעאָטעמט.

אויף דעם ווייסען הויפּט־וועג האָבען זיך געטראָגען אויטאָמאָבילען איינער נאָכ'ן אַנדערען און צייטענווייז איז דורכגעפאָהרען אַ גלאַנציגער עקיפּאַזש, געשלעפּט פון אַ פּאָר פערד, וואָס האָבען ניט ווענייגער געגלאַנצט ווי דער עקיפּאַזש, מיט קורצע, געשאָרענע עקען. דער קוטשער, אין אַ הויכען צילינדער, איז וואַזשנע געזעסען נעבען דער הויכער בייטש, וואָס האָט נעבען איהם אַרויסגעשטעקט, ווי אַ פאָהן, און מיט פאַרגליווערטע אויגען געקוקט אויף די פערד, וואָס זיינען אויך געלאָפען מיט וואַזשנע און פאַרנעהמע טריט. אין אַזוינע עקיפּאַזשען זיינען ס'רוב געזעסען עלטערע הערען און דאַמען, אָדער דאַמען אַליין מיט הינטעלעך.

צום סוף זיינען זיי פון פּאַרק אַרויס.

נעבען בעדפאָרד עוועניו האָט רוטי זיך פּלוצים אָנגערופען:

— איך וויל אייז־קרים.

און זיי זיינען אריין אין אַ אייז־קרים פּאַרלאָר און האָבען אייז־קרים געגעסען און ראַבינס האָט יעדע פון זיי געקויפט אַ באָקס קענדי.

רוטי האָט זיך דאַן אָנגערופען:

— און פיר עני'ן, חתן?

ער איז צומישט און רויט געוואָרען.

—געוויס — האָט ער זיך דערנאָך אָנגערופען — פאַר עני'ן... געוויס!... קלייב אויס, רוטי... און פאַר מאַמאַ'ן

אויך, און פאר שאסקע׳ן... ווי איז מיר גאר דאס פונ׳ם זינען ארויס! — האט ער צוגעלעגט, אזוי ווי ער וואלט זיך פארענטפערט. און זיינע אויגען, וואס האבען ערשט מיט איין מינוט צוריק געשפריצט ממש פרייד און לעבענס־לוסטיגקייט, זיינען פלוצים ווי מיט א פארטראכטען לייכטען וואלקענדעל פארצויגען געווארען.

און ווען זיי זיינען דערנאך ווידער אין דרויסען געווען, האט ער שוין אזוי לייכט און לעבעדיג, ווי פריהער, ניט געטראטען. א שווערקייט האט ווידער זיין הארץ געדריקט און די דאזיגע שווערקייט האט ער ווי אין זיינע פיס אויך געשפירט...

ער האט ניט גערעדט, איז געגאנגען צווישען די יונגע מיידלעך פארטראכט און האט געשוויגען. רוטי האט גערעדט, געצוויטשערט ווי א פויגעלע אין פריהלינג, און עלענאר האט זי אפט איבערגעשלאגען מיט איהר הילכיגען געלעכטער.

ראבינס האט געטראכט:

פארוואס איז איהם פלוצים אזוי שווער געווארען? ערשט מיט א ווײלע צוריק האט ער זיך דאך געפיהלט, אזוי ווי א גוטער גאט וואלט איהם גוף און נשמה מיט יוגענדפייער אנגעצונדען!... און אפשר דארף זיין אזוי... א רעאקציע אפשר נאך דעם לויפען, יאגען זיך און ארומשפרינגען אינ׳ם פארק... צי גאר אפשר א מיעדקייט, וועלכע ער הויבט ערשט אן איצט צו פיהלען... וואלט ער אינגער געווען, וואלט ער אזוי, מסתמא, ניט געפיהלט... אויפגעפלאמט און אויסגעלאשען און די אש אין די ביינער... א סמן, אז ער איז שוין מעהר ניט קיין אינגעל!...

און ער האט אליין ניט געפיהלט, ווי ער האט א זיפץ געטאן.

דיביידע מיידלעך, פארטאן אין זייער פרעהליכען געשפרעך, האבען זיין זיפץ אויך ניט געהערט.

ער האט געטראכט ווייטער:

היינט פארוואס איז דער אומעט איהם פריהער באפאלען, איידער ער איז אין פארק געגאנגען? פארוואס האט ער נעכטען אזוי געבענקט? און פארוואס, דוקא, קומט עס נאכדעם, ווי איהם איז א ווײלע פרעהליך?...

און פלוצים האט ענו אזוי ווי פון הינטער א שווארצען

פאַרהאַנג, ארויסגעטויכט פאר איהם, און עפּעס אין איהם האָט זיך א קאַרטשע געטאָן ווי מיט שרעק. און אזוי ווי א געהיימער פינגער וואָלט איהם אָנגעוויזען אויף איהר אוי־בערשטער ליפּ מיט די טונקעלע הערעלעך, האט ער אין זיין פאַנטאַזיע די אויגען פון דעם דאָזיגען פארשאָלטענעם טונ־קעלען האָריגען שטריך ניט געקענט אוועקרייסען. און ווי־דער האָט ער געטראַכט:

פאַרוואָס האָט ער דאָס פריהער ניט באַמערקט? איז ער דען בלינד געווען?

און מיט אמאָל האָט איהם אַן אומרוה ארומגעכאַפּט: פון וואָס טראַכט ער? איז ער דען פון זינען ארונטער?

אזוי ווי ער וואָלט אין זיין ווייטערדיגען טראַכטען פּלוצים זיין אומגליק דערשפּירט, זייער ביידענס אומגליק...

ער האָט נאָך איצט קלאָר דאָס אומגליק ניט געזעהן, בלויז א טונקעלען פאַרגעפיהל פון איהם געהאט...

און ער האָט זיך אָנגעטאָן א כוח און אָנגעהויבען צו טראַכטען פון עני'ס מעלות:

זי איז הויך... שלאַנק... שעהנע פאָרמען... קלוג און אינטעליגענט... וואָלט ער געווען אינגער, וואָלט ער זיך זיכער אין איהר פארליעבט... זי איז דאָך ניט שולדיג אין דעם וואָס ער איז אָפּגעלעבט..

און ווען א ספקות'דיגער געדאַנק האָט זיך דאָן אריינ־געמישט: צי איז ער אויף אַן אמת אָפּגעלעבט? האָט ער, במעט ווי צורייצט זיך געענטפערט: „יא, אָפּגעלעבט, אָפּ־געלעבט!..."

און חוץ דעם, טוט ער דאָך ניט קיין שידוך אויס ליע־בע. פריהער האָט ער דאָך דאָס אויך געוואוסט!...

און טראַכטענדיג אזוי, האָט ער זיך מיט אמאָל דערמאָנט אַן איהר געלעכטער, ווען זי האָט זיך גליקליך געפיהלט, און ער האָט זיך געזאָגט: „אידיאָט דו, זי איז דאָך אזוי אָנגע־נעהם, דו ביזט דען ווערט אזא פרוי?" און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אַן א געוויסער מינע איהרער, וועלכע איז אזוי עהנליך געווען צו רוטי'ס, און ער האָט זיך א צאַפּעל גע־טאָן, איצט מיט אמת'ער פרייד, און שיער אויפ'ן קול ארויס־געשריען: „אידיאָט!"...

דער אומעט האָט איהם זיין הארץ מעהר ניט געדריקט;

איז אוועק, אָבער ניט אין גאַנצען פאַרשוואונדען; פון א פאַרבאָרגענעם טונקעלען ווינקעלע טיעף אין זיין נשמה, האָט זיין שוואך צאפּלען זיך נאָך געהערט, ווי דאָס צאַפּלען פון די פליגלען פון א בייזען פויגעל אין א טיעפער טונקעלקייט ערגעץ...

די מיידלעך האָבען איצט געגעסען קענדי פון אן אָפענער באָקס, וואָס עלענאָר האָט אין איהר האַנט געהאַלטען.

רוטי האָט זיך מיט אמאָל אָנגערופען:

— קאַזין, וואָס ביזטו אזוי פאַרטראַכט?

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן, ווי פונ׳ם שלאָף, און זי מיט א פאַרטראַכטען שמייכעל אָנגעקוקט.

זי האָט ווידער געזאָגט:

— פון וואָס טראַכסטו, קאַזין?

ער האָט געענטפערט:

— פון דיין שוועסטער.

זי האָט קאַפּריזנע אָנגעשטעלט איהרע ליפּען.

— דו ביזט ניט קיין דזשענטעלמאַן, קאַזין — האָט זי דאַן געזאָגט.

— פאַרוואָס, רוטי?

— ווייל דו ביזט ניט קיין דזשענטעלמאַן — האָט זי געענטפערט.

— אָבער פאַרוואָס?

דאַן האָט זיך רוטי א קעהר געטאָן צו איהר פריינדין:

— עלענאָר, איז ער א דזשענטעלמאַן?

עלענאָר האָט זיך צולאַכט.

— געוויס. ער האָט דאָך אונז געגעבען קענדי...

— האָט דען א דזשענטעלמאַן רעכט, בפרט נאָך אזא דזשענטעלמאַן, וואָס „טריט" זיינע לעידים מיט אייז־קרים און קענדי, צו דערצעהלען די לעידים, ווען ער געהט מיט זיי, אז ער טראַכט פון אן אנדער לעידי? — האָט רוטי געזאָגט בלומר׳שט ברוגז.

עלענאָר האָט געענטפערט:

— אָבער ווען דער דזשענטעלמאַן איז אזוי פאַרליעבט?..

רוטי האָט זיך שטיפעריש צולאַכט.

— אָה, פאַרליעבט! איך האָב גאָר פאַרגעסען! ענט־

שולדיג, פּאַרליעבטער! עפען דיין מויל און איך וועל דיר דיין ליעבע פּאַרזיסען מיט א שטיקעלע קענדי.

ער האט געפאָלגט. זי האָט מיט צוויי פינגער איהם אַ שטיקעל קענדי אין מויל אריינגעלעגט. ער האָט איהרע פינגער מיט זיינע צייהן פאַרהאַלטען.

זי האָט זיך אָנגערופען:

— לאָז איין, פּארליעבטער. דאָס זיינען מיינע פינגער, ניט עני'ס...

און ווען זי האָט איהרע פינגער פון זיין מויל ארויסגענומען, האָט זי זיך ווידער אָנגערופען:

— האָסטו זי שטאַרק ליעב, דזשאָו?

ער האָט געענטפערט מיט א פּארטראַכטען שמייכעל:

— זעהר. האָב איך דען ניט דאָס בעסטע און שעהנסטע מיידעל אויף דער וועלט?

— גוט! — האָט רוטי געזאָגט און צוגעלעגט — אָבער מיך האָב אויך ליעב א ביסעלע...

ער האָט זיך פּלוצים צולאַכט:

— וואָס טויג עס דיר?

—אזוי וויל איך — האָט זי געענטפערט אומשולדיג — ווייל איך האָב דיך אויך ליעב, בעד באָי...

—א ביסעלע? — האָט ער געזאָגט, און זיין קול האָט לייכט א ציטער געטאָן.

— ניין, ניט אביסעלע...

ער האָט אויפגערעגט א טראַכט געטאָן:

„ווי אומשולדיג, ווי ליעב"...

— העלאָו, רוטי! — האָט זיך פּלוצים דערהערט פון הינטען אן אנגענעהמע ברוסט־שטים, וואָס האָט דעם גע־הער געלאַשטשעט, ווי גלאַטער סאַמעט.

זיי אלע האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן ראבי בע־רענשטיין, וועלכער איז אָנגעקומען פון הינטען מיט א בוך אין דער האַנט.

רוטי האָט זיך מיט התפּעלות א וואָרף געטאָן איהם אנט־קעגען:

— אָה, ראבי בערענשטיין, עס פרעהט מיך אייך צו זעהן.

און אָנגעכאַפּט די האַנט, וואָס ער האָט צו איהר אויסגע־שטרעקט.

— ווען איז די קליינע רוטי געקומען? — האט ער גע־פרעגט און געקוקט אויף איהר מיט זיינע ווארימע אויגען.

— די וואך, ראבי בערענשטיין.

— צו עני׳ס תנאים?

— יא, ראבי בערענשטיין.

ראבינס איז אויך צוגעגאנגען און זיי האבען זיך פריינד־ליך באגריסט.

— ווי פארברענגט איהר די צייט, מיסטער ראבינס? — האט ראבי בערענשטיין געפרעגט.

— אה, זעהר גוט.

— פארוואס קומט איהר ניט אמאל צו מיר אין טעמפעל, מיסטער ראבינס? — האט ראבי בערענשטיין ווידער גע־פרעגט און איהם ווייך א לאשטשע געטאן מיט זיינע אויגען — קומט, אפשר וועט איהר דעם גייסט פון גאט דארט דער־פיהלען...

ראבינס האט א שמייכעל געטאן:

— איך גלויב ניט, ראבי, אין דעם הייליגען גייסט...

ראבי בערענשטיין האט זיך צולאכט.

— אה, איך וויל ניט איהר זאלט גלויבען אין דעם היי־ליגען גייסט, אבער אין א הייליגען גייסט מוז יעדער מענש גלויבען. דאן, מיסטער ראבינס, פיהלט זיך יום טוב׳דיגער דער אייגענער גייסט...

— איך בין איינפארשטאנען מיט אייך.

— וועט איהר אמאל קומען אין טעמפעל?

— אויב מיין גייסט, ראבי, וועט אמאל פיהלען אזא באדערפניש...

ער האט דערווייל באמערקט, אז דאס בוך, וואס ראבי בערענשטיין האלט אין זיין האנט, איז פון היינע׳ס ווערק.

— איהר לעזט היינע׳ן, ראבי?

— מיין ליעבסטער דיכטער — האט ראבי בערענשטיין געענטפערט — האט איהר איהם געלעזען?

— מיין ליעבסטער דיכטער איז ער אמאל אויך געווען. קען איך זעהן?

ראבי בערענשטיין האט איהם דערלאנגט דאס בוך.

— אה, „דאס בוך דער ליעדער!" איך וואלט געוואלט נאך אמאל דאס לעזען.

— איך קען עס אייך לייהען...

— איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין, ראַבּי...

— ניט ווערט צו ריידען אַפילו פון דעם. וועט איהר אַמאָל קומען אין טעמפּעל?

— איך האָב אייך געזאָגט, ראַבּי...

— וועל איך תּפלה טאָן, אַז אייער גייסט זאָל די באַדערפניש קריגען...

— ראָבינס האָט געזאָגט גוטמוטיג:

און זאָל גאָט אייער תּפלה דערהערען...

— און אייער גייסט דעם קול פון גאָט — האָט ראַבּי בערענשטיין אונטערגעכאַפּט און זיך א קעהר געטאָן צו רוטין:

— און ווען קומט די קליינע רוטי אין גאָט'ס טעמפּעל?

— שבת, ראַבּי בערענשטיין — האָט זי געענטפערט.

ראַבּי בערנשטיין האָט זי מיט די אויגען א לאַשטשע געטאָן און געזאָגט:

— זי פיהלט גאָט. זי האָב איך ערצויגען...

און ער האָט איהר וואַרעם א גלעט געטאָן אויפ'ן אַקסעל. רוטי האָט מיט דרך ארץ איינגעבויגען דעם קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט אויף זיין ברכה געוואַרט.

דערנאָך האָבען זיי זיך צושיידט, און ראָבינס מיט די צוויי מיידלעך זיינען אוועק ווייטער.

5.

אויפ'ן גאַניק האָבען זיי עני'ן געטראָפען. זי האָט ארויסגעקוקט אויף זיי. אויפ'ן הויכען בוזים האָט זי געטראָגען א קליין בינטעלע בלוט־רויטע בלומען און אויפ'ן פּנים די גליקזעליגע מינע וואָס האָט זי עהנליך געמאכט צו רוטי'ן. זי האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם שטוהל.

— העלאָו, דזשאָו!...

אזוי ווי זי וואָלט די איבעריגע גאָרניט באַמערקט.

און גלייך האָט דזשאָו באַמערקט די מינע, וואָס האָט זי צו רוטי'ן עהנליך געמאכט און אַז וועלכער ער האָט זיך איצט אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט, ווי אַן א שוץ געגען עפּעס א סכנה, און, האַלטענדיג איהר האַנט, האָט ער א טראַכט געטאָן:

„פאָר גאָד'ס סעיק, זי איז דאָך אמת שעהן!"

— די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דיר איז דאָ אומעטיג געווען אָהן מיר — האָט זי זיך שטיל אָנגערופען.

— זעהר אומעטיג, עני...

איהרע אויגען האָבען אויפגעשטראַהלט...

— און איצט?

— איצט ביזטו דאָך דאָ — האָט ער געענטפערט, און זיך אַ כאַפּ געטאָן — זעה נאָר און אָן דער קענדי, האָב איך זיך גאָר פארגעסען?

ער האָט אויסגעוויקעלט פון אַ פּעקעלע אַ באָקס קענדי און איהר דערלאַנגט.

— דהענק יו!...

און דאַן ערשט האָט זי באַמערקט עלענאָר'ן און רוטי'ן, וועלכע זיינען פון וויטען געשטאַנען און האָבען געקוקט אויף איהר און דזשאָו'ען מיט יענער פאר'חלומ'טער און פאר־סוד'עטער מינע, וואָס מען קען אמאָל ביי יונגע מיידלעך באַמערקען, בעת זיי קוקען אויף אַ פאַרליעבט פּאַרעל. און עני איז גראַציעז צוגעגאַנגען צו עלענאָר מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט:

— העלאָו, עלענאָר!

זיי האָבען זיך צוקושט.

ראָבינס האָט זיך אָנגערופען:

— איך געה אָפּגעבען די קענדי דער מאַמע'ן און שאַפ־קע'ן.

און ער איז פארשוואונדען פונ'ם גאַניק.

— ווי האָט איהר פארבראַכט אינ'ם פּאַרק? — האָט דאַן עני זיך אָנגערופען.

— וואונדערפול! — האָט עלענאָר געענטפערט, און צו־געלעגט: — אָה, עני, מיסטער ראָבינס איז אַ דאַרלינג. ער איז אזא ליעבער דזשענטעלמאַן.

— איך ווייס עס שוין לאַנג, עלענאָר...

— און ער איז אַ פּוירפעקט באָל־שפּיעלער!—האָט רוטי מיט התפעלות זיך אָנגערופען.

— יאַ?

— זעהר אַ גוטער שפּילער — האָט עלענאָר אויך געזאָגט.

— און ווי ער קען לויפען! — האָט רוטי געענטפערט.

— ער האָט רוטי'ן איבערגעיאָגט!...

— רוטי'ן? — האָט עני געשמייכעלט.

— ער לויפט ווי א רייס־פערד, עני!...

עני האָט זיך צולאַכט.

— רוטי האָט ביי איהם פארלאָרען א וועט אויך! — האָט עלענאָר ווייטער גערעדט.

— א קוש! — האָט רוטי אונטערגעכאַפּט.

— א קוש? — האָט עני איבערגעפרעגט גוטומטיג.

— מיר האָבען זיך געוועט אויף א קוש און איך האָב פארלוירען, האָב איך איהם דעם וועט באַצאָהלט...

עני האָט כלומר'שט בייז א טופּע געטאָן מיט'ן פוס:

— ווי אזוי האָסטו געוואגט?

האָט אָבער לאַנג ניט אויסגעהאַלטען איהר ראָלע און מיט א שמייכעל צוגעלעגט:

— באַטש עפּעס א גוטען קוש?

רוטי האָט שטיל געענטפערט:

— אַי, אזוי זיס געווען!

עני האָט מיט אמאָל צוגעדריקט איהרע ליפּען צו רוטי'ס...

— שווייג, שווייג, שווייג, דו קינד! — האָט זי ליידענשאַפטליך ארויסגעפּליסטערט און זי מיט פייער א קוש געטאָן, אקוראַט ווי זי וואָלט אויף רוטי'ס ליפּען זיין קוש געזוכט און געוואָלט איהם אוועקרייסען פון דאָרט...

דאָן איז ראָבינס ארויסגעקומען פונ'ם הויז מיט א סיגאר אינ'ם מויל.

עני האָט זיך א קעהר געטאָן צו איהם און אזוי ווי זי איז איצט געשטאַנען אויף דער אנדערער זייט, וואו דאָס ליכט פון דער זון איז שטאַרקער געפאַלען, האָט דער טונקעלער שטריך אויף איהר אויבערשטער ליפּ זיך שאַרפער אָפּגעצייכענט און זיך ראָבינס'ן אין די אויגען געוואָרפען. איהם איז ווידער אומאַנגענעהם געוואָרען.

— שעהנע זאַכען דערצעהלט מען וועגען דיר, דזשאָו — האָט עני מיט א גוטמוטיגען שמייכעל זיך אָנגערופען — קושסט זיך גאָר מיט מיידלעך!...

ער האָט זיינע אויגען פון דעם טונקעלען האָריגען שטריך אָפּגעקעהרט און זיי אויף די בלומען, וואָס זי האָט געטראָגען, אָפּגעשטעלט...

— גאַר ניט אזוי שלעכט — האָט ער געענטפערט און, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט ענטפערען דעם אומאנגענעהמען געפיהל, איז ער צוגעגאנגען צו איהר און האָט זי א קוש געטאָן, און דוקא אויף דעם אויבערשטען ליפּ.

דערנאָך האָט עלענאָר זיך געזעגענט מיט זיי אלעמען און איז אוועק.

— פאַרגעס ניט צו קומען מאָרגען — האָט עני איהר נאָכגעשריען און זי באַגלייט מיט שטראַהלענדיגע אויגען.

שפּעטער האָט מען ביי רובינטשיק'ן אין הויז סאַפּער געגעסען. נאָך סאַפּער האָט רוטי א ציה געטאָן ראבינס'ן ביים אָרעם:

— דזשאָו, איצט רייד!

דאַן האָט ראָבינס זיך א קעהר געטאָן צו רובינטשיק'ן:

— אָנקעל, איך האָב געזעהן רוטי'ס ארבייט...

רובינטשיק, מיט א סיגאַר אין מויל, האָט איהם אָנגעקוקט.

— רוטי'ס אַרבייט?

— איך מיין איהר מאַלעריי — האָט ראָבינס ווייטער גערעדט — א שאָד...

— וואָס א שאָד?

— זי האָט טאַלאַנט, אָנקעל, א שאָד ווען עס זאָל פאַרלאָרען געהן.

רוטי האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין איהר פאָטער'ס פּנים און עני, וועלכע איז צווישען ראָבינס'ן און רוטי'ן געזעסען, האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו ראָבינס'עס רייד.

רובינטשיק האָט זיך דאַן פרעהלעך א כאָפּ געטאָן:

— געפעהלט דיר, הא? געפעהלט דיר? האָב איך דיר ניט געזאָגט? א קליינינקייט איהר מאָלען. עס לעבט, עס לעבט! קום אהער, רוטי'לע, צו מיר! — האָט ער פּלוצים זיך אָנגערופען מיט ליעבע אינ'ם קול, אזוי ווי צו א קליין קינד.

רוטי איז אויפגעשפּרונגען, איז פון הינטען צוגעלאָפען צו איהם און האָט מיט איהרע אָרעמס זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיינע אקסלען. ער האָט אומגעדרעהט דעם פּנים צו איהר און זי אָנגעקוקט מיט וואַרעמע אויגען.

— דו הערסט, מיין קינד, וואס ער זאָגט? דו שיקסע, דו!...

און ער האָט זיך מיט ליעבע צולאַכט.

זי האָט שטיפעריש א ווינק געטאָן צו איהם:

— נו?...

— וואָס „נו?"

האָט זי זיך דאָן א קעהר געטאָן צו ראָבינס'ן:

— דזשאָו, שים ווייטער!... פּאַפּא, הער, וואָס ער וויל דיר זאָגען. און דו, מאַמע, אויך — האָט רוטי א וואונק געטאָן צו איהר מאַמע'ן, וועלכע איז געזעסען נעבען שאַסקע'ן און האָט רוהיג אויסגעהערט, וואָס יענע האָט איהר אין דער שטיל דערצעהלט וועגען דער שעהנער מאַטילדע'ן פון'ם ראָמאַן, וועלכע זי, שאַסקע, האָט פאַר כעס באַהאַלטען.

ראָבינס האָט זיך אָנגערופען:

— איך וויל זאָגען, אז מען דאַרף רוטי'ן שיקען אין פּאַריז.

רובינטשיק האָט צו איהם א וואונק געטאָן מיט די אויגען, ער זאָל דאָס ניט ריידען, און מיט א האַנט צו איהם א מאַך געטאָן.

רוטי האָט א ציה געטאָן איהר פאַטער ביים אָרעם.

— דו הערסט, פּאַפּאַ?

— וויים איך! — האָט ער געענטפערט.

— דאָס איז ניט קיין שפּאַס, פּאַפּאַ! — האָט רוטי אויס־געשריען.

דאַן האָט רובינטשיק זיך א קעהר געטאָן צו אסתר'ן:

— דו הערסט, אסתר, שוין דאָך ווידער?

— וואָס?

— רוטי... די אַלטע געשיכטע... אין פּאַריז זאָל מען זי שיקען... און דזשאָזעף האַלט אויך מיט איהר...

אסתר האָט געזאָגט:

— שוין ווידער? און איך האָב געמיינט, אז זי טראַכט שוין ניט מעהר וועגען אָט דער נאַרישקייט.

רוטי האָט זיך א צאַפּעל געטאָן:

— די גאַנצע צייט טראַכט איך פון דעם, די גאַנצע צייט. מאַמע, פרעג דזשאָו'ען. פרעג עני'ן. דאַרף איך פּאָהרען, דזשאָו? זאָג דו איהר, זי פאַרשטעהט עס ניט!

ראָבינס האָט געענטפערט:

— זי דאַרף פאַהרען, טאַנטע, זי דאַרף. איך וועל געבען געלט אויף דעם.

— צעהן טויזענד דאָלער וועט ער אפילו געבען! — האָט רוטי אונטערגעכאַפּט.

עני האָט זיך ארייגעמישט:

— זאָל זי פאַהרען. פאַרוואָס זאָל מען איהר שטערען? זאָל איהר טאַלאַנט ניט פאַרלאָרען געהן.

— ווי זאָגט יענער? איהר זייט דאָך אַלע עפּעס משוגע געוואָרען. אויב זי האָט טאַלאַנט, איז ניו יאָרק אויך גענוג גרויס פאַר איהר. איך וועל דאָס קינד ניט לאָזען אַליין פאַהרען אין פּאַריז. רעדט ניט קיין נאַרישקייטען. און, איך בעט אייך, רעדט זי ניט איין — האָט אסתר געזאָגט רוהיג, אָבער אין אַ פעסטען טאָן.

רובינטשיק האָט איהר גערעכט געגעבען:

— טאַקע, וואָס הייסט? גאָר פאַהרען!... אַ קינד... וואָס־וועןן? קיינמאָל ניט. רעדט ניט קיין נאַרישקייטען!

שאַסקע האָט זיך אָנגערופען:

— זאָל זי טראַכטען פון עפּעס וויכטיגערס...

— ניטאָ ביי מיר קיין וויכטיגערס! — האָט רוטי אַ גע־שריי געטאָן מיט טרערען אין קול.

— טראַכט וועגען אַ באָי, רוטי! — האָט שאַסקע ווידער געזאָגט.

און פּלוצים האָט זיך רוטי צעוויינט:

— איך וועל פאַהרען. איך וועל פון'ם הויז אנטלויפען און פאַהרען. איהר וועט זעהן!

רובינטשיק האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר.

— זעה נאָר, זי וויינט דאָך!...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— שאַ, שאַ, רוטילע, שאַ, קינד!...

רוטי איז אַרויסגעלאָפען מיט אַ פאַרשטיקטען געוויין פון צימער.

— אפשר זאָל מען זי טאַקע שיקען? — האָט רובינ־טשיק זיך דאָן געווענדט צו אסתר'ן.

— האָסט זיך דערשראָקען פאַר איהר געוויין? — האָט אסתר רוהיג געפרעגט.

ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— דאָס קאָסט מיך געזונד, קאַלטע קוזניע!
זי האָט גוטמוטיג אַ שמייכעל געטאָן:
— שריי ניט אַזוי, דייוויד, אַ רחמנות אויף דיין געזונד!
ער האָט אַרויסגעמורמעלט:
— אַ מאַמע... קוק נאָר אָן, אַ מאַמע!... דו ביזט דאָך אַ רוצח'טע, אַ קאַלטע רוצח'טע!... זי וועט פאַהרען...
— זי וועט שוין ניט פאַהרען, דייוויד...
— זי וועט יאָ פאַהרען, אסתר! זי וועט יאָ פאַהרען... אַ טאַלאַנט... דו פאַרשטעהסט ניט, וואָס דאָס איז, פרעג דיך בחרם... אָבער איך און דזשאָזעף, מיר פאַרשטעהען, וואָס הייסט אַ טאַלאַנט... זי וועט פאַהרען, דזשאָזעף, זי וועט פאַהרען; עס מאַכט ניט, וואָס דיין טאַנטע זאָגט... איך האָב אויך עפּעס אַ שטיקעל דעה...

שאָסקע האָט זיך אויפגעהויבען.

— מאַך זיך ניט נאַריש, דייוויד — האָט זי געזאָגט. — אסתר איז גערעכט. וואוהין פאַהרען? וואָס פאַהרען? אַ מיידעל פאָהרט ניט. שמירען און מאַכען מענשעלעך קאָן זי דאָ אויך, ביז וואַנען אַ שידוך וועט זיך מאַכען...

רובינטשיק האָט אַרויסגערעדט אונטער דער נאָז:
— דו ווייסט אויך, וואָס טאַלאַנט איז? וואָס מיינסטו, דאָס איז קאַרטאָפעל קאָכען, צי אַ ראָמאַן לעזען?

שאָסקע האָט איהם געענטפערט:
— הער־זשע אויס, דייוויד. וואָלט איך איצט צייט געהאַט, וואָלסטו שוין געכאַפּט דיין גאָב, איך האָב אָבער קיין צייט ניט; איך דאַרף געהן צו מיינע קינדערלעך, שלאָפען זיי לעגען; דו וועסט אָבער שוין כאַפּען דיין גאָב־שפּעטער. מיט פּראָצענט וועל איך דיר אָפּגעבען!

און זי האָט גענומען פון'ם טיש עטליכע שטיקלעך קייק, איינגעוויקעלט זיי אין אַ שטיק פּאַפּיר און איז אוועקגעלאָפען.

דערנאָך האָט זיך ראָבינס אָנגערופען:
— ווירקליך, טאַנטע, פאַרוואָס זאָל רוטי ניט פאַהרען?

זי האָט געענטפערט:
— רייד גאַרנישט פון דעם, דזשאָו, איך וועל זי ניט לאָזען אַליין פאַהרען אין יוראָפּ און זי זאָל אַליין זיין אין אַזא שטאָדט, ווי פּאַריז...

— רוטי זאָגט, אַז זי האָט דאָרט פריינדינעס — האָט ראַבינס געזאָגט.
— דאָס איז ניט גענוג פאַר מיר — האָט אסתר געענט־פערט.
— און וויפיעל מיידלעך אין רוטי'ס יאָהרען קומען אַהער אַליין פון יוראָפּ? — האָט עני זיך אריינגעמישט.
— טאַקע, טאַקע — האָט רובינטשיק אונטערגעכאַפּט — ביי מיר אין שאָפּ אַליין אודאי הונדערטער... כמעט אַלע מיידלעך זיינען אַליין געקומען אַהער פון יוראָפּ...
— זיי האָבען, נעבעך, געמוזט... ווי זאָגט יענער? נישט פאַר וואוילטאָג זיינען זיי אַהער געקומען...
— טאַנטע, און רוטי מוז אויך. איהר טאַלאַנט פאָ־דערט עס...
— יאָ, טאַלאַנט! — האָט רובינטשיק אונטערגעע־כאַפּט — דו ווייסט, וואָס דאָס איז? — האָט ער צוגעלעגט אַ פינגער צו זיין שטערען.
אסתר האָט איהם געענטפערט:
— דו ביזט אַ געבילדעטער מענש, ווייסטו וואָס טאַלאַנט איז. איך בין אַ פּשוט'ע מאַמע, ווייס איך בלויז, אַז רוטי דאַרף ניט פאָהרען אַליין אין אַזאַ שטאָדט ווי פּאַריז איז... ווי זאָגט יענער? יעדער ווייסט זיך זיינס.
צום סוף האָט רובינטשיק ערקלערט:
— גוט, אַלרייט, איך פאַרשטעה אויך, אַז איצט איז ניט די צייט פאַר אַ מיידעל צו פאָהרען אַליין אין פּאַריז... פּאַריז איז אַזאַ שטאָדט... כ'ווייס? מען דערצעהלט טאַקע ניט קיין שעהנע זאַכען וועגען פּאַריז... און מען הונגערט דאָרט אויך... צו וואָס טאַקע קריגען מיט אַ געזונטען קאָפּ אַהין?... אָבער מען קאָן דאָך דאָס אָפּלעגען אויף שפּעטער, ניין? אפשר וועט עמיצער פאָהרען מיט איהר? אפשר וועט דזשאָזעף מיט עני'ן מיט איהר פאָהרען? ער קאָן דאָס דען ניט באַהויפּטען. וואָס?
— מיט פאַרגעניגען — האָט ראַבינס איהם אונטער־בראָכען. — ניט אמת, עני? — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו זיין כלה.
זי האָט געענטפערט:
— געוויס. מיר האָבען דאָך שוין גערעדט פון דעם.

— זאָג איך דאָך! — האָט רובינטשיק ווייטער גע־רעדט — אַ טאַלאַנט, און אַזאַ טאַלאַנט! אַנדערע עלטערען זיינען מקריב זייער לעבען פאַר זייער קינד'ס אַ טאַלאַנט. קאָן מען דאָך דערוווייל איהר זאָגען: „דו ווערסט פאָהרען, רוטילע, שפּעטער", און ניט לאָזען, אַז זי זאָל וויינען און דאָס זאָל איהר געזונד קאָסטען. וואו איז זי? איך וועל געהן זאָגען איהר, אַז זי וועט זיכער פאָהרען!

און ער איז אַרויסגעלאָפען.

אסתר האָט אַרויסגעמורמעלט מיט אַן אומצופרידענער מינע:

— מען מאַכט מיר דאָס קינד משוגע, און גאָר! און וואָס? איך וועל זי דען לאָזען פאָהרען?...

* * *

שפּעטער, ווען ראַבינס איז אין זיין צימער געזעסען און האָט געשריבען אַ בריעף צו זיין געשעפטס־פיהרער אין ניו־אָרליאַנס, האָט מען פּלוצים אין זיין טיר אָנגעקלאַפּט, און אין זיין צימער זיינען אַריין רובינטשיק און עני, ביידע מיט פאַר'סוד'עטע מינעס.

— דו ביזט פאַרנומען, דזשאָו? — האָט עני געפרעגט.

— גלייך — האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט. נאָך אַ פּאָר ווערטער און איך בין פאַרטיג.

רובינטשיק האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שאַקעל־שטוהל און מיט אַ פאַר'סוד'עטען שמייכעל אַ ווינק געטאָן צו עני'ן, וועלכע האָט איהם אויך מיט אַ שמייכעל געענט־פערט, שטעהענדיג הינטער איהר חתנ'ס רוקען.

דאָן האָט ראַבינס זיין בריעף געענדיגט און זיך אומגע־דרעהט צו זיי.

— וועלל? ! — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרטראַכט.

רובינטשיק האָט איהם געענטפערט:

— עני וויל דיר עפּעס זאָגען.

— עני? וואָס איז דער מעהר? — האָט זיך ראַבינס אָנגערופען.

זי איז פּלוצים רויט געוואָרען און, ווי פאַרשעמט, גע־ענטפערט:

— איך וויל דיר גאַרנישט זאָגען, בלויז...

— בלויז וואָס ?...

זי האָט איהם דערלאַנגט אַ קליין קעסטעלע.

ער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף דאָס קעסטעלע אין זיין האַנט.

— וואָס איז דאָס ?

— צוועלף הונדערט קאַרבאַנצעס! — האָט רובינטשיק אויסגעשאָסען.

— אַ, פּאַפּאַ! — האָט איהם עני אונטערבראָכען מיט אומגעדולד אין איהר קול — ווי אַזוי רעדסטו!

ראַבינס האָט געעפענט דאָס קעסטעלע.

— אַ פין ? פאַר וועמען ?

— פאַר דיר, דזשאָו — האָט עני געענטפערט.

— אַ מתנה פאַר דעם חתן! — האָט רובינטשיק אונטערגעכאַפּט — היינט געקויפט. געפאָהרען עקסטראַ צוליעב דעם אין ניו יאָרק. אַ מציאה. די כלה האָט קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען ביז די תנאים. געפעלט עס דיר חתן ?...

אַ, יעס. איך דאַנק דיר, עני. ווירקליך, אַ שעהנער פּרעזענט. וואָס זאָל איך דיר קויפען ?

— דו האָסט מיר גענוג געקויפט, דזשאָו. מעהר קיין פּרעזענטען וויל איך ניט.

רובינטשיק האָט צו איהר אַ מאַך געטאָן מיטביידע הענט:

— זאָל ער קויפען, נאַר! זאָל ער קויפען נאָך און נאָך: ער קאָן, דאַנקען גאָט, אַניט וואָלט איך איהם לייהען אַ גמילת־חסד.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ:

— גענוג, גענוג, איך וויל ניט. ער קאָן נאָך מיינען, אַז די פּרעזענטען זיינען ביי מיר טייערער ווי ער אַליין.

ראַבינס האָט זיך אָנגערופען:

— איך מיין עס ניט, עני...

און עפּעס איז איהם שווער געוואָרען אויפ'ן הארצען. און ער האָט צוגעלעגט:

— איך דאַנק דיר, עני, נאָך אַמאָל...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט און איהרע ביידע הענט אָנגענומען.

רובינטשיק האָט זיך אויף זיין שטוהל אומגעדרעהט מיט׳ן פנים צו דער טיר און פרעהליך אויסגעשריען:

— שוט, ברודער! שים איהר אריין איןביידע באַקען; איך זעה גאַרנישט!

ראַבינס, וועלכער האָט געקוקט עני׳ן אין די אויגען אריין, האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— זאָל איך!

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דו מעגסט!

דערנאָך איז ער געגאַנגען אָוועקשיקען דעם בריעף און זי האָט איהם באַגלייט.

ביינאַכט זיינען עני און רוטי געזעסען ביי איהם אין צימער און מיט איהם פאַרבראַכט. רוטי איז געווען פרעהליך און האָט געשטראַהלט און געלויכטען, ווי דער יונגער פריהלינג, ווייל, ערשטענס, האָט דער פאָטער איהר פאַרזיכערט, אַז זי וועט געווים פאָהרען אין פאַריז, און צווייטענס, ווייל איהר איז גלאַט אַנגענעהם געווען צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון ראַבינס׳ן.

עני איז אויך פרעהליך געווען; ראַבינס אַליין בלויז האָט זיך עפּעס מאָדנע געפיהלט: אי פרעהליך, אי אומעטיג, אַזוי ווי זון און וואָלקען וואָלטען אין זיין נשמה אַ שטרייט אַנגעפיהרט... און גאַנץ שפּעט, ווען רוטי איז שלאָפען אוועק און עני איז נאָך אַ ווײַלע מיט איהם אין זיין צימער פאַרבליבען, האָט ער דאָן מיט אַמאָל דערפיהלט, אַזוי ווי ארום איהם און אין איהם וואָלט עפּעס טונקעלער געוואָרען, אַקוראַט ווי אַ ליכט וואָלט זיך ערגעץ נאָהענט ארום איהם אויסגעלאָשען... און דערנאָך, ווען ער האָט עני׳ן אַ קוש געטאָן, בעת זי האָט איהם „גוד נייט" געזאָגט, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, צום ערשטען מאָל, אַז ער האָט ניט זי, נאָר רוטי׳ן אַ קוש געטאָן...

דערנאָך, ווען ער איז שלאָפען אוועק, איז ער אַ לאַנגע צייט אויף זיין געלעגער געלעגען און האָט זיך אין זיין נשמה געגריבעלט. ווידער און ווידער האָט ער זיך געפרעגט, אַזוי ווי פריהער ביי טאָג, בעת ער איז פון׳ם פּאַרק געגאַנגען: וואָס איז מיט איהם די לעצטע פּאָר טעג? פון וואַנען איז דער ראַזיגער אַנפאַל פון בענקעניש און טרויער און, בכלל,

דאָס נאָכאַנאַנדיג בייטען זיך פון זיינע שטימונגען?... אַט ערשט געווען, דאַכט זיך, אַזוי פרעהליך און לוסטיג, און מיט אַמאָל אַזאַ אומעט! אָט ערשט האָט עס געשטראַהלט אַזוי וואַרים אויף דער נשמה, און מיט אַמאָל אַזאַ קאַלטער חושך! און, ווידער ווי בייטאָג, איז ער איצט אויך געווען אַזוי נאָהנט פון דעם אמת'ן ענטפער און האָט איהם, ווידער, ווי מיט אַ כיוון אויסגעמיטען, אַקוראַט ווי ער וואָלט פון איהם גאַנץ אויסגערעכענטערהייט אַנטלויפען געוואָלט ווי מען וויל פון אַן אומגליק אַנטלויפען...

און ער אט האָט געזוכט שוין געגען דעם ביי עני'ן... אַרויס גערופען מיט געוואָלט די שעהנסטע מעלות איהרע, געפּרובט אויפצואוועקען אין זיך אַ פונק וואַרימקייט צו איהר, און ווי מיט אַ בלאָז־זאַק האָט ער דערנאָך געזוכט אויפצובלאָזען אין זיך דעם דאָזיגען פונק אין אַ פלאַם; אָבער אין דער אייגע־נער צייט האָט פאַר זיינע אויגען רוטי געטאַנצט, דער אמת'ער ענטפער אויף זיינע אַלע פראַגען, און אַזוי ווי שטי־פענדיג וואָלט זי אַרויסגעריסען פון זיין פאַנטאַזיע די מעלות פון איהר שוועסטער און זיי אויפ'ן ווינט אַוועקגעשליידערט, און די פונקען אין זיין האַרצען צו עני'ן אויסגעלאָשען...

און וואָס פאַרפיהרערישער רוטי האָט פאַר זיינע אויגען געטאַנצט, אַלץ מעהר האָט ער זי אין זיינע געדאַנקען גע־טריבען פון זיך, אַלץ מיט מעהר אומרוה האָט ער די אויגען אָפּגעקעהרט פון איהר, דעם איינציגען אמת'ן ענטפער אויף זיינע פיינליכע פראַגען.

ער איז אַרונטער פונ'ם בעט און האָט געעפענט די גלע־זערנע טיר צום גאַניק. די פרישע ביינאַכטיגע לופט האָט זיך אין זיין צימער אַריינגעריסען און ער האָט זי דורשטיג אין זיך אַריינגעזויגען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַוועקגעלעגט און געפּרובט זיך פאַרגעסען אין היינע'ס ליעדער, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט. ער האָט איבערגעלעזען איין געדיכט איין מאָל, צוויי מאָל, און האָט עס ניט באַנומען מיט זיינע געדאַנקען, וועלכע זיינען ווייט געווען פון דעם. ער האָט געפּרובט עס לעזען אין דער הויך און געהערט זיין אייגענעם קול, אַזוי ווי ער וואָלט פון דער ווייטען געקלונגען...

ער האָט זיך איבערוועלטיגט און איבערגוואָלט זיינע געדאַנקען צונויפגענומען און איבערגעלעזען דאָס ליעד:

„אונד וויסטען׳ס די בלומען, די קליינע,
ווי טיעף פארוואונדעט מיין הערץ,
זי ווירדען מיט מיר ווײנען,
צו היילען מיינעם שמערץ.

אונד וויסטען׳ס די נאכטיגאלען,
ווי איך זאָ טרויעריג און קראַנק,
זי ליעסען פרעהליך ערשאלען
ערקוויקענדען געזאַנג.

אונד וויסטען זי מיין וועהע,
די גאָלדנען שטערנעליין,
זי קאָמען אויס איהרער העהע,
אונד שפרעכען טראָסט מיר איין.

דיע אלע קענען׳ס ניכט וויסען,
נור איינע קענט מיינעם שמערץ;
זיע האָט יאַ זעלבסט צעררימען,
צעררימען מיר דאָס הערץ."

און איצט, ווען ער האָט דאָס ליעד מיט זיינע געדאַנקען באַנומען, איז ער פון דעם געדיכט באַגייסטערט געוואָרען. „ווי שעהן און ווי איינפאַך" — האָט ער געטראַכט — „נור איינע קענט מיינעם שמערץ; זי האָט יאַ זעלבסט צעררימען, צעררימען מיר דאָס הערץ" — האָט ער אין זיינע געדאַנקען נאָכגעזאָגט.

און מיט אַמאָל האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אויפ׳ן קול:

— רוטי !...

און ער האָט איינגעגראָבען זיין פנים אין קישען.

און שפעטער אַ ווײלע האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— און מאָרגען זיינען די תנאים !...

6.

אויף מאָרגען האָט ער דעם גאַנצען טאָג אויסגעמידען רוטי׳ן. ער האָט עטליכע שעה פאַרבראַכט אין ניו יאָרק, און,

צוריקקומענדיג, ווען עני איז פאַרנומען געווען, האָט ער דאָן מיט אַמאָל געפרעגט ביי אסתר'ן אויף ראַבי בערנשטיין'ס אַדרעס און איז אַוועק צו איהם אויף באַזוך.

ביי ראַבי בערנשטיין האָט ער פאַרבראַכט העכער אַ שעה און מיט איהם געשמועסט וועגען ציוניזם און אַנדערע פראַגען.

דערנאָך, אַז ער איז געקומען ווידער אַהיים צו זיין כלה, האָט איהם רוטי אין קאָרידאָר געטראָפען און זי איז שוין אָנגעטאָן געווען צו די תנאים. אַזוי ווי די פאַרקערפערונג פון דעם יונגען פריהלינג איז זי געשטאַנען פאַר איהם אין איהר טונקעלען אָווענד־קלייד, ווייט אויסגעשניטען אונטער'ן הויכען, שלאַנקען האַלז און פאַרדעקט ביים בוזים מיט פיינע דורכזיכטיגע שפּיצען, דורך וועלכע אַ צאַרטע ווייסקייט פון איהר קערפער האָט דורכגעלויכטען, מיט איהר פרישען פנים און שמייכלענדיגע חן־גריבעלעך און מיט איהרע שוואַרצע אויגען, וועלכע האָבען מיט זון געפייערט... אינ'ם האַרצען האָט איהם אַ זעץ געטאָן, ווען ער האָט זי איצט דערזעהן און שיער האָט ער ניט אויסגעשריען: „ווי שעהן דו ביזט, רוטי!" און אַנשטאָט דעם האָט ער געפרעגט, כלומר'שט רוהיג:

— וואו איז עני?

— עני טוט זיך אָן — האָט זי געענטפערט און צוגעלעגט מיט אַ שטיפערישער מינע:

— קאַזין, ווי געפעל איך דיר אין דעם קלייד?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר צוטומעלט.

„וואָס וויל זי פון מיר? וואָס האָט זי צו מיר?" — האָט ער נערוועז דאָן אַ טראַכט געטאָן, און איהר ניט געענטפערט.

—דיר געפעלט ניט דאָס קלייד? — האָט זי ווידער געפרעגט.

און מיט אַמאָל האָט ער איהר נערוועז געענטפערט:

— דו געפעהלסט מיר ניט, דו! און לאָז מיך צו־רוה!

און ער איז אַוועק צו זיך אין צימער.

רוטי האָט זיך אַזש אַ צאַפּעל געטאָן. מיט צומישטע אויגען האָט זי איהם נאָכגעקוקט, ווי אַזוי ער לויפט די טרעפּ אַרויף.

„וואָס איז דאָס ? האָט ער געשפּאָסט ?" — האָט זי א טראַכט געטאָן.

זי האָט געוואָלט איהם נאָכלויפען, פרעגען איהם, וואָס האָט ער געמיינט... דערנאָך אָבער האָט זי אַ קלער געטאָן: „אפשר מיינט ער עס טאַקע ערנסט, אַז איך געפעל איהם ניט ? אָבער פאַרוואָס ? פאַרוואָס ? וואָס אַזוינס האָב איך מיט אַמאָל געטאָן, וואָס איך בין איהם פּלוצים ניט גע־פעלען ?"

און אומעטיג איז רוטי'ן מיט אַמאָל געוואָרען און באַ־רוהיגען זיך האָט זי ניט געקענט. זי איז אַרוים אויפ'ן גאַניק, האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט און ווייטער געטראַכט, שיעור ניט מיט טרערען אין די אויגען:

„וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן ?..."

שאָסקע איז אַרויסגעקומען פאַרהאַוועט, מיט אַ ווייסען הייבעל אויפ'ן קאָפּ און מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל.

— איך זוך דיך, רוטי — האָט זי אַרויסגערעדט אין איין אָטעם.

— וואָס ?

— ווען ברענגט מען די בלומען ? וואָס האָט דיר דער פלאָריסט געזאָגט ?

— אַרום זיבען. אַזוי האָט ער געזאָגט.

— שלעכט. זיבען דאַרפען די בלומען שוין זיין אויסגע־שטעלט אויפ'ן טיש. אַניט וועלען מיר ניט פאַרטיג ווערען. לויף צו, רוטילע, צום פלאָריסט; איך האָב קיין צייט ניט. זאָל ער גלייך צושיקען די בלומען.

רוטי האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך געה. איך וועל נעהמען עפּעס אויף זיך.

— געה, קינד — האָט שאָסקע געזאָגט אין איילעניש, געוואָרפען אַ שנעלען בליק אויף רוטי'ן און צוגעלעגט מיט ליעבע:

— ווי שעהן דו ביזט, רוטילע, אין דער דרעס!

רוטי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— בין איך שעהן, טאַנטע שאָסקע ?

— ווי אַלע זונען.

רוטי'ס פּנים האָט אויפגעשטראַלט:

— בין איך טאַקע שעהן ? דו מיינסט עס ?

— וואָס פרעגסטו, קינד?
— היינט וואָרום געפעל איך ניט...
זי האָט ניט דערענדיגט.
— וועמען געפעלסטו ניט?
— אַ — האָט רוטי זיך אַ כאַפּ געטאָן — וואָס אַרט עס מיך!

און זי איז אַריינגעלאָפען אין הויז, און שאַסקע נאָך איהר, פאַרהאַוועט.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זי איז פון'ם הויז אַרויס, מיט אַ העלען קייפּ איבער די אַקסלען, האָט זי פּלוצים דערזעהן אויפ'ן גאַניק ראַבינס'ן. ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ שמייכעל. זי האָט אָפּגעקעהרט פון איהם דעם קאָפּ מיט אַ ברוגז'ער מינע און געוואָלט איהם פאַרבייגעהן.

ער האָט זי אָפּגעשטעלט.
— וואוהין, רוטי?
— וואָס קימערט עס דיך? — האָט זי אַרויסגעמורמעלט ברוגז.
— בייז, רוטי? — האָט ער זיך אָנגערופען און איז צו־געגאַנגען צו איהר.
זי האָט געענטפערט:
— ביי מיר, אויב אימיצער געפעלט מיר ניט. רייד איך ניט צו איהם, קאַזין...
— אָה!
ער האָט אויפגערעגט זיך צולאַכט.
— איך האָב געשפּאַסט, רוטי. דו געפעלסט מיר. קאַנ־סטו דען ניט געפעלען?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם און אַ ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָבען איהרע חן־גריבעלעך שטיפעריש אויף איהרע באַקען אַ טאַנץ געטאָן און זי האָט זיך אָנגערופען:
— קום, בעד באַי, באַגלייט מיך צום פּלאַריסט!

און ווען ער איז אַרונטער מיט איהר פון'ם גאַניק, האָט זי איהם אַ כאַפּ געטאָן אונטער'ן אָרעם, צוגעדריקט זיך צו זיין אַקסעל און געפרעגט:
— און איצט, קאַזין, זאָג מיר דעם אמת: ווי געפעל איך דיר אין דעם קלייד?
— זעהר, רוטי. דו געפעלסט מיר זעהר און זעהר.

איהרע אויגען האָבען ליכטיגע פונקען א שפריץ געטאָן אויף איהם.

— אָבער וואָרום, רוטי, פרעגסטו דאָס מיך? — האָט ער אין א ווײילע ארום זיך אָנגערופען מיט אן אויפגערעגטען קול.

— וואָרום? — האָט זי געענטפערט — ווייל דיר וויל איך געפעלען...

— מיר? פאַרוואָס דוקא מיר?

— ווייל דו געפעלסט מיר אויך — האָט זי אומשולדיג געענטפערט — און ווייל...

— און ווייל?... — האָט ער אונטערגעכאַפּט מיט א ציטערענדיגען הארצען.

— און ווייל דו ביזט א בעד באָי — האָט זי זיך פרעה־ליך צולאַכט און דערנאָך צוגעלייגט — איך ווייס ניט, דו געפעלסט מיר און דהאָט'ס אַל!...

7.

די שטימונג ביי די תנאים איז געווען א געהויבענע. די לופט אין דעם גרויסען עס־צימער איז ווי אָנגעטרונקען געווען מיט ליכט און פרעהליכקייט. דער שיין פון די עלעקטרישע לאָמפּען און לעמפּלעך, וואָס האָבען געברענט אין אַלע צי־מערען פונ'ם הויז, האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט דעם העלען געלעכטער פון דער יוגענד און מיט דער ווארימער פרייד און לוסטיגקייט, וואָס האָבען אָנגעפילט אַלעמענ'ס הערצער און ארויסגעשיינט דורך אַלעמענ'ס אויגען און שמייכלען...

רובינטשיק האָט זיך, ממש, געבאָדען אין נחת. א פּאָר מאָל האָט ער אונטערגערוקט זיין אַמאָליגען שותף כאַווקינ'ען, וואָס איז צווישען איהם און אסתר'ן געזעסען, א באָקאַל שאַמ־פּאַניער, א שטוים געטאָן איהם ביים אַקסעל און געזאָגט:

— טרינק! דו ביזט דאָך דער גאַנצער שדכן... א מי־ליאָנער, ברודער'ל... רייכער פאַר אונזביידען... נו, חזיר, לחיים! ביי דיינע קינדער!...

כאַווקין האָט שיכור'לעך געלאַכט און אויסגעטרונקען מיט איהם.

און ווען אסתר מיט א פנים, וועלכער איז איצט באַלויכ־טען געווען פון א שטילער און טיעפער פרייד, האָט זיך צו

איהר מאַן אָנגערופען: „דייוויד, ווי אזוי רעדסטו צו מיסטער כאַווקינ'ען?" — האָט כאַווקין פרעהליך א מאַך געטאָן צו איהר מיטביידע הענט און לאַכענדיג געזאָגט:

— זאָל ער, זאָל ער, איך קען איהם פון די אַלטע יאָה־רען!...

און רובינטשיק האָט אונטערגעכאַפּט:

— ער קען מיך און איך איהם. ער איז משוגע און ער זאָגט, אַז איך בין משוגע. קום, משוגע'נער, איך וועל דיך א קוש טאָן!

און רובינטשיק האָט איהם א קוש געטאָן.

די אַנדערע האָבען זיך צולאַכט, און איינער פון די געסט, וואָס איז געזעסען נעבען ראַבי בערענשטיינ'ען, אויף דעם אַנדערען עק טיש, נישט ווייט פון דעם חתן און דער כלה, האָט באַמערקט הויך אויפ'ן קול:

— מיסטער רובינטשיק, איהר האָט א טעות געהאַט. איהר האָט דאָך מסתמא געמיינט, אַז מיסעס כאַווקין זיצט נעבען אייך?...

— איך קוש ניט קיין פרעמדע ליידים! — האָט רו־בינטשיק געענטפערט — בפרט ווען ראַבי בערענשטיין איז דערביי.

ראַבי בערענשטיין האָט זיך פרעהליך אָנגערופען:

— היינט מעגט איהר, אָבער נאָר א שעהנע.

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— א שעהנע?

ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט לאַכענדיגע אויגען.

— איך זעה אזוי פיעל שעהנע ליידים ארום זיך, קיין איין מיאוס'ע ניט. לעבען זאָלען זיי אַלע און גליקליך זאָלען זיי זיין, אזוי ווי איך היינט ביינאַכט!

און ער האָט זיך דערביי א זעץ געטאָן מיט ביידע הענט אין דער ברוסט און א קוק געטאָן אויף אסתר'ן מיט אויגען, פאַרלאָפענע מיט טרערען. דערנאָך האָט ער ווייטער גע־רעדט:

— אָבער די שעהנסטע ליידי איז ווער, הא? אַלץ זי! אַלץ מיין אסתר! די שעהנסטע און די בעסטע, און די קלוג־סטע. אסתר! אסתר! געלויבט זאָל זיין גאָט!...

און ער איז צוגעפאַלען צו איהר און זי גענומען קושען.

די ארומיגע האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט, און אסתר איז רויט געוואָרען, ווי א יונג מיידעלע.

רוטי, וועלכע איז געזעסען צווישען שאָסקע׳ן און עלענאָר, האָט אַפּלאָדירט שטאַרקער פון אלעמען. זי האָט אונטערגעטאָנצט אויף איהר שטול און אלסדינג האָט אין איהר געטאָנצט: די אויגען, די חן־גריבעלעך, יעדער קעהר איהרער, אפילו די רויטע בלום אין איהרע שוואַרצע האָר — א פייערדיגען טאַנץ. דער נאָך איז זי פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט, צוגעלאָפען צו איהר מאמע׳ן און זי שטורמיש א קוש געטאָן און דאָן צו איהר טאַטע׳ן.

שאָסקע האָט געשמייכעלט און זיך געווישט די אויגען.

עני האָט אויסגעזעהן זעהר גליקליך. זי איז אָנגעטאָן געוועזן אין א בלויען קלייד פון הימעל־קאָליר. דער בלויער שטאָף איז אזוי ווי אויסגעגאָסען געלעגען ארום איהר שלאַנקער און אימפּאָזאַנטער פיגור.ביים בוזים האָט זי געטראָגען א בוקעט פון בלוט־רויטע בלומען און אין די טונקעלע האָר א העלע ראָזע. אין דעם דאָזיגען אָווענד האָט זי אויסגעזעהן אמת שעהן, באלויכטען פון דעם טיעפען גליק אין איהר נשמה. פון צייט צו צייט האָט זי א קוק געטאָן מיט ווארימע אויגען אויף איהר חתן און איהר האַנט האָט פאַרגנב׳עט אויפגעזוכט זיין האַנט און זיך געטוליעט צו איהר...

ער האָט געשמייכעלט צו איהר, געשמייכעלט איבערטריבען, ווייל אין הארצען האָט ביי איהם געקרעכצט.

פּלוצים האָט ראַבי בערענשטיין אויפגעהויבען זיך פון זיין אָרט.

— ליידים און דזשענטעלמען! — האָט ער אָנגעהויבען מיט זיין לאַסטשענדיגער ברוסט־שטימע — איך מוז זיך ענטשולדיגען פאַר אייך...

ארום איז שטיל געוואָרען.

— איך מוז זיך ענטשולדיגען — האָט ער גערעדט ווייטער — וואָס דער שעהנער הימעל פון אייער פרייד וועט דורך מיין שולד פאַרוואָלקענט ווערען. אזוי איז שוין דער מזל פון ישראל, וואָס אלע זיינע שמחות ווערען פון טרויער געשטערט...

און דאַן האָט ער דערמאַנט דעם עולם אַז די אוּנגליקליכע

אידען אין איירָאפּאַ, האָט מיט פייערדיגע פאַרבען זייער לאַ־גע געשילדערט און געענדיגט:

— איהר, די גליקליכע, די זאַטע און די רייכע, וואָס גע־ניסען דאָס מילך און דעם האָניג אין אונזער פריי לאַנד, אונ־טער דעם שוץ פון אונזער גלאָררייכער פאָהן, שטיצט די אָרי־מע ברידער אונזערע אין איירָאפּאַ מיט ברויט, לאָזט זיי ניט אומקומען!

און רובינטשיק האָט דער ערשטער דאָן אויסגערופען:

— פינף הונדערט דאָלאַר!

און כאַווקין נאָך איהם:

צוויי הונדערט!

און די איבעריגע האָבען זיך אויך אָנגערופען:

— הונדערט! צוויי הונדערט!

עני האָט אַ דריק געטאָן ראַבינ'עס האַנט:

— דזשאָ, דיך מיינט מען אויך — האָט זי שטיל גע־זאָגט.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צוטראָגען:

— יעס, יעס... איך גיב...

— וויפיעל? — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו עני'ן. ניט וויסענדיג אליין וואָרום.

זי האָט זיך צולאַכט:

— דו פרעגסט מיך?

— איך ווייס ניט — האָט ער געזאָגט מיט אַ צוטראָגע־נעם שמייכעל.

דאָן האָט ער ארויסגענומען אַ טשעק פון אונטער'ן בו־זים און איהם דערלאַנגט ראַבי בערענשטיין.

— שרייבט אָן וויפיעל איהר ווילט — האָט ער געזאָגט — איך וועל דערנאָך אונטערשרייבען.

ראַבי בערענשטיין האָט איהם אַ לאַסטשע געטאָן מיט זיינע אויגען.

— וואָרום ניט אליין?

ראַבינס האָט זיך נערוועז צולאַכט:

— שרייבט, שרייבט, איך פויל זיך!

ראַבי בערנשטיין האָט אַרויסגענומען אַ פּען פון דער קעשענע, אַ קוק געטאָן פאַרטראַכט אויפ'ן טשעק, און פּלוצים

האָט ער אַ רוק געטאָן דעם טשעק צו עני'ן, דערלאַנגט איהר די פּען און געזאָגט:

— מיס רובינטשיק, שרייבט איהר...

זי האָט גענומען די פּען און אַ קוק געטאָן אויף ראַבינס'ן:

— וויפיעל? — האָט זי שטיל געפרעגט.

ער האָט געענטפערט מיט אַ נערוועזען שמייכעל:

— שרייב, וואָס איז דער אונטערשייד! גיב מיר די פעדער — האָט ער מיט אַמאָל געזאָגט. — פאַר וועמען איז דאָס?

זי האָט געענטפערט:

— פאַר די ליידענדע אידען אין רוסלאַנד. דו האָסט דען ניט געהערט ראַבי בערנשטיינ'ס רעדע?...

אין דער אמת'ן האָט ער יענעמ'ס רעדע ניט געהערט. פאַרטאָן געווען אין זיך אַליין. דאָך האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— געוויס... געוויס... געוויס... פאַר די ליידענדע אידען?...

ער האָט אָנגעשריבען דעם טשעק; עני האָט איהם נאָכגעקוקט איבער'ן אַקסעל און איהרע אויגען האָבען אי פרייד אי פאַרוואונדערונג אויסגעדריקט. דערנאָך האָט ער דעם טשעק דערלאַנגט ראַבי בערנשטיין צוזאַמען מיט דער פּען.

ראַבי בערנשטיין האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן טשעק און דערנאָך אַ דריק געטאָן ראַבינס'ן די האַנט.

— ליידים ענד דזשענטעלמען — האָט ראַבי בערנשטיין אויסגערופען — דער חתן כ"ר. ראַבינס האָט געגעבען צעהן טויזענד דאָלאַר.

רובינטשיק האָט אַזש אַ קוויטש געטאָן אויפ'ן קול, אַ צופּ געטאָן כאַווקינ'ען ביים אָרים און אויסגעשריען:

— נו?...

די אַנדערע האָבען באַגייסטערט אַפּלאָדירט.

אסתר האָט מיט הרחבה געשמייכעלט און שאַסקע איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט, צוגעלאָפען צו ראַבינס'ן און מיט די ווערטער: „פלימעניק מיינער, פלימעניק מיינער",

איז זי צוגעפאלען צו זיין אקסעל, האט א שלוכץ געטאן און איז ארויסגעלאפען פונ'ם צימער.

ראבינס האט נערוועז ארויסגעמורמעלט צו עני'ן:

— ווען ענדיגט זיך דאס?

— וואס?

— אט די גאנצע קאמעדיע! — האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען.

עני האט אויסגעגלאצט אויף איהם די אויגען.

— וואס מיינסטו? — האט זי ארויסגעשטאמעלט — די „קא־מע־דיע”?...

ער האט זיך א כאפ געטאן:

— איך מיין... צו טומעלדיג... דער קאפ שפאלט מיר... און איך בין אזוי נערוועז, עני, אזוי נערוועז...

— נערוועז? ווארום, דזשאו?...

— איך ווייס ניט... דער קאפ טוט מיר זעהר וועה...

— דער קאפ טוט דיר וועה? קום, מיר וועלען ארויס־געהן אויף דער פרישער לופט — האט עני געזאגט

— עפעס ניט בעקוועם... די געסט — האט ער זיך אנ־גערופען.

דא איז רוטי צו זיי צוגעגאנגען מיט צוויי באקאלען שאמפאניער. הינטער איהר האט עלענאר געטראגען נאך איינעם.

— חתן — האט רוטי זיך אנגערופען — און דו כלה, איך האב נאך מיט אייך ניט געטרונקען.

עני האט געענטפערט:

—איהם טוט וועה דער קאפ, רוטי; ער דארף ניט טרינקען.

— איז דאס אמת, חתן? — האט רוטי שטיל געפרעגט.

ער האט א שמייכעל געטאן צו איהר, גענומען א באקאל פון איהרע הענט און געענטפערט:

— איך דארף ניט טרינקען מיט דיר, רוטי, איך דארף ניט, און ווייל איך דארף ניט, ווילט זיך מיר דוקא מיט דיר טרינ־קען... לחיים!...

ער האט אנגעקלונגען זיין באקאל אן איהרען און אויס־געטרונקען.

רוטי האָט איהר שאַמפּאַניער עני'ן דערלאַנגט און גע־נומען דעם באָקאַל ביי עלענאָר'ן.

— שוועסטער! — האָט רוטי ארויסגערעדט... און מיט אַמאָל האָבען די שוועסטער זייערע באָקאַלען ביידע גלייך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, האָבען זיך א וואָרף געטאָן איינע אין דער אנדערערס אָרעמס און זיך צוקושט.

דאַן האָבען זיי דעם שאַמפּאַניער געטרונקען, קוקענדיג איינע דער אנדערער אין די אויגען.

און ווען ראָבינס האָט עס איצט געזעהן, האָט עפּעס אינווייניג אין איהם אויפגעקרעכצט מיט אַזאַ פייערדיגער בענקעניש... עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז די דאָזיגע ליעבע פון די צוויי שוועסטער איז אַן ענטפער אויף אַלע זיינע געפיהלען צו רוטי'ן... ער האָט געפיהלט, אַזוי ווי עפּעס עמיצענס אַן אכזריות'דיגע האַנט וואָלט איהם אריינגע־שטויסען אין א קאַכעדיגען שטורעם, וואָס האָט איהם גע־טראָגען אין א טיעפען אָפּגרונד אריין... ער האָט זיך גע־וואָלט ראַטעווען, ארויסרייסען זיך פון דעם דאָזיגען שטראָם, און א כוח, וואָס איז שטאַרקער געווען פון איהם, האָט איהם געשלעפּט און געטראָגען אַלץ טיעפער און טיעפער...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט.

— איך מוז כאַפּען א ביסעל פרישע לופט — האָט ער שטיל געזאָגט צו עני'ן.

עני האָט זיך אויך אויפגעהויבען און זיך א קעהר געטאָן צו ראַבי בערענשטיין:

— מיסטער ראָבינס'ן טוט דער קאָפּ וועה און איך ראָט איהם, ער זאָל ארויסגעהן אויף דער פרישער לופט.

רוטי האָט זיך דאַן אָנגערופען צו ראָבינס'ן:

— ענטשולדיג זיך פאַר זיי און געה. זאָלען זיי דיך ניט קימערען.

— ליידיס ענד דזשענטעלמען — האָט דאַן ראָבינס זיך אָנגערופען הויך אויפ'ן קול און מיט א העפליכען שמייכעל אויף די ליפּען — איהר וועט מיר ענטשולדיגען... ווי אָנ־גענעהם מיר איז ניט אייער געזעלשאַפט, מוז איך אייך אויף א ווייל פאַרלאָזען, ווייל איך האָב דערפיהלט, אַז איך האָב א קאָפּ. ענטשולדיגט!...

עני האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און איז מיט

איהם אויפ'ן גאַניק ארויס.

דער הימעל איז געווען פאַרוואָלקענט און שוואַרץ, אזוי ווי ער וואָלט זיך געראָכעוועט. דער שיין פון די עלעקטרישע לאַמפּען צווישען די בוימער האָט דערפאַר אויסגעזעהן שטאַרקער.

ראבינס האָט זיך געזעצט אויף א שטוהל און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלענבויגענס אָן דער פאַרענץ פון'ם גאַניק. עני האָט זיך געזעצט נעבען איהם.

זי האָט צוגעלעגט איהר האַנט צו זיין שטערען.

— עס טוט דיר שטאַרק וועה? ...

ער האָט ניט געענטפערט. געעפענט דעם מויל און אריינגעזויגט די ביינאַכטיגע לופט.

זי האָט ווידער געזאָגט:

— אפשר א דאָקטאָר רופען, דזשאָו?

ער האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ. דאַן האָט ער ארויסגערעדט:

— ווען דו קענסט מיר געבען א גלאָז וואַסער...

זי איז אויפגעשטאַנען. ער האָט זי אָפּגעשטעלט און צוגעלעגט:

— און איך בעט דיך, עני, אויב דו קענסט, זעה, אז זיי זאָלען מיך איצט אלע צו־רוה לאָזען... איך וועל, מסתמא, באַלד קומען צו זיך...

זי איז אוועק.

ער האָט איצט געוואָלט בלייבען אליין מיט זיינע געדאַנקען. וואָס וואָלט ער ניט געגעבען, אז עני זאָל איהם אויך ניט שטערען. זי אָבער האָט געמוזט זיין נעבען איהם. בפרט איצט, ווען זי האָט געמיינט, אז ער פיהלט זיך ניט גוט. פון היינט ביינאַכט אָן האָט זי א רעכט אויף איהם. מעהר רעכט ווי ווער ניט־איז אין דער גאַנצער וועלט... ווי אַן אייזערנע וואַנט איז זי איצט געשטאַנען צווישען איהם און דעם געפיהל, וואָס האָט פּלוצים, אזוי אומגעריכט זיך אין איהם אָנגעצונדען... ער וואָלט געקענט אוועקשטויסען פון זיך די וואַנט, און דאַן וואָס? ... ווידער א וואַנט, און אפשר, נאָך א שטאַרקערע, אָן וועלכער ער וועט זיין קאָפּ, מסתמא, צוברעכען! ...

און, איבערהויפּט, ווי וואָלט ער דאָס געקענט! ... וואָס

האָט ער צו איהר? זי איז דאָך אזוי ליעב, אזוי גוט, זי איז דאָך פול מיט איהם. „טייפעל! טייפעל!״ — האָט ער פאַר־צווייפעלט געטראַכט וועגען זיך.

„אזוי אומגעריכטערהייט״ — האָט ער ווייטער געטראַכט — „ווי א שוועבעלע אָן פייער האָב איך זיך אָנגעצונדען און פריהער דאָס גאָר ניט באַמערקט!״

„ווער האָט עס געדאַרפט? וואָס פאַר א בייזער טייפעל האָט אזוי געשפּאַסט מיט מיר? זיכער געוועזן, אז דאָס אמאָליג פייער איז שוין לאַנג אויסגעלאָשען אונטער דעם שטויב און אש פון אזוי פיעל יאָהרען און פון די איבערגע־בראַכענע געפיהלען... און מיט אמאָל, דער שטויב און די אַש ארונטערגעשאַרט פון אַ בייזער, טייפעלשער האַנט, און דאָס פייער האָט ארויסגעבראַכען מיט אזא שטורעם, און, אפשר, נאָך שטאַרקער ווי אמאָל.

„וואָס פאַר א בייזער שפּאַס! וואָס וועט איצט זיין מיט עני׳ן? וואָס וועט איצט זיין מיט מיר?״ — האָט פאַרצווייפעלט אין איהם געשריען.

דאָן האָט ער זיך געזאָגט:

— איך וועל זיך אין די הענט ארייננעמען! איך וועל זיך מוזען אין די הענט ארייננעמען! איך בין ניט קיין אינגעלע. דער טייפעל זאָל מיך נעמען!...

עני איז ארויסגעקומען מיט א גלאָז וואַסער.

ער האָט איהר באַדאַנקט און אויסגעטרונקען.

— ווי פיהלסטו זיך איצט, דזשאָו?

ער האָט א קוק געטאָן אויף איהר און אזא טיעפער טרויער האָט פון זיינע אויגען ארויסגעקוקט, אז זי איז אומ־רוהיג געוואָרען.

— וואָס קוקסטו אזוי, דזשאָו? — האָט זי ארויסגע־פּליסטערט.

און פּלוצים האָט ער איהר האַנט א כאַפּ געטאָן און צו־געדריקט זיין שטערען צו איהר.

— דזשאָו — האָט זי ארויסגעשטאַמעלט — דו שרעקסט מיך. וואָס איז דיר?...

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהר אין די אוי־גען ארייננעקוקט.

— עני, דו ביזט אזוי ליעב, אזוי גוט — האָט ער ארויס־

גערעדט אויפגערעגט — א מאַן דאַרף זיין גליקליך מיט אַזאַ פרוי ווי דו ביזט... איך בין דיך ניט ווערט, דו הערסט? איך בין דיך ניט ווערט!...

זי האָט זיך שטיל צולאַכט.

— היינט פאַרוואָס זעהסטו ניט אויס גליקליך, דזשאָו?...

ער האָט איהר געענטפערט מיט ביטערניש אינ׳ם קול:

— ווייל איך בין א נאַר, עני, אַן אייזעל...

זי האָט זיך אַנגערופען:

— איך פאַרשטעה דיך ניט. וואָס רעדסטו היינט? און פאַרוואָס רעדסטו עפּעס אין אַזאַ טאָן?

ער האָט ניט געענטפערט, געקוקט א ווײַלע אויף איהר און מיט אַמאָל האָט ער זי ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צו זיך און ארויסגעמורמעלט הייס:

— איך ליעב דיך... איך ליעב דיך... דו הערסט? מיט דעם אַמאָליגען פייער!...

זי האָט זיך א צאַפּעל געטאָן אין זיינע אָרעמס, אַזוי ווי זי וואָלט אויפגעפלאַקערט, און איז צוגעפאַלען מיט איהרע ליפּען צו זיינע.

— איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט קומען — האָט זי דערנאָך ארויסגעפליסטערט — אַז יענע ליעבע וועט נאָך קומען...

— נאָך שטאַרקער! — האָט ער ארויסגעמורמעלט, און, ווי אין א חלום, רוטי׳ן געזעהן...

ביי עני׳ן אין די אויגען האָבען זיך ליכטיגע פונקען געצונדען...

אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך אַנגערופען:

— וואָס טוט רוטי?

עני האָט געענטפערט:

— זי האָט געוואָלט ארויסגעהן צו דיר, האָב איך איהר געזאָגט, אַז דו ווילסט איצט בלייבען אליין.

— ווי שפּעט איז איצט?

— נאָך עלף.

— ווי לאַנג וועלען די געסט נאָך פאַרברענגען?

— איך ווייס ניט. אַנדערע געהען שוין אוועק.

פונ׳ם הויז האָט זיך דערהערט דאָס שפּילען אויף דער פּיאַנאָ און א טומעל פון יונגע שטימען.

ענִי האָט ארויסגערעדט:

— זיי זיינען איצט אין מוזיק רום. זיי טאַנצען.

ראָבּינס האָט זיך אויפגעהויבּען.

— קום אויך אהין — האָט ער פאַרטראַכט געזאָגט. — איך פיהל שוין בּעסער.

און זיי האָבּען דעם גאַניק פאַרלאָזען.

אינ'ם מוזיק־צימער האָט א רויטער נעבּעל, פון די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבּען געבּרענט אונטער רויטע אַבּאַזשורען, איינגעהילט די טאַנצענדע פּאָרלעך. די בּלאָנ־דע עלענאָר איז געזעסען בּיי דער פּיאַנאָ און האָט געשפּיעלט. די פּאָרלעך האָבּען זיך געדרעהט, אנדערע מיט זעהר ערנסטע מינעס, אזוי ווי בּרוגז אויף דער גאַנצער וועלט, אנדערע — מיט א שמייכעל און, ווידער, אנדערע פון די יונגע מיידלעך — אזוי פאַרשמאַכטעט, אז זיי האָבּען דערמאָנט בּלומען אין זעהר א הייסען טאָג, וואָס שמאַכטען נאָך א טראָפּען טוי...

ווען ראָבּינס איז אריינגעקומען, האָבּען זיינע אויגען גלייך דערזעהן צווישען די טאַנצענדע פּאָרלעך רוטי'ן. זי האָט געטאַנצט מיט א הויכען יונגענמאַן און איז אזוי הינ־געריסען געווען מיט איהר טאַנצען, אז זי האָט גאָר ניט בּאַ־מערקט ווי ער און ענִי זיינען אריינגעקומען.

ווי א שטיק פייער האָט זי זיך פאַר איהם געטראָגען, וואָס האָט איהם געבּלענדט און געצונדען. זי איז אין גאַנצען געווען, האָט זיך איהם געדאַכט, א פייערדיגער טאַנץ; יעדער ריהר איהרער, יעדע בּאַוועגונג פון איהר קערפּער, יעדער בּויג פון איהר קאָפּ מיט דעם לאַנגען שלאַנקען האַלז און יעדער הויב פון איהר אָרעם האָט פייער ארויסגעאָטעמט, האָט זיך איהם אויסגעוויזען...

ער האָט די אויגען פון איהר ניט געקענט אוועקרייסען. און, ווידער, האָט ער זיך איצט פאַרגעוואָרפען, לםאי ער טראַכט אזוי, לםאי ער פיהלט אזוי און האָט געוואָלט אוועק־געהן און ניט געקענט. די אויגען געוואָלט אוועקרייסען פון איהר און ניט געקענט. געוואָלט טראַכטען פון עפּעס אנדערש און האָט פון איהר געטראַכט...

און דאַן האָט ער מיט אמאָל דערהערט ענִי'ס קול ווי אין א חלום:

— קענסטו טאַנצען, דזשאָו?

ער האָט זי פאַרטראַכט אָנגעקוקט, געקומען צו זיך און געענטפערט:

— אַמאָל האָב איך ניט שלעכט געטאַנצט רוסישע טענץ.

— ווילסטו טאַנצן מיט מיר א רוסישן וואַלץ? דאָס קען איך אויך — האָט עני געזאָגט.

— טאַנצן? — האָט ער איבערגעפרעגט. און דאַן האָט ער פּלוצים א טראַכט געטאָן: „יא, טאַנצן. פאַרטאַנצן און פאַרטומלען זיך!" און ער האָט געזאָגט:

— יא, עני, מיר וועלען טאַנצן א וואַלץ!...

— זאָלען זיי נאָר ענדיגען — האָט עני זיך אָנגערופען.

דער טאַנץ האָט זיך געענדיגט. די פּאָרלעך זיינען שטעהן געבליבען. און דאַן איז רוטי צוגעלאָפען צו ראַבינס'ן:

— וואָס מאַכט דער קראַנקער?

ער האָט געענטפערט:

— דהענק יו, אָל ראַיט.

עני איז דאַן צוגעגאַנגען צו עלענאָר'ן און זי געבעטען. צו שפּילען א רוסישען וואַלץ.

עס האָבען זיך דערהערט די טענער פון דעם וואַלץ. די פּאָרלעך האָבען זיך ווידער אויסגעשטעלט. רוטי איז צוגע־לאָפען צו איהר פריהערדיגען קאַוואַליער.

עני האָט אויסגעשטרעקט ראַבינס'ן איהר האַנט. ער האָט זי שנעל און פעסט א כאַפּ געטאָן ביי דער טאַליע און זיך, ווי מיט אן אימפּעט, אוועקגעטראָגען מיט איהר, אזוי ווי ער וואָלט פון עפּעס אַנטלאָפען...

ער האָט זיך געטראָגען שנעלער ווי די איבעריגע, האַס־טיגער און מיט מעהר ברען, זיך געדרעהט און געדרעהט מיט עני'ן משוגענערווייז. און זי, אזוי ווי זי וואָלט אינסטינקטיוו דערפיהלט דעם פלאַקער אין איהם, האָט זיך אויך צופלאַ־קערט, ביידע צונויפגעגאָסען אין איין פיגור, וואָס האָט זיך געטראָגען און זיך געדרעהט, זיך געדרעהט און זיך געטראָגען, געטריבען פון דעם פייער, וואָס האָט אין זיי געפלאַקערט...

און באַלד האָט ארום זיי קיינער מעהר ניט געטאַנצט, אויסער זיי ביידען. אַלע אויג'ם רום האָבען די אויגען פון זיי ניט געקענט אָפּרייסען און ביי רוטי'ן האָט אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט, קוקענדיג אויף זיי. צום סוף, ווען זיי זיי־נען געבליבען שטעהן, האָט יעדער זיי אַפּלאָדירט און רוטי

איז, ווי א שטורם צוגעפלויגען צו ראבינס׳ן, האָט א כאַפּ געטאָן זיינע הענט און אויסגעשריען:
— הורא! ...
עני האָט שווער געסאפּעט, צוגעדריקט איהר קאָפּ צו איהר חתנ׳ס אַקסעל און אזוי גליקליך געשמייכעלט.
— וואָס זאָגסטו אויף זיין טאַנצען — האָט זי זיך אָנגע־רופען פארסאָפּעט צו רוטי׳ן.
— וואונדערפול — האָט רוטי געענטפערט באַגייסטערט
— דזשאָו, דו מוזט טאַנצען מיט מיר אויך.
ער האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.
— מעהר ניט, גענוג.
— איך בעט דיך, דזשאָו — האָט רוטי זיך א לאַשטשע געטאָן צו איהם, ווי א קעצעלע.
— טאַנץ מיט איהר, דזשאָו — האָט עני זיך אָנגערופען.
— אפשר שפּעטער — האָט ער געענטפערט — ענטשול־דיג, רוטי... שפּעטער... איך וועל אַפריהער כאַפּען א ביסעל פרישע לופט...
עני האָט געפרעגט:
— ווידער דער קאָפּ?
— יא, א ביסעלע...
— דו האָסט ניט געדאַרפט טאַנצען. קום ארויס אויפ׳ן פאָרטש.
און ראָבינס איז ארויס מיט עני׳ן אויפ׳ן גאַניק.
מעהר האָט ראָבינס דעם דאָזיגען אָוועט ניט געטאַנצט.
גאַנץ שפּעט זיינען זיך די געסט צוגאַנגען. דאַן איז ראבינס צו זיך אין צימער אוועק.
ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען, געעפענט די גלעזערנע טיר און איז אויפ׳ן גאַניק ארויס, געזעסען דאָרט א ווײלע און צוריק אין צימער אריין. עס האָט איהם געטריבען פון אָרט צו אָרט. ער האָט זיך קיין רוה ניט געקענט געפינען.
וואָס זאָל ער טאָן? ער דאַרף ניט טראַכטען פון איהר, טאָר ניט, און דאָך...
טאָר ניט? פארוואָס? ! לעבען וויל ער! גליקליך־זיין וויל ער! ... ער האָט דאָך נאָך ניט געלעבט, איז דאָך נאָך ניט גליקליך געוועז... ער איז ניט שולדיג... ער האָט זיך ניט געקענט... ער האָט זיין האַרץ ניט געקענט... און

איצט, ווען זי האָט זיין האַרץ פאַר איהם געעפענט און ער האָט דאָרט זיין יוגענד פּלוצים דערזעהן, זיין יוגענד, וואָס איז פאַר איהם באַגראָבען געווען אין דעם שטויב און אַש פון זיינע אָפּגעשטאָרבענע יאָהרען, — זאָל ער פון איהר אַנטלויפען ?! וויפיעל איז איהם נאָך איינגאַנצען פאַרבליבען צו לעבען? ערשט איצטער וואָלט ער געקענט ריכטיג געניסען פון דעם לעבען. מיט יעדען אָטעם־צוג זיינעם וואָלט ער פון דעם שטאַרקען און באַרוישענדען קוואַל געטרונקען. ווייל ערשט איצט פיהלט ער, ווי טייער דאָס לעבען איז, איצט, ווען ער האָט עס ווידער אין זיך דערפיהלט נאָכדעם ווי ער האָט געדענקט, אז אלסדינג אין איהם איז שוין אויסגעלאָשען...

ווער האָט עס אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון איהם, אז ער זאָל זיך געגען דעם וועהרען, אז ער זאָל זוכען צו פאַרלעשען דאָס, וואָס האָט אָנגעצונדען אזא כשופ'דיגען און וואַרעמען ליכט אין דער ביז־אַהעריגער פינסטערער און קאַלטער פּוסטקייט פון זיין נשמה און וואָס האָט אלע ווינקעלעך פון זיין „איך" מיט יוגענד־בלוט אָנגעצונדען?

פליכט? צום טייפעל מיט דעם! קייטען אויף די געפיהלען איז דאָס. א געפענגעניש מיט אייזערנע גראַטעם פאַר דעם פרייען לעבען איז דאָס!

ענין? יא, אויף איהר איז א רחמנות... אָבער ווען ער זאָל זי הייראַטען מיט דער ליעבע צו אַנאַנדערער, וועט ער זי דאַן, אפשר, האַסען און דאַן וועט זי נאָך מעהר אומגליקליך זיין...

און, ווידער... פאַרוואָס זאָל ער טראַכטען פון איהר גליק און פון איהר לעבען מעהר ווי פון זיין אייגענעם? זיין לעבען געהערט איהם אליין; קיינער האָט ניט קיין רעכט צו ערוואַרטען, אז דער אנדערער זאָל איהם זיין לעבען אוועקשענקען... איין לעבען האָט ער, איין לעבען!...

ער האָט זי ניט אָפּגענאַרט. איצט וואָלט ער זי יא אָפּגענאַרט און באַטראָגען, ווען ער וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט. יא, איצט וואָלט ער זי באַטראָגען...

בפרט, זי איז נאָך יונג, דאָס לעבען איז נאָך פאַר איהר, זי וועט איהם קענען פאַרגעסען, צעהן מאָל קענען פאַרגעסען; אָבער ער? אַ מאַן אין די פערציגער... די עטליכע יאָהר

אוועקשמייסען... פאַרוואָס? ווי קען מען דאָס גאָר פון איהם פאַרלאַנגען?

און דאָ האָט זיך ראָבינס מיט אַמאָל א כאַפּ געטאָן:

פון וואָס טראַכט ער? אַזוי ווי פון איהם אַליין בלויז וואָלט זיך דאָס געווענדט... נו, און רוטי?...

אזוי ווי ער וואָלט זיך פּלוצים אָנגעקלאַפּט מיט'ן קאָפּ אָן אן אייזערנער וואַנט... „אידיאָט!" — האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען.

און שפּעטער א ווײַלע איז ער געלעגען אויף זיין געלעגער און האָט געטראַכט: מיט וואָס האָט איהם רוטי אזוי באַכשופ'ט? ער, דער באַיאָרענטער און אויסגערעכענטער מאַן, ווי אזוי האָט ער זיך געקענט אזוי הינרייסען מיט איינער, וואָס איז נאָך כמעט גאָר א קינד געווען, ניט בלויז נאָך איהרע יאָהרען נאָך, נאָר אויך נאָך איהר גאַנצער באַנעמונג נאָך...

ער האָט געטראַכט וועגען דעם און קיין ענטפער אויף דעם ניט געפונען. און ווען אפילו עס וואָלט יא אָן ענטפער געווען אויף דער דאָזיגער פראַגע, וואָלט ער איצט אויך ניט אימשטאַנד געווען איהם צו געפינען, ווייל איהר געשטאַלט האָט זיך איצט דורך דער טונקעלקייט פון'ם צימער געטראָגען פאַר איהם, און ער האָט מיט זיינע אויגען געזויגט דעם פייער פון איהרע אויגען און מיט זיינע ליפּען געפליקט דעם שמייכעל פון איהרע ליפּען, און דעם זאַפט פון זיי אריינגעזויגען, ווי עפּעס א זיסען און א פייערדיגען סם, וואָס איז איהם אין אלע זיינע גלידער אריבער און זיי אָנגעצונדען...

ער האָט געפיהלט, אז ער האָט ניט קיין כוח צו וועהרען זיך געגען דעם, ווי א שפּענדעל פון א שטאַרקען שטראָם פאַרכאַפּט...

אָבער אויף מאָרגען איז ער אויפגעשטאַנען מיט א פעסטען באַשלוס, זיך צו וועהרען געגען דעם. דעם גאַנצען טאָג האָט ער פאַרבראַכט מיט עני'ן, איז אויסגעפאָהרען מיט איהר אין פראָספּעקט פּאַרק און פאַרנאַכט איז ער אוועקגעפאָהרען מיט איהר אין ניו יאָרק און זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים גאַנץ שפּעט.

רוטי איז בייז געווען, פאַרוואָס ער האָט זי אויך ניט

מיטגענומען. זי האָט זיך עפּעס געפיהלט אומעטיג און זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

— ער איז ניט קיין דזשענטעלמאַן — האָט זי צו איהר מוטער געזאָגט.

און שפּעטער, פאַרנאַכט, ווען שאַסקע האָט געבראַכט איינע פון מיסטער פּערעלמוטער'ס קינדער, צו וועלכע זי, שאַסקע, האָט זיך צוגעבונדען, האָט רוטי זיך א ווײַלע מיט'ן קינד געשפּיעלט, דערנאָך אָבער האָט זי אין מיטען דערינען זיך אָנגערופען צו שאַסקע'ן:

— איך וועל שוין מיט דזשאָו'ען מעהר ניט ריידען. קיינמאָל ניט. ער איז א שוויין!

און זי איז אַנטלאָפען צו זיך אין צימער און דעם גאַנצען אָוועגד האָט קיינער זי מעהר ניט געזעהן.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען ראָבינס איז אויפגעשטאַנען, האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט.

עס האָט זיך דערהערט ווידער א קלאַפּ און קיין קול.

ער האָט די טיר געעפענט, און דערזעהן רוטי'ן.

זי איז געשטאַנען, דעם קאָפּ אָפּגעקעהרט פון איהם און אויסגעשטרעקט צו איהם אַ האַנט מיט א גרויסען קאָנווערט.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך אָנגערופען און גענומען דעם קאָנווערט פון איהר האַנט.

זי האָט איהם ניט געענטפערט, ניט א קוק געטאָן אפילו, אויף איהם, און איז אַנטלאָפען.

ער איז אריין צוריק אין זיין צימער און האָט פון דעם קאָנווערט ארויסגעשלעפּט א פּאַפּיר מיט עפּעס א געמאָלעכץ. ער האָט א קוק געטאָן אויף דעם, געעפענט ברייט די אויגען און זיך דערנאָך צולאַכט הויך אויפ'ן קול.

די געמאָלעכץ האָט פאָרגעשטעלט א שוויין מיט ראָבינס'עס פּנים...

„וואָס איז דאָס?" — האָט ער זיך געפרעגט און גע־קוקט ווידער און ווידער אויף דאָס געמעלעכץ און געלאַכט אין זיך — „וואָס מיינט עס? אָבער מיין פּנים ווי לעבעדיג. אַזאַ לעבעדיגער שוויין!" — האָט ער זיך ווידער צולאַכט הויך אויפ'ן קול.

ער איז ארונטערגעלאָפען מיט דעם אין עס־צימער. דאָרט

זיינען ביים טיש געזעסען עני, רוטי, אסתר און שאָסקע און האָבען פרישטיק געגעסען.

ער האָט דערלאַנגט רוטי'ן דאָס געמאָלעכץ.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט מיט א שמייכעל.

זי האָט ניט געענטפערט, ארויסגעכאַפּט דאָס געמאָלעכץ פון זיין האַנט און דאָס צוריסען.

ער האָט זיך א צאַפּעל געטאָן:

— רוטי, וואָס האָסטו געטאָן?

זי האָט בייז א דרעה געטאָן צו איהם איהר אַקסעל און ניט געענטפערט.

— וואָס איז דאָס? — האָט עני זיך אָנגערופען.

— אויפגעמאָלט אזא לעבעדיג בילד און עס צוריסען! — האָט ראַבינס געענטפערט מיט פאַרדרוס אין קול און זיך געזעצט נעבען עני'ן.

— וואָס פאַר א בילד?

— מיך אליין — האָט ראַבינס געזאָגט מיט א שמייכעל

— אזא לעבעדיגער חזיר!

— וואָס הייסט א חזיר? — האָט עני געפרעגט.

—א חזיר מיט א פּנים, צוויי טראָפּענס וואסער ווי מיי־נער — האָט ראַבינס געענטפערט.

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— רוטי, דו ביזט משוגע?

עני האָט א קוק געטאָן אויף רוטי'ן אויפגערעגט:

— דאָס איז אזא וויץ, רוטי?

רוטי האָט זיך א הויב געטאָן פונ'ם אָרט, קיין וואָרט ניט געענטפערט און איז א בייזע ארויסגעלאָפען.

שאָסקע האָט זיך צולאַכט:

— וואָס רוטי'ן קען אמאָל איינפאַלען!

ראַבינס האָט געגעסען פאַרטראַכט און געשוויגען. פּלוצים, ווען ער האָט די קאַפּע געטרונקען, האָט ער זיך פאַר־כלינעט און צוהוסט.

— אָבער אזא פעטער חזיר! — האָט ער אויסגעשריען — איהר האָט געדאַרפט זעהן!

עני האָט באַמערקט:

— פונדעסטוועגען איז דאָס א פרעכקייט. זי דאַרף ווי־סען איהר אָרט.

אסתר האָט רוטי'ן פאַרענטפערט:

— אַ קינד שטיפט אמאָל. זי האָט זיך אָבער פאַרשעמט און איז אנטלאָפען...

— זי איז ברוגז, פאַרוואָס ראָבינס האָט זי נעכטען ניט מיטגענומען — האָט שאָסקע געזאָגט.

ראָבינס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אזוי גאָר? זי האָט עס דען געזאָגט?

— זי האָט עס מיר אויך געזאָגט — האָט אסתר גוט־מוטיג זיך אָנגערופען.

ראָבינס האָט ארויסגעמורמעלט:

— אזוי? איז דער חזיר שוין ערקלערט...

עני האָט נערוועז א ציה געטאָן די אקסלען.

— משוגע! — האָט זי ארויסגערעדט.

— אַ קינד. ווי זאָגט יענער? קינדערשער שכל — האָט אסתר ווידער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל.

שפּעטער אַ ווײַלע איז ראָבינס געזעסען אויפ'ן גאַניק און האָט געלעזען אַ מאָרגען־צייטונג. ער איז געזעסען מיט'ן רוקען צו דער טיר, האָט געקוקט אויף די שוואַרצע שורות און געטראַכט פון רוטי'ן. עני האָט זיך געוויגט נעבען איהם אויף אַ שאָקעל־שטוהל. זי האָט פון הינטען ארום זיך אָנגענומען מיט ביידע הענט פאַר דעם וועגטעל פונ'ם שטוהל, אָפּגעוואָרפען דעם קאָפּ און זיך געוויגט מיט צוגעמאַכטע אויגען אונטער דער ווייכער וואַרעמקייט פון דער זון.

פּלוצים האָט רוטי'ס קאָפּ מיט די שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען איצט ברוגז געקוקט, זיך פון דער טיר צום גאַניק ארויסגערוקט. און גלייך, אזוי ווי ראָבינס וואָלט איהר ריח דערשמעקט, האָט ער זיך אומגעדרעהט צו איהר. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם בייז און מיט פאַראַכטונג און זיך אַ כאַפּ געטאָן צוריק, דערנאָך האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ קלאַפּ פון דער טיר, וואָס זי האָט מיט כעס אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך.

עני האָט די אויגען געעפענט און אַ קוק געטאָן אַהין.

— ווער האָט עס אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר? — האָט זי זיך אָנגערופען — דער ווינט?

ראָבינס האָט געוואָלט ענטפערען „רוטי", און עפּעס האָט ער איהר נאָמען איצט ניט געקענט ארויסברענגען, האָט ער

גאָר נישט געענטפערט און ווייטער געקוקט אין זיין צייטונג.
דאַן האָט זיך עני אָנגערופען:
— וואָס וועלען מיר היינט טאָן, דזשאָו?
ער האָט א ציה געטאָן די אַקסלען.
— דו בלייבסט אין דער היים? — האָט זי ווייטער גע־פרעגט.
ער האָט א קוק געטאָן אויף איהר פּאָרטראַכט, דאַן האָט ער אַרויסגערעדט:
— וואָס טוט מען, עני?
—איך פרעג דיך, דזשאָו...
— איך וואָלט עפּעס געוואָלט היינט — האָט ער אַרויס־גערעדט מיט בענקעניש.
— וואָס, צום ביישפּיעל?
— פאַרברענגען...
— זאָלען מיר פאָהרען אין ניו יאָרק...
— ניין! — האָט ער געזאָגט.
— וואוהין דען?
ער האָט ווידער א ציה געטאָן די אַקסלען. דאַן איז ער מיט אַמאָל אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און האָט געזאָגט:
—איך האָב גאָר געדאַרפט אוועקפאָהרען אויף עטליכע וואָכען אַהיים.
זי האָט א שמייכעל געטאָן:
— אויף עטליכע וואָכען? וואָלסטו דען געקענט זיין דאָרט אַזוי לאַנג אָהן מיר?...
ער האָט ניט געענטפערט, פאַררויכערט א סיגאַר און זיך ווידער אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.
— דו האָסט מיר ניט געענטפערט, דזשאָו — האָט זי דאַן זיך אָנגערופען און געקוקט איהם גלייך אין די אויגען.
ער האָט אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ פון איהר.
— אויף וואָס האָב איך דיר ניט געענטפערט? — האָט ער אַרויסגערעדט און געקוקט צוטראַגען פאַר זיך.
— צי וואָלסטו געקענט זיין איצט עטליכע וואָכען אָהן מיר?
— ווען איך מוז? — האָט ער זיך אָנגערופען.
— דו מוזט דען?

—יא, איך מוז, איך מוז אומבאדינגט! — האט ער מיט אמאל געזאגט אין א פעסטען טאן.

— פארוואס עפעס מיט אמאל? דו האסט דאך דארט, אויף וועמען זיך צו פארלאזען...

ער האט זיך נערוועז צולאכט:

— אמאל, עני, קען מען זיך ניט פארלאזען אפילו אויף זיך אליין אויך...

זי האט זיך פארטראכט און א ווילע געשוויגען. ער איז געזעסען מיט א זייט צו איהר, האט געקוקט אויפ'ן בולווארד, געשאקעלט צווישען צוויי פינגער דעם רויכערדיגען סיגאר און נערוועז געפייפט.

דאן האט זי זיך אנגערופען:

— דזשאו, קוק אויף מיר.

ער האט זיך א קעהר געטאן צו איהר.

זי האט זיך איינגעגעסען אין זיינע צוטראגענע אויגען און דערנאך שטיל ארויסגערעדט:

— פון וואס טראכסטו, דזשאו?

ער האט א ציה געטאן די אקסלען.

— דו ענטפערסט ניט, דזשאו?

— וואס זאל איך דיר ענטפערען?

— דעם אמת.

— דעם אמת?

ער האט זי אנגעקוקט צומישט:

— וואס מיינסטו, עני?...

— עפעס פיהל איך, דזשאו — האט זי ארויסגעפליס־טערט, און איהרע אויגען זיינען פלוצים מיט שרעק פארלאפען.

— עפעס פיהלסטו?... וואס?...

— אז דו בענקסט... אז דו ביזט... ניט גליקליך, דזשאו...

— וואס פאלט דיר איין?

— איך פיהל דאס, דזשאו, איך פיהל דאס, אין דעם מאמענט, צום ביישפיעל...

—אין דעם מאמענט?

—יא, דזשאו, ניט אלע מאל פיהל איך דאס, אבער ציי־טענוויין...

— צייטענוויין?...

— איך קען דאָס ניט ערקלערען. נעכטען, צום ביי־שפּיעל, דאָ אויף דעם איינענעם פּלאַץ, ווען דיר האָט דער קאָפּ וועה געטאָן, האָב איך דאָס אויך פּלוצים דערפּיהלט...
ער האָט ארויסגעמורמעלט:
— דער קאָפּ האָט מיר וועה געטאָן...
— ניין, ניט דאָס, ניט דאָס... דו האָסט אזוי אומגליק־ליך אויסגעזעהן, אזוי צוטראָגען און פאַרבענקט... דזשאָו, ערקלער מיר, זיי אויפריכטיג מיט מיר...
— וואָס זאָל איך דיר ערקלערען, עני?
— דו זאָגסט, אז דו האָסט מיך ליעב, און נעכטען האָסטו מיר געזאָגט, אז די ליעבסט מיך מיט דיין אמאָליגען פייער... אמת?...
ער האָט נערוועז א שמייכעל געטאָן:
— האָב איך דען היינט דיר אנדערש געזאָגט?
— היינט פאַרוואָס, דזשאָו, זעהסטו אויס אמאָל אזוי ניט גליקליך און אזוי פאַרבענקט? ווען דו האָסט מיך אזוי ליעב, ווי דו זאָגסט און ווי איך פיהל דאָס אמאָל אליין. צום ביי־שפּיעל, נעכטען, ווען דו האָסט מיך געקושט און דערנאָך גע־טאַנצט מיט מיר, האָב איך געפיהלט, אז דו האָסט מיך זעהר ליעב.
ער האָט אויפגערעגט א לאַך געטאָן:
— איז דאָך גוט, וואָס ווילסטו נאָך?
—אבער ווי אזוי קענסטו בענקען, ווען איך בין נעבען דיר?
— איך האָב אלע מאָל געבענקט. אזא נאַטור, עני...
— נאָך דעם העכערען אידעאַל, דזשאָו?
ער האָט געשוויגען.
— אלץ נאָך א העכערען אינטערעס אין לעבען, דזשאָו?
— וואָס איז דער אונטערשייד, עני?... נו, יאָ — האָט ער צוגעלעגט נערוועז — אמת, נאָך א העכערען אינטערעס אינ׳ם לעבען. וואָס קימערט עס דיך?
— זי האָט אויפגערעגט געענטפערט:
— ווען איך וואָלט דיך אזוי ניט ליעב געהאַט, קען זיין, דזשאָו, אז מיך וואָלט עס דאָן ניט געקימערט. אזוי אָבער... טוט מיר וועה פאַר יעדען געדאַנק און פאַר יעדען געפיהל דיינעם, וואָס דו רייסט אוועק פון מיר. דו הערסט? אלס־

דינג גיב אוועק, דיין געלט, דיינע הייזער, אַלסדינג, אַלסדינג, אָבער דיינע געדאַנקען און דיינע געפיהלען לאָז איבער פאַר מיר אינגאַנצען. דו הערסט, דו שלעכטער, שלעכטער, דזשאָו?

— האָט זי געענדיגט מיט אַ ליידענשאַפטליכען פליסטערען.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— דו דאַרפסט מיך ניט ליעבען אַזוי, עני... איך בין דאָס ניט ווערט...

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— זעה, אַז דו זאָלסט עס ווערט זיין. פאָלג מיך — האָט זי צוגעלעגט — טראַכט ניט פון די הימעלשע זאַכען אין דער לופטען, טראַכט בעסער פון דעם הימעל אין דיין אייגענעם הויז, פון דיין אייגענעם גליק טראַכט. איין מאָל לעבט מען, דזשאָו, לעב פאַר דיין אייגענעם לעבען. דו דערמאָן זיך וואָס דער אַלטער באַקאַנטער דיינער אין קאַפע־הויז...

ער האָט אויפגערעגט זי אונטערבראָכען.

— נו, נו, גענוג, גענוג, אַל ראַיט, אַל ראַיט, רעד ניט מעהר!

און בעת דעם האָט ער געטראַכט:

„אַזוי ווי דער טייפעל אליין וואָלט מיט איהר צונג גערעדט!"

— געדענק־זשע, דזשאָו...

די טיר פונ'ם הויז האָט זיך געעפענט, און רוטי האָט זיך ווידער באַוויזען. זי איז אויפ'ן גאַניק ארויס און האָט ניט אַ קוק געטאָן אפילו אין זייער זייט.

ראַבינס האָט אַ קעהר געטאָן דעם פנים צו איהר און געזאָגט:

— העלאָ, רוטי!

עני האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— רעד ניט צו איהר — האָט זי געזאָגט און קרום אַ קוק געטאָן אויף רוטי'ן, וועלכע איז געשטאַנען אויפ'ן אַנדערען עק גאַניק מיט'ן רוקען צו זיי.

רוטי האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן.

ראַבינס האָט זיך ווידער אָנגערופען:

— בייז, רוטי?

און מיט אַמאָל האָט זיך רוטי אַ קעהר געטאָן צו איהם מיט צופלאַמטע באַקען און אויפגערעגט ארויסגערעדט:

— לאָז מיך צורוה, פליען!

— ווי פרעך! — האָט עני געזאָגט, און צוגעלעגט — רוטי, איך פאַרלאַנג, אז דו זאָלסט האָבען א ביסעלע רעס־פּעקט פאַר דזשאָו'ען...

רוטי האָט בייז א קוק געטאָן אויף איהר און געזאָגט:

— וואָס רעדסטו צו מיר? דו האָסט דאָך איהם געזאָגט, אז ער זאָל צו מיר ניט רעדען, היינט וואָס רעדסטו?

און מיט אמאָל האָט זי א געשריי געטאָן:

— דו ביזט דאָך א טשיקען!

און איז צוריק אריינגעלאָפען אין הויז.

ראָבינס האָט זיך צולאַכט. און עני האָט א ציה געטאָן די אַקסלען.

— מען וועט דאַרפען זי איבערבעטען — האָט ראָבינס דאַן געזאָגט — מיר ווען ערגעץ פאָהרען און זי מיטנעמען.

— ניין. מען גיט איהר צופיעל נאָך. זי דאַרף וויסען איהר פלאַץ — האָט עני געזאָגט.

דעם גאַנצען פאַרמיטאַג האָט מען רוטי'ן דערנאָך ניט אַנגעזעהן. צום דינער איז זי ארונטערגעקומען. זי האָט אויף קיינעם ניט געקוקט, פאַרנומען איהר פּלאַץ ביים טיש און האָט פאַרטראַכט געגעסען. נאָך דינער איז זי די ערשטע פון'ם טיש ארויס און האָט דעם צימער פאַרלאָזען.

— איז נאָך אַלץ ברוגז — האָט אסתר זיך אָנגערופען מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

— שעהמט זיך — האָט שאָסקע באַמערקט.

— משוגע! — האָט עני געזאָגט.

„אזוי אומעטיג אָהן איהר!" — האָט ראָבינס מיט בענקעניש געטראַכט.

מיט אמאָל האָט זיך דערהערט פון'ם קאָרידאָר רוטי'ס קול:

— טאַנטע שאָסקע!

שאָסקע איז ארויסגעלאָפען און האָט זיך באַלד צוריקגע־קעהרט מיט א קאָנווערט אין דער האַנט.

— פאַר דיר, עני — האָט זי געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו עני'ן — רוטי זאָגט, אז עס איז ערשט אָנגעקומען.

און עני האָט דעם קאָנווערט געעפענט און ארויסגע־שלעפּט א צונויפגעלעגטען בויגען פּאַפּיר.

זי האָט צונומען דאָס פּאַפּיר, אַ קוק געטאָן און געעפענט ברייט די אויגען. אויפ׳ן פּאַפּיר איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסע הוהן מיט איהר פּנים און נעבען איהר איז געשטאַנען אַ קליינער האָהן מיט ראָבינס׳עס פּנים, און אונטען איז געווען אונטערגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאַבען: „וועז דו קוקסט אויף אַן אנדער הוהן, וועסטו ביי מיר כאַפּען שמיץ!"

זי איז רויט געוואָרען, האָט ניט געוואוסט, צי זאָל זי זיך צולאַכען אָדער בייז ווערען.

— ווי געפעלט דיר אזא זאַך? — האָט עני זיך אָנגערופען און איהם דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר.

ער האָט זיך צולאַכט:

— פיין!

און האָט עס באַהאַלטען אונטער׳ן בוזים.

— דו באַהאַלסט עס נאָך? — האָט עני געזאָגט.

— מיר געפעלט עס — האָט ער געענטפערט — זי איז אַזוי הומאָריסטיש.

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס איז דער מעהר?

ראָבינס האָט געענטפערט:

— גאָרנישט. רוטי לאָזט וויסען, אַז איך בין ניט קיין פעטער שוויין, נאָר אַ קליינער האָהן, דערפאַר אָבער איז עני אַ „טשיקען."

— און נאָך וואָס פאַר אַ „טשיקען!" — האָט עני אונטערגעכאַפּט.

— לאָזט מיך אָנקוקען — האָט אסתר געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

ראָבינס האָט ארויסגענומען דאָס פּאַפּיר פון אונטער׳ן בוזים און איהר דערלאַנגט.

אסתר און שאָסקע האָבען אַ קוק געטאָן אויפ׳ן געמאָלעכץ אוןביידע האָבען זיך צולאַכט.

— אזא הוהן היינטיגע צייטען איז ווערט געלט — האָט אסתר גוטמוטיג באַמערקט.

— אַי, איז דאָס אַ מיידעל — האָט שאָסקע אויסגעשריען מיט התפּעלות — גאָלדענע הענט האָט זי!

— אָבער וואָס איז זי ברוגז? — האָט עני זיך דאַן אָנ־גערופען — מען גיט איהר צופיעל נאָך.

— מיר וועלען נעמען א מאַשין און אויספאָהרען מיט איהר — האָט ראָבינס פּלוצים געזאָגט.

— ניין, — האָט עני זיך א כאַפּ געטאָן — דזשאָו, דאָס ניט. רוטי דאַרף וויסען...

— מיט רוטי'ן זיך רעכענען — האָט אסתר באַמערקט — איז נאַריש. פאָהרט ארויס און נעהמט זי מיט.

— יא, עני — האָט ראָבינס זיך צו איהר געווענדט — מיר וועלען זי מיטנעמען. זי האָט עס פאַרדינט ביי דיר...

— זי האָט עס פאַרדינט ביי מיר?

— אזא שעהנע „טשיקען" אויפגעמאַלט. זי האָט דאָך געקענט אויפמאָלען א „טשיקען", וואָס זאָל זיין ניט אזוי שעהן? — האָט ער געזאָגט.

— מילא — האָט זי געענטפערט — אז דו ווילסט... איך וואָלט זי ניט מיטגענומען... אָבער דו זאָלסט זי איינלאַדען: איך רוף זי ניט.

— אָלרייט.

ער האָט גענומען דאָס געמעלעכץ, באַהאַלטען אונטער'ן בוזים און איז אַרויס מיט עני'ן.

אויפ'ן גאַניק איז רוטי ניט געווען. ראָבינס איז אריין אין קאָרידאָר און האָט א רוף געטאָן:

— רוטי!...

זי האָט זיך ניט אָפּגערופען.

— רוטי, וואו ביזטו? — האָט ער זי גערופען העכער.

זי האָט זיך אַלץ ניט אָפּגערופען.

איז ער דאַן אוועק אַרויף די טרעפּ, צו זעהן אויב זי איז אין איהר צימער.

און דערנאָך, ווען ער האָט אין טיר פון איהר צימער אָנ־געקלאַפּט, האָט זיך איהר ברוגז'ער קול דערהערט:

— ווער איז דאָרט?

— איך, רוטי — האָט ראָבינס געענטפערט.

— וואָס ווילסטו?

— דו ווילסט פאָהרען מיט אונז?

— ניין.

— זיי נישט קיין קינד, רוטי... קאָן איך אריינגעהן?

— ניין.

— וואָרום ?

— איך וויל ניט — האָט רוטי'ס קול געענטפערט.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— איך וועל אַריינגעהן...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פונ'ם שלאָס פון יענער זייט טיר.

— רוטי, פאַרוואָס האָסטו די טיר פאַרשלאָסען ?

רוטי האָט דאָרט געשוויגען.

— רוטי, עפען !

קיין ענטפער.

— רוטי, איך וויל דיר עפּעס זאָגען.

אַ שווייגען.

דאַן האָט ער אַרויסגערעדט מיט פאַרדרוס :

— דו ביזט אַ קינד, רוטי ! איך האָב געדענקט, אַז דו ביזט קליגער !

און ווען זי האָט אַלץ געשוויגען, איז ער נאָך אַ ווײלע פאַר איהר טיר געשטאַנען מיט אַ נאַרישעוואַטען שמייכעל און דאַן האָט ער אַרויסגעמורמעלט :

— אָל רייט !

און איז אַרונטער די טרעפּ, פייפענדיג אויפגערעגט.

אונטען אויפ'ן גאַניק האָט עני געוואַרט אויף איהם.

— איבערגעבעטען זי ? — האָט זי זיך אָנגערופען.

ער האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען און פאַרטראַכט געענטפערט :

— אַ מאָדנע מיידעל. אַזוי איינגעשפּאַרט !...

— זי וויל ניט פאָהרען ?

— ניין.

עני האָט דאַן געזאָגט :

— מיר גיבען איהר צופיעל נאָך. מיר וועלען פאָהרען אָהן איהר. וואוהין וועלען מיר פאָהרען ?

און איצט האָט זיך איהם זעהר ניט געגלוסט צו פאָהרען. ער האָט דערפיהלט אַ שאַרפע באַדערפעניש צו זעהן רוטי'ן, צו ריידען מיט איהר און פועל'ן ביי איהר, זי זאָל אויך פאָהרען. אין דער אייגענער צייט האָט ער זיך אָבער אַזוי ווי געשראָקען, טאָמער רופט ער אַרויס ביי עני'ן אַ חשד,

ווען ער וועט איהר זאָגען, אַז איהם גלוסט זיך ניט איצט צו פאָהרען, און ער האָט געענטפערט:

— וואוהין דו ווילסט.

— אפשר אין לאָנג־ביטש?

— זאָל זיין אין לאָנג־ביטש — האָט ער געענטפערט מיט בענקעניש אינ'ם קול.

דאַן האָט זי אַ קוק געטאָן אויף איהם, געשוויגען אַ ווײַלע און אומצופרידען אַרויסגערעדט:

— שוין ווידער?

— וואָס?

— בענקסט שוין ווידער?... ווידער אומעטיג?... וואָס איז מיט דיר, דזשאָו?...

ער איז צעמישט געוואָרען, אַזוי ווי אַ גנב, וואָס מען כאַפּט איהם פאַר אַ האַנט, האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און געצוואונגען אַ שמייכעל געטאָן:

— איך בין ניט אומעטיג. דיר ווייזט זיך דאָס אויס — האָט ער געענטפערט כלומרשט פרעהליך.

— מיר ווייזט זיך גאָרנישט אויס — האָט זי געזאָגט, — איך קען דיך, דזשאָו...

— דו קענסט מיך? אפשר...

— יאָ, דזשאָו, איך קען דיך — האָט זי ווידער געזאָגט מיט זיכערקייט אינ'ם קול.

ער האָט אויפגערעגט אַ שמייכעל געטאָן:

— אויב דו קענסט מיך, דאַן ביזטו אַ סך קליגער פון מיר. איך קען זיך באַלד פערציג יאָהר און קען זיך ניט, און דו... אין אַזאַ קורצער צייט און דו קענסט מיך... אויב אַזוי, ער־קלער מיר, וואָס פאַר אַ מענש בין איך?

— דו ביזט אַ נאַרישער טרוימער — האָט זי געענטפערט.

— דאָס בין איך — האָט ער אונטערגעכאַפּט — אַ נאַרי־שער טרוימער... אמת!...

— ניט צופרידען מיט דיין שיקזאַל — האָט זי גערעדט ווייטער.

— אויך אמת — האָט ער ווידער אונטערגעכאַפּט.

— דו ביזט רייך און דו ביזט אומצופרידען. דו ליעבסט און דו ביזט אומצופרידען. דו ביזט געליעבט און דו ביזט

אומצופרידען. דו ווילסט עפּעס און דו ווייסט אַליין ניט וואָס.

— דו מיינסט אַזוי? — האָט ער אַרויסגעמורמעלט.

— איך בין זיכער, אַז דו ווייסט ניט וואָס דו ווילסט — האָט זי געענטפערט.

ער האָט מיט בענקעניש אַ קוק געטאָן פאַר זיך און שטיל אַרויסגערעדט:

— אפשר...

— איך האָף נאָר — האָט זי גערעדט ווייטער — אַז שפּעטער וועסטו זיך ענדערען...

— שפּעטער? — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרטראַכט, אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ פון איהר און גענומען נערוועז פּייפען.

זיין פּייפען האָט זי נערוועז געמאַכט. זי האָט איהם געוואָלט בעטען, ער זאָל ניט פּייפען, נאָר עפּעס האָט איהר צוריקגעהאַלטען איהם עס צו זאָגען. אַנשטאָט דעם איז זי מיט אַמאָל אויפגעשטאַנען פון איהר שטוהל, צוגעגאַנגען צו איהם און זיין אָרעם אַ ציה געטאָן צו זיך.

— דזשאָו — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרטראַכט.

— וואָס?

— איך וויל דיר עפּעס זאָגען — האָט זי ווייטער געפּליסטערט און פון איהרע גרויע אויגען האָט אַ סוד אַרויסגעקוקט.

— זאָג.

— ניט דאָ. קום אַריין אין הויז.

ער איז מיט איהר אַריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר. דאָן האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע אָרימס זיין האַלז, האָט זיך פעסט־פעסט צוגעדריקט צו איהם און איהם אַ קוש געטאָן.

— אָט דאָס, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען! — האָט זי הייס אַרויסגעפּליסטערט.

און ווען ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ צעטומעלטען שמייכעל, האָט זי דאַן געזאָגט:

— אַ שמייכעל, דזשאָו, אַ שמייכעל, איך בעט דיך...

האָט ער געצוואונגען אַ שמייכעל געטאָן.

— פרעהליכער, דזשאָו. וויין, אַז דו ליעבסט מיך. וויין,

אז דו ביזט גליקליך מיט מיר — האָט זי געפליסטערט שיער מיט טרערען אין די אויגען.

האָט ער א כח זיך אָנגעטאָן און געשמייכעלט פרעה־ליכער.

— אָט אזוי. און איצט א קוש... א גוטען.

ער האָט זי א קוש געטאָן, געשמייכעלט, און אין זיין נשמה האָבען זיך אזוי ווי קעץ ארומגעריסען.

— און איצט — האָט זי דאַן געזאָגט — געה איך זיך אָנטאָן, און מיר פאָהרען.

און זי איז די טרעפּ ארויפגעלאָפען.

ראַבינס האָט מיט בענקעניש א טראַכט געטאָן:

„וואוהין אַנטלויף איך פון זיך אליין!"

ער איז צוריק אויפ'ן גאַניק ארוים, האָט גענומען א צייטונג און פּרובירט זי לעזען.

פּלוצים איז רוטי אויפ'ן גאַניק ארוים. זי האָט איהם גלייך דערזעהן און פאַרצויגען ברוגז איהרע ברעמען. דער־נאָך האָט זי איהם ארויסגעשטעלט די צונג.

ער איז געזעסען צו איהר מיט'ן רוקען און דאָס ניט באַמערקט. אויף א שטוהל, ניט ווייט פון איהר, איז געלעגען א העפט פון אַן ענגלישען זשורנאַל. האָט זי שטיל, גנב'ענער־דיג זיך, ווי א קאַץ אויף די שפּיץ־פינגער, זיך צוגערוקט צום שטול, גענומען דעם העפט, איהם א וואַרף געטאָן צו ראַבינס'ן און איהם געטראָפען אין אַקסעל.

ער האָט זיך א צאַפּעל געטאָן און זיך אומגעקוקט. און ווען ער האָט זי דערזעהן, האָט זיך א ליכטיגע פרייד גלייך אויף זיין פּנים צעגאָסען. ער איז אויפגעשפּרונגען.

זי האָט שטיפעריש געלאַכט צו איהם. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— דו ביזט שוין מעהר ניט ברוגז, טייפעל דו?

— וועסטו זיין ווייטער א בעד באָי? — האָט זי געזאָגט.

— וואָס האָב איך אזוינס געטאָן, רוטי?

— זי האָט געענטפערט:

— דו האָסט מיך איבערגעלאָזען אליין און מיר איז געווען אומעטיג אָהן דיר...

ער האָט אויסגעגלאָצט אויף איהר די אויגען.

— וואָס? דיר איז אומעטיג אָהן מיר? וואָס מיינסטו, רוטי?

— איך מיין... ווען דו פאַהרסט ערגעץ, זאָלסטו מיך אויך מיטנעמען — האָט זי געענטפערט אין א קאַפּריזנעם טאָן — מיר איז אומעטיג אָהן דיר, און דהאָטס אַל!

ער האָט זי ווידער אָנגעקוקט און געשוויגען.

„וואָס מיינט זי?" — האָט ער געטראַכט מיט א קלאַ־פּענדיגען האַרץ, און זיך דערנאָך געענטפערט: „וויים איך, א נאָכגעגעבען קינד... פּלאַפּעלט אומשולדיגערהייט!"...

דאַן האָט ער געזאָגט:

— גוט, רוטי, אָהן דיר וועלען מיר קיינמאָל ניט פאַהרען. געה טו זיך אָן, מיר וועלען איצט פאַהרען אין לאַנג ביטש.

— אין לאַנג ביטש? פיין! — האָט זי א געשריי געטאָן פרעהליך, און באַלד האָט זיך דערהערט איהר הילכענדיג גע־זאַנג פון די טרעפּ, איבער וועלכע זי איז געלאָפען.

און דאָס דאָזיגע געזאַנג האָט איצט אַזוי פרעהליך אָפּ־געהילכט אין ראָבינס'עס נשמה און אַלע סטרונעס דאָרט גע־מאַכט ציטערען.

ער איז אַריין אין הויז און האָט דורד'ן טעלעפאָן באַ־שטעלט א מאַשין.

און שפּעטער א ווײַלע, ווען די מאַשין איז שוין פאַר'ן הויז געשטאַנען און ראָבינס האָט אויפ'ן גאַניק געוואַרט אויף זיינע דאַמען, איז רוטי ארויסגעקומען אין א ראָזעווען קלייד מיט א שטרויענעם הוט. דורך די דורכזיכטיגע אַרבעל מיט די ווייסע שפּיצען ביי די ברעגעס האָט איהר צאַרטער אָרעם אויך ראָז ארויסגעלויכטען. אסתר און שאָסקע זיינען ארויס־געקומען נאָך איהר.

רוטי האָט זיך א קעהר געטאָן צו זיי מיט א שטיפערישען און ליכטיגען שמייכעל און פּלוצים זיך א וואָרף געטאָן צו איהר מאַמע'ן און זי שטורמיש א קוש געטאָן און פון איהר מאַמע'ן צו שאָסקען.

— גוד באַי! גוד באַי!

ביידע פרויען האָבען מיט ליעבע געשמייכעלט, קוקענ־דיג אויף איהר.

דאַן האָט רוטי ארויפגעלעגט איהר וואַרעמען אָרעם ראָ־

בינס'ן אויפ'ן אַקסעל, שטיפעריש אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען און אַרויסגערעדט:

— דו בעד באָי!

און באַלד, ווען עני איז ערשינען, האָט רוטי אינסטינקטיוו אַוועקגעכאַפּט איהר האַנט פון ראַבינס'עס אַקסעל און איז אַוועקגעלאָפען צו דער מאַשין.

אין א ווײלע אַרום איז ראַבינס געזעסען אין אויטאָמאָביל צווישען עני'ן און רוטי'ן און זיינע אויגען האָבען פּאַר־חלום'טע פרייד אויסגעדריקט...

אסתר און שאָסקע האָבען באַגלייט דעם אויטאָמאָביל מיט די אויגען.

— גוד באָי, קינדער! — האָבען די ביידע פּרויען זיי נאָכגעשריען און געפּאַכעט צו זיי מיט די הענט.

7.

נאָך צוויי וואָכען זיינען אַוועק און דער געפיהל צו רוטי'ן ביי ראַבינס'ן האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צופלאַקערט און צוזאַמען מיט דעם די ערוואַכונג פון זיין גאַנצען „איך"... אַלע סטרונעס אין זיין נשמה האָבען איצט געהילכט מיט דער אויפרעגונג פון זיינע אַמאָליגע געפיהלען און אַמאָליגע פאַר־לאַנגען, וואָס האָבען איצט אין איהם גערעדט מיט אַזאַ פייער, עס קען זיין נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט טונקעל געפיהלט אַז דאָס איז זיין לעצט פייער...

איז רוטי נעבען איהם געווען, האָט ער זיך געפיהלט יונג, פריש, לעבעדיג, געלאַכט פרעהליך און גערעדט אַזוי גייסט־רייך און זיך באַוועגט, אַזוי ווי ער וואָלט, ווייניגסטענס, א צעהנדליג יאָהרען פון זיך אַראָפגעוואָרפען...

איז זי ניט געווען נעבען איהם, האָט ער ניט געוואוסט, וואו אהינצוטאָן זיך. די צייט האָט זיך דאַן געשלעפּט אַזוי ווי פון פּעך און ער האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי א געפאַנגע־נער אין זיין פאַרשטיקטען קעמערעל פריהלינגס־צייט, וועל־כער וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען דער וועכטער וועט די טיר פון קעמעריל אויפשליסען און וועט איהם אַרויסלאָזען אויף דער פרייער לופט, כדי ער זאָל קענען איינאָטעמען דעם גרינעם הויך פונ'ם פריהלינג און די ליכטיגע וואַרעמקייט פון דער פריהלינגס־זון...

בפרט נאָך איז איהם איצט שווער געווען, ווייל ער האָט אָנגעהויבען צו באַמערקען, אז די קלוגע אסתר האָט צו אָפט גענומען נאָכקוקען איהם און רוטי'ן, און אינסטינקטיוו האָט ער געפיהלט, אז א פאַרדאַכט וועקט זיך אין איהר הארצען. דערפאַר האָט ער געמוזט אכטונג געבען אויף זיין יעדען וואָרט, יעדען בליק, אויף זיין גאַנצער באַנעמונג מיט רוטי'ן און מיט עני'ן אליין...

האָט ער איבערטריבען געשמייכעלט צו עני'ן, איבערטרי־בען ליעבע איהר ארויסגעוויזען און דערביי שרעקליך גע־ליטען פון זיין פאַלשער לאַגע. און האָט ער אמאָל באַמערקט אין איהר פנים יענעם אויסדרוק, וואָס האָט זי עהנליך גע־מאַכט צו רוטי'ן, האָט ער זיך דאַן אינגאַנצען א צאַפּעל געטאָן, איז צוגעפאַלען צו איהר, אין זיין הארצען האָט געזונגען דער קוואַל פון ווארעמקייט, גליק און באַרוישענדיגער פרייד, וואָס האָט אינגאַנצען געהערט צו רוטי'ן...

עני איז דאַן גליקליך געווען און ווען אפילו זי האָט פריהער אמאָל געפיהלט אַן אינסטינקטיווע אומרוהיגקייט, ניט וויסענדיג באַשטימט פאַרוואָס, האָט אזא פלוצים'דיגער אויס־ברוך פון זיין ליעבע אויף א לאַנגער צייט זי פאַר'שכור'ט...

און מיט רוטי'ן האָט ער זיך אויך געהאַלטען צוריקגע־האַלטענער ווי פריהער. ווי פרעהליך און גליקליך ער האָט זיך ניט געפיהלט אין איהר געגענוואַרט, האָט ער, ווען זי האָט אמאָל א שטיף געטאָן מיט איהם: א ציה געטאָן איהם ביים אָרעם, צי געוואָלט ארויסרייסען פון אונטער איהם דעם שטול, צי גאָר צוגעלאָפען צו איהם פון הינטען און צוגעדעקט איהם די אויגען מיט איהרע צאַרטע און ווארעמע הענט, — האָט ער זי ניט א כאַפּ געטאָן און ניט צוגעדריקט צו זיך, ווי איהם האָט זיך געגלוסט, נאָר האָט זי זאַכט אָפּגעשטויסען פון זיך און האָט גליקליך געלאַכט.

עני'ן איז דאָס ניט אנגענעהם געווען און תמיד, ווען רוטי האָט זיך אזוי צושטיפט, האָט זי דערפיהלט אַן אינסטינקטיווע אומרוהיגקייט, זי האָט זיך אָבער געשעהמט א וואָרט ארויס־צוברענגען וועגען דעם, מחמת איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאַן וועט מען נאָך קענען מיינען, אז זי איז אייפערזיכ־טיג צו איהר שוועסטער. האָט זי געשוויגען; אין הארצען

אָבער, האָט זיך תמיד ביי איהר אָפּגעשטעלט נאָכדעם עפּעס א שווערקייט...

איז אָבער רוטי אמאָל געוועזן מיט איהם אליין — און דאָס האָט איצט געטראָפען זעהר זעלטען — האָט ער זי צו־געדריקט צו זיך און אמאָל אויך א קוש געטאָן...

און איינמאָל, ווען רוטי האָט זיך אין איהר צימער אָנ־געטאָן אויף ארויסצופאָהרען מיט ראָבינס'ן און עני'ן, איז אסתר צו איהר אריינגעקומען.

— מיין קינד — האָט אסתר זיך אָנגערופען — איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר ריידען.

— וואָס איז דער מעהר, מאַמע? —האָט רוטי פרעהליך געפרעגט, שטעהענדיג פאר'ן שפּיגעל.

— איך וויל, אז דו זאָלסט ניט פאָהרען מעהר מיט זיי, רוטי.

רוטי האָט זיך אומגעדרעהט צו איהר מיט גרויסע אויגען.

— וואָס מיינסטו, מאַמע? — האָט זי שטיל און פאר־וואונדערט ארויסגערעדט.

— איך מיין, רוטי, אז דו ביזט שוין מעהר ניט קיין קינד און, ווי זאָגט יענער? א מיידעל אין דיינע יאָהרען דארף דאָס אליין פארשטעהן.

— וואָס?

— דו שטערסט זיי. חתן־כלה ווילען בלייבען תמיד אליין און דו ביזט שטענדיג מיט זיי.

רוטי האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען און געשוויגען. דאָן האָט זי שטיל ארויסגערעדט:

— מאַמע, האָבען זיי דאָס דיר געזאָגט?

— מען דארף מיר דאָס ניט זאָגען. איך פארשטעה אליין. ווארום געהסטו ניט מיט דיינע מיידלאך? און וואו זיינען דיינע אלע באָים?

רוטי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און ניט גע־ענטפערט. דאָן האָט זי נערוועז אָנגעהויבען אָפּצוהעקלען איהר קלייד, און מיט אמאָל איז זי א פאַל געטאָן אויפ'ן בעט, האָט איינגעגראָבען דעם פּנים אין קישען און האָט זיך צע־וויינט.

פון אסתר'ס אויגען האָט שרעק ארויסגעשריען און א

ווײלע איז זי ניט אימשטאַנד געווען אַ וואָרט אַרויסצוברענ־
גען. דאַן האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערענדיגען קול:

— רוטי, וואָס ווײנסטו? וואָס ווײנסטו, קינד?

— לאָז מיך, לאָז מיך, לאָז מיך! — האָט רוטי גע־
ווײנט אין קישען אַרײן.

און אַזוי ווי אין דער דאָזיגער צײט האָט זיך דערהערט
פון דרויסען דאָס פײפען פון דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט
רוטין גערופען, האָט אסתר זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז פון
רוטים צימער אַרויסגעלאָפען.

ראָבינס און עני זײנען שוין אין אויטאָמאָביל געזעסען.
אסתר איז צוגעגאַנגען צו זײ, שוין מיט איהר רוהיגען שמיי־
כעל, און געזאָגט:

— פאָהרט אַליין, קינדערלאַך. רוטי פאָהרט ניט. דאָס
קינד איז צום שכל געקומען. וויל מעהר ניט שטערן חתן־
כלה. ווי זאָגט יענער? און אפשר דאַרף עפּעס אַ באַי צו איהר
קומען...

און בשעת דעם האָט זי איהרע אויגען ניט אַרונטער־
גענומען פון ראָבינס'ן, געוואָלט זעהען דעם אײנדרוק, וואָס
עס וועט אויף איהם מאַכען. ער האָט אויסגעגלאָצט אויף
איהר די אויגען. גלייך אָבער האָט ער זיך באַהערשט, אויס־
געהאַלטען איהר בליק און כמעט רוהיג געשמייכעלט. ער
האָט אפילו קײן וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. נאָך מעהר:
ער האָט זאָגאַר פאַררוקט דעם קעפּ אויף עני'ן, איהם פאַר־
שפּיליעט אַרום איהר האַלז.

און מיט שמחה האָט זיך אסתר'ס האַרץ דאַן אַ צאַפּעל
געטאָן.

„ער טראַכט נאָר פון עני'ן... וואָס אַ נאַר קען זיך
אַמאָל אויסווייזען... רוטין האָט ער ליעב ווי אַ קינד... אַ
קוזינע... עני'ס אַ שוועסטער... אָבער רוטי איהם?"

און איהר האַרץ איז ווידער מיט אומרוהיגקייט און
פּחד אָנגעפילט געוואָרען.

און דערנאָך, ווען דער אויטאָמאָביל איז אַוועקגעפאָה־
רען, האָט זי זיך מיישב געווען, צי זי זאָל אַרויפגעהן צו
רוטי'ן אָדער ניט, און עס איז ביי איהר געבליבען צו לאָזען

זי דערווייל צו־רוה ביז אַ צווייטער געלעגענהייט. דערווייל אָבער גוט אכטונג געבען אויף איהר.

* * *

אין אַ שעה אַרום איז רוטי אַרונטערגעקומען מיט אַ בוך. אויפ׳ן גאניק האָט שאָסקע זיך געשפּיעלט מיט די צוויי „טייערע יתומים׳לאַך", ווי זי האָט איצט גערופען פּערעלמוטער׳ס קליינע קינדער. רוטי האָט אַ ווײלע אויך געשפּיעלט מיט זיי, געמאָלען פייגעלאַך פאַר זיי און גע־סווישצערט ווי אַ פייגעלע; געמאָלען הינטעלאַך און נאָכגע־האווקעט אַ הינטעל. די קינדער האָבען זיך געפרעהט און זי מיט שאָסקע׳ן ניט ווייניגער.

אסתר איז אַרויסגעקומען און האָט דערזעהן, ווי רוטי האָט זיך צושטיפט, האָט זי שוין גאָר ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טראַכטען.

„אפשר" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — „האָט זיך מיר עס גאָר אויסגעוויזען ? רבונו של עולם !" — האָט איהר האַרץ זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

און אַ ווײלע שפּעטער איז ביי איהר געבליבען, אַז דאָס האָט זיך איהר בלויז אויסגעוויזען. און רוטי האָט געוויינט, ווייל איהר האָט פאַרדראָסען, לְמאי מען נעהמט זי ניט מיט...

אָבער ביינאַכט איז רוטי ניט געזעסען מיט ראַבינס׳ן און עני׳ן, ווי אין די פריהערדיגע נעכט. זי איז אַרויף צו זיך אין צימער און איז דאָרט פאַרבליבען.

ראַבינס האָט שפּאַצירט מיט עני׳ן אַרום הויז און פון צייט צו צייט האָט זיין אויג זיך אַ ציה געטאָן צו דעם באַ־לויכטענעם פענסטער פון רוטי׳ס צימער און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער שיין פון איהר ליכט פון דאָרט אַרויס צו איהם און ציהט איהם צו זיך, ווי דאָס פייער — אַ פליעג...

ער האָט געפיהלט אַ ברענענדיגען פאַרלאַנג, זי צו זעהן, איהר קול צו הערען, און צו ריידען פון איהר. דאָך האָט ער זיך איצט געהיט איהר נאָמען צו דערמאָנען. ער איז זיכער געווען, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען נאָכמיטאָג צווי־שען אסתר׳ן און רוטי׳ן, אין וואָס ער און עני זיינען פאַר־מישט געווען. געגוג באַווייזען האָט ער פאַר דעם געהאַט: דאָס, וואָס אסתר האָט פריהער גערעדט און ווי אַזוי זי האָט

גערעדט; דאָס, וואָס רוטי איז מיט זיי ניט געפאָהרען; וואָס זי איז אזוי שטיל און פאַרטראַכט היינט ביים טיש געזעסען. און וואָס זי האָט זיך איצט אין איהר צימער פאַרשפאַרט.

„וואָס אַזוינס איז דאָרט פאָרגעקומען?" — האָט ער געטראַכט מיט בענקעניש, כמעט פארצווייפעלט, פיהלענדיג, ווי ער פלאָנטערט זיך אלץ מעהר און מעהר אין א פאַרשאָלטענעם פלאָנטער...

און שפּאַצירענדיג איצט מיט עני'ן און פיהלענדיג איהר אָרעם אויף זיינעם, איז ער געווען אזוי ווייט פון איהר. ער האָט זיך קוים דערוואָרט, ביז עס איז שפּעט געוואָרען און ער האָט געקענט איהר „גוט נאַכט" זאָגען, ניט אָרויסרופענדיג קיין פאַרדאַכט אין איהר צו דעם, וואָס ער האָט געטראַכט און געפיהלט...

אָבער שלאָפען האָט ער ניט געקענט. ער האָט גענומען היינע'ס „בוך דער ליעדער" און געפּרובט לעזען און צוערשט האָט ער קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, אזוי ווי עס וואָלט געווען געשריבען אויף א שפּראַך, וואָס זי איז איהם אינגאַנצען פרעמד געווען. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיינע געדאַנקען צונויפגענומען און זיין ווילען, און דאן האָט דאָס געזאַנג פון דעם אייביג־יונגען דיכטער, פון דעם וואונדערליכען זינגער, וואָס האָט דעם האָניג און די גאַל פון דער אייביגער ליעבע דורך זיינע ליעדער ארויסגעזונגען, איהם היגעריסען און פאַר'שכור'ט מעהר ווי־ווען־עס־איז פריהער. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צוברענט, דאָס בלוט אין זיינע אָדערען האָט זיך אָנגעצונדען און שטאַרקער האָט זיין האַרץ גענומען קלאַפּען. פון די שורות, פול כשוף, פון היינע'ס „לאָרעליי" האָט רוטי ארויסגעשוועבט און זיך גערעהט ארום איהם, און געבריהט איהם מיט דעם פייער פון איהרע אויגען, און געשלעפּט איהם צו זיך און איהם גע'כשופ'ט...

און פונקט ווי דער מאַן אויפ'ן שיפעל האָט זיין קאָפּ פאַרלאָרען אונטער דעם כשוף פון דער לארעליי, אזוי האָט ראַבינס איצט אויך זיין קאָפּ אויף א ווײלע פארלאָרען. און ער האָט אין זיינע געדאַנקען געקעמפט און געשטריטען געגען רובינטשיק'ן, אסתר'ן, עני'ן און געגען דער גאַנצער וועלט.

„איך וויל לעבען" — האָט ער אין זיינע געדאַנקען פאַרצווייפעלט געשריען — „לעבען וויל איך. איך האָב קיינעם

ניט געוואָלט אָפּנאַרען... קיינעם ניט געוואָלט באַטריגען... איך האָב זיך ניט געקענט, איך האָב מיין האַרץ ניט געקענט! דאָ איז דאָך ניט א פראַגע פון געלט, פון מסחור... איך וועל אייך אלצדינג אוועקגעבען, אלצדינג, נאָר די עטליכע יאָהר פון מיין לעבען צושטערט מיר ניט!"

דערנאָך אָבער איז ער ווידער געקומען צו דעם ניכטע־רען געדאַנק: „נו, און רוטי? זי דאַרף דאָך אויך וועלען?"

און, ווידער, האָט ער זיך דערפיהלט אזוי ווי ער וואָלט זיך אָנגעקלאפּט מיט'ן קאָפּ אָן אַן אייזערנער וואַנט.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— איך בין משוגע, משוגע...

און ער האָט א שמיץ געטאָן דאָס בוך פון זיך און פאַר־דרעהט די עלעקטרישע ליכט...

* * *

אויף מאָרגען בייטאַכט איז אין ראַבי בערענשטיינ'ס טעמפּעל געווען אן אונטערנעמונג צו גונסטען פון דעם מיליאָנען־פאָנד פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות אין אייראָפּאָ. צו דער דאָזיגער אונטערנעמונג זיינען אלע פון רובינטשיק'ס הויז געגאַנגען. רובינטשיק אליין האָט געזאָלט זיין פאָרזי־צענדער ביי דער דאָזיגער אונטערנעמונג און עני האָט אויך געזאָלט אָנטייל נעמען אין דעם קאָנצערט.

די מיטגלידער פון דעם טעמפּעל, אלע פאַרמעגליכע אידען, זיינען אהער געקומען מיט זייערע פאמיליעס. אין דער פאָדערשטער רייה איז געזעסען ראָבינס צווישען עני'ן און אסתר'ן און נעבען זיי רוטי און שאָסקע. אויף דער פּלאַטפאָרם זיינען געזעסען רובינטשיק און ראבי בערענ־שטיין. רובינטשיק, אויסגעפּוצט אין א טוקסידאָ, אויף א געפּרעסטען העמד, וואָס האָט אזוי געגלאַנצט ווי זיין שאַר־בען, האָט אויסגעזעהן זעהר ערנסט און פאַרהאַוועט. ראָבי בערענשטיין האָט געקוקט מיט זיין באַזונדערען ווייכען, פאַ־טערליכען בליק אויף דעם עולם, וואָס איז אויף די פּלעצער געזעסען, און פון צייט צו צייט האָט ער צו עמיצען א שמייכעל געטאָן און מיט'ן שוואַרצען קאָפּ א מאַך געטאָן.

די עלעקטרישע לאָמפּען האָבען געגאָסען א יום־טוב'דיגען שיין ארום זיך. דאָס ציערונג אויף די אויסגעפּוצטע

פרויען האבען אויך יום־טוב׳דיג געפינקעלט. יום טוב׳דיג האבען אויך געשמייכעלט זייערע געפודערטע פנים׳ער.

דאן האט רובינטשיק זיין קורצע רעדע אלס פארזיצענ־דער געדארפט האלטען און ערקלערען דעם צוועק פון דער אונטערנעמונג, האט ער גערעדט און געשריען אזוי לאנג און אזוי הויך, ביז דער עולם אינ׳ם טעמפעל האט זיך אומרוהיג גענומען באוועגען אויף זייערע פלעצער און גענומען הוסטען. דאן האט ער אויך ניט אויפגעהערט, געפאכעט צו אלעמען מיט א פויסט און גשריען נאך העכער צום צוואנציגסטען מאל די אייגענע ווערטער:

— מיר זיינען אידען! מיר זיינען בני רחמנים! מיר זיינען גוטע אמעריקאנער! לעבען אונטער׳ן שוץ פון אונזער גלאררייכער פאהן. מיר זיינען באריייט דאס לעבען אוועק־צוגעבען פאר אונזער לאנד. אבער מיר זיינען אידען! בני רחמנים! מיר מוזען שטיצען אונזערע ברידער אין די פרעמ־דע לענדער אויך! מיר מוזען דאס טאן אלס גוטע אמערי־קאנער און אלס אידען בני רחמנים. איך האב שוין געגעבען און מיין עני׳ס חתן, טויזענדער, און מיר וועלען נאך געבען. גיט אויך! אידען זייט איהר, בני רחמנים און גוטע אמערי־קאנער בירגער!...

אינ׳ם האלז האט איהם גענומען וועה טאן, איז ער צו־געגאנגען צום שטענדער, וואו א סאפאן זעלצער איז גע־שטאנען, האט זיך אנגעגאסען אין א גלאז און א זופ געטאן. דערנאך, מיט דער גלאז אין דער האנט, האט ער ווייטער גענומען ריידען.

— אי, וועה איז מיר! — האט עני ארויסגעמורמעלט און א קוק געטאן פארצווייפעלט אויף ראבינס׳ן. ער האט גע־קוקט אויף רובינטשיק׳ן און געשמייכעלט. אסתר האט גע־קוקט אויף איהר מאן, און איהרע אויגען האבען צו איהם. האט זיך געדאכט, געשריען: „גענוג שוין, גוואלד, גענוג!״ רוטי האט זיך צונויפגעקארטשעט איינגאנצען, געהאלטען דאס טיכעל ביי די ליפען און געלאכט אין זיך. שאסקע איז געזעסען, ווי אויף הייסע קויהלען, האט געקוקט מיט א צו־פלאמטען פנים אויף איהר ברודער און יעדע ווילע האט זי זיך א קעהר געטאן דא צו רוטי׳ן און דא צו אסתר׳ן און אויפ־גערעגט ארויסגעמורמעלט:

— גוואַלד, איך וועל באַלד חלש'ן!...

ר' אבי בערענשטיין איז געזעסען אויסגעבויגען אויף זיין שטוהל און האָט געהאַלטען די האַנט אויף זיין שטערען אזוי, אז זי האָט אינגאַנצען פאַרדעקט זיינע אויגען און עס איז שווער געוועזען צו זעהן, ווי אזוי ער פאַרהאַלט זיך צו רובינ־טשיק'ס רעדע.

צום סוף, האָט רובינטשיק זיין רעדע געענדיגט מיט א הייזעריגען קול, שאַסקע האָט דאַן טיעף אָפּגעזיפצט, אזוי ווי זי וואָלט אַ שווערע משׂא פון זיך אַרונטערגעוואָרפען. אויך אסתר און עני האָבען דעם אָטעם דאַן אָפּגעצויגען. און רוטי האָט זיך דאַן אויסגעגלייכט אויף איהר אָרט, א פּאַטש גע־טאָן אין די הענט און שטיפעריש אַרויסגעמורמעלט:

— הוררעי פאַר פּאַפּא, געענדיגט!...

דערנאָך האָט ראבי בערענשטיין גערעדט. דער עולם איז געוואָרען ערנסט. דאָ און דאָרט האָט א זיפץ זיך דערהערט. דאָ און דאָרט האָט א פרוי א טרער אַרונטערגעווישט. רו־בינטשיק איז געזעסען הינטער איהם אויף דער פּלאַטפאָרמע. האָט זיך געווישט דעם שוויים און שווער געסאַפּעט. יעדע ווייַלע האָט ער א מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזען, אז ער איז מסכים מיט דעם, וואָס ראבי בערענשטיין זאָגט.

דערנאָך האָט עפּעס א מיידעל געזונגען און מען האָט איהר שטאַרק אַפּלאָדירט. און דערנאָך האָט עני געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ און מען האָט איהר אויך שטאַרק אַפּלאָדירט.

דאַן, ווען זי האָט צוריק פאַרנומען איהר פּלאַץ נעבען ראָבינס'ן, פאַררויטעלט פון די אַפּלאָדיסמענטען, האָט פּלו־צים ראבי בערענשטיין פאַרלאָזען די פּלאַטפאָרם און איז צו־געגאַנגען צו ראָבינס'ן.

— מיסטער ראָבינס — האָט ער זיך אָנגערופען מיט זיין לאַסטשענדיגען קול — אפשר וואָלט איהר געזאָגט א פּאָר ווערטער?...

— איך? — האָט ראָבינס אַרויסגערעדט פאַרוואונדערט.

— איהר זייט אמאָל געוועזען א גוטער רעדנער, האָט מיר אייער אָנקעל דערצעהלט...

און דאַן האָט עפּעס אין ראָבינס'ן זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט דערשפּירט אין זיך דעם כוח און דעם חשק צו ריידען.

ער האָט זיך דערפיהלט ווי אין יענער צייט, ווען זיין צונג האָט געברענט פון דעם פייער, וואָס האָט זיך פון זיין נשמה געריסען...

ער האָט א טראכט געטאָן:

„אפשר... מיר וואָלט דאָן לייכטער געוואָרען."

און דאָך האָט ער געענטפערט:

— איך האָב שוין לאַנג ניט גערעדט. ניין, איך קען ניט...

— עטליכע ווערטער בלויז — איז ראַבי בערענשטיין צו־געשטאַנען צו איהם.

דאָן האָט רוטי זיך מיט אמאָל ארייגעמישט:

— מען דאַרף ניט, ראַבי בערענשטיין. נאָך אזא רעדנער ווי ראַבי בערענשטיין — האָט זי זיך דאָן א קעהר געטאָן צו ראַבינס'ן — דאַרפסטו ניט ריידען. עס איז גענוג, אז פּאָפּאַ האָט גערעדט.

איהרע ווערטער האָבען אויף איהם געווירקט ווי א ווינט אויף א פייער. דער ברען צו רעדען האָט זיך נאָך שטאַרקער אויפגעכאַפּט אין איהם. און פּלוצים האָט ער זיך קלאָר דער־מאָנט אָן א מאָמענט וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג געהאַט פאַרגעסען: ווען ער איז נאָך יאַשקע געווען, איז איהם איין מאָל אויסגעקומען צו ריידען אויף א מאַסענפאַרזאַמלונג נאָך א באַריהמטען רעדנער. דאָס מיידעל, וואָס ער האָט געליעבט, איז דאָרט געווען און אין איהם האָט זיך די אמביציע צוברענט, צו ווייזען איהר וואָס פאַר א רעדנער ער איז. כמעט דאָס אייגענע האָט ער איצט געפיהלט...

ער האָט א קוק געטאָן אויף רוטי'ן מיט פאַרטראַכטע אויגען און געשמייכעלט. און פּלוצים האָט ער געזאָגט:

— איך וועל פּרובען...

און אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּגעטונקט יענע פאַר־חלום'טקייט, וואָס מען קען אמאָל באַמערקען ביי א קינסט־לער, בעת די פליגעל פון באַגייסטערונג האָט זיין גייסט דערפיהלט.

און באַלד האָט ראַבי בערענשטיין איהם פאָרגעשטעלט פאַר'ן עולם. און, ווי אין א חלום, איז ער אויף דער פּלאַט־פאָרם ארויף און, ווי דורך א חלום, האָבען זיך די אַפּלאָדיס־מענטען פאַר איהם געטראָגען.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם און אַ קוק געטאָן פאר זיך אויפ'ן עולם און האָט רוטי'ן דערזעהן... זי איז געזעסען מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז און האָט גע־קוקט צו איהם מיט אומרוהיגע אויגען און צופלאַמטע באַקען. ער האָט באַגייסטערט אַ שמייכעל געטאָן און גענומען רעדען.

ער האָט גערעדט פריהער שטיל, רוהיג און לאַנגזאַם און ביסלעכווייז האָט ער גענומען רעדען העכער, וואַרעמער און נערוועזער און דאַן האָט זיך זיין רעדע צופלאַקערט...

ער האָט גערעדט וועגען דעם, וואָס די אידען האָבען די לעצטע עטליכע יאָהר, זינט דער מלחמה, דורכגעלעבט אין רוסלאַנד, אין פּוילען און אין גאַליציען, בפרט אין רוסלאַנד...

אַלצדינג, וואָס האָט זיך פריהער פון צייט צו צייט צו איהם דערטראָגען דורך די צייטונגען, ווי אַ וויטע עכאָ, וועגען דעם אידישען יאָמער און, בפרט דאָס, וואָס ער האָט וועגען דעם געהערט פון ראבי בערענשטיין — דאָס אַלצדינג האָט ער איצט אין לעבעדיגע געשטאַלטען אויסגעדריקט, האָט עס געשילדערט מיט אַ קול, וואָס איז מיט דער פּיין און בענקעניש פון זיין אייגענער נשמה אַנגעזאַפּט געוועזן. דער־פאַר האָט זיין שטימע אַזוי געווירקט אויף די צוהערער.

ווי אַ גיהנום וואָלט זיך פאַר דעם עולם געעפענט. און דאָס אייביגע מאַרטירער־פאָלק האָט פאַר די אויגען אויפגע־לעבט, זיין נשמה און גוף אינגאַנצען מיט וואונדען באַדעקט... וואונדען, וואָס דעם צאַר'ס און דעם קייזער'ס סאָלדאַטען האָבען איהם געמאַכט. וואונדען, וואָס ער האָט באַקומען אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם רוסישען פאָלק און וואָס דאָס אייגענע רוסישע פאָלק האָט איהם געמאַכט. רו־סישע וואונדען, דייטשע וואונדען, פּוילישע וואַנדען, אוקראַי־נישע וואונדען, גאַליצישע וואונדען און פרייהייטס־וואונדען, אַזוי פיעל פרייהייטס־וואונדען! . . .

ראָבינס האָט שוין רוטי'ן מעהר ניט געזעהן, ער האָט קיינעם מעהר ניט געזעהן. דער גאַנצער עולם האָט זיך פאַר איהם צונויפגעגאָסען אין איין טונקעלער מאַסע, וואָס האָט פון צייט צו צייט אויפגעשטורעמט מיט באַגייסטערטע אַפּלאָ־דיסמענטען. דאַן ערשט האָט ראָבינס, ווי דורך אַ נעבעל, די באַגייסטערטע פּנים'ער דערזעהן, און באַלד זיינען זיי ווידער

פאַרשוואומען און זיך צונויפגעגאָסען מיט די אַנדערע און ער האָט דאַן בלויז צו זיך אַליין זיך צוגעהערט און איז אַלץ מעהר און מעהר באַגייסטערט געוואָרען פון די געדאַנקען, וואָס האָבען איהם אין זיין מוח אויפגעבליצט, און פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט זיי ארויסגערעדט און האָט געפיהלט יענעם גליק פון שאַפען, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג ניט געפיהלט...

געשטאַלטען איינע שרעקליכער פון דער אַנדערער, האָבען פאַר דעם עולם געשוועבט, אידישע קינדער ביי די צוויושעטע קאַזאַקען „באַפרייער״ אויף די פּיקעס, אידישע טעכטער מיט פאַר׳סמ׳טע נשמות, עלטערען, וואָס בעטען דעם טויט אויף זייערע ליעבסטע קינדער און קינדער, וואָס שעלטען דעם טאָג, וואָס זיי זיינען געבאָרען געוואָרען...

— איך זעה זיי — האָט ער גערעדט — ווי שאָטענס שלייכען זיי ארום איבער די גאַסען, לעבעדיגע סקעלעטען, מיט אויגען, אין וועלכע דער הונגער ברענט, און זיי זוכען אַ ביסען ברויט...

— וויפיעל זיינען זיי?! איך זעה זיי מחנות גאַנצע אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל און איך הער, דאַכט זיך מיר, זייער יאָמער: „מיר געהען פאַרלאָרען, אונזער גוף פאַרלירען מיר — און אונזער נשמה. ווער וועט אונז ראַטעווען?״

— די אידישע נשמה, ווי זי ווערט איצט געפייניגט דאָרט! אָט געהט אַ גרייז־גרויער איד מיט אַ ווייסער באָרד, געהט און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, ווי אַ געיאָגטע חיה. און מיט אַמאָל באַפאַלען איהם פון אַלע זייטען מענשען־חיות, צופען איהם די באָרד מיט טעמפּע אייזענס און ווען זיי האָבען איהם ארויסגעריסען די ווייסע האָר צוזאַמען מיט שטיקער פלייש, מוז ער נאָך פאַר זיי טאַנצען אַ אידישען טאַנץ, זיינע בלוטענדע וואונדען מוז ער מאַכען לאַכען... און ער טאַנצט! און זיינע בלוטענדע וואונדען לאַכען!...

ער האָט געענדיגט:

— העלפט!..

און אַ געפילדער פון שטימען און אַ שטורם פון אַפּלאָ־דיסמענטען האָבען די לופט פאַרהילכט. ערשט איצט איז ער צו זיך געקומען און זיין בליק איז גלייך געפאַלען אויף רוטי׳ן, וועלכע איז שוין איצט געשטאַנען אויף איהר שטוהל און האָט געטופּעט מיט די פיס און געקלאַפּט מיט די הענט און

געשריען אי מיט׳ן קול, אי מיט איהרע פייערדיגע אויגען, וואָס האָבען זיך צו איהם געריסען, האָט זיך געדאַכט.

ער האָט א שמייכעל געטאָן צו איהר. דאָן איז זיין פאר׳־חלומ׳טער בליק געפאַלען אויף עני׳ן. זי האָט געפאַכעט צו איהם מיט א טיכעל און איהר שמייכלענדיג פּנים האָט גע־פלאַמט פלאַם־פייער. שאַסקע איז פאר התפעלות צוגעפאַלען צו אסתר׳ן און מיט א פארשטיקטען שלוכצען זי א כאַפּ געטאָן קושען. אסתר האָט אין גאַנצען געשטראַהלט און רובינטשיק אליין, זיצענדיג אויף דער פלאַטפאָרם האָט גע־קוקט ארום זיך מיט א דרייסטען און צוטומעלטען שמייכעל און מיט א פנים, אזוי רויט, ווי ער וואָלט איהם ערשט אויס־געפאַרעט...

פון אלע זייטען האָט מען זיך א וואָרף געטאָן צו ראַ־בינס׳ן און איהם די הענט געדריקט, ראַבי בערענשטיין אויך. ער האָט געשמייכעלט און אויף זיין פנים האָט נאָך אלץ גע־שטראַהלט דער אָפּגלאַנץ פון באגייסטערונג.

דאָן האָט ער דערפיהלט א שטאַרקען האַק איבער׳ן אקסעל. ער האָט זיך אומגעדרעהט. רובינטשיק האָט גע־קוקט אויף איהם מיט זיין ברייטען שמייכעל.

— נו — האָט רובינטשיק קוים ארויסגערעדט פאר אויפ־רעגונג — אָל ראַיט, הא? אָל ראַיט?

דערווייל האָט דער עולם אָנגעהויבען צו טראָגען געלט און טשעקס צו דער פלאַטפאָרמע. ראַבי בערנשטיין האָט צו־גענומען און אן אנדערער האָט פארשריבען. רובינטשיק און ראַבינס האָבען אויך זייערע טשעקס דערלאַנגט.

פלוצים האָט רוטי זיך באַוויזען אויף דער פלאַטפאָרמ: און, שעמעוודיג, מיט פאררויטעלטע באַקען, האָט זי ארונטער־גענומען פון איהר האַנט דאָס זייגערעל, וואָס זי האָט גע־טראָגען, און איז צוגעגאַנגען צו ראַבי בערענשטיין און הא: עס איהם דערלאַנגט.

— שעהן, רוטי, — האָט ראַבי בערענשטיין זיך אָנגערו־פען, אויפגעהויבען זיך פון אָרט און הויך, אויפ׳ן קול, געלאָזט וויסען דעם עולם, אז מיס רוטי רובינטשיק האָט איהר זייגע־רעל אוועקגעשענקט פאר דעם פאָנד. דער עולם האָט אַפּלאָ־דירט. רוטי האָט זיך נאָך מעהר פארשעהמט, איז ארונטער־געלאָפען פון דער פלאַטפאָרם, האָט זיך געזעצט נעבען איהר

מאַמע'ן און פאַרדעקט איהר צופלאַמטען פּנים מיט'ן ווייסען פעכער, וואָס זי האָט ביי עני'ן פון די הענט אַרויסגעכאַפּט.

שפּעטער, ווען זיי אַלע זיינען מיט ראַבינס'ן אהיים געגאַנגען און האָבען וועגען זיין רעדע מיט באַגייסטערונג גערעדט, האָט ער געטראַכט: „מיין גאָט, וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך עפּעס אַ מין תחית המתים!"

און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ערשט גאָר ניט לאַנג, בעת ער האָט ראַבי בערענשטיין געוואָלט ענטפערען, ווען יענער האָט וועגען ציוניזם גערעדט, האָט ער דאַן קיין ווערטער ניט געפונען און געפיהלט, ווי אויסגעטריקענט איז אַלצדינג אין איהם, און מיט אַמאָל... וואָס איז דאָס?!...

און דערנאָך, ווען ער האָט זיי אַלעמען „גוט נאַכט" געזאָגט און איז אין זיין צימער אַריין, האָט ער ווידער געטראַכט פון דעם. דאַן האָט ער זיך מיט אַמאָל געזאָגט:

— דאָס האָט רוטי אַלצדינג אויפגעטאָן, די ליעבע צו איהר. פון טויט מיך לעבעדיג געמאַכט... און צו וואָס?!

— האָט ער דאַן פאַרצווייפעלט אַרויסגעקרעכצט.

ער האָט דערהערט אַ שטילען קלאַפּ אין זיין טיר; ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן:

— ווער איז דאָרט?

— איך — האָט זיך דערהערט רוטי'ס שטיל קול.

ער האָט די טיר געעפענט. זי איז אַריין אין אַ קימאָנאָ מיט צופלאַמטע באַקען און אויגען.

— ענטשולדיג — האָט זי אַרויסגעמורמעלט אויפגערעגט

— אָבער איך מוז פאַר דיין היינטיגער רעדע...

— וואָס?

זי האָט איהם ניט געענטפערט און זיך שטורמיש אַ וואָרף געטאָן צו איהם און איהם אַ קוש געטאָן, און איז גלייך אַרויסגעלאָפען פון זיין צימער.

ער איז געבליבען שטעהן צומומעלט; דערנאָך האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזען אויפ'ן בעט, אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישען זיינע ביידע הענט און איז געזעסען אַזוי אַ היבשע צייט, מיט די אויגען אין איין פּונקט געריכטעט, און מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פונ'ם בעט און נערוועז אַרויסגעמורמעלט:

— מאָרגען פאָהר איך. איך מוז!...

.8

אויף מאָרגען איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה. די גאַנצע נאַכט האָט ער אַן אויג ניט צוגעמאַכט. אַלע, אויסער שאַסקע'ן, האָבען נאָך געשלאָפען, ווען ער איז אַריין אין עס־צימער. ווען שאַסקע האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך פאַרוואונדערט:

— אַזוי פריה, דזשאָו?

— איך מוז היינט זיין אין ניו יאָרק פאַר ניין — האָט ער געענטפערט — עס קען זיין, אַז איך זאָל היינט מוזען אַוועקפאָהרען אויף עטליכע וואָכען.

— אַזוי גאָר? וואָס הייסט?

— ביזנעס! — האָט ער געענטפערט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל.

ער האָט עפּעס איבערגעביסען און איז דערנאָך אַוועקגעפאָהרען אין ניו יאָרק. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט אַ צוטראָגענער. עני און רוטי זיינען נאָך ניט אַרונטערגעקומען. רובינטשיק און אסתר זיינען געזעסען אין עס־צימער ביים טיש און האָבען געגעסען, שאַסקע איז געזעסען אויף דער זאָפע און האָט געניהט אַ קליידעל פאַר איינער פון פערעלמוטער'ס קינדער.

— העלאָו! וואָס הער איך, דו פאָהרסט גאָר היינט אַוועק?

— ראָבינס האָט געענטפערט:

— היינט צוויי נאָכמיטאָג. איך האָב שוין די טיקעטס...

— וואָס עפּעס אַזוי פּלוצים? — האָט אסתר זיך אָנגערופען.

— מען רופט מיך... איך מוז... אָרדנונג מוז איך ברענגען, טאַנטע — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכעל, אונטערשטרייכענדיג דאָס וואָרט „אָרדנונג".

רובינטשיק איז אומרוהיג געוואָרען:

— אָרדנונג? — האָט ער זיך אָנגערופען — האָסט זיך מסתמא דערוואוסט, אַז... וואָס דען, אַז מען פאַרלאָזט זיך איינגאַנצען אויף פרעמדע... וואָס האָסטו זיך דערוואוסט? מען שלעפּט? מען גנב'עט?...

ראָבינס האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— וואָס איז דער אונטערשייד? אָרדנונג דאַרף איך ברענגען, אָרדנונג, אָנקעל!...

רובינטשיק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— נעהם מיך מיט!...

און גלייך האָט ער זיך אונטערגעבראָכען:

— אָבער אויף וועמען וועל איך מיין „ביזנעס" איבערלאָזען?... אויף ווי לאַנג פאָהרסטו אוועק?

— אויף עטליכע וואָכען.

— פאָהרסט מיט'ן שיף?

— ניין. איך האָב ניט קיין געדולד צו פאָהרען מיט'ן שיף!...

— קיין געדולד האָסטו ניט? מסתמא האָסטו זיך דערוואוסט וועגען טייערע צרות...

ראָבינס האָט נערוועז א לאַך געטאָן:

— יא, אָנקעל, טייערע צרות...

רובינטשיק האָט זיך א קעהר געטאָן צו אסתר'ן:

— איך וואָלט שוין געבראַכט אָרדנונג. מען קען דאָך א מיליאָן ביי איהם אוועקשלעפּען!

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— דזשאָ, וואָס אזוינס האָסטו זיך דערוואוסט?

— איך האָב זיך דערוואוסט, אז איך מוז פאָהרען. אז איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט פאָהרען...

— פאָהר, פאָהר, וואַרט ניט! — האָט רובינטשיק אויסגעשריען — וואַרט ניט, פאָהר! דו ביזט ניט קיין ביזנעסמאַן; מען לאָזט ניט איבער קיין מיליאָנען אויף פרעמדע הענט...

עני און רוטי זיינען אריין.ביידע פרעהליכע, און באַלד האָבען זיי זיך דערוואוסט, אז ראָבינס פאָהרט אוועק. עני האָט א קוק געטאָן אויף איהר חתן מיט צוטומעלטע אויגען און ארויסגערעדט:

— אזוי פּלוצים?

אָבער פאַר איהם האָט רובינטשיק געענטפערט מיט א גוואַלד:

— מען באַ'גנב'עט איהם דאָרט אויף א מיליאָן אודאי! ער מוז פאָהרען וואָס שנעלער!

רוטי איז געשטאַנען מיט א צופלאַמטען פּנים און האָט געקוקט אויף ראָבינס'ן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און אזא

צוטומעלטקייט און אומעט האָבען זיי אויסגעדריקט. זי האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט און זיך ביים טיש געזעצט. עני און ראָבינס האָבען זיך אויך געזעצט. עני איז געווען אויפגערעגט; ראָבינס נערוועז; ער האָט עפּעס מאָדנע אומ־רוהיג גערעדט און געלאַכט העכער ווי ווען עס איז; רוטי האָט איהרע צוטומעלטע אויגען פון איהם ניט ארונטערגענו־מען און כמעט צום עסען זיך ניט צוגעריהרט.

דאָס האָט אסתר באַמערקט און זי האָט זיך שטיל אָנ־גערופען צו רוטי'ן:

— וואָס איז דער מעהר מיט דיר, רוטי? וואָס ביזטו אזוי פאַרטראַכט און פאַרוואָס עסטו ניט?

רוטי האָט עפּעס צום מויל צוגעטראָגען און מיט אמאָל האָט זי עס צוריק אוועקגעלעגט, אויפגעהויבען זיך פונ'ם אָרט מיט אויגען, פול טרערען, און איז פונ'ם צימער ארויס.

אסתר איז פאַרציטערט געוואָרען.

„מיין גאָט!" — האָט עפּעס צוטומעלט אין איהר אויס־געשריען — „דאָס איז דאָס. עס האָט זיך מיר ניט אויסגע־וויזען!"...

עני איז אזוי פאַרטאָן געווען מיט איהרע אייגענע געדאַנ־קען, אז זי האָט אפילו ניט באַמערקט, אז רוטי איז אוועק. זי האָט מיט בענקעניש געטראַכט וועגען זיין אוועקפאָהרען און זיך געפרעגט: וואו וועט זי זיך אהינטאָן, ווען ער וועט ניט זיין און שוין געשפּירט די אומעטיגע פּוסטקייט, וואָס זי וועט דערנאָך פיהלען...

רובינטשיק האָט זיך געזעגענט מיט ראָבינס'ן און זיך מיט איהם צוקושט.

— זאָלסט מיר שרייבען, וואָס דו האָסט דאָרט אויסגעפו־נען. טאָמער און עצה, ווייסטו דאָך, קענסט דאָך מיך! — האָט ער ראָבינס'ן אָנגעזאָגט, ווען ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט.

דאַן איז עני אוועק מיט ראָבינס'ן צו איהם אין צימער און האָט איהם געהאָלפען זיך איינצופּאַקען; און אסתר איז צו רוטי'ן אין צימער אריין.

רוטי איז געזעסען ביים פענסטער, מיט'ן רוקען צו דער טיר, איינגאַנצען צונויפגעקאָרטשעט אויף איהר שטול; אסתר האָט איהר פּנים ניט געזעהן, ווען זי איז אריין אין צימער.

זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע נעבען דער טיר, האָט גע־קוקט אויף רוטי'ן און זיך אָנגעשטרענגט צו באַהערשען אין זיך איהר אויפרעגונג. דאַן האָט זי אַ רוף געטאָן:

— רוטי!...

רוטי האָט זיך אינגאַנצען אַ צאַפּעל געטאָן און אומגע־דרעהט איהר פּנים צו אסתר'ן.

אסתר האָט זי ניט דערקענט. אזוי דערשלאָגען האָט די פרעהליכע רוטי איצט אויסגעזעהן, אזא שטילער אומעט האָט פון איהרע אויגען ארויסגעקוקט און אפילו פון איהרע חן־גריבעלעך אויף די באַקען, האָט זיך גערדאכט, בשעת זי האָט איצט אויף איהר מאַמען געקוקט און צו איהר שמייכלען געפרואווט.

„וועה איז מיר!" — האָט אסתר אַ טראַכט געטאָן — „ווי אַן ארומגעשטשיפּעטע היהנדעלע!"

און זי האָט זיך אָנגערופען:

— רוטי, וואָס איז דיר?

— גאָרניט, מאַמע — האָט רוטי שטיל געענטפערט און ארונטערגעלאָזט די אויגען.

— גאָרניט? היינט פאַרוואָס ביזטו אזוי אומעטיג? און פאַרוואָס האָסטו ניט געגעסען?

— איך ווייס ניט, מאַמע.

אסתר איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט?

רוטי האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם אָרט און געענטפערט:

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט... מיר איז אזוי־שווער, מאַמע, אויפ'ן הארצען...

— וואָס עפּעס מיט אמאָל, רוטי?...

— ניט מיט אמאָל, מאַמע, די גאַנצע צייט איז מיר אָר־מעטיג און איצט נאָך, ווען דזשאָו פאָהרט אוועק, וועט ווע־רען נאָך אומעטיגער...

אסתר איז רויט געוואָרען פאַר אויפרעגונג און אַ ווײַלע האָט זי ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טאָן און ווי אזוי זי זאָל זיך האַלטען איצט מיט רוטי'ן. פון איין זייט האָט זי מיט איהר הארצען געפיהלט די אמת'ע אורזאַך פון רוטי'ס אומעט און פון דער אנדערער זייט, האָט זי זיך אָנגעשטויסען, פון דעם אומשולדיגען אופן, ווי אזוי רוטי האָט גערעדט, אז

פאַר איהר, רוטי'ן אַליין, זיינען נאָך איהרע געפיהלען ניט קלאָר געוועזן...

זי האָט א טראַכט געטאָן:

„רבונו של עולם, טאָמער איז עס טאַקע אזוי, זאָל ער וואָס גיכער אוועקפאָהרען!"

דאַן האָט זי זיך כלומר'שט רוהיג צולאַכט און ארויסגע־רעדט:

— וואָס דיר קען איינפאַלען, רוטי! דיר וועט ניט זיין אומעטיגער, ווען ער וועט אוועקפאָהרען. איך בין דאָ, עני איז דאָ, שאַסקע איז דאָ, דער טאַטע און וואו זיינען דיינע מיידלעך? און די באָיס דיינע, וואו זיינען זיי אַלע אהינגעקומען?..

רוטי האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— זיי אינטערעסירען מיך ניט, מאַמע...

— ביזט א נאַר, רוטי! ווי זאָגט יענער? א מיידעל דאַרף פאַרברענגען מיט יונגע לייט. וואו איז אהינגעקומען יענער באָי מיט די בלאָנדע האָר? דו ביזט דאָך געווען מיט איהם אזוי באַפריינדעט?...

— אָה, מאַמע, דערמאָן איהם ניט — האָט רוטי אויסגע־שריען — איך האָב איהם פיינט!

— פאַרוואָס?

— א בלאָנדער פול!

— און דזשעק? — האָט אסתר זיך אָנגערופען — ער איז דאָך שוין ניט קיין בלאָנדער?

— איז ער א שוואַרצער פול! — האָט רוטי געענטפערט.

— זיינען דען אַלע באָיס, וואָס דו קענסט, נאַראָנים? וואָס עפּעס מיט אמאָל?

רוטי איז געוואָרען אומגעדולדיג.

— וואָס ווילסטו, מאַמע? זיי אינטערעסירען מיך ניט. איך האָב ניט קיין געדולד פאַר זיי. זיי זיינען אָדער פולס, אָדער קינדער...

אסתר האָט א ווייַלע געשוויגען. דערנאָך האָט זי שטיל ארויסגערעדט:

— ווי זאָגט יענער? עס איז שווער דיך צו פאַרשטעהן, מיין קינד. „פולס!"... „קינדער"... צוויי און דריי און צוואַנציג יעהריגע באָיס?...

רוטי האָט זי אונטערבראָכען:

— מאַמע, רעד ניט מעהר פון דעם. זאָג מיר בעסער: פאַרוואָס פאָהרט דזשאָו אַזוי פּלוצים אוועק?

אסתר האָט א קוק געטאָן גלייך איהר אין די אויגען און געענטפערט:

— ער זאָגט, אז ער פאָהרט אוועק וועגען ביזנעס. איך רעכען אָבער, אז...

— אז וואָס, מאַמע?

— אז ער פאָהרט צו ברענגען זיין הויז אין אָרדנונג, ווייל באַלד וועט ער דאָך חתונה האָבען...

רוטי איז רויט געוואָרען און האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען. און מיט אמאָל האָט זי ארויסגעמורמעלט:

— וואָס טוט מען?

— וואָס ווילסטו טאָן?

— עס איז אַזוי אומעטיג, מאַמע — האָט זי שטיל ארויס־געזאָגט און מיט אויגען, פול בענקעניש, א קוק געטאָן אויף אסתר'ן.

„דאָס איז דאָס!" — האָט אסתר מיט שרעק א טראַכט געטאָן און איהרע אומרוהיגע אויגען פון רוטי'ן ניט ארונטער־גענומען. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען:

— דו וואָלסט געארבייט, רוטי. דו ווייסט גאָר וואָס? דו מאָל מיין בילד.

— איך קען איצט ניט, מאַמע.

— וואָס הייסט?

— איך קען ניט. איך האָב ניט קיין געדולד. איך בין ניט אויפגעלעגט. ווען וועט ער קומען צוריק? — האָט זי מיט אמאָל זיך אונטערבראָכען.

אסתר האָט איהר גלייך ניט געענטפערט. זי האָט א טראַכט געטאָן: „הערסט? מיט איהם פול, מיט איהם!" דערנאָך האָט זי געענטפערט:

— איך ווייס ניט, ווען ער וועט קומען צוריק. דאָס ווייסט זיין כלה, דיין שוועסטער עני...

און דערנאָך איז זי מיט אמאָל אנטשוויגען געוואָרען, האָט פאַרטראַכט א קוק געטאָן אויף רוטי'ן און דאַן ארויס־געזאָגט מיט א שמייכעל:

— דו ווייסט, רוטי, וואָס איך האָב באַשלאָסען? דו וועסט ניט טרעפען!

— וואָס?...

— דו פאָהרסט אין פּאַריז, רוטי, און טאַקע באַלד אויך. צופרידען, האַ?

רוטי האָט אויסגעגלאָצט אויף איהר די אויגען.

— אין פּאַריז? — האָט זי ארויסגעמורמעלט — וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

—איך האָב זיך מיישב געווען: ווי זאָגט יענער? האָסט טאַלאַנט און אלע זאָגען, אז דו זאָלסט פאָהרען, און דו אליין רייסט זיך אויך... דו מיינסט, פארוואָס דען איז דיר אור־מעטיג? ווייל דיר ווילט זיך אהין פאָהרען. נו, וועסטו פאָה־רען. צופרידען, האַ? — האָט אסתר זיך געצוואונגען צו שמייכלען.

רוטי האָט געשוויגען.

— וואָס שווייגסטו, רוטי? דו האָסט דען חרטה? דו ווילסט ניט פאָהרען?

רוטי האָט א ציה געטאָן די אקסלען.

— איך וויים ניט, מאַמע... צו ווינטער פאָהרען...

— איצט איז נאָך וואַרעם, מיין קינד. ביז ווינטער איז נאָך ווייט...

מיט אמאָל איז ענני אין צימער אריינגעקומען.

— ווער פאָהרט איהם באַגלייטען? — האָט זי ארויסגע־רעדט צוטראָגען.

— אסתר האָט געענטפערט:

— דו אליין וועסט פאָהרען, ענני...

רוטי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן:

— איך וועל פאָהרען מיט דיר, ענני... אויף ווי לאַנג פאָהרט ער אוועק, ענני?

— אויף עטליכע וואָכען — האָט ענני געענטפערט און פּלוצים איז זי צוגעפאַלען צו אסתר'ן און האָט זיך שטיל צע־וויינט.

אסתר האָט איהר א גלעט געטאָן דעם קאָפּ און ארויסגע־רעדט:

— שאַ, שאַ, וואָס וויינסטו? ער וועט קומען צוריק...

און דאָ האָט זי באַמערקט, אז רוטי האָט זיך א וואָרף

געטאָן אויפ'ן בעט, איינגעגראָבען דעם פּנים אין קישען און ציטערט אויף מיט די אקסלען. און אינ'ם קאָפּ האָט איהר א מיש געטאָן און איהר האַרץ האָט פאַרצווייפעלט א קרעכץ געטאָן: „גוואַלד".

און פיהלענדיג אין דער אייגענער צייט, אז ענֿי דאַרף איצט ניט זעהן, ווי רוטי וויינט, האָט זי עני'ן א כאַפּ געטאָן צו זיך אין מיט די ווערטער: „קום און באַרוהיג דיך, עני", האָט זי פון רוטי'ס צימער זי ארויסגעפיהרט...

* * *

צום דיפּאָ מיט ראָבינס'ן זיינען געפאָהרען, אויסער עני'ן, רוטי און אסתר אויך. די לעצטע צוליב רוטי'ן מיט אן אומ־רוהיגען האַרצען. און, ווען זיי זיינען געזעסען אין רוביג־טשיק'ס אויטאָמאָביל, האָט ראָבינס די גאַנצע צייט גערעדט און די איבעריגע האָבען געשוויגען. ער האָט גערעדט מיט א מין נערוועזער פרעהליכקייט, אזוי ווי ער וואָלט שכור'לעד געוועז. האָט זיך געוויצעלט און אלערליי אַנעקדאָטען דער־צעהלט, און געלאַכט פון זיי אליין הויך אויפ'ן קול מיט אַן אויפגערעגטען געלעכטער.

עני האָט פאַרטראַכט צו איהם געשמייכעלט און גע־קושט איהם מיט איהרע פאַרבענקטע אויגען. רוטי האָט אויך געשמייכעלט צו איהם אזוי פאַרלאָרען און יעדע ווײַלע האָט זי נערוועז א טרעסעל געטאָן דעם קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט געטריבען פון זיך א פליג, וואָס האָט איהר אין די אויערען געזשוזשעט, און א פּאָר מאָל האָט זי געביטען איהר פּלאַץ. זיך געזעצט אויף דעם לעדיגען זיץ אַנטקעגען און באַלד ווידער איהר פריהערדיגען פּלאַץ פאַרנומען.

אסתר האָט כלומר'שט געלאַכט פון ראָבינס'עס אנעק־דאָטען און אין דער אייגענער צייט האָט זי איהרע אויגען פון רוטי'ן ניט ארונטערגענומען און אומרוהיג געטראַכט: „ווי נערוועז זי איז!"

און שפּעטער, ווען זיי זיינען אלע געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע נעבען די פּולמאַן וואַגאָנעס, האָט רוטי זיך אליין געריסען נעהענטער צו ראָבינס'ן און עני האָט איהם פאַרשטעלט פון איהר. זי, עני, האָט זיך איינגאַנצען ווי צו־געקלעפּט צו איהם, האָט געכאַפּט איהם דאָ ביים אָרעם, דאָ

זיינעביידע הענט געכאַפּט, דאָ אָן זיין אַקסעל זיך אָנגע־שפּאַרט און אַלץ געהערט צו איהם וועגען איין זאַך: ער זאָל שרייבען, שרייבען, יעדען טאָג, וואָרים זי וועט שטאַרק בענ־קען.

רוטי האָט געפּרובט צוגעהן צו איהם פון הינטען; אָבער אסתר האָט זי אָפּגעשטעלט.

— שטער זיי ניט, רוטי! — האָט זי שטיל זיך אָנגערופען.

רוטי איז געבליבען שטעהן, האָט נערוועז א קוק געטאָן אויף אסתר'ן און ארויסגעמורמעלט שיער מיט טרערען:

— וואָס ווילסטו?...

און אסתר האָט מיט א רוהיגען קול איהר געענטפערט:

— פאַרגעס ניט, קינד, אז זיי זיינען חתן כלה...

דער פּנים האָט זיך ביי רוטי'ן אָנגעצונדען און די אויגען האָבען א פלאַקער געטאָן, און זי האָט ארויסגעפּליסטערט:

— איך נעהם דען איהם אוועק פון איהר?...

און דאַן האָט זי פּלוצלינג ארויסגעמורמעלט אויפגערעגט:

— אַל ראַיט. איך וועל זיך מיט איהם אינגאַנצען ניט געזעגענען. איך געה אוועק!

און זי האָט געוואָלט אוועקגעהן, אָבער אסתר האָט זי אָפּגעהאַלטען.

— רוטי, ניט משוגע זיין! — האָט זי שטיל ארויסגע־רעדט.

עס האָט זיך דערהערט א שרילער פייף פון דעם לאָקאָ־מאָטיוו. רוטי האָט זיך א צאַפּל געטאָן. די קאָנדוקטאָרען האָבען גענומען געהן צו זייערע פּלעצער. ראָבינס האָט זיך א כאַפּ געטאָן און דערלאַנגט אסתר'ן די האַנט.

זי האָט איהם געזאָגט:

— שרייב בריעף, דזשאָו, פאַרגעס ניט, אז עני וועט בענ־קען נאָך דיר.

רוטי איז איצט געשטאַנען פון וויטען מיט א צופלאַמ־טען פּנים און געקוקט אויף איהם אויפגערעגט. ער האָט א קוק געטאָן אויף איהר צוטראָגען און גלייך זיינע אויגען פון איהר אָפּגעדרעהט.

דאַן האָט ער זיין האַנט דערלאַנגט עני'ן און זי איז צו איהם צוגעפאַלען. און מיט אמאָל האָט אין רוטי'ן זיך אויפ־געכאַפּט צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען א שלעכטער,

בייזער געפיהל צו איהר שוועסטער. זי האָט א טראכט געטאָן: „זעה, זעה, אזוי ווי זי וואָלט איהם געוואָלט אויפעסען! איך וועל זיך ניט זעגענען מיט איהם... איך געה אוועק!”...

און דאָ איז ער צו איהר צוגעגאנגען מיט אַ געצוואונגענעם פרעהליכען שמייכעל.

— גוד באַי, רוטי!...

אזוי ווי עמיצער וואָלט זי א שטויס געטאָן צו איהם פון הינטען מיט אַלע כחות, זי איז ארויפגעפאלען צו איהם אויפ'ן האַלז און האָט אלסדינג פארגעסען און, ווי א הויך פון דעם ווינט, האָט ער געהערט איהר פליסטערען: „דזשאָו!” און זיין האַרץ האָט זיך מיט א צאַפּעל אָפּגערופען: „רוטי!” און, ווי אין חלום, האָט ער איהר קוש געפיהלט און זי — זיינעם...

אסתר, וועלכע האָט נאָכגעקוקט זייער יעדע באַוועגונג מיט פּארדעכטיגע אויגען, האָט איצט, ווען זיי זיינען אזוי געשטאַנען ארומגענומען, האָט מיט דעם שאַרפען חוש פון דער מאַמען, זייערע ביידענס געפיהלען ווי דערשמעקט און איז צוטומעלט געוואָרען, ווי פון אַ שטאַרקען זעץ איבער'ן קאָפּ. און דערנאָך, ווען ראָבינס איז אָפּגעטראָטען פון רוטי'ן, האָט זי, אסתר, זיך פיבעריש איינגעגעסען אין זיינע אויגען, און די פארצווייפלונג, וואָס זי האָט אין זיי דערזעהן, האָט דעם אמת פאַר איהר נאָך מעהר אויפגעדעקט. פאַר די אויגען האָט זיך איהר גענומען דרעהען...

און דערנאָך האָט זיך ראָבינס באַוויזען ביים פענסטער פונ'ם וואַגאָן און רוטי האָט איהם ווידער דערזעהן, ווי אין חלום...

דער צוג האָט זיך אַ ריהר געטאָן, די וואַגאָנעס האָבען גענומען קלאַפּען, און רוטי'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס קלאַפּט אַזוי איהר האַרץ. זי איז געשטאַנען לעבען עני'ן. אויסגעבויגט אַביסעלע אין פאָראויס אין אַ פּאָזע, ווי זי וואָלט בדועה געהאַט נאָכצולויפען די וואַגאָנעס, און איהרע שוואַרצע אויפגערעגטע אויגען האָבען זיך אויך, האָט זיך געדאַכט, געריסען אַהין וואו די קנוילען רויך און דאַמף האָבען זיך געוויקעלט איבער די דעכער פון די וואַגאָנעס, וואָס זיינען אַלץ ווייטער און ווייטער פאַרשוואונדען געוואָרען, ביז פון

אַלעם דעם זיינען דאָרט בלויז וואָלקענדלאַך רויך פאַרבליבען.

דאַן האָט אסתר אַרויסגעמורמעלט:

— נו, קינדערלאַך, אַהיים!

און ווען זי האָט דאַן אויף איהרעביידע טעכטער אַ קוק געטאָן, האָט זי דערזעהן בייביידען טרעהרען אויף די באַקען. און פאַרצווייפעלט האָט זי אויף רוטי׳ן אַ קוק געטאָן און שיער ניט אויסגעשריען:

— וויין ניט, איך וועל דיר פעטש געבען!...

זי האָט עס אָבער ניט געזאָגט; זי האָט גאָרנישט געזאָגט; זי האָט זיך בלויז אומגעדרעהט און איז, ווי מיט אַ פאַרטשאַדעטען קאָפּ, אַוועק צום אַרויסגאַנג. ביידע טעכטער נאָך איהר.

צוריקוועגס האָבען זיי אַלע געשוויגען. אסתר איז געזעסען אין אויטאָמאָביל, ווי אַ דער׳הרג׳עטע. זי האָט זיך איצט דערמאָנט אָן ווערטער, בליקען און שמייכלען צווישען ראַבינס׳ן און רוטי׳ן, וועלכע האָבען פריהער טונקעל איהר פאַרדאַכט געוועקט. איצט האָבען זיי אַלע ווי געשריען צו איהר: „ער ליעבט זי אויך, ער זי אויך!” און דאַן האָט זי פאַרצווייפעלט געטראַכט: „זי מוז אַוועקפאָהרען, זי מוז, און וואָס שנעלער!”

ווען זיי זיינען אַהיים געקומען, איז רוטי אַרויף צו זיך אין צימער און ביז סאָפּער איז זי ניט אַרונטערגעקומען. און עני האָט פיאַנאָ געשפּיעלט אַ ווייל, געלעזען אַ ווייל און האָט דערנאָך גערופען רוטי׳ן, זי זאָל מיט איהר אין פּאַרק פאָהרען. רוטי האָט זיך אָפּגעזאָגט. דאַן איז עני אַליין אַוועקגעפאָהרען און האָט זיך אַהיים צוריקגעקערט, ווען אַלע זיינען שוין ביים סאָפּער געזעסען.

מיט אַמאָל האָט עני זיך אָנגערופען:

— איהר ווייסט, וואָס איך האָב באַשלאָסען?

— חתונה האָבען! — האָט רובינטשיק אונטערגעכאַפּט.

— אַוועקפאָהרען אויף עטליכע וואָכען אין די „מאָונטיינס”...

— דאָס איז ניט קרום — האָט אסתר געזאָגט.

— זאָל רוטי אויך פאָהרען — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען. — דו וועסט פאָהרען, רוטי? — האָט ער זיך דאַן

געוועגדעט צו רוטי'ן, וועלכע איז געזעסען פאַרטראַכט און האָט געגעסען.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

— ניין.

רובינטשיק האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר.

— זעה נאָר, ווי שטיל. וואָס איז דער מעהר, רוטי?

— לאָז זי צורוה — האָט אסתר איהם אונטערבראָכען.— זי איז עפּעס ניט איינגאַנצען.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ניט געזונד?

— זי איז געזונד, נאָר... דו פרעגסט מיך?

ער האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהר:

— וואָס איז דיר, רוטי?

— גאָרנישט, פּאַפּאַ — האָט זי געענטפערט — מיר איז נאָר אַביסעל אומעטיג.

עני האָט זיך אָנגערופען:

— אַלעמען איז אומעטיג, ווען דזשאָו איז אַוועקגעפאָה־רען. מיט איהם איז אונז אַלעמען פרעהליך געוועזען.

— אמת — האָט שאָסקע געזאָגט — איך בענק אויך נאָך איהם. ווען פאָהרסטו, עני?

— מאָרגען. פאָהר אויך מיט מיר, טאַנטע־שאָסקע.

— וואָס מיינסטו? איך וואָלט טאַקע געפאָהרען, ווען ניט מיינע קינדערלאַך...

— דיינע קינדערלאַך?

— איך מיין די יתומים... פּערעלמוטער'ס קינדער...

רובינטשיק האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— דו האָסט זיך שוין באַלד צו זיי צוגעבונדען, ווי צו דיינע קליינע קעצעלאַך...

— משוגענער! — האָט שאָסקע זיך אַ כאַפּ געטאָן, — דיר געפעהלט ניט? איך וועל דיר עפּעס זאָגען און מיך אַרט ניט, אַז עס וועט דיר ווידער ניט געפעלען. דו ווייסט?

— וואָס? — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען.

— דו ווער אָבער ניט משוגע. און אַז דו וועסט משוגע ווערען, וועל איך דיך אויך הערען ווי די קאַץ — האָט שאָסקע געזאָגט — איך ווער אַ כלה, דייוויד!

און זי איז רויט געוואָרען און האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען.

אַלע האָבען זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און אסתר, ווי פאַרזאָרגט זי איז ניט געווען, האָט א שמייכעל געטאָן, וואָרים זי האָט זיך גלייך אָנגעשטויסען, ווער דער חתן איז. זי האָט געפרעגט:

— טאַקע? ווער איז דער חתן?

— מיסטער פערעלמוטער — האָט שאָסקע געענטפערט און די אויגען אויפגעהויבען.

עני האָט אויסגעשריען:

— וועה איז מיר, טאַנטע סאָשקע, דאָס ווייב איז דאָך ביי איהם ניט לאַנג געשטאָרבען!

— ווע‍לען מיר אָפּוואַרטען דעם יאָהר. ער קען זיך דאָך ניט באַגראָבען לעבעדיגערהייד! און די עופה'לעך דאַרפען דאָך האָבען א מאַמע'ן...

אסתר האָט זיך אָנגערופען:

— דו האָסט דאָך אָבער מיר געזאָגט, אז ער איז א קראַנקער, קוים וואָס ער לעבט...

— איך וועל איהם גוט צוזעהן — האָט שאָסקע געענט־פערט — און ער וועט ביי מיר שווער ניט ארבייטען. און ער איז א חנ'עוודיגער... און קינדער דאַרפען האָבען א מאַמע'ן, צי ניין?

— צוליב די קינדער ווילסטו מיט איהם חתונה האָבען? משוגענע! — האָט רובינטשיק א געשריי געטאָן.

— צוליב די קינדער און צוליב איהם אויך. ער געפעלט מיר.

— קריג זיך עפּעס א ביזנעסמאַן, איך וועל דיר געבען נדן. וואָס הייסט, דו וועסט חתונה האָבען מיט אן אָרעמען ארבייטער?

זי האָט געענטפערט:

— דו וועסט געבען געלט, וועט ער ניט זיין קיין אר־בייטער.

— קיין פּעני וועל איך אפילו ניט געבען.

— וועט דזשאָו געבען. און דו וועסט אויך געבען. מיר קומט. איך האָב גענוג געאַרבייט ביי דיר!

זי האָט זיך פּלוצים צעוויינט און איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

— וואָס וויינט זי, די משוגענע? — האָט רובינטשיק זיך אָנגערופען.

עני האָט געענטפערט:

— זי איז געַרעכט. אז יענער געפעהלט איהר, האָט קיינער קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען און געלט דאַרפסטו איהר אויך געבען, זי האָט גענוג געאַרבייט ביי אונז אין הויז...

רובינטשיק האָט זיך אומגעדולדיג אַ כאַפּ געטאָן:

— זעה נאָר, זעה! וואָס דען, איך וועל איהר ניט געבען קיין געלט? איך וועל געבען, געבען און קיין אַרבייטער וועט איהרער אויך ניט זיין ביי מיר. דו דאַרפסט מיך ניט לערנען, וואָס צו טאָן...

— איך וועל זעהן, אז דזשאָו זאָל זי אויך שטיצען — האָט עני געזאָגט.

רובינטשיק האָט זיך אויפגעהויבען.

— וואו איז זי, די משוגענע? זאָל זי מיר כאָטש דער־צעהלען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין בריאה איהרער... שאָס־קע! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן, און איז פונ'ם צימער ארויסגעלאָפען.

9.

אויף מאָרגען איז עני אוועקגעפאָהרען אין די בערג. אסתר האָט זי באַגלייט צום דעפּאָ. רוטי איז אין דער היים געבליבען, ווייל איהר פריינדין עלענאָר כאַווקין איז צו איהר געקומען.

עלענאָר האָט זי גאָר ניט דערקענט. די שטיפערין רוטי האָט אויסגעזעהן צוטראָגען, אומעטיג, האָט אזוי מיעד גע־שמייכעלט, און איהרע אויגען, וואָס פריהער האָט דאָס לע־בען אין זיי ארומגעשפּרונגען, ווי אַ יונגער קעלבעל אויף אַ גרינער לאָנקע, האָבען איצט געקוקט אזוי אומבאַהאָלפען און צוטומעלט, ווי ביי אַ קינד, וואָס האָט זיין וועג פאַרלאָרען...

— וואָס איז דיר, רוטי? — האָט די בלאָנדע עלענאָר זיך געווענדעט — פאַרוואָס זעהסטו אויס אזוי?

— גאָר ניט — האָט רוטי שטיל געענטפערט — אומע־טיג אַ ביסעל.

— אומעטיג ?

— זעהר אומעטיג. קום עלענאָר, מיר וועלען שפּילען באָל...

זיי האָבען אַ ווײַלע געשפּיעלט באָל פאַר׳ן הויז, און מיט אַמאָל האָט רוטי אַ וואַרף געטאָן דעם באָל אויפ׳ן גאַניק און שטיל געזאָגט:

— גענוג, איך האָב ניט קיין געדולד. קום עלענאָר, מיר וועלען זיך בעסער דורכגעהן.

— צום פּאַרק ?

— צום פּאַרק.

זיי זײַנען אַוועק איבער׳ן ווײַסען וועג צווישען די בוימער פון׳ם בולוואַרד.

— וואָס ביזטו אזוי צוטראָגען, רוטי ? — האָט עלענאָר ווידער געפרעגט.

רוטי האָט איהר ניט געענטפערט.

— טו אַ שמייכעל, רוטי, אַניט וועט מיר אויך אומעטיג — האָט די בלאָנדע עלענאָר זיך דאַן ווידער אָנגערופען.

רוטי האָט ניט אַ שמייכעל געטאָן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר פריינדין און געפרעגט:

— דו ווייסט ניט, עלענאָר, ווי לאַנג דאַרף געדויערען די רייזע פון ניו־יאָרק אין ניו־אָרליאַנס ?

— איך ווייס ניט.

— און ווי לאַנג געדויערט אַ בריעף פון דאָרט ?

עלענאָר האָט אַ ציה געטאָן די אַקסלען.

— איך ווייס ניט. פאַרוואָס פרעגסטו דאָס, רוטי ?

— פאַרוואָס איך פרעג דאָס ? — האָט רוטי פאַרטראַכט איבערגערעדט און, פּלוצים, האָט זי זיך אונטערבראָכען און צוגעלעגט:

— קום צוריק, עפּעס בין איך היינט אזוי מיעד...

זיי האָבען זיך צוריקגעקערט. אין אַ ווײַלע אַרום איז רוטי געזעסען אין איהר צימער ביים טיש און האָט צוטראָגען געצייכענט עפּעס מיט אַ בלייפעדער. עלענאָר האָט נאָכגעקוקט ווי זי צייכענט. דאַן האָט זי זיך אָנגערופען:

— דאָס איז דאָך מיסטער ראָבינס !

רוטי האָט געשוויגען און ווייטער געצייכענט מיט אַ צוטראָגענער מינע. דאַן האָט זי אַרויסגעמורמעלט:

— היינט איז ערשט דער צווייטער טאָג...
— וואָס זאָגסטו, רוטי?
— דריי טעג, דאַכט זיך גערדויערט די רייזע אהין...
— וואוהין?
רוטי האָט ניט געענטפערט, גענומען א צווייטען בויגען פאַפּיר און ווייטער געצייכענט.
עלענאָר האָט זיך דאַן אָנגערופען:
— זעה נאָר, איינס, צוויי, דריי קעפּ און אלץ פון מיסטער ראָבינס'ן! פארוואָס צייכענסטו דוקא איהם, רוטי?
רוטי האָט ארויסגערעדט:
— דו דערקענסט איהם?
— געוויס. זעהר לעבעדיג...
רוטי האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.
— ניין.
— פאַרוואָס?
— גאָר ניט עהנליך צו איהם... עס פעהלט...
— וואָס פעהלט, רוטי?...
— זיין שמייכעל, זיין בליק און... עס טויג ניט!...
זי האָט א וואָרף געטאָן דאָס בלייפעדער און זיך אויפגעהויבען.
עלענאָר איז געבליבען זיצען און האָט איהר נאָכגעקוקט מיט איהרע בלויע אויגען. דאַן האָט זי ארויסגערעדט מיט א שמייכעל:
— זאָג מיר דעם אמת, רוטי, דו ביזט פארליעבט?
רוטי האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, אזוי ווי פון אן עלעקטרישען שטראָם באַריהרט, און אָנגעקוקט איהר חבר'טע מיט גרויסע אויגען.
— פארליעבט? — האָט זי נאָכגערעדט איהר חבר'טע מעכאַניש, און איהר קול האָט איהר אליין געקלונגען ווי פון הינטער א וואַנט...
און עלענאָר האָט ווייטער גערעדט:
— איך וואָלט געקענט שווערען, אז דו ביזט פארליעבט. ווער איז ער, רוטי?...
און פּלוצים, אזוי ווי פאר רוטי'ס אויגען וואָלט א טונקעלער שלייער צוריסען געוואָרען און א ליכט וואָלט א זעץ געטאָן, וועלכער וואָלט אלצדינג מיט אמאָל איין איהר באַ-

לויכטען, וואָס זי האָט פריהער אזוי טונקעל געפיהלט... זי איז רויט געוואָרען און דערנאָך בלייך און ווידער רויט גע־וואָרען. און איהרע אויסגעלאָשענע אויגען האָבען צוטומעלט, האָט זיך געדראָכט, געשריען. א שרעק איז זי באַפאַלען, א מאומה'דיגער שרעק. עס האָט זיך איהר געוואָלט אַנטלויפען, עמיצען רופען, שרייען און באַהאַלטען זיך. און דעם קול איה־רען האָט דער שרעק אין איהר האַלז דערשטיקט און איהרע אַלע גלידער געלעהמט. זי האָט זיך ניט א ריהר געטאָן און איהרע צוטומעלטע אויגען, וואָס זיי זיינען אויף איהר חבר'טע געווען אויסגעשטעלט, האָבען ווי פאַרצווייפעלט זיך געבעטען: „ראַטעווע,״ אזוי ווי ביי איינער וואָס וואָלט זיך געטרונקען...

עלענאָר איז אויפגעשפרונגען און צוגעלאָפען צו איהר.

— רוטי!

דאַן ערשט האָט זיך רוטי א טרייסעל געטאָן מיט'ן גאַנ־צען קערפּער און ארויסגעלאָזט א היסטערישען געשריי:

— ליוו מי עלאָן, פּליעז!

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף'ן בעט, איינגעגראָ־בען דעם פּנים טיעף אין קישען און דערשטיקט איהר היס־טערישען יאָמער:

— אָה, מאַמאַ! אָה, מאַמאַ! אָה, מאַמאַ!...

עלענאָר איז א צושראָקענע צוגעלאָפען צו איהר.

— רוטי דיער, וואָס איז דער מעהר?

רוטי האָט איהר ניט געענטפערט, געדריקט דעם פּנים אַלץ טיעפער אין קישען אריין, געוויינט אָהן ווערטער און אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

עלענאָר האָט זי אָנגענומען ביים אַקסעל.

— רוטי, פּליעז — האָט זי אַליין אויך שיער ניט גענומען וויינען — דו שרעקסט מיך. וואָס איז דער מעהר?

דאַן האָט רוטי איהר געענטפערט מיט א פאַרצווייפעל־טען געוויין:

— ליוו מי עלאָן, פּליעז, גאָו! גאָו! איך וויל בלייבען אליין!...

— ניין, איך וועל דיר אַליין ניט לאָזען, רוטי, וואו איז שאָסקע?

— אָה, רוף קיינעם ניט, איך וויל קיינעם ניט זעהן. קיינעם ניט. אָה, עלענאָר, איך בעט דיך, לאָז מיך איצט

אַליין. לאָז מיך, לאָז מיך, לאָז מיך! מיין גאָט וואָס וויל זי נאָך פון מיר! — האָט זיך ביי איהר פּלוצים פאַרצווייפעלט אַרויסגעריסען.

עלענאָר איז צומישט געוואָרען פון איהר געשריי און איז אָפּגעטראָטען פון איהר. דאַן האָט זי זיך אָנגערופען:

— גוט, גוט, שריי ניט אַזוי, רוטי! בּאַרוהיג זיך. מיין גאָט, איך געה. גוד באַי!

עלענאָר איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהר. דאַן האָט זי אַ ציה געטאָן די אַקסלען און איז פון רוטי'ס צימער אַרויס.

רוטי האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט צו וויינען. באַלד אָבער האָט זי ווידער זיך אַ טרייסעל געטאָן, ווי פון אַ קדחת, אַ קלאַפּ געטאָן דעם קאָפּ אין קישען און פאַרשטיקט געוויינט. זי האָט געטראַכט:

וואָס וועט איצט זיין? זי האָט איהם ליעב. זי קען אָהן איהם ניט לעבען, און ער איז עני'ס חתן, איהר שוועסטער'ס חתן, און ער ליעבט עני'ן. וואָס וועט איצט זיין? ווי אַזוי האָט זי זיך געקענט אין איהם פאַרליבען? זי איז, הפנים, משוגע געווען. אַניט וועט זי משוגע ווערען. אָהן איהם וועט זי ניט קענען לעבען. וועט ניט קענען...

— מאַמאַ! — האָט זי הילפלאָז געוויינט ווי אַ פאַרלאָרען קינד.

אין דער אייגענער צייט, ווען עלענאָר איז פון די טרעפּ אַרונטער, האָט זי דערזעהן אויף'ן גאַניק אסתר'ן, וועלכע האָט זיך ערשט צוריקגעקעהרט פון דעפּאָ.

— מרס. רובינטשיק! — האָט זי אויסגעשריען אויפגערעגט, לויפענדיג איהר אַנטקעגען — רוטי...

אסתר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס, רוטי?

— זי וויינט דאָרט אין איהר צימער... איך ווייס ניט פאַרוואָס.

און זי האָט אסתר'ן דערצעהלט אַלצדינג וואָס צווישען זיי איז פאָרגעקומען.

אסתר האָט זי אויסגעהערט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל און האָט זיך דאַן אָנגערופען כלומר'שט רוהיג:

— ווייס איך, דאָס איז גאָרנישט. ווי זאָגט יענער?

רוטי, דו קענסט דאָך זי. באַלד וועט זי לאַכען. ניט דעם ערשטען מאָל. וואָס מיינסטו, איז דאָס? זי וויל פאָהרען אין פּאַריז. מיר ווילען זי ניט לאָזען. איז זי אומעטיג, ברוגז און וויינט. אַ קאַפּריזנע. איך געה גלייך אַרויף צו איהר.

— זאָל איך געהן מיט אַייך? — האָט עלענאָר זיך אָנגערופען.

— דו? ניין, מען דאַרף ניט. דו קום בעסער אַז אַנדערשמאָל. ווי זאָגט יענער? זי איז איצט משוגע. לאָז זי צורוה, נאַרוניו!

— איהר זייט גערעכט. גוד באַי, מרס. רובינטשיק.

— גוד באַי, גוד באַי, עלענאָר — האָט געענטפערט אסתר און איז אַוועק אַרויף די טרעפּ און דאָס האַרץ האָט זיך ביי איהר געטרייסעלט: „גוואַלד, וואָס טוט מען?”

ווען זי איז אַריין צו רוטי'ן אין צימער, איז רוטי שטיל געלעגען מיט'ן פּנים צו דער וואַנט.

אסתר איז שטיל צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר. רוטי'ס פּנים האָט געפלאַקערט און אַ שוואַרצער לאַקענדעל האָר, וואָס האָט זיך פון צווישען איהר פלאַמענדיגען אויערעל אַרויסגעגליטשט, האָט זיך, ווי אין פייער, געטונקט אויף איהר באַק. די אויגען האָט זי געהאַלטען צוגעמאַכט און, אַפּנים, געשלאָפען.

אסתר האָט אַ טאַפּ געטאָן איהר שטערען און אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ.

„ווי זי ברענט” — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — „אַ שטיק פייער!”

רוטי האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן. דאַן איז אסתר צוגעגאַנגען צום טיש און האָט דערזעהן דאָס פּאַפּיער מיט די אָנגעצייכענטע קעפּ. זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און איהר האַנט האָט זיך קאָנוואולסיוו אַ ציה געטאָן צום פּאַפּיער. געוואָלט עס צורייסען, קיין סימן זאָל פון דעם ניט בלייבען. האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט, אַוועקגעלעגט צוריק דאָס פּאַפּיער אויפ'ן טיש און פאַרצווייפעלט פאַרבראָכען די הענט.

„רבונו של עולם, וואָס איז דאָס?” — האָט זי געטראַכט — „מיט איהם, בלויז מיט איהם, איז זי איצט פול!”

און מיט אַמאָל האָט זיך אַ בייזער געפיהל אויפגעכאַפּט אין איהר האַרצען צו ראַבינס'ן. ער איז אַן אומגליק, דער

מלאך המות פון איהרע ביידע קינדער! וואָלט ער בעסער דאָרט פאַרלאָרען געגאַנגען אויף אייביג, איידער ער איז אַהער געקומען!...

און גלייך האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן: וועמען שילט זי? רבונו של עולם, זי ווערט משוגע ווערען!

און זי האָט זיך דערפיהלט אַזוי אומבאַהאָלפען געגען דעם דאָזיגען פּלוצימדיגען שטורם, וואָס האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף איהר הויז.

און דאן האָט זי דערהערט רוטי'ס פאַרשטיקטע שלוכ־צען. זי האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן און אַ ווייל'ע געקוקט אויף איהר מיט שטאַרע אויגען.

דאָס מיידעל האָט ווידער איינגעגראָבען איהר פּנים אין קישען, געשלוכצט רחמנות'דיג און אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

און דאַ האָט זיך ביי אסתר'ן אינ'ם הארצען ווידער אַ כעס אָנגעצונדען און דוקא אויף רוטי'ן. זי האָט דערפיהלט אַ באַדערפניש צו שרייען אויף איהר, אַ טופּע טאָן מיט'ן פוס און אויספּאַטשען זי. אָבער אנשטאָט דעם איז זי צוגעגאַנ־גען צו איהר, האָט אַרויפגעלייגט איהר האַנט רוטי'ן אויפ'ן קאָפּ, געוואָלט עפּעס זאָגען און בלויז אַרויסגערעדט:

— אַי, רוטי, רוטי!...

רוטי האָט אַרויסגעקרעכצט:

— אָה, מאַמאַ! אָה, מאַמאַ!

אַזוי ווי איהר האַרץ וואָלט עמיצער געריסען און גע־פליקט...

— וואָס ווילסטו פון דיין מאַמע'ן? זאָג, רוטי, וואָס איז דיר? אפשר דאַכט זיך דאָס מיר? רעד, רעד ווערטער, זאָג, רעד! וואָס איז דיר? וואָרום וויינסטו?

און אסתר האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אַקסעל.

— קום אַהער! קוק אויף מיר! קינד מיינס, רוטעלע, נו, זיין אָפען מיט דיין מאַמע'ן... זאָג מיר, דערצעהל מיר. אפשר וועל איך דיר קענען העלפען — האָט אסתר גערעדט צו איהר, ווי צו אַ קליין קינד, און האָט זיך געטרייסעלט פאַר אויפרעגונג.

רוטי האָט געקוקט אויף איהר, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה'לע.

— מאַמאַ, מאַמאַ, איך האָב עס ניט געמיינט, איך האָב עס ניט געוואָלט, מאַמאַ! — האָט זי דערנאָך פאַרצווייפעלט אַרויסגעשריען.

— וואָס האָסטו ניט געמיינט? וואָס האָסטו ניט געוואָלט?

— מאַמאַ, איך בין משוגע. מאַמאַ, איך וויל שטאַרבען. מאַמאַ, איך טאָר ניט לעבען, איך טאָר ניט — האָט רוטי גערעדט, ווי פון היץ.

זי איז אַרונטער פונ׳ם בעט, האָט גענומען לויפען איבער׳ן צימער, ווי אַ משוגענע, מיט צופלאַמטע באַקען און אויגען און געמורמעלט פאַרשטערט:

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

אסתר האָט זיך גענומען בעטען ביי איהר:

— אָבער זאָג, רייד! וואָס ווילסטו טאָן? איך ווייס דאָך ניט, וואס דו ווילסט! קינד, קינד, קינד, וועה איז מיר!

— איך האָב איהם ליעב, מאַמאַ! — האָט רוטי פּלוצים אַרויסגערעדט, ווי אַ צומישטע.

אסתר האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן. אָבער זי האָט זיך גלייך באַהערשט און זיך אָנגערופען מיט אַ קול, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָרגען:

— וועמען?

— דזשאָוען! — האָט רוטי געענטפערט מיט אַ ליידענשאַפטליכען געוויין און זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר מאַמען אויף דער ברוסט און איינגעגראָבען זיך אין איהר מיט׳ן פּנים און מיט׳ן גאַנצען קערפּער, האָט זיך געדאַכט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטען פון זיך אַליין.

אסתר האָט ניט געהערט אַ הר אייגענעם קרעכץ, אַזוי צוטומעלט איז זי געוואָרען. און אַ ווײַלע האָט זי קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען און איז געשטאַנען און האָט זיך געטרייסעלט. דערנאָך אָבער האָט זי זיך שטיל צולאַכט, אַ גלעט געטאָן רוטי׳ן איבער׳ן קאָפּ און אַרויסגערעדט:

— אָי, קינד, און דערפאַר וויינסטו? ווי זאָגט יענער? פון יעדער נאַרישקייט ווײַנט זי, אַזאַ נאַריש קינד! דו האָסט איהם ליעב? נו, אודאי, פאַרוואָס זאָלסטו איהם ניט ליעב האָבען? אַ קאַזין, דיין גוטער שוועסטער׳ס חתן און באַלד דיין שוואָגער...

— איך וויל שטאַרבען, מאַמא! — האָט רוטי געקרעכצט.

— שטיל, דו נאַר!

— איך קען אָהן איהם ניט לעבען, מאמא! — האָט זיך רוטי א ריס געטאָן פון איהר מאַמען און זיך ווידער א וואָרף געטאָן אויפ'ן בעט.

אסתר איז צוגעגאנגען צו איהר:

— רוטי, וואָס רעדסטו? ביזטו פונ'ם זינען ארונטער?

— יעס, יעס, יעס, פונ'ם זינען ארונטער, פונ'ם זינען ארונטער — האָט רוטי פארצווייפעלט געפליסטערט.

— אסתר האָט זיך ווידער צולאַכט:

— דו נאַר, ער איז דאָך באַלד אזוי אלט ווי דיין טאַטע.

— איך האָב איהם ליעב, מאַמאַ!...

— דו האָסט זיך עס איינגערעדט, נאַריש קינד דו, און ווידער, ווען ער וואָלט אפילו א יונגער באַי געווען... ווי אזוי האָסטו גאָר געקענט א טראַכט טאָן פון איהם? דו האָסט דאָך דיין שוועסטער, עני'ן ליעב? עני'ס חתן!... רוטי, רוטי, דו נאַר, וואָס האָסטו זיך איינגערעדט?...

און מיט אמאָל האָט זי מיט'ן פוס א טופּע געטאָן און אויסגעשריען:

— שטיל! הער אויף צו וויינען! איך וועל דיר פעטש געבען! שטיל, זאָג איך! דו וועסט פאָהרען אין פּאַריז, דו וועסט דיין שוועסטער ניט אומגליקליך מאַכען, משוגענע דו!

רוטי האָט איינגעגראָבען דעם פּנים אין קישען און פאַר-שטיקט געכליפּעט.

אסתר האָט גערעדט ווייטער:

— ניט געטראַכט מעהר פון דעם, ניט גערעדט און ניט געוויינט, דו הערסט, רוטי? ניט שאַפּקע און ניט דער טאַטע, קיינער טאָר דערפון ניט וויסען. שלאָג זיך עס ארויס פונ'ם קאָפּ און פאָהר אוועק!

רוטי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פונ'ם קישען און ארויסגעמורמעלט:

— איך וועל ערגעץ ניט פאָהרען...

— דו וועסט יא פאָהרען און טאַקע באַלד אויך!

— ניין, מאַמע, ניין, איך וויל ניט, איך קען ניט.

— פריהער האָסטו געוואָלט און איצט, צי דו ווילסט צי דו ווילסט ניט, וועסטו פאָהרען!

— מאַמע, איצט וויל איך שטאַרבען ! — האָט רוטי אַרויסגעקרעכצט און אַזוי אומבאַהאָלפען אַ קוק געטאָן אויף אסתר׳ן.

און פּלוצים האָט זיך אסתר אַ טרייסעל געטאָן פון׳ם קאָפּ ביז צו די פיס, אַרונטערגעלאָזען זיך אויף אַ שטוהל און זיך צעוויינט. רוטי האָט זיך אַ הויב געטאָן אויפ׳ן בעט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף איהר מוטער. אסתר האָט אַזוי זעלטען געוויינט, אַז רוטי, אפילו אין איהר איצטיגען צושטאַנד, איז פון דעם צו זיך געקומען. זי איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפען צו איהר.

— מאַמאַ, פּליעז, וויין ניט!

זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די קניה נעבען אסתר׳ן, אַ כאַפּ געטאָן איהרע הענט און זיי געקושט און מיט טרערען באַנעצט.

— פּליעז, מאַמאַ, פּליעז!...

און אסתר האָט געוויינט:

— פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס קומט עס מיר?

— מאַמאַ, איך וועל מעהר ניט וויינען — האָט רוטי געוויינט און געדריקט איהר קאָפּ אויף איהר מוטער׳ס שויס — איך וועל מעהר ניט ריידען, איך וועל שווייגען, איך וועל ניט טראַכטען מעהר, דו וועסט זעהן, מאַמאַ, נאָר וויין ניט! פּליעז, מאַמאַ, פּליעז! — האָט רוטי געדערט און ווידער איהר די הענט געקושט און זיך געצאַפּעלט מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

אין אַ ווייל־ע אַרום האָט אסתר זיך אויפגעהויבען פון׳ם אַרט.

— געדענק, מיין קינד — האָט זי געזאָגט — דו האָסט איין שוועסטער און איך האָב ניט מעהר ווי אייך ביידען. געדענק! גיעה וואַש אָפּ דיין פּנים!...

און איידער זי האָט רוטי׳ס צימער פאַרלאָזען, האָט רוטי נאָך אַמאָל געמוזט צוזאָגען, אַז זי וועט ראָבינס׳ן אַרויסשלאָגען פון׳ם קאָפּ, וועט ניט טראַכטען מעהר פון איהם און וועט ניט וויינען.

— און וועגען דיין פאָהרען אין פּאַריז, וועל איך מיט עמיצען איבעררעדען — האָט אסתר דאָן געזאָגט — אוועקפאָהרען מוזטו...

זי האָט דערהערט פון אונטען שאַסקע׳ס קול, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— שאַסקע! רוטי, זי טאָר גאָר ניט וויסען, קיינער ניט. דו הערסט?

און זי האָט פאַרלאָזען רוטי'ס צימער.

דאַן האָט רוטי זיך ווידער פאַרצווייפעלט געפרעגט: וואָס זאָל זי טאָן? אויף א רגע איז איהר איינגעפאַלען צו געהן צו ראַבי בערענשטיין און איהם אַלצדינג דערצעהלען און בעטען איהם, אַז ער זאָל איהר אַן עצה געבען וואָס צו טאָן. זי האָט דאָך דאָס ניט געוואָלט. זי איז דאָך ניט שולדיג. ער איז א קלוגער, א גוטער מענש. ער וועט איהר גלויבען...

גלייך אָבער האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן: ווי קען זי איהם דערצעהלען, אַז זי ליעבט עני'ס חתן! ער וועט איהר זאָגען, אַז זי איז א שלעכטע, א פאַרדאָרבענע... יאַ, זי איז א פאַרדאָרבענע. זי ווייסט עס. זי פיהלט עס...

איהר שטאַרער בליק איז פּלוצים געפאַלען אויפ'ן פּאַפּיר מיט די צייכנונגען, וואָס איז אויפ'ן טיש געלעגען. און עס האָט זי א ציה געטאָן צו זיך מיט א קראַפט, וואָס איז שטאַרקער געווען פון איהר. דערנאָך, ווען זי האָט דאָס פּאַפּיר מיט די צייכנונגען אין איהר האַנט אריינגענומען, האָט זי זיך מיט איהרע אויגען אין זיי איינגעזויגט, געקוקט אויף זיי און געקוקט, ביז די צייכנונגען זיינען פאַרשוואונדען, צורונען געוואָרען, און ראָבינס איז פאַר איהר געשטאַנען, האָט געקוקט אויף איהר און געשמייכעלט צו איהר, און אַלצדינג אין איהר האָט געציטערט, געפלאַטערט און זיך געריסען, אַזוי ווי בלעטער אויף א בוים, בעת א שטאַרקען שטורם...

זי האָט איהם געליעבט מיט אַלע אויפגעוואַכטע הונגעריגע אינסטינקטען פון איהר יונגער זעעל און קערפּער, אינגאַנצען פאַרכאַפּט און איבערגעוועלטיגט פון זיי. זי האָט געפיהלט, אַז זי געהערט אינגאַנצען צו איהם, ווי אַן אַנגעצונדען ליכט צום פלאַם...

זי האָט ניט געהערט ווי אסתר איז ווידער אין איהר צימער אריין. איהר מאַמע האָט דערזעהן ווי זי שטעהט מיט די צייכנונגען, דעם קאָפּ ארונטערגעלאָזען, האָט זי אומבאַהאָלפען א מאַך געטאָן מיט די הענט. דערנאָך איז זי צו איהר צוגעגאַנגען.

— שוין ווידער, רוטי? דו האָסט דאָך מיר ערשט פאַרשפּראָכען...

רוטי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אויף איהר מאַמע'ן און ארויסגערעדט שטיל:

— גאָר ניט, מאַמאַ!...

— וואָס האַלסטו אין האַנט? — צו וואָס דאַרפסטו עס?

רוטי האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן פּאַפּיר אין איהר האַנט און פּלוצים האָט זי עס צוריסען, צונויפגעדריקט די שטיקלעך קאַנוואולסיוו אין איהר פויסט, איז צוגעגאַנגען צום פענס-טער, האָט עס ארויסגעוואָרפען און דערנאָך זיך ארונטערגע-לאָזען אויף אַ שטוהל מיט אַ פארשטיקטען שלוכצען.

אסתר'ן אליין האָט אויך דער געוויין געשטיקט און מיט אלע כחות האָט זי זיך באַהערשט.

„מיין קינד!" — האָט אינווייניג אין איהר געיאָמערט.

דערנאָך איז זי צו רוטי'ן צוגעגאַנגען.

— דאָס וועט פאָראיבערגעהן, רוטי. דו וויל נאָר, ווי זאָגט יענער? אַ קראַץ אויף א יונגען לייב פארגעהט שנעל... דאָס איז ניט מעהר ווי א קראַץ ביי דיר, מיין קינד. דו ביזט יונג. אזוינע זאַכען פארגעסט א יונג מיידעל זעהר גיך. דו האָב בלויז אין זינען, אז ער איז באַלד אזוי אַלט ווי דיין טאַטע און אז ער איז עני'ס חתן, וועט דיין קראַץ באַלד געהיילט ווערען...

רוטי האָט געשלוכצעט:

— מאַמאַ, איך וועל דאָס האָבען אין זינען, איך קען אָבער ניט. איך בין אזאַ שלעכטע, מאַמאַ, אזאַ פאַרדאָרבע-נע... ווען איך וואָלט איצט געשטאָרבען, מאַמא!...

און צום סוף האָט רוטי ווידער פארשפּראָכען אסתר'ן, אז זי וועט מעהר ניט וויינען און ניט טראַכטען מעהר פון ראָ-בינס'ן.

דערנאָך, ווען רוטי איז ווידער פארבליבען אליין אין איהר צימער, האָט זי מיט עקסטאז צו גאָט גענומען בעטען. פּונקט ווי אמאָל איהר שוועסטער עני, בעת יענע האָט דעם קריסטליכען בחור געליעבט:

— גאָט, העלף מיר! איך וויל איהם פאַרגעסען! העלף מיר! אויף מיין גוטער מאַמע'ן האָב רחמנות!...

זי האָט געפונען אויפ'ן טיש דאָס צווייטע פּאַפּיר מיט די צייכנונגען, האָט זי עס אויך צוריסען און דורכ'ן פענסטער די שטיקלעך ארויסגעוואָרפען. דערנאָך האָט אסתר איהר

אריינגעבראַכט א גלאַז טיי און זי האָט מיט גוואַלד אויסגע־טרונקען.

זי איז פארבליבען אין איהר צימער דעם גאַנצען אָוועגד אויך. און ווען רובינטשיק און שאָסקע זיינען צו איהר אריינגעקומען, איז זי אין בעט געלעגען. אסתר האָט זיי ניט געוואָלט לאָזען צו לאַנג דאָרט פארבלייבען. זי האָט זיי געזאָגט, אז רוטי איז עפּעס פארקיהלט, האָט היץ און מען זאָל זי לאָזען רוהען.

— האסטו א דאָקטאָר גערופען? — האָט רובינטשיק זיך אַנגערופען

— מען דאַרף ניט קיין דאָקטאָר — האָט אסתר געענט־פערט.

רובינטשיק האָט דאַן א טאַפּ געטאָן ביי רוטי'ן דעם שטערען און איז אויפגערעגט געוואָרען.

— וואָס איז עס פאַר א מאַמע! — האָט ער אויסגעשריען — זי ברענט דאָך!

און ער האָט געבראַכט א דאָקטאָר, וואָס האָט רוטי'ן עפּעס פארשריבען פאר'ן מאָגען.

די נאַכט האָט אסתר געשלאָפען מיט רוטי'ן אין איהר בעט, פונקט ווי אין יענער צייט, ווען רוטי איז א קליין קינד געווען. זיי ביידע האָבען ניט געשלאָפען. די מאַמע האָט זיך צוגעהערט צו איהר טאָכטער'ס אָטעם, אזוי ווי זי וואָלט אין איהם רוטי'ס געדאַנקען און געפיהלען געוואָלט דערהערען, און די טאָכטער איז צוליעב דער מאַמע'ן געלעגען מיט צוגעמאַכטע אויגען און האָט זיך ניט א ריהר געטאָן, אזוי ווי זי וואָלט רוהיג געשלאָפען. זי האָט מורא געהאַט, אז ווי נאָר זי וועט זיך א ריהר טאָן, וועט דער יאָמער, וואָס זי האָט אין איהר צוריסענער נשמה געהערט, זיך ארויסרייסען, און ווי זי וועט נאָר די אויגען עפענען, וועלען די טרעהרען ארויסשטראָמען. וואָס זי האָט שוין אויף איהרע אויגען-ליעדער געשפּירט...

זי האָט איצט געטראַכט פון איהם און דעם טויט. ביי איהם איז איהר גאַנץ לעבען, זיין אָנפאַנג און זיין סוף; אָהן איהם זיינען ליידען און ליידען, פון וועלכע זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט באַפרייען. ווי זי וואָלט געוואָלט שטאַרבען! אָבער פריהער וואָלט זי איהם געוואָלט זעהן כאָטש אויף א וויילע... א קוש טאָן איהם... כאָטש זיין האַנט האַלטען...

זיין קול כּאַטש הערען... כּאַטש זיין שמייכעל זעהן... און דאַן שטאַרבען...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך געזעהן אַ טויטע און ער האָט מיט אַ טיכעל די אויגען געווישט, און דער טאַטע האָט גע'חלש'ט, און די מאַמע האָט געוויינט, און שאַסקע האָט זיך מיט ביידע הענט אין קאָפּ געשלאָגען, און עני איז צוגעפאַלען צו ראָבינס'ן אויפ'ן אקסעל, און אַלע, אַלע האָ-בען אזוי געיאָמערט נאָך איהר, אַז זי, רוטי אַליין, האָט זיך הויך אויפ'ן קול צעוויינט...

אסתר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— רוטי!

און גלייך האָט רוטי דערשטיקט איהר געוויין אינ'ם קישען.

— וואָס איז שוין ווידער, רוטי? — האָט אסתר זי גע-צויגען צו זיך, ווי אַ קליין קינד.

— גאָר ניט, מאַמאַ, גאָר ניט — האָט רוטי געכליפּעט — איך האָב ניט געוואָלט וויינען, ניט געוואָלט...

און פּלוצים האָט זי זיך צוגעדריקט צו איהר מאַמע'ן און זי גענומען קושען.

— טו מיך אויך אַ קוש, מאַמאַ! — האָט זי דערנאָך גע-זאָגט און אַ כליפּע געטאָן.

אסתר האָט זי אַ קוש געטאָן.

— און איצט שלאָף, קינד!...

* * *

אויף מאָרגען איז רוטי צום פרישטיק אַרונטערגעקומען. זי האָט געוואָלט האַלטען איהר פאַרשפּרעכען, וואָס זי האָט איהר מאַמע'ן געגעבען, האָט זי אַלע כחות איהרע אָנגעווענ-דעט, צו ווייזען אַ רוהיגע מינע. און ווען רובינטשיק און שאַסקע האָבען זי געפרעגט, ווי זי פיהלט, האָט זי געצוואונ-גען אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט:

— אָלל רייט...

בעת דעם האָט אסתר פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף רוטי'ן, באַמערקט דעם צער הינטער איהר שמייכעל און אַ טראַכט געטאָן:

„אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען, ווי דו פיהלסט, מיין קינד!...“

אבער לאנג האט רוטי ניט אויסגעהאלטען. דער שמייכעל איז פון איהרע ליפען פארשוואונדען און פון איהרע אויגען האט א שטילער פארטראכטער אומעט ארויסגעקוקט, ווי ביי א קראנק קינד.

די זון האט פרעהלאך ארייננגעלויכטען אין די אפענע פענסטער; רובינטשיק און שאסקע האבען הויך גערעדט פון פערעלמוטער'ן, דעם מאן, מיט וועמען שאסקע האט געזאלט חתונה האבען, און רוטי האט זיך געפיהלט ווי אין א געדיכטען נעבעל פארזונקען; געקוקט פאר זיך און קיינעם און גארנישט געזעהן; געהערט שטימען און זיי האבען זיך פארביי־געטראגען ווי א טונקעלער, פארפלאנטעטער געמורמעל; געטרונקען און געגעסען, און ניט געוואוסט, וואס זי טרינקט און וואס זי עסט. קלאר און שארף האט זי איצט בלויז געהערט דאס צאפלען זיך פון דעם ערוואכטען געפיהל אין איהר, וואס האט זיך מיט אזא פארצווייפלונג געריסען ארויס, ווי א חיה'לע פון א שטייג...

אסתר האט ארייננגעקוקט אין רוטי'ס הארצען, ווי דורך א קלארען גלאז, און געזעהן אלצדינג, וואס דארט טוט זיך. זי האט א טראכט געטאן:

— איך'ל צוגעהן צו ראבי בערענשטיין"...

שפעטער איז רוטי אין איהר צימער ארומגעגאנגען, אזוי ווי א פארבלאנדזשעטע, וואס זוכט דעם וועג, און זיך געפרעגט, וואס זאל זי טאן. אוועקפאהרען? אבער דאן וועט זי משוגע ווערען. זי וויים עם זיכער. דא וועט זי איהם כאטש קענען אמאל זעהן. מעהר וויל זי ניט. אמאל איהם זעהן, אמאל א קוק טאן אויף איהם. ער וועט קיינמאל ניט וויסען וועגען איהרע געפיהלען צו איהם; קיינער, קיינער וועט ניט וויסען, ביז זי וועט שטארבען. און זי וועט שטארבען. לאנג וועט זי עס ניט אויסהאלטען, זי וויים עס, זי פיהלט עס.

און, טראכטענדיג פון דעם, אז ער וועט קיינמאל ניט וויסען, ווי זי האט איהם ליעב געהאט, פיעל זי האט געליטען צוליעב איהם און פיעל זי האט געבענקט נאך איהם, אז ער טאר דאס ניט וויסען, האט איהר א פארצווייפלונג גענומען שטיקען, א מורא'דיגע פארצווייפלונג, וואס זי האט אין איהר האלז געפיהלט, אין איהר ברוסט, אין יעדען מוסקול פון איהר קערפער און אין איהר צוריסענער נשמה.

ווען זי וואָלט געשטאָרבען ! . . .

די ווענט פונ'ם צימער האָבען זי געשטיקט; איהר איז איינגעפאַלען אַרויסצוגעהן אויפ'ן גאַניק. זי האָט געוואָלט דורכגעהן ראַבינס'עס צימער, און ווען זי האָט די טיר פון זיין צימער געעפענט, האָט איהר אַזאַ זעץ געטאָן אין האַרצען, דאָס זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען. יעדע שטיקעל מעבעל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט אָן איהם זי דערמאָנט. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס גאַנצע צימער איז אָנגעפילט מיט איהם, מיט זיין שאָטען, מיט זיין אטהעם, מיט זיין שמייכעל און זיינע בליקען.

— דזשאָו דיער! — האָט איהר האַרץ זיך אַ צאַפּעל געטאָן, און זי איז צוגעפאַלען צום טיש און האָט זיך רחמנות'דיג צובליפּעט.

און מיט אַמאָל האָט זי דערהערט איהר מאַמע'ס קול:

— רוטי!

זי האָט זיך אויפגעהויבען, שנעל אָפּגעווישט איהרע אויגען און געעפענט די טיר. זי האָט דערזעהן אינ'ם קאָרידאָר איהר מאַמע'ן און ראַבי בערענשטיינ'ען.

— וואו ביזטו געוועז, קינד? — האָט אסתר זיך אָנגערופען מיט אַ באַזונדער ווייכען קול — ראַבי בערענשטיין האָט דערהערט, אַז דו פיהלסט ניט גוט, איז ער געקומען דיך געוואָהר ווערען.

און ווען רוטי האָט איצט ראַבי בערענשטיינ'ען דערזעהן, איז זי צומישט געוואָרען. דאָס פּלוצימדיג אָנקומען פון דעם דאָזיגען מענשען, וואָס זי האָט אַזוי רעספּעקטירט, האָט געווירקט אויף איהר, אַזוי ווי אויף אַ פאַרברעכערין דאָס אָנקומען פונ'ם ריכטער. זי האָט געפיהלט, ווי צו אַנטלויפען, צו באַהאַלטען זיך פון איהם, און דאָך איז זי געבליבען שטעהן, האָט די אויגען בלויז אַרונטערגעלאָזען.

ראַבי בערענשטיין איז צוגעגאַנגען צו איהר מיט זיין ווייכען, פאָטערליכען שמייכעל און האָט איהר האַנט אָנגענומען.

— ניין, ניין — האָט ער זיך אָנגערופען מיט זיין לאַסצענדיגען קול — דאָס טויג ניט. פאַר רוטי'ן פּאַסט ניט אַזאַ טרויעריגע מינע. גאָט האָט באַשאַפען אונזער רוטי'ן, זי זאָל לאַכען און פרעהלאַך זיין און ניט אַרומגעהן מיט פאַרוויינטע אויגען.

דאָ איז שאָסקע אַרויפגעקומען. האָט אסתר איהר געזאָגט, אַז ראבי בערענשטיין איז געקומען געוואָהר ווערען רוטי'ן, און האָט גלייך גענומעןריידען מיט איהר וועגען פערעלמוטער'ן און, אַזוי רעדענדיג, איז זי מיט איהר אַרונטערגעגאַנגען אונטען, איבערלאָזענדיג ראבי בערענשטיינ'ען מיט רוטי'ן אַליין.

דאַן איז רוטי אַריין אין איהר צימער מיט ראבי בערענשטיינ'ען.

ער האָט זיך געזעצט און זי אַוועקגעזעצט נעבען זיך. דאַן ער האָט זי אַ לאַסטשע געטאָן מיט זיין ווייכען בליק און אַרויסגערעדט:

— וועלל, וועלל, ניט פאַרצווייפעלט... עס פּאַסירט... עס ווערט פאַראיבערגעהן... איך בין זיכער, אַז די קליינע רוטי האָט עס ניט געוואָלט... האָב איך געטראָפען?

זי האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז איהר מאַמע האָט איהם אַלצדינג דערצעהלט און אַז דערפאַר איז ער צו איהר געקומען, און זי איז נאָך מעהר צומישט געוואָרען, און ניט געוואַגט איהרע אויגען אויפצוהויבען.

ער האָט ווידער זיך אָנגערופען:

— האָב איך געטראָפען?

זי האָט איהרע ליפּען געביסען און געשוויגען.

— וויל די קליינע רוטי ניט רעדען מיט איהר בעסטען פריינד? — האָט ער ווידער געזאָגט.

דאַן האָט רוטי אַרויסגעמורמעלט:

— איך בין ניט שולדיג, ראבי בערענשטיין. איך האָב דאָס ניט געוואָלט. זאָל מיך גאָט שטראָפען, ראבי בערענשטיין, אויב איך האָב דאָס געוואָלט!...

און זי האָט זיך שטיל צוּוויינט...

— איך ווייס דאָס. דאָס האַרץ פון דער קליינער רוטי'ן קען איך. אַ ריין בלאַט, אויף וועלכען בלויז גוטעס און שעהנעס איז אָנגעשריבען. בפרט אין אַזאַ פאַל, וואו דאָס גליק און דאָס לעבען פון עני'ן איז אין קאָן... און די קליינע רוטי ווייסט, וואָס איהר שוועסטער עני האָט דורכגעליטען... די איינציגע אינ'ם הויז איז דאָך רוטי, וואָס ווייסט דאָס... און דערפאַר בין איך זיכער, אַז קיין שלעכטס האָט די קליינע רוטי ניט געקענט מיינען...

רוטי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן:

— ניין, ניין, ראַבי בערענשטיין, איך בין ניט אַזוי פאַר־דאָרבען, איך שווער!...

— דאָס, וואָס איך זאָג... וואָרים „פאַרדאָרבען" איז ניט קיין נאָמען פאַר אַזאַ פאַרברעכען. ערגער טויזענד מאָל ווי ענני וואָלט דאָן מיט דעם קריסט חתונה געהאַט.

און דאַן האָט ראַבי בערענשטיין זיך אָנגערופען מיט שרעק אינ'ם קול:

— און זאָל זיך די קליינע רוטי אויף אַ ווײַלע פאַרשטעלען, אַז ראַבינס האָט זיך אויך אין איהר פאַרליעבט, — וואָס דאַן?

און ער האָט אָנגעפאַנגען צו שילדערען פאַר איהר ענני'ס ליידען און די יסורים פון איהר טאַטע־מאַמען אין אַזוינע מורא'דיגע פאַרבען, דאָס רוטי האָט דערפיהלט, ווי אַ וואַרף צו טאָן זיך אויף דר'ערד און צוקלאַפען זיך דעם קאָפּ...

זי האָט פאַרצווייפעלט גענומען וויינען:

— ראַבי בערענשטיין, גלויבט מיר, איך וויל בעסער שטאַרבען, איידער איך וועל אַזאַ זאַך טאָן. זאָגט, וואָס זאָל איך טאָן. אַלצדינג וועל איך טאָן, אַלצדינג...

— די קליינע רוטי מוז אַוועקפאָהרען אין פּאַריז. פאַר איהר טאַלאַנט איז דאָס אויך נויטיג. איך גלויב, אַז איך וועל קריגען אַ פּרוי, וואָס זאָל מיט איהר פאָהרען. איך האָב עס שוין מרס. רובינטשיק אויך געזאָגט.

— אָלל רייט, ראַבי בערענשטיין, אָלל רייט... איך וועל פאָהרען... אָבער וואָס שנעלער... איך וויל אַנטלויפען פון דאַנען...

— און די קליינע רוטי וועט איהם דאָרט פאַרגעסען...

— ניין, דאָס גלויב איך ניט, ראַבי בערענשטיין...

— איך בין זיכער אין דעם. די קליינע רוטי דאַרף נאָר טראַכטען, אַז דאָס איז אַ שווערע זינד...

— יאָ, אַ שווערע זינד — האָט רוטי פיבעריש געפלים־טערט.

— די קליינע רוטי דאַרף גאָט בעטען, וועט גאָט איהר האַרץ בארוהיגען.

— איך בעט גאָט — האָט זי געפליסטערט.

— וועט גאָט איהר העלפען. און איך וועל אויך פאַר

דער קליינער רוטי'ן בעטען. און איבער אַ יאָהר, ווען מיר וועלען ווידער רוטי'ן זעהן, וועט זי דאַן לאַכען פון איהר היינטיגער פאַרצווייפלונג. די קליינע רוטי מעג זיין זיכער אין דעם.

און שפּעטער, ווען ער האָט זי פאַרלאָזען, איז אָפּגעמאַכט געווען, אַז רוטי פאָהרט אין פאַריז און אַז ער וועט פּרובען רעדען מיט זיינער אַ באַקאַנטער פרוי, וועלכע וועט, אפשר, מרוצה ווערען צו פאָהרען מיט רוטי'ן פאַר אַ געוויסען מאַנאַטליכען געהאַלט.

אויף מאָרגען איז פון עני'ן אָנגעקומען א בריעף. רוטי האָט איהם אויך געלייענט. אין דעם דאָזיגען בריעף האָט עני דערמאָנט ראָבינס'ן כמעט אין יעדער שורה. ווען רוטי האָט איהם געלייענט, האָט זי יעדעס מאָל, ווען איהרע אויגען האָבען זיך געטראָפען מיט דעם נאָמען דזשאָו, זיך אָפּגעשטעלט און געפיהלט, אַזוי ווי איהרע געדאנקען וואָלטען זיך פאַרטשעפּעט אָן דעם און אריינגעפּלאָנטערט, ווי א פליעג אין שפּינוועבס... מיט גוואַלד האָט זי זיך אוועקגעריסען פון דעם און ווייטער געלייענט און האָט דעם בריעף ביז'ן סוף ניט דערלייענט...

דער דאָזיגער בריעף האָט זי מורא'דיג אויפגערעגט. אַזוי פריי און אָפען האָט איהר שוועסטער אין איהם דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם מאַן, וואָס זי, רוטי, האָט זיין געשטאַלט אין איהר נשמה געטראָגען אַזוי פאַרבאַהאַלטען און פאַרשטיקט... און ווי זי האָט זיך ניט געפיהלט שולדיג און זינדיג געגען איהר שוועסטער אונטער דעם איינפלוס פון ראַבי בערענשטיינ'ס רייד און איהרע אייגענע געדאַנקען. האָט זי דאָך ניט געקענט אין זיך דערשטיקען א פיינדליכען געפיהל פון אייפערזוכט איצט, ווען זי האָט איהר שוועסטער'ס בריעף געלעזען.

„ווי פאַרדאָרבען איך בין!" — האָט זי דערנאָך פאַרצווייפעלט א טראַכט געטאָן.

שפּעטער איז אסתר ארויפגעקומען צו איהר אין צימער.

— רוטי, שרייב אָן א בריעף צו עני'ן; איך האָב שוין אָנגעשריבען.

רוטי האָט געענטפערט:

— איך קען ניט, מאַמע.

— וואָס הייסט, דו קענסט ניט?
— איך קען ניט. מיר איז שווער. שרייב דו א גרוס פון מיר.
— זיי ניט קיין קינד, רוטי. ווי זאָגט יענער? זי איז דאָך אודאי ניט שולדיג...
— אָבער איך בין שולדיג, מאַמע, געגען איהר... און מיר איז שווער צו שרייבען צו איהר...
אסתר האָט דאַן געזאָגט מיט א ווייכען קול:
— דו, מיין קינד, ביזט אויך ניט שולדיג. וואָס ביזטו נעבעך שולדיג? שרייב אַן עטליכע ווערטער, שרייב אַן, מיין גוט קינד...
און אסתר האָט זי מיט רחמנות א גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ.
דאַן האָט רוטי אָנגעשריבען:
„איך פאָהר באַלד אוועק אין פּאַריז, און איך בין אַזוי גליקליך, למאי איך פאָהר. שפּעטער וועל איך שרייבען מעהר. זייט געזונט און גליקליך.
רוטי."
די פרוי, וואָס ראַבי בערענשטיין האָט אין זינען געהאַט, האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, צו פאָהרען מיט רוטי'ן. פאַר רובינטשיק'ן איז רוטי'ס פאָהרען געווען אַן איבעררעשונג, און פריהער האָט ער פון דעם ניט געוואָלט אפילו הערען. זי וועט ניט פאָהרען אין אַזא צייט. ער וועט זי ניט לאָזען. זי וועט קענען פאָהרען איבער־אַ־יאָהר, ווען אין אייראָפּא וועט זיך באַרוהיגען.
— און, בפרט — האָט ער געשריען — וואָס הייסט, רוטי וועט אוועקפאָהרען פאַר עני'ס חתונה? און, ווידער, איך פאַרשטעה ניט, וואָס עפּעס מיט אַמאָל האָט זיך ביי דיר איבערגעדרעהט, אסתר? פריהער האָסטו דאָך גאָר אפילו ניט געוואָלט הערען פון דעם, אַז רוטי זאָל פאָהרען?
אסתר האָט איהם געענטפערט:
— אַז איך בין איצט ניט דאַגעגען, באַווייזט עס, אַז רוטי מוז אוועקפאָהרען. האָסטו געזעהן, ווי אומעטיג און דערשלאָגען זי איז? דאָס איז דערפאַר, ווייל מען לאָזט זי ניט פאָהרען אַהין. ראַבי בערענשטיין האָט עס מיר געגעבען צו פאַרשטעהן און ער איז קליגער פון אונזביידען.

און, צום סוף, איז געבליבען, ווי אַלע מאָל: רובינטשיק האָט זיך פריהער געקאָכט און געליאַרעמט, אַז ער וועט זי ניט לאָזען, ביז ער האָט איינגעזעהן, אַז ער וועט מוזען נאָכגעבען. האָט ער דאַן מיט אַמאָל ערקלערט, אַז ער טענה'ט שוין לאַנג, אַז מען דאַרף רוטי'ן אַוועקשיקען אין פּאַריז. אַ קלייניגקייט אַזאַ טאַלאַנט! און ער האָט געענדיגט:

— גאָרניט. איך האָב נאָר געמיינט, אַז זי וואָלט באַדאַרפט איבערוואַרטען עני'ס חתונה. נאָר אויב עס מאַכט זיך איצט אַ באַקאַנטע פרוי, וואָס וועט מיט איהר פאָהרען, דאַרף רוטי ניט וואַרטען. ראַבי בערענשטיין איז גערעכט.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער אַוועקגעשיקט אין וואַשינגטאָן וועגען אַ פּאַספּאָרט.

פון איצט אָן איז רוטי אויף קיין איין מינוט ניט פאַרבליבען אַליין, איז כסדר אַרומגעפאָהרען מיט אסתר'ן, וועלכע האָט זאַכען פאַר איהר איינגעקויפט. און אינ'ם הויז האָט אסתר אויך אַכטונג געגעבען, אַז רוטי'ס געדאַנקען זאָלען פאַרנומען זיין מיט דעם צוגרייטען זיך צו דער רייזע.

ביינאַכט נאָר, ווען רוטי איז אויף איהר געלעגער געלעגען, האָט די בענקעניש זי רוהען ניט געלאָזט, און דאַן האָט זי געטראַכט: וואָלט זי איהם כאָטש געזעהן, איידער זי פאָהרט אַוועק; וואָלט זי כאָטש אַ בריעף פון איהם געלעזען!

און זי האָט זיך געפרעגט: פאַרוואָס איז פון איהם קיין בריעף נאָך ניטאָ, און אין די געדאַנקען געצעהלט די טעג זינט ער איז אַוועקגעפאָהרען, און האָט אויסגערעכענט, אַז אַ בריעף האָט שוין לאַנג געדאַרפט אָנקומען.

און דאַן איז זי אומרוהיג געוואָרען: צי האָט מיט איהם עפּעס ניט פּאַסירט? אפשר איז ער דאָרט גאָר קראַנק געוואָרען?

און זי האָט ווייטער געטראַכט: זי קען גאָרניט פאַרשטעהן עני'ן. ווי קען זי דאָרט רוהיג איינזיצען? זי, רוטי, וואָלט טעלעגראַפירט צו איהם. ניין, זי וואָלט צו איהם אַוועקגעפאָהרען. זי וואָלט ניט געקענט וואַרטען. זי וואָלט משוגע געוואָרען. ניין, עני ליעבט איהם ניט אַזוי ווי זי!...

איינמאָל, סוף וואָך, ווען רוטי איז געשטאַנען אין אַ נייעם קלייד ביי איהר אינ'ם צימער און אסתר האָט עס פון אַלע זייטען באַטראַכט אויף איהר, איז שאַסקע מיט אַמאָל

אַריינגעלאָפען מיט אַ צופלאָמטען פּנים און האָט פאַרסאָפּעט אַרויסגעשריען :

— דזשאָו איז געקומען !

און זי איז גלייך אַרויסגעלאָפען.

אסתר איז צוטומעלט געוואָרען. און רוטי׳ן האָט עפּעס אַ מיש געטאָן פאַר די אויגען, און די ווענט פון׳ם צימער האָבען אָוועקגעשוואומען, און דער דיל פון אונטער איהרע פיס האָט זיך אָוועקגעטראָגען. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איהר אָרט מיט אַ געשריי, אין וועלכען איהר גאַנצע נשמה האָט זיך געצאַפּעלט :

— דזשאָו !...

אסתר האָט זי פאַר אַן אָרעם אָנגעכאַפּט :

— וואוהין ?

רוטי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף איהר מאַמע׳ן און איהרע אויגען און איהר גאַנצער פּנים מיט די חן־גריבעלער האָבען מיט ליכטיגע שטראַהלען געשפּריצט, האָט זיך געדאַכט. און דאָן האָט זי ווידער אויסגעשריען, ווי אויסער זיך :

— מאַמאַ, דזשאָו איז געקומען !

און זיך אַ וואַרף געטאָן צו אסתר׳ן און זי געכאַפּט קושען.

אסתר האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איהר.

— רוטי, דו האָסט פאַרגעסען ! — האָט זי אַרויסגע־מורמעלט מיט שרעק.

און גלייך איז רוטי צו זיך געקומען און די ליכטיגע שטראַהלען האָבען זיך אין איהרע אויגען אויסגעלאָשען.

— מאמא — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, און שוין גע־קוקט פאַר זיך ווי אַ צודולטע.

— רוטי, דו מוזט זיין אַ מענש ! — האָט אסתר ווידער געזאָגט.

רוטי האָט אָוועקגעדרעהט דעם קאָפּ און געביסען די ליפּען.

אסתר האָט אַ טראַכט געטאָן מיט ביטערניש :

„אַזוי ווי דער שוואַרץ יאָהר וואָלט איהם איצט אָנגע־טראָגען !״

דאָן האָט רוטי אַרויסגעפּליסטערט :

— מאַמאַ, פאַרוואָס איז ער איצט געקומען ?

און אין איהרע אויגען זיינען טרערען געשטאַנען.

און פּלוצים האָט אסתר זיך אָנגערופען מיט אַ פעסטען קול :

— ער איז צו עני'ן געקומען !... ער האָט געבענקט נאָך איהר... און מאָרגען פאָהרט ער צו איהר... איך געה איהם זעהן.

רוטי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן :

— איך געה אויך !

אסתר האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף איהר.

— דו בלייב דאָ, רוטי !

— מאַמאַ !...

אסתר האָט אַ טראַט געטאָן און צווישען פאַרשצעמטע צייהן אַרויסגערעדט :

— דו ווייסט טאָן, וואָס איך וועל דיר הייסען. דו קענסט מיך ניט. קיינער פון אייך קען מיך ניט. איך בין שטיל, שטיל, אָבער ביז אַ צייט... רוטי, געדענק : עני'ס לעבען איז אין דיינע הענט און זאָל, חלילה... דו הערסט, רוטי ? דאָן מעג דיין לעבען, מיין לעבען, אונזער אַלעמענ'ס לעבען...

זי האָט זיך אונטערבראָכען און איז אַרויסגעלאָפען פון רוטי'ס צימער.

רוטי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן נאָך איהר, איז צוגעלאָפען צו דער טיר, ווי אַ צומישטע, און האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָט זי אַרויסגעמורמעלט : „איך וועל משוגע ווערען", איז מיט וואַקלענדיגע טריט צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אויף איהם אין איהר נייעם קלייד, מיטביידע אָרעמס אויסגעשפּרייט, און קאָנוואולסיוו זיך איינגעקלאַמערט מיט ביידע הענט אין דעם בעט־געצייג און אַרויסגעקרעכצט :

— פאַרוואָס איז ער איצט געקומען ?...

* * *

אין דער אייגענער צייט האָט ראַבינס, אַ מיעדער און אַן אויפגערעגטער, מיט טונקעלע פאַסען אַרום די אויגען און מיט אַן אומעטיגען שמייכעל אויף די ליפּען, ווי ביי אַ קראַנקען, אַרומגעשפּרייזט אונטען איבער'ן עס־צימער און זיך פראַגען געשטעלט.

ער האָט זיך שוין דערוואוסט פון שאָסקע'ן, אַז רוטי פאָהרט אוועק, האָט ער מיט ביטערניש זיך איצט געפרעגט: פאַרוואָס איז ער איצט אַהער געקומען? פאַרוואָס איז ער צוריק אַהער געלאָפען, ווי אַ משוגענ'ער? מען וואָלט גע־קענט מיינען, אַז דער טייוועל שפּילט זיך אַזוי ביז מיט איהם!

יאָ, יאָ, אַזוי ווי ער וואָלט מיט קאָפּ און הארצען ביים טייוועל אין די הענט געווען! ער אַליין איז שוין מעהר קיין בעל־הבית ניט אויף זיך. דאָס האָט ער באַזונדערס קלאָר געפיהלט, ווען ער איז צו זיך אַהיים געקומען. עס האָט איהם געצויגען און געשלעפּט און ווי מיט אַ בייטש איהם געטריבען צוריק... און וואָס פאַר אַ דרייסטע, אונזיניגע געדאַנקען זיי־נען איהם אויפ'ן זינען אַרויף אויפ'ן וועג אַהיים!...

ווען ער האָט זיך מיט רוטי'ן געזעגענט, האָט ער פּלוצים דעם צאַפּעל פון איהר ליעבע מיט זיין הארצען דערפיהלט. דאַן איז ער מטושטש געוואָרען. דערנאָך, ווען ער איז אין וואָגאָן געזעסען, האָט ער זיך דערמאָנט אַן פאַרשידענע מאָ־מענטען מיט איהר, אין וועלכע ער האָט איצט מיט אַמאָל איהר ליעבע דערזעהן. דאַן האָט ער זיך דערמאַנט, ווי פאַר־דעכטיגט אסתר האָט זיך די לעצטע צייט פאַרהאַלטען צו איהם און צו רוטי'ן, ווי אַזוי זי איז זיי נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען, און ווי זי האָט געקוקט אויף זיי, און ער איז נאָך זי־כערער ביי זיך געוואָרען, אַז רוטי ליעבט איהם.

ער האָט געטראַכט: „די מאַמע האָט עס פריהער באַ־מערקט, ווי איך, דער פאַר'שכור'טער, און דערפאַר האָט זי אַזוי געהיט און געקוקט!”

געוויס דערפאַר! רוטי ליעבט איהם אויך! דאַן האָט ער אפריהער משוגע זיך דערפרעהט און דערנאָך איז ער נאָך מעהר פאַרצווייפעלט געוואָרען.

„זי ליעבט מיך!” — האָט אפריהער אין זיין הארצען משוגע געהוליעט.

„אויב אַזוי, האָב איך אודאי געמוזט אוועקפאָהרען!” — האָט ער אין אַ ווייַלע אַרום פאַרצווייפעלט געטראַכט.

און אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָבען הארץ און מח אין איהם אַזוי געקעמפּט, אַמאָל האָט דער מח אַ ווייַלע מנצח געווען און אַמאָל דאָס הארץ. ביז, צום סוף, האָט דער מח זיך

אונטערגעגעבען און מיט'ן הארצען זיך פאראייניגט... דאן האט ראבינס געטראכט :

— זאל מען זאגען, אז ער האט ניט עהרליך געהאנדעלט, ער לאכט פון דעם ! סיידען אן אידיאט וועט אוועקשמייסען זיין לעבען, כדי צו געפעהלען אנדערע אידיאטען. זיין לעבען געהערט איהם און נאר איהם אליין. בעסער צו זיין א גליקליכער שלעכטער ווי אן אומגליקליכער גוטער. און פארוואס עפעס איז ער א שלעכטער ? ווען רוטי ליעבט איהם, וועלען צוויי מענשען גליקליך זיין. ווער קען פארלאנגען, אז צוויי לעבענס זאלען זיך מקריב זיין פאר איין לעבען... בפרט אין אזא פאל, ווען ער ליעבט זי ניט. פון דעם שטאנדפונקט פון ריינער מאראל, טאר ער דאך מיט איהר ניט חתונה האבען, דאס וואלט דאך געווען פשוט פראסטיטוציע. פארקויפט זיך. וואס איז דער אונטערשייד, צי צוליעב געלט, אדער צוליעב היפאקריטסטווא... יא, היפאקריטסטווא, צבוע'צסטווא — דאס איז דאס ! — האט ער געטראכט.

ער וועט צוריק פאהרען, וועט איבעררייידען מיט רוטי'ן. און א סוף ! איהרע עלטערען וועלען מאכען א סקאנדאל ? זיי וועלען שפעטער בעסער ווערען ! ער וועט זיך באזעצען מיט איהר אין פאריז, צי גאר מיט איהר מאכען א רייזע ארום דער וועלט.

און בעת ער האט אזוי געטראכט, האט דער צוג איהם דערווייל געטראגען אלץ ווייטער און ווייטער פון איהר און מיט זיינע געדאנקען און הארצען האט ער זיך אלץ נעהענטער געפיהלט צו איהר.

דאך בארוהיגען זיך אויף דעם האט ער ניט געקענט. ווען ער איז אויף זיין געלעגער אינ'ם וואגאן געלעגען, האט עני'ס געשטאלט פאר איהם פלוצים ארויסגעשוועבט און איהר פארצווייפעלטער בליק האט דעם שלאף פון זיינע אויגען געטריבען און אין זיין הארצען וואונדען געמאכט.

דאן האט ער אין זיינע געדאנקען צו איהר גערעדט און אין זיינע אויגען האט ער טרעהרען געפיהלט :

— גלויב מיר, עני, עס טוט מיר וועה פאר דיר. אבער וואס זאל איך טאן ?

און אן אנדערסמאל האט ער זיך אין די געדאנקען ביי איהר געבעטען :

— אַי, ליעב מיך ניט, עני, האָס מיך, האָס מיך בעסער!
אַזוי איז ער אַנגעקומען אין זיין שטאָדט.

דאָרט אין זיין רייכען, גרויסען הויז האָט ער נאָך שאַרפער די אומעט און בענקעניש געפיהלט. דאָס גאַנצע הויז איז מיט שווערען טרויער אַנגעפילט געווען און האָט איהם גע־שטיקט.

אויף מאָרגען האָט ער אַ בריעף פון עני'ן באַקומען. אַז זי פאָהרט אַוועק אין קאַונטרי. דאַן האָט זיך איהם פאָרגע־שטעלט דאָס הויז אין ברוקלין אַהן עני'ן און פון יעדען ווינ־קעל פון יענעם הויז האָט רוטי אַרויסגעקוקט אויף איהם — אסתר'ן האָט ער אין די געדאַנקען אַוועקגעשטויסען פון זיך — און דאַן האָט ער מיט אַמאָל באַשלאָסען צו פאָהרען צוריק. פאַר זיין אַוועקפאָהרען האָט ער אַ צווייטען בריעף פון עני'ן באַקומען שוין פון די בערג. ער האָט זיך דאַן מישב געווען. צי זאָל ער איהר ענטפערען, צי ניט, און זיך געזאָגט: וואָס זאָל ער איהר שרייבען? וואָס קען ער איהר שרייבען? ער פאָהרט דאָך צוריק. ער וועט דאָרט זעהן...

און, פאָהרענדיג דערנאָך צוריק, האָט זיך איהם די גאַנ־צע צייט אויסגעוויזען, אַז דער צוג פליהט ניט גענוג שנעל. אַזוי נערוועז און אומגעדולדיג איז ראַבינס געווען.

איצט האָט ער קלאָר כמעט וועגען גאָרניט געטראַכט. איין געדאַנק האָט איהם בלויז באַרוישט: ער וועט רוטי'ן זעהן און וועט מיט איהר ריידען. דאָס איז איצט געווען זיין עיקר געדאַנק פון אין־דער־פריה ביז ביינאַכט. די אַנדערע געדאַנקען זיינען געווען בלויז שאָטענס, וואָס האָבען אויף אַ רגע אין זיין מח אַ שוועב געטאַן און זיינען גלייך פאַר־שוואונדען.

נאָר ווען דער צוג איז אין ניו יאָרק אַנגעקומען, האָט ראַבינס דאַן אַנגעהויבען אַנדערש צו פיהלען. מיט אַמאָל איז אסתר אַרויסגעטראָטען פאַר איהם אין זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט צווישען איהם און רוטי'ן. דאַן האָט ער פלוצים זיין מוט פאַרלאָרען און ער האָט צומישט אַ טראַכט געטאַן:

— וואָס זאָגט מען איהר?

שפּעטער, ווען ער איז צום הויז אויפ'ן בולוואַרד צוגע־פאָהרען, האָט דאָס האַרץ ביי איהם אַזוי געקלאַפּט, ווען ער האָט דעם גאַניק דערזעהן. און איהם האָט זיך אויסגעוויזען.

אַז פון אַלע פענסטער קוקט אַרויס צו איהם רוטי...

דערנאָך, ווען ער איז אין שטוב געווען און שאָסקע האָט זיך מיט איהם אָפּגעפרעהט און אויסגעפרעגט איהם, און אַלע נייעסען איהם דערצעהלט, אפילו דאָס, אַז זי געהט חתונה האָבען מיט מיסטער פּערעלמוטער, דעם „טאַטע פון די שעהנע קינדערלעך", האָט זי איהם אויך דערצעהלט, אַז רוטי פאָהרט טאַקע אַוועק נאָך פּאַריז. ער האָט זיך פלוצים שטיל און ביטער צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו, דזשאָו? — האָט שאָסקע זיך אָנגערופען.

ער האָט געענטפערט:

— גאָר ניט, שאָסקע.

און צוגעלעגט מיט ביטערניש אינ'ם קול:

— בין איך, הייסט עס, געקומען אין דער ריכטיגער צייט. זיך צו זעגענען מיט איהר...

שאָסקע האָט זיך א חאַפּ געטאָן:

— איך וועל געהן אָנזאָגען אסתר'ן און רוטי'ן אַז דו ביזט דאָ!

און זי איז אַרויסגעלאָפען.

ראָבינס האָט זיך דאָן ווידער צולאַכט און אַ טראַכט געטאָן:

„אַזוי ווי דער טייפעל וואָלט זיך מיט מיר געשפּיעלט! וואָס איצט?"

דערנאָך איז שאָסקע ווידער אַריינגעקומען.

— איך וועל עפּעס מאַכען פאַר דיר צו עסען — האָט זי געזאָגט, און איז אין קיך אַריינגעלאָפען.

דאָן האָט ראָבינס גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער און געשמייכעלט, ווי א קראַנקער, און געטראַכט און זיך גע־מוטשעט, לּמאי ער איז איצטער אהער געקומען.

פלוצים האָט ער דערזעהן אסתר'ן. זי איז אַריין אין עס־צימער רוהיג, מיט א ברוך־הבא שמייכעל. און אַז ער האָט זי איצט דערזעהן, האָט ער דערפיהלט עטוואָס עהנליך צו דעם, וואָס א פאַרברעכער פיהלט, בעת ער דערזעהט פלוצים פאַר זיך א דעטעקטיוו—אי שנאה, אי עפּעס א שרעק...

— דזשאָו? — האָט זי געזאָגט — אַזאַ גאַסט, אומגעריכטערהייד! וואָס מאַכסטו?...

זי האָט איהם דערלאַנגט די האַנט און זיך איינגעסען אין איהם מיט איהרע אויגען.

ער האָט געענטפערט מיט אַ צומישטען שמייכעל:

— אָל רייט, טאַנטע...

זי האָט באַמערקט ווי שלעכט ער זעהט אויס, האָט זי זיך גלייך אָנגעשטויסען, פאַרוואָס, און דאַן איז איהר אויך קלאָר געוואָרען, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי שנעל צוריקגעקעהרט. און אין איהר נשמה האָט עפּעס פאַרצווייפעלט און מיט האַס אויסגעשריען: „מערדער, וואָס האָסטו צו מיינע קינדער?!" זי האָט עס אָבער אין זיך דערשטיקט און מיט די ליפּען גע־שמייכעלט.

— וואָס הערט זיך ביי דיר אין דער היים? — האָט זי דאַן געפרעגט.

— אין דער היים איז אַלצדינג אין אָרדנונג — האָט ער געענטפערט.

— נו, געלויבט איז גאָט... האָסטו פון דיין כלה אַ בריעף ערהאַלטען.

ער האָט געענטפערט:

— צוויי.

— ווייסט זי, אַז דו ביזט דאָ?

— ניין.

זי האָט זיך צולאַכט.

— דו האָסט איהר גאָרניט געשריבען, אַז דו פאָהרסט צו־ריק? איך פאַרשטעה, דו האָסט זי געוואָלט מסתמא סור־פּרייזען? אמת?

ער האָט אַ ווייל געשוויגען, דערנאָך געענטפערט:

— פילייכט...

דערנאָך האָבען זיי ביידע אַ ווייל געשוויגען. זי האָט ניט געוואָגט אַרויסצוזאָגען דאָס, וואָס האָט איהר האַרץ געברענט. זי האָט מורא געהאַט דאָס דאָזיגע פייער אַרויסצולאָזען, טאָ־מער, חלילה, כאַפּט עס איהם אָן אַזוי, דאָס עס וועט דערנאָך אוממעגליך זיין צו דערשטיקען, און ער האָט אינסטינקטיוו דאָס דאָזיגע פייער אין איהר געשפּירט, און עס האָט איהם אויפגערעגט, צומישט און געטריבען פון איהר...

מערקווירדיג, קיין איין בייז וואָרט, קיין איין שלעכטער בליק איז ניט געפאַלען צווישען די דאָזיגע צוויי מענשען, און

דאָך זיינען זיי איצט געשטאַנען איינער געגען אַנדערען, ווי צוויי פאַרביסענע שונאים, וואָס האָבען זיך געהיט איינער פאַר דעם אַנדערען...

פלוצים האָט זי זיך אָנגערופען:

— דו ווילסט דאָך, מסתמא, ריידען צו עני'ן דורכ'ן טעלעפאָן? איך גיב דיר גלייך דעם טעלעפאָן פון איהר האָטעל.

און זי איז צוגעגאַנגען צום ביורא און האָט ארויסגענומען עני'ס בריעף און איהם דערלאַנגט.

— דאָ איז איהר טעלעפאָן, דזשאָו...

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— שפעטער... איך וועל זיך פריהער איינוואַשען... איבערטאָן זיך... און פיעלייכט איז זי איצט ניטאָ אינ'ם האָטעל... דינער־צייט וועל איך זי אָפּרופען.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן:

— זאָל זיין שפעטער.

שאַסקע האָט אריינגעבראַכט עסען.

— דזשאָו, געה צום טיש!...

ער האָט געענטפערט:

— איך האָב שוין געגעסען. איך וועל געהן זיך איבערטאָן.

ער האָט גענומען דעם סאַקוואַיאַזש און איז ארויף אויבען. שאַסקע און אסתר האָבען איהם באַגלייט.

באַלד זיינען זיי ארויס פון זיין צימער. שאַסקע איז אוועק אונטען און אסתר איז אריין צו רוטי'ן אין צימער.

רוטי איז געלעגען אויפ'ן בעט מיט'ן פנים צו דער וואַנט. אסתר איז צוגעגאַנגען צו איהר אויף די שפּיץ פינגער. רוטי האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן. אסתר האָט אַ טראַכט געטאָן: „אין דעם נייעם קלייד. אָבער אַ כפּרה פאַר איהר... איך וועל צוגעהן צו ראַבּי בערענשטיין. ער מוז גלייך קומען אַהער".

און זי האָט זיך שטיל ארויסגערוקט פון רוטי'ס צימער.

דאַן האָט רוטי דעם קאָפּ אויפגעהויבען און געוואָלט רופען איהר מאַמע'ן צוריק, אַז זי זאָל איצט בלייבען מיט איהר, וואָרים זי האָט געהערט זיינע טריט און געוואוסט, אַז ער איז איצט אין זיין צימער, און געפיהלט, אַז זי וועט משוגע

ווערען, ווען זי וועט איהם ניט זעהן, און געוואוסט, אז זי מאָר איהם ניט זעהן.

זי איז אַרונטער פונ'ם בעט און האָט גענומען לויפען איבער'ן צימער און צוטומעלט געטראַכט: וואָס זאָל זי טאָן? וואָס זאָל זי טאָן?

און מיט אַמאָל האָט זי די טיר פון איהר צימער, אזוי ווי מיט אַן אימפּעט, געעפענט און איהר קאָפּ אַרויסגערוקט... אַרויסגערוקט איהר קאָפּ און אַ געשריי געטאָן... אינ'ם קאָרידאָר איז ראָבינס געשטאַנען און האָט אויף איהר טיר מיט בענקעניש געקוקט.

ראָבינס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר און זי צו איהם, און זי האָט זיך געצאַפּעלט אין זיינע אָרעמס און ער אין איהרע.

שנעל, שטום און מיט מורא'דיגער קראַפט האָט זיך דורכגעבראָכען אין זיי ביידען אַלצדינג וואָס זיי ביידע האָבען געפיהלט און וואָס האָט זיי געצווינגען איינער צום אַנדערען און וואָס זיי האָבען ביז אַהער אין זיך געשטיקט.

ווי פאַרלאָרען איינער אין דעם אַנדערען האָבען זיי זיך איינער אין דעם אַנדערענ'ס אָרעמס געצאַפּעלט, איבערוועלטיגט פון דעם געפיהל פון אַלע געפיהלען.

דאַן האָט זי איהם אַנגעקוקט מיט ליכטיגע אויגען, שטום אַ כאַפּ געטאָן זיינע הענט און איהם אַריינגעשלעפּט אין איהר צימער.

קיין איין וואָרט האָבען זיי מיט די ליפּען ניט אַרויסגערעדט. דערפאַר אָבער האָבען זייערע ביידען'ס אויגען גערעדט, אַלצדינג אַרויסגערעדט, וואָס זיי האָבען אין האַרצען געדריקט, דעם חלום פון זייערע טעג און נעכט.

דער פּנים ביי רוטי'ן האָט געפלאַמט און די חן־גריבעלעך אויף איהרע באַקען האָבען מיט פייער געשמייכעלט און איהרע אויגען מיט ליכטיגע שטראַהלען געשפּריצט. און ער האָט געקוקט אויף איהר ווי פאַר'שכור'ט.

מיט אַמאָל האָט ער אַרויסגערעדט:

— רוטי!

און נאָך דעם פאַר'כשופ'טען שווייגען האָט זיין קול זי איבערגעשראָקען און זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— דו האָסט זיך דערשראָקען?

— גאַרנישט — האָט זי געענטפערט און געקוקט שוין פאַרלאָרען.

—וואָרום קוקסטו אַזוי אויף מיר ?

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ווי קוק איך ?

— אַזוי מאָדנע... ווי דו וואָלסט זיך פאַר מיר געשראָקען — האָט ער געענטפערט.

דאָס דאַכט זיך דיר, דזשאָ. וואָס מאַכסטו ? פאַרוואָס ביזטו אַזוי שנעל צוריקגעקומען ?

און דאַן איז ער צו איהר נעהענטער צוגעגאַנגען, האָט איהר האַנט אָנגענומען און מיט זיינע אויגען אין איהרע זיך איינגעגעסען.

— דו ווילסט וויסען, פאַרוואָס ? — האָט ער אַרויסגערעדט הייזעריגלעך — ווייל איך האָב געבענקט נאָך דיר.

זי האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן און אַרויסגעפליסטערט :

— נאָך מיר ?!

— יאָ, נאָך דיר. ווייל איך האָב דיך ליעב, משוגע ליעב !

— האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען ווי ביי אַ שכור'ען.

אויף אַ רגע האָט דער לשון איהר אָפּגענומען, און אַלצדינג פאַר איהרע אויגען האָט זיך גענומען וויגען און דרעהען. דער פּנים ביי איהר איז בלייך געוואָרען און דערנאָך רויט און ווידער בלייך געוואָרען און איהרע אויסגעגלאָצטע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם, ווי גלעזערנע. איהר האַנט האָט אַזוי ווי אַוועקגע'חלש'ט אין זיינער און אין איהר נשמה האָבען געמישטע קולות געשריען : „דזשאָ, און... מאַמע, ראַטעווע !”

און פּלוצים האָט ער אַ געשריי געטאָן :

— און דו האָסט מיך אויך ליעב, רוטי, איך וויים דאָס. איך וויים דאָס !

און ער האָט זי אַ ציה געטאָן צו זיך און געקושט איהרע אויגען, איהרע באַקען, איהר שטערן און די האָר אויף איהר קאָפּ, געקושט זי מיט אַזאַ ליידענשאַפט, מיט וועלכער אַ שיכור טרינקט זיין אַלקאָהאָל, און געקרעכצט :

— רוטי, רוטי !...

זי איז אין זיינע אָרעמס געלעגען, ווי אַ גע'חלש'טע, מיט פעסט־צונויפגעדריקטע ליפּען און צוטומעלט געטראַכט :

„וואָס טו איך ?״ און אין די געדאַנקען געשריען „מאַמע״ און מיט׳ן האַרצען — „דזשאָו״, האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון זיינע אָרעמס און איהר יונגער קערפּער האָט זיך ניט געלאָזט און זיך געצויגען צו זיינעם.

און מיט אַמאָל האָט עני פאַר איהר אַרויסגעשוועבט און אסתר און ראַבי בערענשטיין, און דורך דעם ווירבעל פון איהרע געדאַנקען און געפיהלען האָט זי זיין קול דערהערט : „נאָך ערגער ווי עני וואָלט מיט דעם קריסטליכען באַי חתונה געהאַט״, און זי האָט זיך מיט אַ פאַרצווייפעלטען יאָמער פון ראָבינס׳עם אָרעמס אַ ריס געטאָן :

— וואָס טוסטו ?!

— איך האָב דיך ליעב, רוטי ! — האָט ער געקרעכצט.

זי האָט אַ טופּע געטאָן מיט׳ן פוס און געוויינט :

— שווייג !

— דו האָסט מיך אויך ליעב, רוטי !

— אַ ליגען ! אַ ליגען ! — האָט זי גענומען שרייען כמעט היסטעריש — איך האָב דיך ניט ליעב. דו ביזט משוגע !

— רוטי, איך זעה דאָס, איך פיהל דאָס...

— שווייג ! אָדער געה אַרויס פון דאַנען. דו דאַרפסט ניט ריידען צו מיר אַזוי, דו טאָרסט ניט ריידען צו מיר אַזוי... האָט זי זיך צעוויינט העכער — איך האָב דיך ניט ליעב. און איצט האָב איך דיך פיינט. דו הערסט ? איך האָב דיך פיינט. ווייל דו ביזט אַזאַ שלעכטער, ווייל דו ביזט ניט קיין דזשענטעלמאַן... געה, געה, איך שעהם זיך פאַר דיר און איך האָב רחמנות אויף עני׳ן, למאַי זי ליעבט דיך. געה ! געה !

און זי איז צוגעלאָפען צום פענסטער, האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט מיט׳ן רוקען צו ראָבינס׳ן און שטיל געכליפּעט...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט הינטער זיך אַ פאַרשטיקט שלוכצען. זי האָט זיך אַ קעהר געטאָן און דערזעהן ווי ראָבינס זיצט מיט׳ן קאָפּ צוגעשפּאַרט צום טיש און שלוכצט פאַרשטיקט.

און איהר האַרץ האָט זיין געוויין אונטערגעכאַפּט, און אַ וואָרפטאָן זיך צו איהם האָט זי געוואָלט, און די הענט איהם קושען, און די האָר איהם צערטלען, און טרייסטען איהם און בעטען און אויסגיסען אויף איהם די אַלע לאַסקעס, וואָס

גאַנצע שטראָמען פון זיי זיינען אין איהר האַרצען געווען פאַר איהם און בלויז פאַר איהם... אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי, אַזוי ווי זי וואָלט אין דער דאָזיגער האַלבער שעה אויף עטליכע יאָהר עלטער געוואָרען, פאַרשטאַנען, אַז פון איהר איצטיגער האַלטונג הענגט אָפּ אַלצדינג... און זי האָט די אויגען אויסגעווישט און אַ שמייכעל געטאָן צו איהם. דער־נאָך איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און האָט די האַנט איהם אויפ'ן אַקסעל אַרויפגעלעגט.

— משוגענער דזשאָו! — האָט זי אַרויסגערעדט, און זיך שטיל צולאַכט.

און אין דעם דאָזיגען מאָמענט איז זי אַזוי עהנליך גע־ווען צו איהר מאַמען, אפשר דערפאַר, ווייל אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט זי זיך געוועהרט נעגען זיך אַליין און נעגען איהם מיט די שטריכען פון איהר מאַמע'ס פעסטען כאַראַק־טער, וואָס זיי זיינען אין איהר כאַראַקטער אויך געווען.!

ער האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן.

— דזשאָו, די מאַמע קומט באַלד אריין, וואָרום זאָלסטו איהר פאַרשאַפען אומזיסט שמערצען?

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט מיט האַס אין די אויגען:

— דיין מאַמע האָט איהר לעבען געלעבט...

— און דו וועסט אויך לעבען און גליקליך זיין מיט עני'ן, דזשאָו... גלויב מיר, אַז זי איז אינטערעסאַנטער, קליי־נער און שעהנער פון מיר...

ער האָט זי פאַרשטאַנען, אַזוי ווי אין האַרצען איהר אַריינגעקוקט און ער האָט געזאָגט:

— דו ביזט שטאַרקער פון מיר, רוטי!

— שטאַרקער פון דיר? — האָט זי זיך אָנגערופען מיט אַן אומעטיגען שמייכעל און אויסגעשטעלט צו איהם איהרעביידע קליינע הענט, אַזוי ווי זי וואָלט אין זיי געהאַלטען איהר צוריסען האַרץ און וואָלט איהם עס ווייזען געוואָלט: זעה אַזעלכע קליינע, שוואַכע הענט...

— און אַזאַ שטאַרקער ווילען! — האָט ער אונטער־געכאַפּט און דערנאָך צוגעלעגט: — דו האָסט דאָך אָבער מיך ליעב, רוטי!

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן איהר שוואַרצען קאָפּ:

— ניין.
ער האָט זיך אויפגעהויבען.
— רוטי, איך ווייס דאָך, אז דו האָסט מיך ליעב. זאג דאָס מיר. איך וויל עס פון דיינע ליפען הערען.
— דזשאָו, איך וויל דיר קיין ליגען ניט זאָגען...
— דו זאָגסט ניט דעם אמת, רוטי! איך בעט דיך. איך וויל עס הערען פון דיר. אלס ערגעהוננג וויל איך עס האָבען, וואָס וועט אפשר מיין עלענד לעבען וואַרעמען...
זי האָט א ווייל געשוויגען און געקוקט אויף איהם מיט רחמנות. דאַן האָט זי געזאָגט:
— דזשאָו, פאָהר צו עניין, און איך — נאָך פאַריז...
ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן:
— איז דאָס אַן ערקלערונג, אַז דו ליעבסט מיך, נאָר עני שטעהט צווישען אונז?
רוטי האָט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און געענטפערט:
— איך ליעב דיך ניט, דזשאָו. און ווען איך וואָלט דיך אפילו יאָ געליעבט, וואָלט איך איבער עני׳ס לעבען ניט אַריבערגעטראָטען צו מיין גליק.
ער האָט זיך אָנגערופען:
— איצט האָסטו דעם אמת געזאָגט. דו האָסט מיך ליעב, נאָר צוליעב עני׳ן...
— זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן:
— איך האָב עס ניט געזאָגט. איך האָב דיך ניט ליעב.
און מיט אַמאָל האָט זי נערוועז א געשריי געטאָן:
— ווי קען איך דיך ליעבען, דו ביזט דאָך באַלד אַזוי אַלט, ווי מיין פּאַפּאַ. הער אויף!...
ער האָט זיך א צאַפּעל געטאָן:
— דו טוסט מיר וועה, רוטי!
זי האָט געזאָגט:
— דו טוסט מיר אויך וועה. הער אויף. פאָהר צו עני׳ן.
— און דו אין פאַריז?
— יאָ.
— און איך וועל דיך ניט זעהן מעהר?
— אין א פּאָר יאָהר שפּעטער, פיליכט...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— טו מיר אַ קוש, רוטי!

— ניין.

— איך בעט דיך...

— זיי ניט משוגע, דזשאָו...

— אַלס אָנדענק, רוטי...

— ניין, ניט איצט. איך וועל דיר געבן אַ קוש, איי־דער דו וועסט אַוועקפֿאָרן צו עני'ן...

די טיר האָט זיך פּלוצים געעפֿנט און אסתּר און ראַבי בערענשטיין זיינען אַריינגעקומען. ביידע זיינען שטעהן גע־בליבן צוטומעלט, ווען זיי האָבן ראַבינס'ן דאָרט דערזעהן.

רוטי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעשריען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּן:

— העללאָו, ראַבי בערענשטיין! וואָס זאָגט איהר אויף מיסטער ראַבינס? ער האָט זיך אַזוי פֿאַרבענקט נאָך זיין כּלה, דאָס ער האָט מעהר ווי איין טאָג ניט געקענט פֿאַר־בלייבן ביי זיך אין דער היים.

— דאָס איז שעהן! — האָט ראַבי בערענשטיין זיך אָנגערופֿן און אַ לאַסצע געטאָן זי און ראַבינס'ן מיט זיין ווייכן שמייכעל. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו ראַבינס'ן און האָט איהם די האַנט געדריקט.

— העללאָו, מיסטער ראַבינס, דאָס איז ווירקליך שעהן!

ראַבינס האָט זיך באַהערשט און מיט אַ העפֿליכער מינע אַרויסגערעדט:

— העללאָו, ראַבי בערענשטיין!

אסתּר האָט געקוקט מיט גרויסע אויגען אויף רו־טי'ן. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו איהר און האָט אַרויס־געמורמעלט אויפֿגערעגט, און איהרע אויגען האָבן געשיינט:

— מיין טייער קינד!...

און רוטי'ס האַנד מיט איהר גאַנצער ליעבע אַ דריק געטאָן.

און דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— דזשאָו, עס איז שוין דינער־טיים. דו ווילסט דאָך אָפּרופֿן עני'ן?

ער האָט זיך, ווי מיט אימפּעט, אַ כאַפּ געטאָן:

— אָה, יאָ, יאָ... איך וויל זי אָפּרופען...

ער וואָלט אַלצדינג געטאָן, כדי אַרויסצורייסען זיך פון דעם דאָזיגען צימער, וואו די אַנוועזנהייט פון אסתר און ראַבי בערענשטיין האָבען איהם איצט געשטיקט.

דאָן איז רוטי צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם אונ־טער דער האַנד גענומען.

— קום, איך וועל פאַר דיר אָפּרופען — האָט זי שטיל געזאָגט:

ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט איהר, האָט צוטומעלט גע־קוקט איהר אין די אויגען און געטראַכט:

„איז זי אזוי שטאַרק, אָדער אזוי פאַרצווייפעלט?"

אסתר האָט געוואָלט אַרויסגעהן, אָבער ראַבי בערענ־שטיין האָט זי צוריקגעהאַלטען.

— בלייבט נאָך אַ ווײַלע דאָ, מאַדאַם רובינטשיק — האָט ער זיך אָנגערופען — רוטי וועט שוין אַליין טאָן די אַרבייט... איך קען זי, די קליינע רוטי, איך האָב דאָס ער־וואַרטעט... אייערע אַ טאָכטער און עני'ס אַ שוועסטער...

אסתר האָט אַרויסגעמורמעלט:

— ראַבי בערענשטיין, דענקט איהר, אַז דער שטורם איז שוין פאַראיבער?

— איך בין איבערצייגט אין דעם, מאַדאַם רובינטשיק.

— וועט זי איהם פאַרגעסען, ראַבי בערענשטיין?

— שנעלער, ווי איהר דענקט. יונגע ליעבע פלאַמט אויף שנעל און ברענט אוים שנעל.

— וועט עני גליקליך זיין מיט איהם?

— יאָ, מאַדאַם רובינטשיק. ווייל עני וועט קיינמאָל פון דעם ניט וויסען און מיסטער ראַבינס איז אַ דזשענטעל־מאָן. און, אויסער דעם, וועט זי איהם, סוף כל סוף, צו זיך צובינדען. די נאַטור אַליין וועט שוין פאַר דעם זאָרגען.

זי האָט טיעף אָפּגעצויגען דעם אָטעם און אַרויסגעמור־מעלט:

— פונדעסטוועגען וואָלט איך וועלען, אַז רוטי זאָל שוין האָבען אוועקגעפאָהרען. מיין הארץ וואָלט דאָן רוהיגער געווען. קומט, מיר וועלען זעהן, וואָס זיי טוען דאָרט.

און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון רוטי'ס צימער.

אינ'ם עס־צימער האָבען זיי געטראָפען רוטי'ן ביים

טעלעפאָן. זי האָט געוואָרט, מען זאָל זיך אָפּרופען פונ׳ם האָטעל אין די בערג. זי האָט אויסגעקוקט נערוועז און אויפּגערעגט און נאָכאַנאַנד געביטען איהר פּלאַץ אַרום דעם טעלעפאָן. ראַבינס איז געשטאַנען מיט׳ן פּנים צום פענסטער, האָט גערויכערט אַ סיגאַר און צוטראָגען אַרויסגעקוקט אויפ׳ן גאַניק, וואו שאָסקע האָט זיך געשפּיעלט מיט פּערלמוטער׳ס קינדער.

ווען אסתר מיט ראַבי בערענשטיינ׳ען זיינען אין עסצימער אַריינגעקומען, האָט ראַבינס זיך אַ קער געטאָן צו זיי מיט אַ צוטראָגענעם שמייכעל און רוטי האָט אויך אַ שמייכעל געטאָן צו זיי און געזאָגט:

— דערווייל האָט מען נאָך ניט געענטפערט. עס געדויערט אַזוי לאַנג...

און מיט אַמאָל האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען. זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— העללאָו, גרענדוויו האָטעל?... איך וויל מיסס רובינטשיק צום טעלעפאָן. יעס, דהענק יו...

אסתר האָט זיך דאַן אָנגערופען:

— דזשאָו!...

ראַבינס איז דאַן צום טעלעפאָן צוגעגאַנגען.

אָבער רוטי האָט שוין דאָרט גערעדט:

— עני? העללאָו! רוטי! איך האָב אַ סורפּרייז פאַר דיר. טרעף? וואָס? אויב עס איז דאָ אַ בריעף פון דזשאָו׳ן? ער איז דאָ אַליין. דער משוגענער איז היינט געקומען צוריק. יעס, יעס... ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך דיר... איז ער ניט משוגע? כאַ! כאַ! כאַ! — האָט זי זיך צולאַכט כמעט היסטעריש און פּלוצים זיך אונטערבראָכען און אַ געשריי געטאָן — ער פאָהרט אַרויס צו דיר!...

האָט דאַן איבערגעגעבען דעם טעלעפאָן ראַבינס׳ן און אַליין אויף אַ שטול זיך אַרונטערגעלאָזט, אַזוי ווי מען וואָלט איהר די פיס אונטערגעהאַקט.

ראַבינס האָט גערעדט מיט אַ כלומרשט רוהיגען טאָן:

— העללאָו. איך פיהל אָלל־רייט. ווען איך פאָהר אַרויס? מאָרגען. ניין, ניין, היינט, היינט פאָהר איך. איז דאָ באַלד אַ טרעין? דריי? ערשט איז צוועלף. אָלל־רייט, דריי פאָהר איך אַרויס. גוד ביי!

ער האָט אויפגעהאַנגען די רעהר פונ׳ם טעלעפאָן. זיין שטערן איז מיט אַ קאַלטען שווייס באַדעקט געווען.

דאַן האָט זיך רוטי מיט אַמאָל אויפגעהויבען פון איהר אָרט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

דאָרט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט אָהן כוחות, איז אין זיך ווי צוזאַמענגעפאַלען און צונויפגע־שרומפט געוואָרען, אַזוי ווי אַ באַלאָן, נאָך דעם ווי ער האָט די לעצטע ביסעל לופט פון זיך אַרויסגעלאָזט...

און שפּעטער, ווען אסתר און ראבי בערענשטיין זיינען צו איהר אין צימער אַריינגעקומען, האָט זי מיט גוואַלד זיך פונ׳ם בעט אויפגעהויבען. און ראבי בערענשטיין האָט איהר די האַנד געדריקט און איהר געזאָגט:

— די קליינע רוטי איז זעהר בראַוו און איך און איהר מאַמע זיינען שטאָלץ אויף איהר.

רוטי האָט אומעטיג אַ שמייכעל געטאָן, ווי אַ קראַנק קינד, און שטיל אַרויסגעפּליסטערט מיט טרערען אין איהרע שוואַרצע אויגען:

— איך האָב רחמנות אויף איהם, ראבי בערענשטיין, אָבער האָט דען געקענט זיין אַנדערש?...

— געוויס ניט, מיין קינד...

דאָ האָט אסתר זיך אָנגערופען:

— ראבי בערענשטיין, איהר געהט מיט איהם?

— געוויס. ער טוט זיך דאָרט איבער. דאַן וועלען מיר נעהמען מיט איהם אַ קורצען שפּאַציער.

— וואָס וויל ער מיט אייך רעדען?

— איך וויים ניט, מאַדאַם רובינטשיק...

רוטי האָט געפרעגט

— וועגען וועמען רעדט איהר?

אסתר האָט איהר געענטפערט:

— דזשאָו האָט געבעטען ראבי בערענשטיין, ער זאָל זיך מיט איהם דורכגעהן אויף אַ ווייל[ע]. ער האָט נאָך דריי שטונדען צו וואַרטען...

דערנאָך, ווען ראבי בערענשטיין איז פון רוטי׳ס צימער אַרויס, האָט אסתר אַריינגענומען רוטי׳סביידע הענד אין איהרע, אַריינגעקוקט טיעף אין איהרע אויגען און אַרויסגע־מורמעלט:

— מיין אומשולדיג קינד, ווען איך וואָלט ביי דיר דיי־נע ליידען געקענט אוועקנעהמען!...

און זי איז צוגעפאַלען צו איהרע הענד און זיי געקושט...

* * *

אין א האַלבע שעה שפּעטער זיינען ראַבינס און ראַבי בערענשטיין געגאַנגען איבער א טונקעלער אַלעע פון פּראָס־פּעקט פּאַרק און האָבען געשמועסט. ראַבינס האָט איהם גע־בעטען צו געהן מיט איהם, וויל ער האָט ניט געוואָלט בליי־בען איצט אַליין מיט זיך אַליין, מיט זיינע געדאַנקען און זיין פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך באַמיהט איצט צו טראַכ־טען פון עפּעס אַנדערש און צו רעדען פון עפּעס אַנדערש. פאַרגעסען זיך האָט ער געוואָלט, פאַרטויבען זיך האָט ער געזוכט. ער וואָלט איצט געטרונקען, ווען עס וואָלט זיך איהם געמאַכט. אין א פרעהליכער געזעלשאַפט וואָלט ער געלאָפען. אַהיים צוריק געפאָהרען, צו ענין'ן, אפילו צום טייפעל, נאָר ניט צו בלייבען אַליין מיט זיך. וואָרים ער האָט געפיהלט, ווען ער בלייבט איצט אַליין, וועט ער מיט זיין קאָפּ די וואַנד דורכברעכען...

ראַבי בערענשטיין האָט גוט פאַרשטאַנען זיין געמיט און האָט איהם די גאַנצע צייט פרעהליכע אַנעקדאָטען דער־צעהלט, פון וועלכע ראַבינס האָט פון צייט צו צייט זיך אויפגערעגט צולאַכט.

און פּלוצים איז ראַבינס שטעהן געבליבען פאַר צוויי בוימער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אין א זייטיגער אַלעע, און ער האָט פאַרוואונדערט אויסגערופען:

— ראַבי בערענשטיין, זעהט!...

א הויכער בוים מיט צוויי מעכטיגע צווייגען האָט, ווי מיט פאַרצווייפלונג, געהאַלטען אַרומגענומען א קלענערען בוים, אפשר זיין געליעבטע, וואָס האָט מיט איהרע צווייגען זיך געריסען צו איהם, דעם הויכען בוים, און צווישען זיי ביידען איז געלעגען א גרויסער, שווערער פעלז, מיט א שפּי־ציגען, שאַרפען קאָפּ, און האָט מיט זיין שווערער משא זיך אָנגעשפּאַרט מיט זיינע ביידע זייטען אין די שטאַמען פון ביידע בוימער. און ראַבינס'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אקוראַט ווי דער דאָזיגער פעלז שטופּט און רייסט יענע צוויי אוועק איינער פון'ם אַנדערען...

ער האָט זיך נערווען צולאַכט.
ער האָט זיך אָנגערופען מיט אַן אויפגערעגטען שמייכעל:
— א ליעבעס־טראַגעדיע אין דער נאַטור, ראַבי בערענ־שטיין... זעהט: דאָ איז דער געליעבטער, ער רייסט זיך צו זיין געליעבטע... זעהט מיט וואָס פאַר א קראַפט, מיט וואָס פאַר א אימפּעט זיינע צווייגען האָבען זי אַרומגע־כאַפּט! און דאָ, קוקט אַן, אַט דעם קאַלטען, שווערען פעלז צווישען זיי — פליכט, מאָראַל, בייזער שיקזאַל, רופט עס אָן, ווי איהר ווילט, וועלכער דערלאָזט זיי ניט איינער צום אַנדערען...
ראַבי בערענשטיין האָט איהם פאַרשטאַנען.
— פליכט, מיין פריינד, — האָט ער זיך אָנגערופען מיט זיין לאַסטשענדיגען קול, — איז דאָס וואַכעדיג אויג פון דעם געוויסען און די ליעבע האָט ניט קיין אויגען. מיט דעם אונטערשיידעט זיך דער מענש פון דער חיה. לעבען זאָל דאָס וואַכעדיג אויג פון דעם געוויסען, עס פאַרשפּאָרט אונז א סך ליידען...
— און איך זאָג — האָט ראַבינס אויסגעשריען נער־ווען — לעבען זאָל די ליעבע אָהן די פאַרפלוכטע אויגען...
ראַבי בערענשטיין האָט איהם א ווארעם געטאָן מיט זיין שמייכעל.
— מיין פריינד — האָט ער געזאָגט — איך בין ניט מסכים מיט אייך. און איז א יאָהר אַרום, מיין פריינד, וועט איהר אַליין אויך אַנדערש טראַכטען, ווען איהר וועט ניט פיהלען אזוי ווי איצט...

ע נ ד ע

פעברואר, 1920, ברוקלין, נ. י.